STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00576

DER KAMF KEGN AZARTSHPILN BAY YIDN

Isaac Rivkind

Permanent preservation of this book was made possible by
Diane D. Hauser

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-00576-2

9780657005764T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן בײַ ייִדן

בחי׳יאשי אי״ה אַב דא געקאַפּט 7׳ אונד 17 דינד 24 ׳די״א שפּלט
מיר קאַנר׳ 8 אס אונד 8 מלכ״ם דינד 90׳ אונר אַר קאַבאַ׳ אי״ז
בלוזאוגע׳ זא אי״ס בשמים ובארץ אי״ן פלעסיר צו שפּילני׳

אַ יידישער קאָרטנשפּילער פֿון 18טן יאָרהונדערט

דער קאַמף
קעגן אַזאַרטשפּילן בײַ ייִדן

אַ שטודיע אין פֿינף הונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע
און קולטור־געשיכטע

פֿון
יצחק ריבקינד

ניו־יאָרק תשו — 1946
ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, פֿילאָלאָגישע סעקציע

דאָס אַחריות פֿאַר די װיסנשאַפֿטלעכע שטאַנדפּונקטן
װאָס װערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פֿון ייִװאָ
טראָגן די מחברים גופֿא

Copyright, 1946, by
ISAAC RIVKIND

All rights in this book are reserved. No part of the text may be reproduced or translated in any manner whatsoever without permission from the author.

Printed in U. S. A.

גערדרוקט אין דער דרוקערײַ פֿון א. לאַוב — געזעצט און אויסגעפֿאַרטיקט דורך פּ. מאַליניאַק

מײַן ליבער גאָטספֿאָרכטיקער מאַמע

ג י ט ל

אומגעקומען סוף זומער תש״ד
צוזאַמען מיט קינדער און קינדסקינדער
אויף קידוש השם
אַ נשמה־ליכט און אַ שטומער קדיש

הקדמה

שוין באַלד איין און צוואַנציק יאָר, פֿון זומער 1925, ווי איך האָב אָנגעהויבן פֿאָרשן אַ געוויסע דערשײַנונג פֿון פֿאָלקסלעבן — אַזאַרטשפּיל. אַ צופֿאַל, אַ קריטיק אויף אַ בוך, איז געווען דער גורם פֿאַר דעם פֿאַרכאַפּנדיקן אינטערעס. שפּעטער צו, ווען איך האָב זיך באַקענט נעענטער מיטן לעבן פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן, אַן אונטערשייד פֿון קלאַס און ריכטונג, און דערזען פֿאַר זיך אַן אַזאַרט־ייִדנטום — האָט דאָס נאָך מער מיך געשטויסן אָפּצוגעבן זיך מיט אַזאַ — פֿאַר אַ סך — „עקזאָטישער" פֿאָרשונג.

בײַ די אומות העולם איז געשאַפֿן געוואָרן אַ רײַכע ליטעראַטור וועגן אַזאַרטשפּילן, ווי מען קען זען פֿון אַ סך ביבליאָגראַפֿיעס וואָס פֿאַרצייכענען טויזנטער נומערן, ביכער און אַרטיקלען.[1]

פֿאַר דעם ייִדישן עטנאָגראַף און פֿאָלקלאָריסט איז שוין אויך געקומען די צײַט צו זאָגן: „תורה היא וללמוד אני צריך" — צו פֿאָרשן גראָד די זאַכן און ווינקלען פֿון פֿאָלקסלעבן, צו וועלכע מע באַציט זיך בײַ אונדז ייִדן מיט ביטול, אַפֿילו מיט אַ מאָס פֿון שעמעוודיקייט און אײַנגעהאַלטנקייט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען פֿאַרן מויל, אין דער בחינה פֿון „ליבא לפומא לא גלי".

נאָך מיט פֿופֿציק יאָר צוריק האָט ש. ז. שעכטער באַמערקט איראָניש, אַז איצט, ווען ס'זײַנען אויפֿגעקומען אַלערליי ייִדנטומען, וואָלט געווען אינטערעסאַנט אויך אויפֿצונעמען דעם געביט פֿון שפּיל־ייִדנטום און שרײַבן זײַן געשיכטע.[2]

אַ פֿאַר יאָר שפּעטער האָט משה שטיינשנײַדער דרך־אַגבֿ באַמערקט: די געשיכטע פֿון אַזאַרטשפּיל בײַ ייִדן באַדאַרף מען נאָך שרײַבן.[3]

ווען איך האָב אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן אַזאַרטשפּילן, האָב איך אַפֿילו נישט געהאַט קיין השגה, אַז איך בין מיט דעם מכוון לדעת הגדולים.

לכתחילה האָב איך געפּלאַנט מײַן אַרבעט אין העברעיִש. סוף 1925 האָב איך אָנגעהויבן דרוקן קאַפּיטלען אין העברעיִשע זשורנאַלן. יאָרן שפּעטער, זאַמלענדיק מער מאַטעריאַלן און באַקענענדיק זיך גרינטלעכער מיט די מקורים, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אַ חלק פֿון די ייִדישע מאַטעריאַלן בעטן זיך ממש אַ ייִדישן לבֿוש.

ווי אַ יסוד פֿאַר דעם בוך דינט טאַקע אַ גרעסערע שטודיע וועגן שפּיללידער וואָס איך האָב געדרוקט אין צוקונפֿט אין די יאָרן 1930, 1931 און 1934. שוין דעמאָלט האָב איך געחלומט אַרויסצוגעבן מײַן שטודיע אין בוכפֿאָרעם. אָבער דאָס נישט דרוקן דעמאָלט דאָס בוך באַדויער איך בכלל נישט, פֿאַרקערט, גם

---

[1] זען למשל: *A Bibliography of Works in English on Playing Cards and Gaming.* Compiled by Frederic Jessel, London, 1905, וווּ עס ווערן אין ענגליש אַליין פֿאַרצייכנט 1733 נומערן, צווישן זיי אויך אַ פֿאָר „ייִדישע" נומערן. ענלעכע פֿאַרצייכענישן קען מען געפֿינען אין אַנדערע שפּראַכן.

[2] *Studies in Judaism,* Philadelphia, 1896, I, p. 269.

[3] "Purim und Parodie," *Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums,* Breslau, 1903, Vol. 47 (11), p. 176, note 1.

זו לטובֿה. עס זײַנען פֿאַר דער צײַט מיר צוגעקומען אַ סך נײַע מאַטעריאַלן און מקורים, איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקומען פֿאָטאָסטאַטן און וויכטיקע דאָקומענטן, אַ דאַנק זיי זײַנען אַ סך הנחות רעווידירט געוואָרן און טייל השערות האָבן זיך, צו מײַן צופֿרידנקייט, באַשטעטיקט. די שטודיע איז אַזוי אַרום איבערגעאַרבעט געוואָרן און אַנדערע קאַפּיטלען אויף ס'נײַ געשריבן. כּמעט אַ האַלב בוך איז לחלוטין נײַ.

*

ווי אַ וועגווײַזער פֿאַר דער שטודיע פֿון פֿאָלקסלעבן און קולטור־געשיכטע איז פֿאַר מיר געוועזן די ייִדישע פּאָעזיע. איך האָב גענומען די ייִדישע דיכטונג פֿון אירע ערשטע אָנהייבן ביז דעם הײַנטיקן טאָג ווי אַ קריטעריום.

דער קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן בײַ ייִדן, וואָס איז געווען פֿאַרשפּרייט כּמעט אומעטום, אין אַלע גלות־לענדער און אין אַלע צײַטן, האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט דער מוסר־ליטעראַטור. ס'איז ניט געווען נאָר אַן ענין פֿאַר שטרענגע מאָראַל־פּריידיקער און חטאים־זוכער אָדער פֿאַר פֿרומע קהל־לײַט און גאָטס סטראַפּטשעס, וואָס האָבן אויף דעם רעאַגירט מיט געזעץ, מיט אַן אַ צאָל תּקנות און גזירות — נאָר עס איז אויך באַקעמפּט געוואָרן דורך אַלע אַנדערע ליטעראַטור־צווײַגן.

איינע פֿון די ליטעראַטור־פֿאָרמען קעגן שפּילן איז געווען דאָס ליד, דאָס שפּילליד. ניט גרויס איז די צאָל שפּיללידער אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור. גאַנצע לידער זײַנען כּמעט ווי ניטאָ (אָפּגערעדט פֿון דעם קוריאָזן שפּילליד וואָס ווערט דאָ געדרוקט ווי הוספֿה 3), חוץ איינס וואָס איז אַ העברעיש־ייִדישס און צוויי איבערגעזעצט פֿון העברעיש. דערקעגן אין העברעיש זײַנען פֿאַראַן אַ סך מער אַלטע שפּיללידער, אַ גרעסערע צאָל גאַנצע לידער וועגן דעם קאַמף קעגן אַזאַרט.

אָבער אין טייל ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע און שטייגערלידער ווערט דאָ און דאָרט פֿראַגמענטאַריש דערמאָנט דאָס שפּילן. כּמעט אַלע אַלטע ייִדישע שפּיללידער זײַנען פֿון דײַטשלאַנד, אין דער צײַט ווען ס'רובֿ העברעישע שטאַמען פֿון איטאַליע, די צוויי לענדער וווּ דאָס שפּילן איז געווען גאַנץ שטאַרק פֿאַרשפּרייט.

אַנדערש איז שוין מיט די ייִדישע פֿאָלקסלידער, מיט די בדחנישע גראַמען און קופּלעטן פֿון פֿאָלקסזינגער, ווער רעדט שוין פֿון די מאָדערנע שפּיללידער — די אַלע וואָרצלען שוין טיף אין מזרח־אייראָפּע, אָדער שטאַמען פֿון דיכטער און זינגער וואָס קומען פֿון יענע אַלטע ייִדישע ייִשובֿים. פֿון דאָרט ציִען זיי זייער יניקה און פֿון דאָרט שפּיגלען זיי אָפּ דאָס פֿאָלקסלעבן.

בײַ די לידער איז דער עיקרשט געשטעלט געוואָרן דער טראָפּ (ווי איך באַמערק ווײַטער אויף זײַט 40) נישט אַזוי אויף דעם ליטעראַרישן ווערט, ווי אויף זייער פֿאָלקלאָריסטישער, עטנאָגראַפֿישער און קולטור־היסטאָרישער באַדײַטונג — דעריבער איז דאָ ניטאָ קיין מחיצה צווישן פֿאָלקסטימלעכער און ריין ליטעראַרישער דיכטונג. אַלע דאָקומענטירן דאָס לעבן, אָפּגעזען פֿון קונסט און עסטעטיק.

איך באַדאַרף נאָך אָגבֿ צוגעבן, אַז מיט שפּיללידער מיין איך, פֿאַרשטייט זיך, די לידער וואָס האָבן צו טאָן מיט אַזאַרטשפּילן אָבער ניט קיין שפּילעוודיקע לידער, אַזעלכע וואָס זײַנען בעצם אַליין שפּיללידער דורך פֿאָרעם אָדער אינהאַלט, געבויט אויף שפּיל פֿון וואָרט און קלאַנג, רעטענישן און אײַנפֿאַלן, אָדער גאָר פֿאַרשיידענע קינדערלידער, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי זײַנען דאָך שפּיללידער אין ליטעראַרישן און דערציִערישן זינען.

עס איז אַ שטודיע אין דער ייִדישער פּאָעזיע, אָבער פֿאַר באַלײַכטונג און אַנאַלאָגיע, אַנאַליז און דאָקומענטאַציע ווערן געבראַכט אַלע צווײַגן פֿון אונדזער ליטעראַטור אין העברעיִש, ייִדיש און פֿרעמדע שפּראַכן. די צוויי קאַפּיטלען דויקלרס הומאָרעסקע און שפּיל־לשון זײַנען ספּעציעלע בײַטראָגן צום ייִדישן קולטורלעבן און שפּראַכפֿאָרשונג.

*

אַ שווער פּראָבלעם איז געווען דער ענין אָרטאָגראַפֿיע. ווען מיר וואָלטן געווען אויסגעהאַלטן און געגעבן יעטווידער ציטאַט, סײַ אין פּאָעזיע, סײַ אין פּראָזע, אין זײַן אויסלייג, וואָלטן מיר דאָ געהאַט פֿאַר זיך אַן אילוסטראַציע פֿון אַ 450 יאָר ייִדישן אויסלייג און אַ מיש־מאַש פֿון דיאַלעקטן — מוסטערן פֿון כּמעט דעם גאַנצן ייִדישן שפּראַכאַטלאַס. לשם אייַנהייטלעכקייט און כּדי צו פֿאַרגרינגערן דעם לייענער, האָבן מיר געפֿונען פֿאַר נייטיק אַלץ צו געבן אין דעם מאָדערנעם אויסלייג און אויסשפּראַך. אַ יוצא מן הכּלל איז געמאַכט געוואָרן מיט אַלטע מקורים, וועלכע זײַנען געבליבן אין זייער אָריגינאַל ווי שפּראַךדאָקומענטן און פֿילאָלאָגישע פֿאָרשונגסקוואַלן.

אַזוי ווי דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פֿון ייִוואָ, איז דאָס געדרוקט לויט זײַנע תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג.

*

ס׳איז מיר נאָך געבליבן דער אָנגענעמער חובֿ צו דערמאָנען די אַלע וואָס האָבן מיר אויף באַזונדערע אופֿנים געהאָלפֿן בײַ דער אַרבעט און בײַם אַרויסגעבן דעם בוך.

דער געלערנטער און ביבליאָפֿיל ר׳ שמואל זעליגמאַן פֿון אַמסטערדאַם האָט מיר צוגעשיקט אין יאָר 1929 די פֿאָטאָסטאַטן פֿון דעם „קוריעס שפּיל ליד" און „שפּיהל בזוהך" און אין 1933 דאָס בילד פֿונעם ייִדישן קאָרטנשפּילער.[4] יהי זכרו ברוך! פּראָפֿ׳ אַהרן פֿרײַמאַן, אים צו לענגערע יאָר, האָט מיר אין יאָר 1936 באַזאָרגט די פֿאָטאָסטאַטן פֿון שמואל הוגרלנס ליד פֿון פֿראַנקפֿורטער שטאָטביבליאָטעק, שוין אונטער דעם נאַצישן רעזשים. מײַן יוגנטפֿרײַנד און גרויסער פֿאָלקלאָריסט הרבֿ יהודה ליב זלאָטניק (יהודה עלזעט), וועמען מײַן פֿאָרשונג איז אַלע מאָל געווען נאָענט צום האַרצן, האָט צוגעשיקט, פֿון צײַט צו צײַט, ווערטפֿולע מקורים און הערות. מײַן אינטימער פֿרײַנד און חבֿר, דער יהואָשביבליאָגראַף בערטשי וויט, האָט מיר געגעבן אַ צאָל צײַטונגס־מאַטעריאַלן; אים קומט אויך אַ דאַנק פֿאַר ראַט און טאַט אין אַ סך אַנדערע וועגן. דעם קינסטלער שאָול ראַסקין דאַנק איך פֿאַר דער דערלויבעניש צו רעפּראָדוצירן זײַן צייכענונג. דעם וויסנשאַפֿטלעכן דירעקטאָר פֿון ייִוואָ ד"ר מ. ווײַנרײַך פֿאַר לייענען פֿרײַוויליק די קאָרעקטור און פֿאַר חילוקי־דעות צווישן אונדז, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַז „מיני ומינך תסתיים שמעתתא". פֿרײַנד שמעון דאַווידאָוויטש פֿאַר פֿאַכמענישער און מוסטערהאַפֿטער הגהה, פּראָפֿעסיאָנעלער געדולדיקייט און זאָרג, אַז דאָס בוך זאָל טעכניש אַרויס וואָס שענער און בעסער.

דאָס בוך גיב איך אַרויס בשותּפֿות מיטן ייִוואָ. מײַן חלק וואָלט אָבער נישט מיגלעך געווען אָן דער פֿינאַנציעלער מיטהילף פֿון מײַנע גוטע פֿרײַנד: ד"ר מאַניע און יעקבֿ אײַזענבערג, ד"ר שלמה גאָלדמאַן, שיקאַגאָ, אַ. כּהן, קליוולאַנד, ניסן פֿלאַקס, מײַן שוואָגער בנימין קאַלישער און ק. י. שראַג.

---

[4] זע אויבן די זײַט אַנטקעגן דעם שער־בלאַט. געווען געדרוקט אין *De Vrijdagavond*, 9טער יאָרג׳, מײַ 1932, נומ׳ 9, ז׳ 135. נאָך פֿריִער האָט ה. לעווע (זען ז׳ 103, הערה 8) אָפּגעדרוקט אַן ענלעך בילד, נאָר מיט אַן אַנדער הינטערגרונט.

אַלעמען ברענג איך דאָ מײַן טיפֿן דאַנק. זייער פֿרײַנדשאַפֿט, וואַרעמע באַציִונג און אינטערעס איז אַלע מאָל פֿאַר מיר אַ קוואַל פֿון דערמוטיקונג.

מײַן לעבנס־חבֿר און מיטאַרבעטער, מײַן פֿרוי יהודית, וועמענס אינספּיראַציע מען קען נאָר אויסדריקן מיט די באַשיידענע ווערטער „שלי ושלכם — שלה" — אַ האַרציקן שטילן דאַנק.

*

דאָס אַרויסגעבן מײַן בוך האָט זיך געצויגן און פֿאַרצויגן איבער צוויי יאָר. עס איז מיר אויסגעקומען צוצוגרייטן דאָס בוך צום דרוק אין 1943, ווען מען האָט זיך געדאַרפֿט אָנטאָן אַן איבערמענטשלעכן כּוח אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. מען האָט געמוזט שרײַבן מיט פֿאַרביסענע ליפּן, פֿאַרקריצטע ציין און געבײַלטע פֿויסטן פֿאַר אונדזער הילפֿלאָזיקייט און עלנטקייט אין דער אַכזריותדיקער גויִישער וועלט.

דאָך האָט נאָך געטליִעט ווו נישט ווו אין האַרצן אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג. איצט, ווען איך שרײַב די שורות, איז דער פֿאַרהאַנג אויף אונדזער אומבאַשרײַבלעכער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע אַרויפֿגעצויגן. פֿון דאָ און דאָרט דערגרייכן אייַנצלנע שטימען פֿון לעבן געבליבענע, וואָס דאָס מאַכט נאָך בולטער דעם גרויסן בראָך וואָס האָט יעטווידערן פֿון אונדז געטראָפֿן.

מײַן בוך, דאָס ערשטע אין מאַמע־לשון, אַ באַשטראַלטס מיט „די חנען פֿון תּחינות פֿון פֿרומע" און „די שיינקייט פֿון קידוש השם", איז געהייליקט מײַן מאַמען. געלעבט נאָך אין מיטן אויגוסט 1944 אין לאָדזשער געטאָ. איבער ימען בייג איך דעם קאָפּ פֿאַר דעם קאָלעקטיוון אומבאַקאַנטן „קבֿר" פֿון אונדזערע קדושים, מײַנע און מײַן פֿרויס משפּחות, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין חורבן־פּוילן, צײַט און אָרט פֿון זייער אומקום — אַן אייביקער סוד, זייער געביין אָן אַ זכר, אָן אַ מצבֿה. זאָל גאָט נקמה נעמען פֿאַר זייער אומשולדיק בלוט.

מײַן תּפֿילה: זאָל מיר באַשערט זײַן צו אַרבעטן אויף מײַן העברעיִש בוך געבויט אין גאַנצן אויף אַנדערע מקורים און זאָל עס דערשײַנען אין אַ מער מענטשלעכער וועלט פֿון אמתן שלום צווישן פֿעלקער, ווען דאָס יִדישע וועלט־פֿאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן ווי אַ פֿאָלק אין זײַן וועלט, אין זײַן אַלט־נײַער היים.

יצחק ריבקינד

כ״א אָדר א, תש״ו.

אינהאַלט

הקדמה 7

אַלטייִדישע שפּיללידער 13

א. דאָס העברעיִש־ייִדישע ליד פֿון שמואל הוגרלן;
ב. מוסר און פּאַראָדיע;
ג. פֿראַגמענטאַרישע שפּיללידער;
ד. דאָס ליד פֿון די שפּיללידער.

אַזאַרטשפּילן אין ייִדישע פֿאָלקסלידער 28

א. קאָרטן און גאָרטן;
ב. ליבע און קאָרטן;
ג. פֿאַרשפּילטע לעבנס.

מאָדערנע שפּיללידער 40

א. ייִדן שפּילן;
ב. פֿאַרשפּילט דאָס ווײַב;
ג. נײַע צײַטן;
ד. נײַע שפּילן;
ה. נוסח אַמעריקע;
ו. שפּילער און פֿאַרשפּילער;
ז. אַ יום־כּיפּור־לעגענדע.

אַ בריוו און אַ שפּאָטליד אויף לאָטעריע 105

שלמה דויקלרס הומאָרעסקע עז שפּיהל בזוהך 122

שפּיל־לשון 136

הוספֿה 1 155

דער טעקסט פֿון הוגרלנס שפּילליד (צום קאַפּיטל: דאָס העברעיִש־ייִדישע ליד פֿון שמואל הוגרלן).

הוספֿה 2 178

די איבערזעצונגען פֿון „מצחק בקוביא“ (צום קאַפּיטל: מוסר און פּאַראָדיע).

הוספֿה 3 187

דאָס קוריאָזע שפּילליד (צום קאַפּיטל: דאָס ליד פֿון די שפּיללידער).

זוכצעטלען 205
רשימה טערמינען פֿון שפּיללידער;
רשימה פֿון ענינים;
רשימה פֿון נעמען.

רעפּראָדוקציעס און בילדער

אַ ייִדישער קאָרטנשפּילער פֿון 18טן י״ה 2
„קוויטלעך“ 43
רעפּראָדוקציע פֿון דריידלעך 50
אַ זײַט פֿון שו״ת ישכיל עבדי 64
„מושב לצים“ פֿון שאָול ראַסקין .... אַנטקעגן ז׳ 86
אַ „ברידזש־גיים“ אין אַ ניו־יאָרקער מושב זקנים אין 1931 .... אַנטקעגן ז׳ 96
צעטלען פֿון אַ ייִדישן קאָלעקטאָר אין פֿראַנקפֿורט 107
עז שפיהל בזוהך (7 זײַטן) 130
קינסטלערישע ארץ־ישׂראל־קאָרטן 137
שער־בלאַט פֿון אַן אַלטדײַטשן ווערפֿליד 157
אַ זײַטל פֿונעם אָריגינאַל פֿון הוגרלנס שפּיליד 172
כּתבֿ־יד פֿון דער מינכענער איבערזעצונג פֿון „מצחק בקוביא“ 181
די דײַטשע איבערזעצונג פֿון „מצחק בקוביא“ פֿון 1683 184
שער־בלאַט פֿונעם קוריאָזן שפּיליד 189

אַלטייִדישע שפּיללידער

א. דאָס העברעיִש־ייִדישע ליד פֿון שמואל הוגרלן

איינס פֿון די עלטסטע שפּיללידער איז דאָס העברעיִש־ייִדישע שפּילליד פֿון שמואל הוגרלן (פֿון 15טן יאָרהונדערט), אויפֿגעהיט אין מנחם אַלדענדאָרפֿס זאַמלונג, וואָס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן „יום ד׳ כ״ד כסלו ער״ז״ (18 נאָוו׳ 1516).[1]

ד״ר ל. לעווענשטיין האָט דאָס ליד פֿאַרעפֿנטלעכט אין עזריאל הילדעס־היימערס יובל־בוך שי למורה, בערלין 1890, זז׳ 138—144, דאָס העברעיִשע אין אָריגינאַל און דאָס ייִדישע אין לאַטייַנישער טראַנסקריפּציע כנהוג; דער ייִדישער טעקסט איז שפּעטער געוואָרן רעטראַנסקריבירט אין באַסינס אַנטאָלאָגיע פֿינף הונדערט יאָהר אידישע פּאָעזיע, באַנד א, זז׳ 14—19 מיט ייִדישע אותיות. ערשט איצט ווערט דאָס ליד פֿון מיר דאָ צום ערשטן מאָל, לויט אַ פֿאָטאָסטאַט, פֿאַרעפֿנטלעכט אין אָריגינאַל, מיט דערקלערונגען און אויסטייַטשונגען (זען הוספֿה 1).

אַזוי ווי הוגרלנס ליד איז איינס פֿון די עלטסטע און גאָר ערשטע אונדז באַקאַנטע שפּיללידער קעגן אַזאַרט, חוץ דעם באַרימטן אַנאָנימען העברעיִשן ליד „מצחק בקוביא״ און איז אויך אינהאַלטלעך פֿון די וויכטיקסטע אַלטע העברעיִש־ייִדישע אַזאַרטלידער, איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם ליד מער בפּרטיות און אַנאַליזירן געוויסע אומקלאָרע פּונקטן.

בער באָראָכאָוו באַמערקט וועגן דעם ליד: „בכלל איז כּמעט קיין ספֿק ניט, אַז דאָס גאַנצע ליד „איבער דאָס שפּילן״ איז ניט קיין ייִדישס, נאָר פּשוט איבערגעשריבן פֿון דייַטש, ווייַל אינעם גאַנצן ליד איז קיין סימן פֿון ייִדישקייט ניטאָ, קיין איין העברעיִש וואָרט, און [עס] איז פֿול מיט קריסטלעכן גייַסט פֿון מיטל־עלטער״.[2]

---

[1] לעווענשטיין, שי למורה, ז׳ 126 און הערה 1. אַגבֿ: באַסינס באַמערקונג וועגן אַלדענדאָרפֿן, אַז „ביאָגראַפֿיע — אומבאַקאַנט״ (אַנטאָלאָגיע, באַנד א, ז׳ 10) איז ניט אין גאַנצן ריכטיק. בייַם אָפּשליסן די זאַמלונג וואָס איז געשען, ווי מיר זען, אין יאָר רע״ז איז ער דאָרט מוסיף, אַז דאָס איז זייַן 67סטע לעבנסיאָר, קומט אויס אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1450. אויך גיט ער זיך אָן פֿאַר אַ פֿראַנקפֿורטער. דאָס זייַנען גאַנץ חשובֿע פּרטים פֿון זייַן לעבן.

[2] לינגוויסטישע און ביבליאָגראַפֿישע באַמערקונגען צום סוף פֿון באַסינס אַנטאָלאָגיע, באַנד א, ז׳ III.

ער קומט צו אַזאַ אויספֿיר, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין דעם ליד געפֿינט זיך, ווי ער ברענגט אַליין פֿריִער, אַן איבערזעצונג פֿונעם פּסוק „עינים להם ולא יראו“, זי האבן אויגן און׳ זיין דאך בלינט.

לויט באָראָכאָוון קומט אויס, אַז דאָס העברעיִשע איז נאָר אַ צוגעזעצטער טייל צו דעם דײַטשישן, אָדער אַן איבערזעצונג פֿון אַן אַלט דײַטשיש ליד; ער האַלט ניט אַז די ייִדיש־דײַטשע סטראָפֿעס זײַנען אָריגינעל אויף ס׳נײַ געשאַפֿן און פֿרײַ אַרײַנגעוועבט אין די העברעיִשע סטראָפֿעס וואָס זײַנען געפֿלאָכטן מיט פּסוקים.

באָראָכאָוו איז, דוכט מיר, אין זײַן מיינונג וועגן ליד פֿאַרפֿירט געוואָרן, ווײַל ער האָט דעם ייִדיש־דײַטשן טייל ניט געלייענט צוזאַמען מיטן העברעיִשן טעקסט, נאָר ווי אַ באַזונדער ליד, ווי לעווענשטיין האָט עס אָפּגעדרוקט.

עס איז גאָר קיין ספֿק נישט, אַז דאָס שפּילליד איז אָריגינעל ייִדיש און הוגרלן איז טאַקע דער מחבר, פּונקט ווי ער איז דער מחבר פֿון דעם העברעיִשן טייל. ער איז ניט גלאַט אַן איבערשרײַבער, וואָס וויל זיך פּוצן מיט פֿרעמדע פֿעדערן און אַרײַנוועבן זײַן נאָמען אין אַן אַקראָסטיך פֿון אַ פֿרעמד ליד, ווײַל די ערשטע אותיות פֿון די שותפֿותדיקע העברעיִש־ייִדישע פֿערזן אַנט־פּלעקן דעם נאָמען פֿונעם מחבר: „שמואל הקטן ברבי משה אורי ז״ל חזקו אמצו“.

און ווײַל דאָס איז אַ ריין וועלטלעך ליד, אויף אַן אַלגעמיינער טעמע, דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך למאַי דאָרטן איז ניטאָ „קיין העברעיִש וואָרט“, הגם די שפּראַך איז גאַנץ נאָענט און ענלעך צו די איבעריקע ייִדיש־דײַטשע לידער פֿון אַלדענדאָרפֿס זאַמלונג. נאָר ווײַל יענע זײַנען ספּעציפֿיש ייִדישע לידער אויף ייִדישע טעמעס און אין ייִדישן גײַסט, ברענגען יענע נאַטירלעך דאָ און דאָרט אַ מאָל אַ העברעיִש וואָרט אָדער אַ העברעיִשן אויסדרוק.

נאָך מער: הוגרלן האָט דעם גאַנצן כּוח פֿון שפּראַכלעכע און שפּילעוודיקע המצאות אַרײַנגעלייגט אין דעם העברעיִשן טייל, וואָס איז אַ מאָזאַיִק פֿון פּסוקים און האַלבע פּסוקים, אַ געוועב פֿון וואָרטשפּיל און קלאַנג. דערפֿאַר אָבער איז ער אין דעם צווייטן טייל געבליבן נאָר בײַ ריין ייִדיש־דײַטשע פֿערזן, וועלכע זײַנען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אינהאַלט אַ סך קלאָרער און זאַכלעכער.

גאַנץ מעגלעך, כּמעט ווי זיכער, אַז הוגרלן האָט געמוזט האָבן פֿאַר זיך מוסטערן פֿון די דײַטשע אַזאַרטלידער, וואָס זייער צאָל איז אין יענער צײַט נישט קליין. מען קען דאָס אַרויסזען פֿון געוויסע סטיליסטישע ווענדונגען, שפּריכ־ווערטער און איבער הויפּט שפּילטעכניק, דאָס וואָס פֿעלט לחלוטין אין דעם העברעיִשן טייל.

אמת, ווען נישט דער ייִדיש־דײַטשער טייל, וואָלטן מיר פֿון די העברעיִשע ניט פֿאַרשטענדלעכע מליצות און רמזים, מיט זייער גאַנצער שאַרפֿקייט און סאַרקאַזם, געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף וועגן דער שפּילטעמע און טעכניק. אין טייל ערטער ווידער מאַכט דאָס העברעיִשע קלאָרער און פֿאַרטײַטשט דעם צווייטן טייל, אַזוי אַז איינס דערגאַנצט דאָס צווייטע.

איין פֿערז האָט באַראַכאָוו פֿאַרזען, אַ פֿערז וואָס צעשטערט לחלוטין זײַן הנחה, אַז „אינעם גאַנצן ליד איז קיין סימן פֿון ייִדישקייט ניטאָ". דער מחבר פֿאַראורטיילט די ווערפֿלשפּילער:

ואלש אונ׳ לוגן אישט איר גטיכט.
מיט בושהייט זיינט זי צו גריכט.
זי טורן ניט גצויקניש [עדות] זאָגן.
זי שטין אן דעם גריכט אז די לוגנער.

(סטר׳ 26)

דאָס זעלבע אויך אין העברעיִש:

עדותם פסולה ונדחה.
כעדים זוממים יוצגו.

(סטר׳ 25)

אַז ווערפֿלשפּילער טאָרן ניט עדות זאָגן, אַז זיי זײַנען פּסול פֿאַר עדות — אַזאַ געזעץ עקסיסטירט — אויף וויפֿל ס׳איז באַוווּסט — נאָר בײַ ייִדן נאָך פֿון דער משנה אָן;[3] און אין דעם „זי טורן ניט גצויקניש זאָגן", אין דעם אַליין איז צו זען אין ליד ניט נאָר אַ „סימן" נאָר טאַקע אַ גאַנץ שטיק „ייִדישקייט".

דאָס באַווײַזט קלאָר, אַז דער גײַסט פֿון ליד — ניט בלויז די שפּראַך און ווערטער — איז דורכויס אַ ייִדישער; ווען דאָס ליד פֿאַרמאָגט נישט אַפֿילו קיין איין „העברעיִש וואָרט", איז אָבער דער אינהאַלט דורך און דורך אַ ייִדישער, דורכגעדרונגען מיט ייִדישן מוסר.

און אַפֿילו אַזאַ פֿערז ווי:

גוטש דינשט זי זיך לוציל ולייש׳ן.
בייד נכט אונ׳ די טאגן.
לוציל הלטן זי זיין גבוט אין הויט.

(סטר׳ 14)

איז ניט אין „קריסטלעכן גײַסט פֿון מיטל־עלטער", נאָר פּאַסט מער פֿאַר אַ ייִדישן מחבר וואָס קלאָגט אויף „עבֿודת הבורא" וואָס ווערט ניט אָפּגעהיט און פֿאַרוואָרלאָזט פֿון די פֿאַרקאָכטע שפּילער.

אָדער נעמען מיר די סטראָפֿע ווו ס׳רעדט זיך וועגן פֿאַלש שווערן:

יא שפיל וויא וערשטו די גוטש בורכט.
די בון דיינן וועגן ווערט באר ווארכט.
מיט דיינן ואלשן איידן.
דרצו זונטליך אונ׳ שענטליך וואורט.

[3] ראָש השנה, פּרק א, ח; סנהדרין, פּרק ג, ג (אלו הן הפסולין המשחק בקוביא). פֿ״גל אויך:

L. Löw, *Die Lebensalter in der jüdischen Literatur*, p. 324,

ווו ער ברענגט אויך אַ פֿאַרגלײַך מיט דעם רוימישן רעכט. וועגן דײַטשישן רעכט זען:

Dr. Heinrich M. Schuster, *Das Spiel, seine Entwicklung und Bedeutung im deutschen Recht*, Wien, 1878.

דער דא ויל בון דיר ווערדן גהורט.
די גוט זיין זו ליידן.

(סטר׳ 20)

זי איז גאַנץ שטאַרק אין ייִדישן גײַסט. אין אַלע מוסר־ספרים און אין די ייִדישע ווי העברעיִשע שפּיללידער איז „שבועת־שוא״ און די „זונטליך אונ׳ שענטליך וואורט״ געווען פֿון די פּונקטן וואָס אַנטקעגן זיי האָבן צום שאַרפֿסטן געשטורעמט אַלע מאָראַליסטן און שטראָפֿער אין זייער התנגדות צו אַזאַרטשפּיל.[4]

מ. עריק קאָמענטירט וועגן דעם ליד און מחבר: „אָבער שוין אין אַלדענ־דאָרפֿס זאַמלונג איז אויפֿגעהיט געוואָרן אַ ליד פֿון גרויסן שוונג... ס׳איז אַ ביטערע סאַטירע קעגן דער ביינדלעכשפּיל, וואָס האָט בײַ ייִדן געבושעוועט בפֿרט נאָכן שוואַרצן טויט (1348—1349). דער מחבר איז ווײַזט אויס אַליין רוינירט געוואָרן צוליבן שפּילן״.[5]

וואָס האָט דאָס ליד וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ הונדערט יאָר שפּעטער אויב ניט מער (כּמעט זיכער אין דער צווייטער העלפֿט 15טן יאָרהונדערט) צו טאָן מיט דעם לעבן פֿון ייִדן נאָכן שוואַרצן טויט — ווייס איך ניט. אַזוי ווי איך ווייס אויך ניט פֿון וואַנען עריק נעמט אַז דער מחבר איז „מן־הסתּם אַ שפּילמאַן״ (ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר דער גאָר שטאַרק איבערגעטריבענער שפּילמאַן־טעאָריע פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור) און אַליין אַ רוינירטער שפּילער, אין דער צײַט ווען הוגרלן באַטאָנט בפּירוש דעם היפך אין זײַן זאָגן אויף זיך, וואָס מיר האָבן ניט קיין גרונד ניט צו גלייבן:

הלט דש גטיכט ניט בור איין שפּוט.
עש גיבט דיר איינר איינן רוט.
דער זעלוורט קיינן ניטן הוט.

(סטר׳ 26)

און נאָך דײַטלעכער דריקט ער זיך אויס אין דער העברעיִשער סטראָפֿע: „איעצך אשר תעשה, אף על פי שאיני בר מעשה״.

ווען מיר אַנאַליזירן דאָס ליד פֿון ריין געשיכטלעך־ליטעראַרישן שטאַנד־פּונקט איז קלאָר, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַן עכט ליטעראַריש געלונגען, שאַרף ייִדיש מוסר־ליד קעגן שפּילן, איבער הויפּט טאָקע קעגן ביינדלעכשפּיל (הגם ס׳ווערט פֿאַרבײַגייענדיק דערמאָנט אויך צום סוף „אונ׳ דעש גלייכן קרטן שפּיל״). די שפּיל איז סײַ פֿון יורידישן און סײַ פֿון מאָראַלישן גרונד שטרענג פֿאַרבאָטן. היסטאָריש איז זי בײַ ייִדן שטאַרק פֿאַרהאַסט ווײַל די ייִדן אין דײַטשלאַנד האָבן נאָך גאַנץ גוט געדענקט און געשפּירט דעם שענדלעכן „ווערפֿל־אָפּצאָל״ וואָס איז אויף זיי אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אין מיטל־עלטער ווי אַ געדענק־צייכן וואָס זאָל דערמאָנען דאָס וואַרפֿן גורל איבער יעזוסעס קליידער

---

[4] זען מײַן אַרבעט „המשחק וצוואות המוסר״ — הדואר, 9טער יאָרגאַנג (1930), נומ׳ 14 און אויך אין די ווײַטער געבראַכטע לידער.

[5] די געשיכטע פֿון דער יודישער ליטעראַטור פֿון די עלטסטע צײַטן ביז דער השׂכּלה־תּקופֿה, וואַרשע, 1928, זז׳ 171—172.

(ווי די קריסטלעכע טעאָלאָגיע וויל האָבן). דער משונהדיקער אַפּצאָל איז ערשט בטל געוואָרן אין דער צײַט פֿון עמאַנציפּאַציע.[6] און ניט בלויז ריין געזעל־שאַפֿטלעכע מאָטיוון האָבן געשטויסן הוגרלנען אַזוי טיף און שטאַרק צו האָסן וועגפֿלשפּיל, נאָר אויך טרויעריקע היסטאָרישע פֿאַקטן פֿון דעם יִדישן לעבן האָבן אַרויסגערופֿן אַזאַ ביטערן פֿערז ווי:

צו ולוכן אישט דיין נאמן ברייט.
דו שטיפּשט לייט אובר לייט.
וואורפּיל בון מיר זעיי דיר ווידר זייט:

(סטר׳ 28)

פֿון קולטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט האָט הוגרלנס ליד גאָר אַ גרויסן באַטײַט. ס׳איז אַ שאַרף סאַרקאַסטיש שפּילליד, אַ געטרײַע שילדערונג פֿון דעם שפּילער־לעבן און שפּילער וואָס ווערן גאַרניט מיד און מאַט צו טרײַבן אַזאַרט: „הונגריק אונ׳ דורשטיק אונ׳ באר שמאכט,ביידא טעג אונ׳ די נאכט, שפּילן זי וועגן זי דרהיצן, זי שווערן גריינן אונ׳ביישן״. אַ גרויסער טייל פֿון ליד פֿאַרנעמט זיך מיט די צאָלן פֿון שפּיל, וואָס פֿון זיי איז אָפּהענגיק דאָס גליק, דאָס געווינס אָדער פֿאַרקערט דאָס פֿאַרשפּילן, וואָס מאַכט אים „געלטש ורייא״ און „דען בויטיל לער״, „אן געלט אונ׳ אויך אן גוטא״ [גוטס]:

אכצעהן אונ׳ דרייא,
דש זיינט די מינשטן אונ׳ די מיישטן,
ויר [פֿיר] מכן מיך מיינש געלטש ורייא.
זיבן צעהן שטין אויף מיך צו ליישטן.
ווי וואל איך איר ניט בגער,
זא קומן זי דאך זעלוורט הער.
דש מכט מיר אופּט דען בויטיל לער:

(סטר׳ 6)

אין די דרײַ ווײַטערדיקע סטראָפֿעס (8, 10 און 12) קאָמענטירט דער מחבר איבער נאָך פֿאַרשיידענע צאָלן־קאָמבינאַציעס. ער באַהאַנדלט די גוטע און שלעכטע צאָלן וואָס די „אויגן״ פֿון די ביינדלעך שטעלן מיט זיך פֿאָר.

ווען מיר פֿאַרגלײַכן גראָד די סטראָפֿעס, וווּ עס רעדט זיך וועגן די צאָלן און טעכניק פֿון וועגפֿלשפּיל, פּאַראַלעל מיט די העברעיִשע סטראָפֿעס (5—11), דעמאָלט באַנעמען מיר, ווי אַן דעם יִדיש־טײַטש וואָלט פֿאַר אונדז דער זינען און מיין פֿון די שפּילצאָלן אין העברעיִשן טעקסט געבליבן אין גאַנצן אומפֿאַר־שטענדלעך. די רמזים פֿון די ציטירטע פּסוקים וואָלטן געבליבן בלויז דרש און סוד. אַ דאַנק דעם „טײַטש״ פֿאַרשטייען מיר אויך אַ ביסל פּשט.

---

[6] זען מײַן „מס־הקוביא, לקורות מס־הקלון ופרק בסבלות ישראל״, ציון (רבעון), ירושלים, תרצ״ו, שנה א, ספר א, זז׳ 37—48.

אינטערעסאַנט איז אויך דער רמז „דריי וואורפּיל הב עש אים גנומן״, וואָס געפֿינט זיך אין אַ יִדישער אַלטער כּתבֿ־יד־איבערזעצונג פֿון נ״ך, געשריבן פֿון אַ דײַטשישן יִדן אין אי־טאַליע אין יאָר 1510. ש. אַסף, מקורות לתולדות החנוך בישראל, ירושלים תש״ג, כרך רביעי, יח, רלח.

ווײַטער ווערט אין ליד אונטערגעפֿירט דער לעצטער סך־הכּל פֿון די „גליקן" וואָס מען קען דערוואַרטן פֿון אַזאַרטשפּילן, וואָס אויף זיי איז חל דאָס ווערטל, אַז „יעדער שפּילער איז דעם אַנדערנס בײַטל־טרעגער". מיט איין וואָרט, עס איז בײַם שפּילן אַן אַלטער כּלל:

איׄשט דער בויטיׄל באר בונדן שווער.
ער ווערט ויׄל שיר גרינג אונ' מאגר.
מן שפּריכט דש איין שפּיׄלער.
איׄשט דעש אנדרן בויטיׄל טראגר.
אז ער עש גווינט אזו עש ווידר היׄן גאט.
נקט אונ' בׄלוש ער בשטוט.
היׄן נוך בׄלייבט אים שאד שאנד אונ' שפּוט:

(סטר' 18)

דאָס איז דער גורל פֿון אַזאַרטשפּילן בכלל, ווען אַפֿילו מען שפּילט ערלעך. ווער רעדט ווען עס קומט פֿאַר פֿאַלשקייט און אָפּנאַרערײַ. הוגרלן זשאַלעוועט ניט קיין ביטערע איראָניע אויף דעם חשבון פֿון די פֿאַלשע שפּילער אָדער די ניט געלערנטע און ניט געניטע, וואָס קענען „דעש וואַרפּיׄל זיטן ניט", די פֿאַלן ווי קרבנות פֿון פֿאַלשע ביינדלעך און כּלערליי שווינדלערײַען (זע סטר' 16). דער סוף איז, אַז דאָס שפּילן פֿאַרפֿירט דעם ערלעכסטן פֿון דרך־הישר, מאַכט אים „צו רויבן אונ' צו שטעלן", ווײַל

וועם דש גלוק ניט וויׄל געבן,
דו באר קערשט דען בידרמאן צו איינם שאלק.[7]

---

[7] אין העברעיִש איז דאָס וואָרט „קוביוסטוס" אַ סינאָנים פֿאַר אַ ווערפֿלשפּילער, אַ גנבֿ און אַ רויבער: „המוכר עבד לחברו ונמצא גנב או קוביוסטוס" (בבא בתרא, צב); „אמר לו גנב אתה או קוביוסטוס אתה שמתיירא מן השחר" (חולין, צא, ע"ב); „משה רבכם גנב היה או קוביוסטוס היה או אינו בקי בחשבונות" (בכורות, ה). אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור האָט ר' יצחק (איצק) שואלס פֿון ליסע דעם ווײַטערדיקן „טײַטשן פּירוש" אויף „גנב אתה או קֻביוסטוס":

דו זאלסט דיין חבֿרש גלייך איין פֿעניג ווערטש ניט ביגערן.
טושטוש יוא טושטו דיין כּבֿוד אן ווערן.
ער הייסט דיך גלייך גנבֿ אונ' ווערפֿיל שפּילר.
ווען העשט אים גלייך נאר אן גירירט ווינגר אז איין העלר.
אונ' איין גנבֿ אבר ווערפֿיל שפּילר איז פּסול לעדות
דען אונזרי חכמים האבין זיא לעדות ולשבֿועה טאהן פסלין.
ווען דוא איין פסול זאלשט הייׄשן
וואש העלפֿט דיר אל דיין צאפּלין אונ' רסלין:

(עיון יִצחק והליכות יצחק, בערלין, תצ"ד, ז' כב.)

אין קוא בוך געפֿינען מיר וועגן גנבֿה און שפּילן אָט וואָס: ווען דער געליבטער קומט צו זײַן לינקער געליבטע און פֿאַרלאַנגט סטראַשענדיק געלט, דערציילט ער איר:

די גאַנץ וואַרהייט וויל איך דיר דוא זאגן.
אכט נייארט דאז דוא האלשט פֿאר האלן.
איך האב מיינם פֿאטר איין בייטל מיט גילדן גישטאלן.
דוא וואר נון אינן דער גילדן אזו פֿיל.
איך גינג דא הין גאר באלד צום שפּיל.

און דער שפּילער, צי „ער שפּיל ערליך אודער ניכט“, פּאַרלירט אַלץ איינס, ער הייבט אָן שפּילן מיט דעם מענטשן אין זיך, מיט זײַן איך, און ער בלײַבט סוף־כּל־סוף נאָר בײַ „שאד, שאנד אונ' שפּוט“.

ב. מוסר און פּאַראָדיע

דאָס צווייטע גאַנצע ליד קעגן שפּילן איז, ווי אויבן באַמערקט, ניט קיין אָריגינעל ייִדישס, נאָר אַן איבערזעצונג פֿון דעם באַקאַנטן העברעיִשן שפּיל־ליד „מצחק בקוביא מכתו טריה“. וועגן זײַן צײַט און מחבר איז דאָ אַ חילוקי־דעות.[8]

פֿון דעם ליד זײַנען פֿאַרבליבן גאַנצע דרײַ פֿאַרשיידענע ייִדישע איבער־זעצונגען. איינע, די עלטסטע, געפֿינט זיך אין אַ מינכענער מאַנוסקריפּט, וואָס שטיינשנײַדער ברענגט פֿון דאָרטן די ווײַטערדיקע סטראָפֿע:

וועם צו דעם שפּיל איז גאך,
דא גין וויל שליג דער נאך,
און צום לעצט וועדט ער שרייאן אך,
און ווערט גיבלוכט אין אלין טורין.[9]

די צווייטע איבערזעצונג איז געדרוקט צום סוף פֿון קליין ברנט שפּיגל (אַמסטערדאַם, 1657), וואָס הייבט זיך אָן: „וועלכר טוט מיט וירפּיל שפּילין.[10]
די בײדע ייִדישע איבערזעצונגען צוזאַמען מיטן העברעיִשן מקור זײַנען גע־

אונ' האב זיא פֿאר שפּילט אזו גאנץ.
איך שלוג זיא אין איין שאנץ.
(ספר משלים, פֿראַנקפֿורט־מײַן, תנ"ז, מו.
פֿאָטאָגראַפֿישער איבערדרוק, בערלין 1926.)

שאַנץ — schanz, schanze. דער גאַנצער אויסדרוק ווערט געברויכט אין הײַנטיקן דײַטש: (in die Schanze schlagen) אין דעם זינען פֿון פֿאַרשווענדן, פֿאַרתּכלעווען, ריזיקירן. אין מה"ד מיינט דאָס אויך: fall der Würfel, Würfelspiel, einsatz bei einem solchen (Lexer).

אַן אַלט דײַטש שפּריכוואָרט פֿון 14טן יאָרהונדערט וויל האָבן, אַז דער שפּילער איז ערגער ווי אַ גנבֿ:

Eduard Graf & Mathias Dietherr, *Deutsche Rechtssprichwörter,* Nördlingen, 1864, p. 222, no. 286:

Der Spieler ist ärger als ein Dieb.
handspeler is erger wan en deff.

אָנגעוויזן אויף דעם *Sachsenspiegel*, III, 6, בערך 1325.

[8] זע: ישׂראל דאַווידזאָן, אוצר השירה והפיוט, כרך שלישי, ז' 168—169, נומ' 2152.

[9] *Die Hebräischen Handschriften der . . . Staatsbibliothek in München,* München, 1895, p. 204.

די אָרטאָגראַפֿיע פֿון טייל ווערטער בײַ שטיינשנײַדערן איז נישט פּינקטלעך. זע הוספֿה צוויי, 1; שולמאַן אין שפת יהודית אשכנזית וספרותה, ז' 207 האָט בטעות אָנגענומען די סטראָפֿע פֿאַר אַ טייל פֿון אַ שאָכליד.

[10] *Catal. Bodl.,* p. 550, 3549; p. 1312, 5700, 8.

זונגען געוואָרן מיט אַ מעלאָדיע פֿון דער סליחה „אני הוא השואל”, אַ באַווײַז פֿאַר דער פּאָפּולערקייט פֿון ליד.*[10]

די דריטע איבערזעצונג פֿון דעם ליד געפֿינט זיך אין דער ייִדישער אויס־גאַבע פֿון מודינאַס סור מרע, „דער גילערנטי אונ׳ ביקערטי שפּילר” (אמ״ד 1698). די ערשטע סטראָפֿע לייענט זיך:

ווער זיך אין שפּילין ביגיבט,
דער לעבט אילענדיג אונ׳ ביטריבט,
זיין ענד איז אך פֿר פֿלוכט,
זיין אונגליק האט ער זעלבשט גיזוכט.

אין דעם ליד ווערט קלאָר און שאַרף געשילדערט ווי דער שפּילער מאַכט זיך אַליין אומגליקלעך, ווי ער פֿאַרלירט בידים זײַן האָב־און־גוטס; ווי עס איז ניטאָ קיין גליק אין שפּילן „דאש גליק אבר וויל אין ניט הער הייסן”. דער שפּילער מוז פֿון גרויס נויט און פֿאַרצווייפֿלונג וואַנדערן „פֿון שטאט צו שטאט, ווייל ער קיין בלייבנדיג אורט האט”, פּונקט ווי הוגרלן באַטאָנט: „בון ארמוט מוש איך איין וואנדילר זיין, אך וואַרפֿיל דש גניש איך דיין”.

אויך דאָ ווערט באַטאָנט דער רעליגיעזער מאָטיוו פֿון שבֿועת־שוא:

ווידר שפּעניגט אן גאט דען הערין,
ווייל ער אופֿט אום זונשט טוט שווערין.

און אַז דער שפּילער פֿאַרגעסט אין זיך און פֿאַרגעסט אין גאָט און זײַנע פֿליכטן צו אים, ביז צום פֿאַרשוועכן אַלץ וואָס ס׳איז הייליק, ער שטעלט זיך אַפֿילו ניט אָפּ פֿאַר אַזאַ הייליקן טאָג ווי יום־כּפּור:

יום־כּפּור וויל ער ניט פֿאשטין,
ווען זיך אנדרי לייט טון פייניגן אונ׳ פּראשטין.

צום סוף פֿון דעם ליד קומט נאָך צו דער פּונקט פֿון צעשטערטן פֿאַמיליע־לעבן, אַז אויף דעם אַזאַרטשפּילער ווערט, גיכער ווי בײַ וועמען עס איז, מקוים דער „אויבי איש אנשי ביתו” (די שונאים פֿון אַ מענטשן זײַנען זײַנע הויזלײַט), די זײַנען צום מערסטן צופֿרידן און מלא שׂמחה ווען מען ווערט זײַנער פּטור:

זיין הויז גיזינד, אך קנעכט אונ׳ מיידן,
טונין אין האסין אונ׳ פֿיינדן,
דרום איז איין גרושי פֿרייד אים הויז,
ווען מן אים טראגט דיא טיאר אנויז.[11]

דאָס איז דער לעצטער שטאַפּל פֿון פֿאַלן און זינקען אין דעם שפּילערס לעבן.

דאָס ערנצטע מוסר־ליד קעגן שפּילן האָט גורם געווען און אַרויסגע־בראַכט אַ שפּאַסליד פֿ אַ ר שפּילן. דאָס איז די פּאַראָדיע „מצחק בקוביא מלאכתו

---

*[10] אַקעגן זשע געפֿינען מיר אין דעם זאת חנוכה ביכל (פֿראַנקפֿורט דאָדר, תס״ב) דערמאָנט אַ ניגון פֿון „טאָג־ אונ׳ נאַכט־שפּיל”! (זע שטיינשנײַדער, דצ״וו, ז׳ 923). וואָס פֿאַר אַ מין שפּיל דאָס איז — איז שווער צו וויסן. זאָל דאָס זײַן נאָך אַן אַלגעמיין אומבאַקאַנט ליד, אָדער אפֿשר גאָר נאָך אַן אַזאַרטשפּיל?

[11] זען הוספֿה צוויי, IV.

נקיה״ [12] פֿון דעם רבֿ אין דער צײַט פֿון רענעסאַנס רב יהודה אַריה מודינאַ (של״א — ת״ח), אַליין אַ קרבן פֿון אַזאַרט־לײַדנשאַפֿט. די ייִדישע איבערזעצונג פֿון דער פֿאַראָדיע הייבט זיך אָן:

דער דיא קארט אונ׳ וורפֿיל ליבט,
דער לעבט אלצייט זונדר ביטריבט,
ער האט זוא וואול אך פֿרייד,
עבין אלש אנדרי בידר לייט.

אַזוי ווי מודינאַ האָט זײַן סור מרע געשריבן אין בר־מצוה־עלטער. איז דאָס ליד פֿונעם יאָר 1584, און די ייִדישע איבערזעצונג איז צום ערשטן מאָל גע־דרוקט אין 1698.

אָבער צו דער פּאָפּולערקייט פֿונעם מוסר־ליד האָט די פֿאַראָדיע נישט זוכה געווען. זי איז נישט געוואָרן דאָס ליד פֿון די אַזאַרטניקעס, אַזוי ווי דאָס מוסר־ליד איז געוואָרן כּמעט דאָס קלאַסישע קאַמפֿסליד קעגן אַזאַרט און געוואָרן איבערגעדרוקט אין פֿאַרשיידענע צײַטן און אין פֿאַרשיידענע שטעלן. צום אור־טעקסט האָט מען פֿון צײַט צו צײַט צוגעגעבן, איבער הויפּט אין די מזרח־לענדער, נאָך צען נײַע סטראָפֿעס, וואָס דאָס שטײַגט אַפֿילו אַריבער די צאָל סטראָפֿעס פֿונעם ערשטן טעקסט.

אויך די דרײַ אויבן דערמאָנטע ייִדישע איבערזעצונגען פֿונעם שטראָפֿליד, ווי אויך דער ספּעציעלער ניגון — אַלץ זאָגט עדות ווי אָנגענומען און פֿאַרשפּרייט דאָס ליד איז געוואָרן אין דער אַנטיאַזאַרט־ליטעראַטור.

די פֿאַראָדיע איז אַ קלוגער און וויציקער ענטפֿער אויף דעם מוסר־ליד. עס ווערן אָבער אַרויסגעבראַכט טייל נײַע מאָטיוון ווי:

פֿר שפילט ער היינט שון גלייך,
מורגין איז ער דאָך ווידר רייך,
גלייך אלש איין האנדילש מאן,
דער שטין אונ׳ פֿאלין קאן.

מיט פֿאַרגלײַכן אַזאַרטשפּילער צו סוחרים, מיט דעם פֿאַרנעמט זיך דאָך דער צווייטער קאַפּיטל פֿון סור מרע, ווו דער פֿאַרטיידיקער פֿון אַזאַרט ווענדט אָן אַלערליי אײַנפֿאַלן צו באַווײַזן „דש דאז שפילן לובליך אונ׳ דער קויפֿמאנשאפֿט גלייך זייא״, און אויב אין שפּילן קומט פֿאָר פֿאַלשקייט, אָפּנאַרערײַ און שקרות, טרעפֿט דאָס זעלביקע, אויב נישט נאָך מער, אין מסחר.

איבער הויפּט טרעט דער אַזאַרט־סניגור שאַרף אַרויס אַנטקעגן דעם וואָס מען פֿאַרגלײַכט אַזאַרטניקעס מיט פּראָצענטניקעס און וווכערער. די ערשטע ווערן געזידלט און די צווייטע ווערן „עהרליך אונ׳ הוך גיהאלטין״, גילטן פֿאַר שיינע בעלי־בתים, אין דער צײַט וואָס זיי זײַנען אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט: „יוא זיא זיין אונזר אוברקייט, ריכטרש, שולטיס אונ׳ אך [אויך] אונזר ריגיער

---

[12] דאַווידזאָן, דצ״ו, נומ׳ 2153.

מיינשטרש, דא דאך דעש ארמין, זיין שוויס, אין אירי הייזר איז... גלייך וואול זויגין זיא אין אויז, ביז אויף דאש בלוט".[13]

אין דעם זעלבן זינען רעאַגירט אַן אַנדער סטראָפע, וווּ דער מאָטיוו פֿון „בין אָדם לחבֿרו" קומט ווידער צום אויסדרוק. אין קורצן: עס איז בעסער צו שפּילן ווי צו פֿאַרשווענדן דאָס געלט אויף פּרויען, אָדער אָפּצונאַרן און באַרויבן אַ פֿרײַנד:

פֿיל ערגיר טוט דער זעלביג לעבין,
דער זיין געלט אן די הורין טוט געבין,
אונ' זוכט מיט ביטרוג אונ' ליסט,
צו רויבן וואש זייניש נעכשטין איז.

די פּאַראָדיע פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ לויב צו „דאש אידילי שפּילירש רעכט":

ווער זיך אין שפּילין שטעץ איבט,
דער ווערט גילובט, אונ' גיליבט.[14]

ג. פּראַגמענטאַרישע שפּיללידער

אויב ס'זײַנען דאָ זייער ווייניק גאַנצע שפּיללידער, ווערט אָבער דאָס שפּילן דערמאָנט אין פֿאַרשיידענע שטייגערישע אָדער געזעלשאַפֿטלעכע אַלטייִדישע לידער. כּמעט אַלע פּראַגמענטן פֿון דעם מין נעמען זיך פֿון לידער אין איין צײַט, דעם 17טן אָדער דעם 18טן יאָרהונדערט.

אויפֿן ערשטן אָרט קומט „די בשרייבונג פֿון אשכנז אונ' פּאלק". דאָס פּאָלעמיש־שפּאָטישע ליד, אַ וויכּוח צווישן אַ דײַטשן, פּוילישן און פּראָגער ייִדן, איז מסתּמא געשאַפֿן געוואָרן בשעתן גרויסן עמיגראַציע־שטראָם פֿון די פּוילישע ייִדן קיין דײַטשלאַנד אין דער צײַט פֿון חורבן כמעלניצקי.

אין „די בשרייבונג" ווערן פֿונאַנדערגעוויקלט די אייביקע גאַליק־בײַסיקע טענות צווישן די ייִדישע מערבֿ־ און מזרח־קיבוצים, טענות וואָס זײַנען נאָך איצט אויך ניט פֿאַרעלטערט. צווישן די פֿיל זאַכן וואָס דער „פּאָלק" וואַרפֿט פֿאָר דעם „אַשכנז", וואָס האַלט זיך אַזוי גרויס און קוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף אים, ווי אויף אַ שנאָרער, פּעדלער און פּאַקן־טרעגער, הערן מיר — די דײַטשע ייִדן זײַנען פֿאַרברענטע קאָרטנשפּילער. און ווען ס'קומט צו זיי אַ מלמד (אין יענער צײַט זײַנען ס'רובֿ כּלי־קודש, מלמדים ווי רבנים, געקומען פֿון פּוילן, דעם תּורה־צענטער) קוקן זיי אויף אים און נעמען אים אויף ווי נאָך אַ „האַנט" צום שפּילן:

ווען שון אין אשכנז קומט איין גוטר מלמד פֿון גוטר ארט,
אזו שפּריכט דער אשכנז: „קומט רבי, מיר וועלן שפּילן מיט דער קארט".
אזו קומן זיא אין דאש שפּילן אריין,

---

[13] סור מרע, אמשטרדם, תנ"ח, ז' ה, א"ו; ז' כד: „ובדורותינו כל מלוה ברבית נכבדות מדובר בו . . . המה ראשינו ושופטינו דייננו ומנהיגינו וגזילת העני בבתיהם".

[14] זע הוספה צוויי, V.

אונ׳ פֿרעסן און זויפֿן ווי איין שוויין.
הערט נייארט צו פֿון דען שפּיל,
וויא אשכנז דען מלמד אימר פֿר איין שוטה האבן וויל.
איז ער שון איין למדן אונ׳ פֿר שטיט זיך אויף אלי זאכן,
הוט אשכנז אימר זיינר צו שפּאטן אונ׳ צו לאכן.[15]

אַן ענלעכן פֿאָרוואורף, אָבער פֿון אַן אַנדער זײַט און אַן אַנדער ריכטונג, געפֿינען מיר אין אַ צווייטן שפּאָטליד פֿון 18טן יאָרהונדערט, אַ ייִדישע טראַנס־קריפּציע פֿון אַ דײַטשיש ליד איבער „דיא הנד ווערקשט לייט“. דאָרט ווערט שטאַרק געקיבעצט דער ייִדישער סטודענט פֿאַר זײַן הינטערשטעליק אין די למודים אויפֿן חשבון פֿון אַזאַרטשפּיל:

דיא יודישי שטודענטז מעכט מן עסטאמירן.[16]
וואן זי מעכט פֿלייסג שטודירן.
אבר עז גיבט אונטר איהנן פֿיל.
זיא פֿר דערבן זיך מיט דעם קרטין שפּיל.
דרום קומט איהנן ניקש ארויז.
זי ברענגין וועניג פֿון דר שטודיע נאך הויז.[17]

פֿון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער זײַנען די סטראָפֿעס אין דעם „נייא קלאָג ליד“ וואָס ס׳האָט מחבר געווען אַ מאַן, באַטיטלט ווי „איין קדוש דער האט גיהיישן רבי יחזקל“, געשריבן פֿאַר זײַן טויט „בשנת יום ה׳ ערב ר״ח אייר תע״ט“ — 1719. דאָס קלאָגליד וואָס איז צונויפֿגעשטעלט נאָך דעם אַלף־בית איז אַ געגראַמטער ווידוי און אַ „תשובֿה“ אין פֿערזן.

דער „קדוש“ רבי יחזקאל איז זיך מתוודה אויף אַ סך חטאים און טוט תשובֿה אויף זײַנע עבֿרות קעגן גאָט און מענטש. ווען ער קומט צו די אותיות קוף ריש איז ער זיך מתוודה ווי אַ פֿאַרברענטער אַזאַרטשפּילער, וואָס צוליב דעם איז ער בדלות געוואָרן און שטענדיק געווען אַ קרבן פֿון די שפּיללײַט, וואָס פֿלעגן אים אָפּנאַרן:

קארטין אונ׳ ווערפֿיל האב איך גישפּילט טאג אונ׳ נאכט.
דאר מיט האבין זיא מיך בדלות גימאכט.
דיא שפּיל לייט האבין גיגעבין איין נאמן ר׳ פֿייטל.
דער וייל איך אופֿט בין גיגאנגין אונ׳ האב גיהאט קיין פֿענונג
אין מיין בייטל:[18]
רופֿין[19] אונ׳ שטומפֿין[20] האבין מיך דיא שפּיל לייט אויף אלר
הנט מאניר.

---

[15] מ. ווײַנרײַך, „צוויי ייִדישע שפּאָטלידער אויף ייִדן“, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, ייִוואָ, ב׳ III, שפּאַלט 545, שורות 188—190; מ. עריק, די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ז׳ 262.

[16] אַכטן.

[17] זען מײַן „דער בעל־מלאָכה אין אַן אַלטייִדיש ליד“, לאַנדוי־בוך (ייִוואָ), שפּאַלט 45, סטראָפֿע 11.

[18] פֿ״גל ווײַטער הערה 4 צום טעקסט פֿון קוריאָזן שפּילליד.

[19] מיינט אויסרײַסן, אויספֿליקן, צופּן. דאָ — ער איז אַרויס אַ פֿאַרלאָרענער, אַן אַרומגעצופּטער פֿון דער קאָרטנשפּיל. פֿון מה״ד: roufen, raufen, rupfen.

[20] stumpf, stumpfen, געוויינטלעך טעמפּ, פֿאַרטעמפּט. דאָ — בילדלעך לויט מה״ד — שלעכט, שאָדן, אַ צרה.

איך האב איין גיזעצט דז געלט דז איך האב פֿר דינט פֿר לנגה
יאר דער פֿיר.
די שפּיל לייט האבין אויף אלר האנד מאניר קרטין טאן דער בייא
לאנגין.
ביז לידר דז געלט איז פֿארט גיגאַנגין.[21]

אַ ברייטער קולטורבילד באַקומען מיר דורך אלחנן קירכהן, דעם מחבר פֿון באַרימטן מוסר־ספֿר שמחת הנפש. ער האָט געלעבט אין דײַטשלאַנד אין דער צווייטער העלפֿט 17טן ביז בערך אַ פֿערטל פֿון 18טן יאָרהונדערט.

שוין אין איינעם פֿון זײַנע מוסר־לידער, „איין שיין התעוררות ליד״, ווו ער מוסרט פֿאַר יין־נסך, קוקן אויף ווײַבער, שערן באָרד און פאות און גאווה — פֿאַרזאָגט ער אויך: „שפּיל ניט פֿיל דען אליז ביז קומט פֿון שפּילין דר קארט״.

און נאָך ווײַטער, אין אַן אַנדער ליד, חזרט ער איבער נאָך האַרבער און האַלט שפּילן גאָר פֿאַר אַן עבֿרה:

שפּילין אלירלייא איז איין עבירה דר צו האט שפּילן קיין ארט.
צו פֿאר אויז מיט וורפֿל אודר קארט.
דען עז איז קיין הצלחה וואש מיט שפּילין טואט דר ווערבין.
אונ׳ דאש זייניג לוזט צו גרונד גין אונ׳ פֿר דערבין.

בולט און לעבעדיק זײַנען די בילדער פֿון לעבן־שטייגער פֿון די „ישובֿים לייט״, דאָס האַנדלען און וואַנדלען מיט די דאָרפֿישע עמי־הארצים, וועלכע זײַנען אָפּגעריסן פֿון ייִדישע צענטערס און פֿון ייִדיש גײַסטיק לעבן, זײַנען דערווײַטערט פֿון תורה און העכערע ווערטן און וואָס זייער לעבן איז גרוי און וואָכעדיק. אַנשטאָט צו פֿאַרברענגען די פרײַע צײַט מיט העכערע ענינים, פּטרן די ייִשובֿניקעס די צײַט אין שפּילן, וואָס זיי זײַנען נאָך דעם זייער להוט און האַלטן זיך אַפֿילו ניט אָפּ פֿון דעם אין תעניתים און אין סליחות־צײַט:

צדקה צו געבן אפֿילו מחצית השקל איז אים שווער:
אונ׳ נאך קארטין שפּילין זיינין אייפֿריג זער:
אפֿילו אם תענית אונ׳ תשעה באב אונ׳ סליחות טעגין:
לוזין זיא קארטן שפּילין ניט אונטר וועגין:[22]

אַנטקעגן שפּילן אין אַ תענית האָט נאָך מיט צען יאָר פֿאַר קירכהנען שאַרף רעאַגירט דער מחבר פֿון אונדזער שפּילליד (פֿ״גל הוספֿה 3, טעקסט פֿון ליד, סטראָפֿע 32). פֿון דאָרטן אָבער איז צו זען, אַז אַזאַ צײַטפֿאַרברענג איז געווען אָנגענומען און פֿאַרשפּרייט ניט בלויז בײַ „דאָרפֿסלײַט״ נאָר אַפֿילו בײַ סתם אַ „טייל לײַט״.

אין אמתן איז דאָס שפּילן אין תעניתים געווען פֿאַרשפּרייט אין נאָך גאָר אַלטע צײַטן בײַ ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ סך היסטאָרישע דאָקומענטן און ליטעראַרישע מקורים.[23]

---

[21] Löwenstein, *Zeitschrift für Hebräische Bibliographie*, XIV, p. 190.

[22] שמחת הנפש, חלק שני, פֿיורדא, תפ״ז, זז׳ טז, יח, כא, פֿאָטאָגראַפֿישער איבערדרוק פֿון יעקבֿ שאַצקי, ניו־יאָרק, 1926.

[23] זע ווײַטער, הערה 55 צום ליד.

ד. דאָס ליד פֿון די שפּיללידער

אַן אויסנאַם איז דאָס „איין שין נייא קוריעס [=קוריאָז] שפּיל ליד". ס'איז דאָס איינציקע ליד נ י ט ק ע ג ן נאָר וו ע ג ן שפּילן. אויך דער מחבר פֿון ליד, פֿאַרשטייט זיך, מוסרט און שטראָפֿט דאָ און דאָרט, אָבער צילט מיט דעם איבער הויפּט קעגן פֿאַרשווענדן צו פֿיל צײַט, געלט און מענטשלעכקייט און דאָס געפֿינען זיך אין „פֿיל בייזה גיזעל שאפֿט". ער גיט אָפּ אויך עטלעכע מוסר־סטראָ־פֿעס קעגן אַזאַרט, וואָס ברענגט פֿיל שאָדן דעם מענטשן אין מאַטעריעלן זינען נאָך מער ווי אין מאָראַלישן, ווײַל „זיין לעב טאג שפּילט זיך דוך קיין שפּילר רייך", „דען בייא דען שפּיל געלט איז קיין גליק צו הופֿין" און „וויא דאז שפּיל געלט קומט, זא גיט עש ווידר הין". פּונקט אַזאַ שורה געפֿינען מיר אויך בײַ הוגרלן: „אז [אַזוי ווי] ער עש גווינט, אזו עש ווידר הין גאט [=גייט]".

אָבער אין אַלגעמיין באַציט זיך דער מחבר פּאָזיטיוו צום שפּילן, וואָס איז נייטיק פֿון צײַט צו צײַט פֿאַר דעם מענטשן און זײַן גײַסט ווי אַן אָפּפֿרישונג און אַן אָפּרו. דעריבער האַלט ער ניט פֿון אָפּזאָגן זיך אין גאַנצן פֿון שפּילן, פֿאַרקערט, ער גלייבט אין דעם „עת לשחוק" ווײַל ס'איז מענטשלעך נויטווענדיק דער צײַטפֿאַרטרײַב דורך שפּילן. שוין נאָך די ערשטע דרײַ סטראָפֿעס מוסר, גיט ער גלײַך אָנצוגעהערן:

איר ליבה ברידר דז שפּילן זאלט איר דוך ניט גאר פֿר שווערין.
עש זיין גיווישי צייטן דז מן דוך שפּילט גאר גערין.

(סטר' 4)

אַדרבה, ער וויל מיט חבֿרה שפּילער ניט אײַנרײַסן, וויל זײַן מיט זיי „גוט־ברודער", ער „פֿר הפֿט עש ווערטן דיא ליב האבר שפּילר זיך ניט לוזין פֿר דריסן". און לשם גוט־ברודערשאַפֿט קנעלט ער אויך טאַקע „הלכות קאַרטין", לערנט זיך אויסצוהיטן פֿון שווינדלער און אָפּנאַרער, די וואָס מאַכן שקרות אין שפּילן בײַם טאַשן אָדער „ווען איינר פֿר לייקנט פֿאַריב", רעכנט אויס די פֿאַרשיי־דענע מינים שפּילן, יעדערנס באַזונדערע מעלות און גענג און גיט בכלל אַן „עצה טובֿה" ווי צו שפּילן כדי ניט אָנצוווערן.

ער פֿאַרפֿעלט אויך ניט די בעסערע העלפֿט, לערנט די ווײַבער קאָרטנ־שפּילערינס ווי זיך נוהג צו זײַן בײַם שפּילן; זאָגט זיי אָן אַן אַלטן כּלל: אַז דער וואָס ריזיקירט נישט — האָט ניט:

איר וויבר מושט פֿריש קויפֿן אונ' ניט לאנג ביזינין.
דען פֿריש גיוואגט אישט האלב גיוואונין.

(סטר' 10)

ער פֿאַרגעסט אַפֿילו ניט פֿון דער אַנדערער זײַט אָנצוווײַזן אויף אומגע־ווונטשענע באַקאַנטשאַפֿטן וואָס קומען אַרויס צווישן פֿרעמדע מענער און פֿרויען בײַ „שפּילפּאַרטיעס" און גיט איראָניש אָנצוהערן „אובר צו דיזן שפּיל האבט איר גאר ניקש צו לאכין" (סטר' 33).

דער מחבר שילדערט די שלעכטע מערכה וואָס עס האָבן די ווײַבער פֿון קאָרטנשפּילער, זייער ביטערן מזל בײַ די מענער וואָס זיי האָבן אויסצושטיין.

זייער לעבן איז אַ גיהנום פֿול „צענקין און׳ פֿלוכין״, ווער רעדט אַז די מענער פֿאַרלירן, יעמאָלט לאָזן זיי אויס דעם גאַנצן כּעס צו די פֿרויען „און׳ טונין די ארימה ווייבר דען רוקין פֿאל שלאגין״ (סטר׳ 6).

דערפֿאַר אָבער דער מאַן וואָס שפּילט ניט וועט „בייא זיינים וייב האבין איין גוט לעבין״.

גאַנץ לעבעדיק, פֿול מיט הומאָר, גוטמוטיק און וויציק ווערן געשילדערט די פּראָפֿעסיאָנעלע קאָרטנשפּילער (סטר׳ 12—17 און 35—36), וואָס האָבן אַ גרויסן שם אין „טייטש לנט״ דורך זייערע כיטרע מעשׂים און פֿאַלשע דרכים. איינעם פֿון זיי, משה ווינר, וואָס מע געפֿינט „זיין גלייכן ניט פֿיל״, באַטיטלט ער ווי „איין גרושר למדן אין שפּיל״.

דער כאַראַקטעריסטישסטער טיפּ, דער אינטערעסאַנטסטער צווישן דעם גאַנצן געזינדל איז דער קאָרטנשפּילער מרדכי, וואָס פֿלעגט אײַנשטעלן טלית און תּפֿילין בשעת אַזאַרט און אין ברען פֿון שפּיל:

וויא ער פֿלעגט דיא תּפֿילן אין שפּילן איין צו זעצין.
אין פאנקיטן האט ער זיין ארבע כנפֿות צו משכן גיגעבין.
(סטר׳ 15)

קיין ספֿק ניט, אַז דער מחבר האָט אין זײַן ליד געשילדערט ל ע ב ע ד י ק ע טיפּן, אמתע „העלדן״ פֿון דער שפּיל־געזעלשאַפֿט אויף דער ייִדישער גאַס פֿון זײַן צײַט, אַז ער איז דורך און דורך רעאַליסטיש. אויך די מעשׂה פֿון טלית און תּפֿילין מוז זײַן אַן אַקט וואָס איז אויף געוויס פֿאַרלאָפֿן. אין דער געשיכטע פֿון אַזאַרטשפּילן זײַנען אַזעלכע און ענלעכע פֿאַלן ניט קיין נאָווינע. ס׳איז דאָך מעשׂים בכל יום, אַז שפּילער אין ברען פֿון אַזאַרט זײַנען עלול צו פֿאַרשפּילן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן און בלײַבן בפֿירוש בײַם העמד אויפֿן לײַב. פֿאַר אַ ייִדן אַ קאָרטנשפּילער איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס לעצטע בײַ א י ם איז געווען טלית און תּפֿילין.

נאָך פּונקט מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק האָט ר׳ יוסף כּספּי פֿון דרום־פֿראַנקרײַך (1280—1340) אין זײַן פּירוש צו משלי (אָנגעשריבן ווינטער 1330 אין דער שטאָט טאַראַסקאָן) באַמערקט פֿאַרבײַגייענדיק: „ס׳איז באַוווּסט אַז דאָס געירשנטע פֿון עלטערן איז זייער געאַכט בײַ אַ מענטשן. געפֿינסט אָבער נאַראָנים, קינדער פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס וועלן ניט פֿאַרקויפֿן דאָס געירשנטע הויז פֿון זייערע עלטערן אַפֿילו צו לערנען תּורה זייערע קינדער, נאָר זיי פֿ אַ ר ק ו י פֿ ן אַ ספֿר־תּורה, צו שפּילן מיט דעם געלט אין ביינדלעך.״[24]

אַזאַ בילד האָבן מיר פֿון אַזאַרטשפּילן שוין אין 14טן יאָרהונדערט. ס׳איז אָנצונעמען אַז אויך אונדזער מחבר האָט ניט איבערגעטריבן, נאָר ער איז גאַנץ רעאַליסטיש אין זײַנע שילדערונגען, געטרײַ די לעבנס־אמתן פֿון זײַן צײַט און מיטמענטשן.

---

[24] חצוצרות כסף, פירוש משלי, — עשרה כלי כסף (הוצאת לאַסט), חלק ראשון, פּרעשבורג, תּרס״ג, עמוד 49 (ביאור א׳). אויף דעם מקור האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט פּראָפֿ׳ אַ. מאַרקס.

דער מחבר זשאַלעוועט אויך ניט די פֿרומע לײַט וואָס שעמען זיך ניט „אין שפּילן שקר צו טון" און טוען אָפּ אַל דאָס בייז „אלי התרים מיט גניבת אונ' גזילת טוט ער זיך זוכין" (סטר' 34).

ער דערמאָנט אויך באַזונדער די ביינדלעכשפּילער, אַז „עש ווער בעשר זיא איר צייט מיט וואז בעשר פּר טרייבן". מען באַדאַרף ניט פֿאַרגעסן אַז אַפֿילו אין זײַן צײַט האָבן ייִדן געהאַט אַן אײַנגעוואָרצלטע שנאה, אַן אײַנגעוואָרצלטע שנאה, אַן אינעווייניקסטע אָפּנייגונג קעגן ווערפֿלשפּיל, וואָס האָט זיי, ווי שוין אויבן געבראַכט, דערמאָנט אין די פֿינצטערע צײַטן פֿון מיטל־עלטער. שודט, אַ מיטצײַטלער פֿונעם מחבר, באַמערקט נאָך וועגן די פֿראַנקפֿורטער ייִדן פֿון זײַן צײַט און איבער זייערע פֿאַר־שיידענע שפּילן: sie spielen aber nicht mit Würffeln, als was etwan liederliche Lumpen sind.[25]

צווישן די דינים פֿון „הלכות קארטין" פֿאַרגעסט דער מחבר אויך ניט צו געבן צו פֿאַרשטיין די זײַטיקע צוקוקער און בײַזיצער אַ הויפּט־כּלל: קוקן און שווײַגן און זיך ניט אַרײַנמישן. נאָר אַזעלכע „קיביצער" פֿאַרדינען דעם נאָמען פֿון ערנלײַט:

וועלכי בייא איין שפּיל זיצן, מוזין שטיל שווייגין.
מאג זעהן וואז ער וויל, מוז ער ניט געבין צייגן.

(סטר' 23)

זייער הומאָריסטיש, שפּאַטיש און חוזקדיק זײַנען די סטראָפֿעס 21־22, וווּ עס רעדט זיך וועגן „ביזיז לעבין" און בייז בלוט צווישן די שפּילער; וועגן די אָפֿטע מחלוקתן און געשלעגערײַען וואָס קומען פֿאָר צווישן זיי, איבער „דיא בויארן אונ' מלאכים", וועלכע קוקן צו און קענען נעבעך גאָרניט העלפֿן:

אוב שאן די בויארן אונ' מלאכים דא בייא זיין. זא שווייגין זיא דוך שטיל.
דיא שלעגירייא מאג זיין זא גרוש זיא וויל.

(סטר' 21)

פֿון דעם אַלעם איז צו זען, אַז דאָס קוריאָזע שפּיללי שילדערט אַ געטרײַ לעבעדיק בילד פֿון קאָרטנשפּילער און פֿון אַזאַרט־לעבן בכלל. ס'איז אַ שיין סאַרקאַסטיש און סאַטיריש ליד, דורכגעפֿלאָכטן מיט הומאָר און איראָניע. עס פֿילט זיך שפּראַך־טראַדיציע, ס'איז אַ לעבעדיקער ייִדיש מיט וויציקע העבּ־רעיִשע אויסדרוקן ווי: „הלכות קארטין", „למדן אין שפּיל", „דער זכות פֿון טרומפּף כלה" אאַז"וו. עס אַנטפּלעקט בקיצור אַ שטיק ייִדיש קולטור־לעבן פֿון אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.

---

[25] *Jüdische Merckwürdigkeiten,* 1715, II.VI. Buch, 35 Cap., p. 317.

ניט אומזיסט האָבן די ייִדן פֿון זײַן צײַט אַזוי געקוקט אויף ביינדלעך. זײַנען דאָך אין מיטן 17טן יאָרהונדערט (תּו — 1645) ייִדישע סוחרים געפֿאָרן פֿון ווין אַהיים קיין ניקלסבורג און זײַנען אין אַ דאָרף אין וועג באַפֿאַלן און דערהרגעט געוואָרן. לויט אַ גבֿית־עדות איז דורך אַ צופֿאַל אויפֿגעדעקט געוואָרן דער מאָרד — אַ דאַנק אַ געשפּרעך צווישן שקצים בײַ דער אַרבעט: „האבן שקצים דרינן גיערבט [געאַרבעט] שרייט איינר ארויז: אנשיל, אנשיל, גיב מיר ווערפֿיל! — האָב איך תכף משיג גיוועזן דער שקץ מיינט וואש וועגין דען אנשיל הנאבד" (צמח צדק, שו"ת לר' מנחם מנדיל אבד"ק ניקלסבורג, אַמסטערדאַם, תל"ח, סימן מ"ב).

אַזאַרטשפּילן אין ייִדישע פֿאָלקסלידער

א. קאָרטן און גאָרטן

ווען מיר פֿאַרמאָגן ניט קיין אַנדערע מקורים וועגן אַזאַרטשפּיל בײַ ייִדן, וואָלטן מיר דורכן ייִדישן פֿאָלקסליד וויניק וואָס געלערנט און אינפֿאָרמירט געוואָרן. פֿאַר אַנדערע לעבנס־דערשײַנונגען זײַנען די פֿאָלקסלידער אַ גרויסער, אַ וויכטיקער קוואַל פֿון פֿאָרשונג אויף פֿאַרשיידענע געביטן, בפּרט פֿאַר קולטור־געשיכטע, פֿאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, עטנאָגראַפֿיע און אַפֿילו פֿאַר געשיכטע בכלל.

דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד אַנטפּלעקט דאָך אַזוי פֿיל פֿאַרבאָרגענע און באַהאַלטענע ווינקעלעך פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקס־נשמה. דורך אים דרינגען מיר אַרײַן אין אַ סך פֿאַרהוילענע לעבנס־פֿאָרמען און שטייגערס. פֿאַר וואָס האָט גראָד אַזאַ גרויסער פֿאַקטאָר אין יעטווידן פֿאָלקסלעבן און אויך אין אינדיווידועלן לעבן פֿון מענטשן, ווי ש פּ י ל ן , געהאַט אַזאַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין פֿאָלקסגעזאַנג — דאָס קען איך זיך ניט דערקלערן. איבער הויפּט נאָך, אַז דאָס פֿאָלקסליד האָט פֿאַר אונדז גאַנץ אָפֿט אַנטדעקט ניט נאָר דאָס פֿאַרבאָרגענע נאָר צײַטנווײַז אויך דאָס פֿאַרבאָטענע לויט די פֿאַרצײַטיקע, אָנגענומענע, אָפּ־ציעלע געזעלשאַפֿטלעכע לעבנס־פֿאָרמען, וואָס צו זיי קען מען אויך צורעכענען אַזאַרטשפּילן אינעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן.

אין דעם ייִדישן פֿאָלקסליד האָבן זיך אויפֿגעהיט וויניקער שפּיללידער ווי אין די אַלטייִדישע לידער, וועלכע איך באַהאַנדל אין פֿריערדיקן קאַפּיטל. דירעקטע שפּיללידער זײַנען פֿאַראַן ניט פֿיל. דאָס ביסל וואָס איז פֿאַרבליבן און צונויפֿגעזאַמלט, איז אויך — מיטן אויסנאַם פֿון איין גרעסערן שפּילליד — פֿראַגמענטאַר און פֿאַרבײַגייענדיק. עטלעכע זײַנען נאָר טיילן פֿון ליבע־ און פֿאַמיליע־לידער, דעם הויפּט־מקור און גרונטשטאָף פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד.

דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד קאָנסטאַטירט ראשית דעם פֿ אַ ק ט פֿון שפּילן, איבער הויפּט בײַ די מאַסן און אונטערשטע שיכטן פֿון פֿאָלק, אָבער דער אָפּ־קלאַנג איז אין תּוך אַ נ ע ג אַ ט י וו ע ר . אָט נעמען מיר צב״ש אַ סטראָפֿע פֿון אַ גרעסער יום־טובֿ־ליד, ווו עס ווערט דערמאָנט וועגן שפּילן אום חנוכּה, אַ צײַט, ווען ס׳איז געווען אָפֿיציעל דערלויבט צו שפּילן בײַ אַלע טיילן פֿון פֿאָלק. חנוכּה ווערט מיט רעכט אָנגערופֿן דער ראָש־השנה פֿון אַזאַרטשפּיל בײַ ייִדן. האָט מען געקענט דערוואַרטן, אַז דאָס פֿאָלקסליד זאָל אַנדערש רעאַגירן אויף דעם, דאָך מער ווי סאַרקאַסטישע אָנצוהערעניש, אַז אין דער צײַט ש ל אָ ג ט מען זיך איבער קאָרטן, איז ניט פֿאַרבליבן:

חנוכּה בענטשט מען ליכטלעך אכט,
דערפֿאַר ווערן גוטע לאַטקעס געמאַכט.
אַ גאַנצע וואָך טוט מען הלל זאָגן,
און בחורים און נערות טוען זיך איבער די קאָרטן שלאָגן.
אָך ווי וווֹיל און אָך ווי גוט
איז דאָך צו זײַן אַ ייִד! [1]

אָבער געשפּילט האָט מען בײַ ייִדן ניט נאָר חנוכּה, נאָר אויך אַ גאַנץ יאָר. עס איז געווען אָנגענומען בײַם מיטלשטאַנד און בײַ עמך, בײַם פּשוטן פֿאָלק, בײַ סוחרים אָדער בעלי־מלאָכות, צו מאַכן אַ קערטל — נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אָדער האַוועניש. שפּילן איז יעמאָלט געווען פּשוט אַ מיטל פֿון אָפּרו און פֿאַרווײַלונג, מער שפּיל ווי אַזאַרט. עס האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אויך ניט געפֿעלט גענוג ליידיק־גייער און פּוסטעפּאַסניקעס אויף דער ייִדישער גאַס, וואָס שפּילן איז געווען בײַ זיי דער איינציקער צײַטפֿאַרטרײַב.[2]

דאָך איז דאָס עצם שפּילן ניט געווען אין גאַנצן אַ ל ע ג אַ ל ע אַמוזירונג בײַ ייִדן. עס האָט עפּעס געשמעקט מיט עבֿרה, ניט ייִדישלעך. מען פֿלעגט קוקן קרום און מיט פֿאָראורטייל אויף קאָרטנשפּילער, אַפֿילו אויף ניט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע. „קאָרטאָווניק“ — איז געווען אַ זידלוואָרט. און שפּילן פֿלעגט מען ניט בריש גלי, נאָר באַהאַלטענערהייט, בסתר. בײַ אַ „גוטן ברודער“ אין הויז, טייל מאָל אויף אַ בוידעם אָדער גאָר אין אַ קעלערשטוב און גאַנץ אָפֿט הינטערן שטאָט אין גערטנער און סעדער, ווי אַ זאַך וואָס מען היט זיך און מען שעמט זיך דערמיט.

ווי אַזוי זאָגט שלום־עליכם:

הײַנט זײַנען קאָרטן אַ וואָכעדיקער גאַנג.
ווו ּ שפּילט מען הײַנט ניט אין קאָרטן? ווען שפּילט מען הײַנט ניט אין קאָרטן און ווער שפּילט הײַנטיקע צײַטן ניט אין קאָרטן?
אַ מאָל, אויב איר האָט אין דעם אַ געפֿיל, האָט מען בײַ אונדז געשפּילט אין קאָרטן נאָר איין מאָל אַ יאָר — חנוכּה. דאָס הייסט, אַז מען וויל צוריק, פֿלעגט מען אַמאָליקע צײַטן כאַפּן אין מיטן יאָר אויך אַ מאָל אַ קערטל, און אַ רעכט קערטל! אַ וואָרעמס! נאָר ווו? בחדרי־חדרים! בסוד־סודות!
... איך האָב אײַך נאָר געוואָלט ווײַזן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפֿיל, ווי ווײַט קאָרטן זײַנען אַ מאָל געווען טריפֿה און ווי ווײַט מען פֿלעגט זיך דאַרפֿן מיט זיי היטן.

(קנאָרטן)

---

[1] גינזבורג־מאַרעק, *Еврейскія народныя пѣсни въ Россіи*, פּעטערבורג, 1901, נומ׳ 39, ז׳ 39.

[2] אַ. מ. דיק שילדערט אין איין אָרט דעם לעבנסגאַנג פֿון אַ ייִדישן ליידיק־גייער אַזוי: „אונ׳ ווי מיר ווייסין דאָס ליידיג גיין איז די מוטער פֿון אַלע זינד. איז אונז שוין לײַכט צוא פֿאַרשטיין דאָס אונזער מאָטקע האָט זיך ניט אָפּ גישטעלט בײַא דיזע קליינינקייטין. האָט אָנגיהויבין צו שפּילין אין לאַפּעצקעס (באָב און צור). דער נאָך אין קערטלאַך. אונ׳ איז זיך אַלזוי פּאַמאַליינקע פֿאַרקראָכין אין העכערע גראַדין פֿון ׳הולטײַסטווע׳“ — די צוויי אונגלײַכע ברידער מאָטקע און הערשקע, ווילנע, תרל״ג, ז׳ 21.

מען האָט באַקעמפֿט, למשל, אַ תּקנה קעגן אַזאַרטשפּילן פֿון אַדריאַנאָפּאָל אין יאָר 1555 — ווײַל דאָס פֿאָלק האָט די תּקנה ניט אָקצעפּטירט און ניט אויסגעפֿאָלגט, שפּילנדיק באַהאַלטענערהייט, ווו עס האָט זיך נאָר געמאַכט: „כי היו משחקים בהחבא, בגנות, בחדרים, במחבואות, בצורים ובמערות. והמשחקים היו בכמות רבים ונכבדים...״[3]

אַזוי האָט אויך אַ מאָראַליסט פֿון 19טן יאָרהונדערט, ר׳ אליעזר פּאַפּו, געשטראָפֿט די אַזאַרטשפּילער, וואָס פֿאַרלירן זייערע טעג און יאָרן, זייער האָב און גוטס בײַם שפּיל וואָס ווערט געטריבן אין „הײַזער, גערטנער און ווינקלען״. („ואומנותם בכך לאבד כמה לילות וכמה ימים בשחוק בבתים ובגנות ובקרנות ומשקעים כמה ממון וכמה נפשות״).[4]

אַ פּאָר לאַקאָנישע קאָרטנלידלעך לערנען אונדז אין דעם פּרט זייער אַ סך. זיי באַלײַכטן אַגבֿ אורחא אַ שטיק ייִדיש לעבן. ריכטיקער: דעם דראַנג צום לעבן אויף דער ייִדישער גאַס, און דערגאַנצן, דערקלערן און אילוסטרירן אַ קאַפּיטל פֿון אונדזער קולטור־געשיכטע.

אין אַ צווייפֿערזנדיק לידל ווערט געזונגען:

לאָמיר גיין אין גאָרטן,
לאָמיר שפּילן אין קאָרטן,
לאָמיר אָנטאָן די רינגען,
לאָמיר אַ קאַדריל זינגען.[5]

און אין גאָרטן ווערט די ייִדישע יוגנט פֿרײַ, באַפֿרײַט און זאָרגלאָז. מען פֿאַרברענגט די צײַט אויף כּלערליי אופֿנים. מען זינגט, שפּרינגט און מען שפּילט.

דאָרטן, דאָרטן
בײַ המנען אין גאָרטן
זיצט מײַן ברודער און שפּילט אין קאָרטן.[6]

מען שפּילט און מען מאַכט אַ כּוסע אויף. „אַ שנאַפּס מוז׳ן טאָן״. דאָס לידל בכלל איז אַ פּראָדוקט פֿון אַן אומרויִקער צײַט, פֿון מהומה־טעג. עס רעדט זיך וועגן „פּוילן פֿאָרן פֿאַרבײַ, רוסן קומען אָן״ — אפֿשר אַ רמז אויף דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד.

אין שלום־צײַט שפּילט מען דאָך געוויס. און ניט נאָר בחורים, נאָר אויך מיידלעך. אַלע האָבן געשפּילט אין גאָרטן.

דאָאָט זיצט זאָך אַ מיידו אין גאָאָטען
און שפּילט זאָך אין קאָאָטען.[7]

---

[3] ר׳ יהושע צונצין, שו״ת נחלה ליהושע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 1731, סימן י״ז.

[4] זען מײַן אַרטיקל „תוכחת משחק״ אין הדואר, 5טער יאָרגאַנג (תרפ״ו), ז׳ 124.

[5] דער פּנקס (ניגער), ווילנע, תרע״ג, נומ׳ 9, זז׳ 409—410.

[6] דאָרט, נומ׳ 19, ז׳ 384.

[7] נח פּרילוצקי, ייִדישע פֿאָלקס־לידער, 2טער באַנד, וואַרשע, תרע״ג, נומ׳ 106, ז׳ 5. דאָאָט=דאָרט, גאָאָטען=גאָרטן, קאָאָטען=קאָרטן.

אין דער זאַמלונג: ייִדישע פֿאָלקס־לידער, מאָסקווע, 1940, ז׳ 229, הייבט זיך אָן דאָס ליד אַזוי:

מיט דעם פֿערז הייבט זיך אָן אַ רירנדיק, טרויעריק ליד וועגן אַ ייִדישער זאָרגלאָזער טאָכטער, אַ כּלה־מיידל, וואָס ווערט פּלוצעם אַוועקגעריסן פֿון דעם שרעקלעכן, אומפֿאַרמײַדלעכן טויט. אין אַ צווייטן וואַריאַנט ווערט נאָך בולטער געשילדערט די זאָרגלאָזיקייט פֿון דער שיינער מיידל וואָס מוז אַזוי יונג אַוועק פֿון דער וועלט:

איך, שיין מעטיען, זיץ מאָ [מיר] אין גאָרטין,
זינג מאָ אַ ליד און שפּיל מאָ אין קאָרטין.[8]

אין אַן אַנדער לידל רעדט זיך וועגן אַ ייִדיש מיידל, אַ קאָרטנשפּילערין:

חנה פֿאַנע
שנאָרעוואַנע —
זיצט אין גאָרטן
שפּילט אין קאָרטן.

וואָס זי געווינט
גיט זי 'ן הינט.
וואָס ז'איז מיתר
גיט זי 'ן קאַטער.[9]

אויך אַ פֿאַרלאָזטע פֿרוי באַוויינט איר ביטערן מזל בײַ אַ מאַן אַ קאָרטנ־שפּילער וואָס וויל מיט איר ניט ווױנען, נאָר ער זיצט אין גאָרטן און שפּילט „קאָרטן גאָר אַ סך“:

מײַן מאַן שלמה
וויל נישט מיט מיר וווינען
און פֿאַר וואָס ווייס איך נישט.

ער זיצט אין גאָרטן,
ער שפּילט אין קאָרטן
און מיט מיר וווינען וויל ער נישט.

איך בעט אים יעדן טאָג
איך בעט יעדע נאַכט
און דערפֿאַר שפּילט ער קאָרטן גאָר אַ סך.[10]

עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די „גאָרטן־קאָרטן“ אין די אַלע אויבן געבראַכטע פֿערזן זײַנען אַ צופֿאַל, צוליב גראַם־שטראָם וועגן און ניט מער, אָן אַ וואָסערער עס איז טיפֿערער באַדײַטונג. אין דער אמתן אַנט־

זיץ איך מיר אין טאַטנס גאָרטן,
שפּיל איך מיר, שפּיל אין קאָרטן,
קומט אַרײַן אַן אַלטער מאַן
אין ווײַסע קליידער אָנגעטאָן.

[8] נח פּרילוצקי, דאָרט, נומ' 107, ז' 13.

[9] רשמות, כרך ו, ז' 438. זען דאָרט די דערקלערונגען צום לידל.

[10] געהערט דאָס לידל פֿון אַבֿרהם דוקער. מען פֿלעגט עס זינגען מיט אַ מעלאָדיע אין ריפּין, פּלאָצקער גוב', פּוילן. ער האָט אָבער, אויף מײַן בקשה, ניט געקענט, נישט געקוקט אויף די באַמיִונגען בײַ זײַנע ריפּינער לאַנדסלײַט אין ניו־יאָרק, פֿעסטשטעלן צי עס איז דאָס גאַנצע ליד, אָדער נאָר אַ פֿראַגמענט. אויך בין איך נישט זיכער אין דער גענויקייט פֿון דער לעצטער סטראָפֿע.

פֿלעקן פֿאַר אונדז דורך אַגב די פֿאָלקסלידלעך אַ שטיק ייִדישע קולטור־געשיכטע.

דער גאָרטן האָט געשפּילט אין אַלע צײַטן אַ גרויסע ראָלע אויף דער ייִדישער גאַס. עס איז געווען דאָס אַנטרינונגס־אָרט פֿאַר די אַלע וועלכע האָבן געגאַרט נאָך אַ ביסל פֿאַרגעניגן און עולם הזה, אָדער גאָר נאָך אַ קאַפּעלע ריינער פֿרישער לופֿט; פֿאַר די אַלע וואָס האָבן געוואָלט אַ ווײַלע זיך באַפֿרײַען פֿון דעם שווערן לעבנסיאָך, אַרויסרײַסן זיך און אַנטלויפֿן אויף אַ ווײַלע פֿון די ענגע מויערן פֿון דער ייִדישער גאַס און פֿון דעם שטרענגן רעליגיעזן לעבן פֿון שטוב. איבער הויפּט פֿאַר די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס, בעלי־מלאָכות און לערנייִנגלעך, געזעלן, משרתים און דינסטמיידלעך איז דער גאָרטן געווים געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו מען האָט געקענט פֿרײַ אָטעמען און פֿרײַ זײַן בכלל.

אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע פֿאַרנעמט דער קאַמף אַנטקעגן „שפּאַצירן גיין“ אין גערטנער און מחוץ דער שטאָט, איבער הויפּט אין שבתים און ימים־טובים, גאָרניט קיין קליין אָרט.[11] מיר געפֿינען תקנות פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן און פֿאַרשיידענע לענדער אַנטקעגן דעם גאָרטן און די שפּאַצירפֿלעצער.[12]

---

[11] האָט נאָך דער רמב״ם אין יד החזקה קאַנאָניזירט אַ געזעץ, אַז בית־דין זאָל באַשטימען וועכטער וואָס זאָלן אויפֿפּאַסן אויף דער מאָראַלישקייט פֿון די וואָס פֿאַרזאַמלען זיך יום־טוב אין גערטנער און עפֿנטלעכע פּלעצער: „חייבין בית־דין להעמיד שוטרים ברגלים שיהיו מסבבין ומחפשין בגנות ובפרדסים ועל הנהרות כדי שלא יתקבצו לאכול ולשתות שם אנשים ונשים ויבואו לידי עבירה“ (הלכות יום־טוב, פּ׳ ו, כא). איבער די רעליגיעזע מאָטיוון וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט גאָרטן און שבת זען אויך לעוו, לעבנסאַלטער, ז׳ 344.

[12] ווי אַן אילוסטראַציע וועל איך זיך באַנוגענען נאָר מיט עטלעכע בײַשפּילן: אין די תקנות פֿון דעם אינדזל קאַנדיע פֿון דעם 13טן יאָרהונדערט ווערט געבראַכט דער אינטערעסאַנטער פֿאַקט, אַז שבת און יום־טוב פֿלעגן אַ סך אַנשטאָט צו גיין אין שול גאָר אַוועקגיין אין גערטנער און פֿאַרקן, אויך צום ברעג ים, אַז עס פֿלעגט צײַטנווײַז פֿעלן אַ מנין צום דאַווענען. דעריבער האָט מען שטרענג פֿאַראָרדנט: „שמהיום הזה והלאה לא יהיה רשאי שום אדם מאנשי קהלתנו לצאת בשבתות וחדשים ובמועדים מתוך הקהל... אף לא ללכת אל חוץ האניות ולא אל מגרשי העיר“; אין די תקנות פֿון פּראָג 1612 איז די באַגרענעצונג נאָר אַנטקעגן „הויז טעכטיר אָדר פֿרעמדי בתולות זאָלן פֿון הויט [הײַנט] אָן ווייטר קייני שפּצירן גין עש זייא אליינד, אדר זעלב בנדר“; אין אײַזנשטאָט, אונגערן, האָט מען אין יאָר 1730 פֿאַרווערט גיין שפּאַצירן אַלעמען, אָן אויסנאַם, ווײַל „כמה תקלות וקלקלות קומן מחמת אז נערים ובתולות אנשים ונשים גיין לטייל בשבת וי״ט חוץ לרחוב היהודים קומט מזה גרוש פריצות מלבד חילול שבת ויו״ט“. דאָס זעלבע אָן ערך פֿאַרווערן אויך די סטאַטוטן פֿון עלזאַס פֿון יאָר 1777, אונטער אַ גרויסער שטראָף: „פֿרבאטין איזט שלא ילכו נערים ובתולות יחד לטייל בשבתות וי״ט הן בתוך העיר הן חוצה“.

ווי נאַיִוו איז די האָפֿענונג פֿון דעם בעל ה„חינוך“, ר׳ אַהרן הלוי דער באַרצעלאָנער אין זײַן הקדמה, אַז דער ספֿר וועט אָפּהאַלטן די יוגנט פֿון אַרומבלאָנקען ווילד איבער די גאַסן אין שבת און יום־טוב: „הלא בסדר תרי״ג מצוות על דרך הסדרים אולי יתעוררו יותר בהן מתוך כך הנערים. ישימו לב בהם בשבתות וחגים, וישובו מהשתגע ברחוב הערים“!

אָבער כּדי בעסער און גרינטלעכער צו פֿאַרשטיין די אויבן געבראַכטע פֿאָלקסלידלעך מיטן גאָרטן, זען בפֿרט ע׳ ג. פֿרענקס, „די מלחמה קעגן דער הפֿקרות אין אַמאָליקן וואַר־

אויך אין דער מוסר־ליטעראַטור געפֿינען מיר אָפֿטער אַ גאַנץ ענערגישן קאַמף קעגן שפּאַצירן גיין, דאָס זעלבע אויך אין מעשׂיות פֿון חסידים.[13]

ב. ליבע און קאָרטן

אין ליכט פֿון אַמאָליקן ייִדישן שטרענגן לעבנס־שטייגער האָט דער גראָם „גאָרטן־קאָרטן" אַ גאַנץ אַנדער געוויכט, אַ רעאַלע באַדײַטונג. טאַקע נאָר בײַ „המנען אין גאָרטן", וואָס מיינט אַ מאָל דעם פּריצס גאָרטן אָדער אַן אַנדער גויִישן גאָרטן, האָט מען געקענט, ווײַט פֿון דעם וואַכיקן אויג פֿון אַלערליי „גאָטס קאָזאַקן", זיך פֿרײַ אונטערהאַלטן און טאַקע אויך שפּילן אין קאָרטן, וואָס איז אויך, ווי שוין אויבן באַמערקט, ניט געווען פֿון די גאָר אין גאַנצן דערלויבטע פֿאַרגעניגנס.

ווי ענטפֿערט אַ מיידל ווען מען פֿרעגט זי:

— חיה שׂרהלע, חיה שׂרהלע,
ווו ביסטו געוועזן?
— איך בין געוועזן אין גאָרטן.
— חיה שׂרהלע, חיה שׂרהלע,
ווו ביסטו געוועזן?
— איך האָב געשפּילט מיט משה
מאָטקען אין קאָרטן.[14]

און דאָרטן טאַקע, אין גאָרטן אָדער אין סאָד, פֿלעגט מען ניט נאָר פֿאַרברענגען אין שפּילערײַען און שטיפֿערײַען, פֿאַרטרײַבן די צײַט מיט פֿאַרווײַלונגען, קאָרטן און אַזאַרטשפּילן, נאָר אויך אָנגעהויבן שפּילן אַ ליבע. עס איז דאָך געווען פֿון די געציילטע פּלעצער, ווו עס פֿלעגט זיך אומגעשטערט נעבנטער צוזאַמענטרעפֿן דאָס ייִדישע יונגוואַרג פֿוןביידע געשלעכטן, ווו מען האָט געקענט צוזאַמען זינגען און טאַנצן, אויסטוישן זיך מיט אַ וואָרט און אַ געדאַנק, ווי מען זינגט טאַקע אין אַ ייִדיש ליבעליד:

פֿון וואַנען הייבט זיך אָן אַ ליבע?
פֿון ריידן, פֿון שמועסן, פֿון לאַכן.

שע" (אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט), אין אַלמאַנאַך צום 10־יאָריקן יובילעאום פֿון „מאָמענט", וואַרשע, 1921, זז' 102—104. די לידלעך זײַנען דאָך אַ פּראָדוקט פֿון דעם באָדן, פּ ו י ל ן, און זיכער אויך בערך פֿון יענער צײַט.

[13] כאַראַקטעריסטיש, און ווײַטער פֿאַר פּוילן, איז די מעשׂה, וואָס די חסידים דערציילן אויף דעם גאָסטינינער רבין ר' יחיאל מאיר, אַז יעטווידער אָנהייב זומער פֿלעגט ער, עולה זײַענדיק לתּורה, זאָגן: „אהובֿי יהודים, ווען דער ליבער זומער קומט אָן, שטעלן זיך מיר האָר און נעגל אויף, עס גייען שפּאַצירן נערים בחורים". ער פֿלעגט זיי מוסרן און אײַנאָרדענען שבת־חבֿרות צו לערנען, שיח שרפי קודש, לאָדזש, תּרפּ"ח, ז' 39.

[14] ש. באַסטאָמסקי, „מאַטעריאַלן צום ייִדישן פֿאָלקלאָר", פּנקס, ווילנע, תּרפּ"ג — 1922, שפּ' 939—940, XVII, פֿאַרשיידענע, נומ' 9.

און אַזוי אַרום האָט זיך אויף געוויס אָנגעהויבן שפּינען און וועבן יענע רעטעניש־ליד וואָס איז אין תּוך אַ ליבעליד, ווי ענלעכע לידער בײַ אַנדערע פֿעלקער.

— מיידל־לעבן, קרוין־לעבן,
איך בין געקומען אַ רעטענעם פֿרעגן:
וואָס פֿאַר אַ וואַסער איז אָן זאַמד,
און וואָס פֿאַר אַ מלך איז אָן אַ לאַנד?
—נאַרישער בחור, נאַרישער טראַפּ,
דו האָסט ניט קיין שׂכל אין דײַן קאָפּ:
די וואַסער פֿון אויג איז אָן זאַמד.
דער מלך פֿון קאָרטן איז אָן אַ לאַנד.[15]

אָבער ניט אַלע מאָל קומט פֿון דער ליבעשפּיל אַרויס אַ גליקלעכער סוף. עס זײַנען דאָך אויך דאָ אָפּגענאַרטע און אַנטוישטע ליבעס. אַן אומגליקלעכע ייִדישע טאָכטער באַקלאָגט איר פֿאַלשן געליבטן און זײַן אומגעטרײַע ליבע, צוגלײַכנדיק זיך, איר לעבן און וועלט צו דעם לעבן פֿון אַ קאָרטאָווניק:

וואָס זשע טויג מיר דײַנע פֿאַלשע קוסן,
אַז הייראַטן וועסטו דאָרטן?
איך האָב פֿאַרשפּילט אַזאַ טרײַע ליבע,
אַזוי ווי אַ קאָרטעוווניק אין קאָרטן.

אַ קאָרטעוווניק שפּילט אין קאָרטן,
פֿאַרשפּילט ער דאָך נאָר געלט
און איך האָב פֿאַרשפּילט אַזאַ טרײַע ליבע,
און אַ גליקלעכע וועלט.[16]

אין אַנדערע וואַריאַנטן פֿון דעם ליד באַוויינט די אַנטוישטע געליבטע ניט נאָר וואָס זי האָט פֿאַרשפּילט איר טרײַע ליבע און אַ גליקלעכע וועלט, נאָר באַוויינט דער עיקרשט אירע פֿאַרשפּילטע יונגע יאָרן, וועלכע קענען זיך שוין מער קיין מאָל ניט אומקערן:

איך האָב מיר געפֿלאַנצט אַ ווײַנגאָרטן, אַ ווײַנגאָרטן,
דער ווײַנגאָרטן איז מיר ניט געראָטן;
איך האָב פֿאַרשפּילט מײַנע יונגע יאָרן,
אַזוי ווי אַ קאָרטאָווניק אין קאָרטן.

---

[15] גינזבורג־מאַרעק, נומ׳ 357, ז׳ 315; וואַריאַנטן בײַ י. ל. כּהן, ייִדישע פֿאָלקסלידער, ניו־יאָרק, 1920, 2טער באַנד, זז׳ 165 און 169. פֿאַרגלײַך אויך זײַן אײַנלײַטונג צום ערשטן באַנד, ז׳ XXII. דער אויספֿיר: „בײַ אונדז זײַנען זיי פּשוטע רעטעניש־לידער", ווײַל „עס פֿעלט אָבער אין זיי דער הייראַטס־מאָטיוו" איז נאָך אַ ספֿק, אַ דאַנק דעם וואַריאַנט בײַ נח פּרילוצקין, דצ״וו, ז׳ 112, וווּ עס האָט זיך אויפֿגעהיט דער חתונה־מאָטיוו: „איך בין קלוג, און דו ביסט קלוג, טאָ לאָמיר ביידע שווײַגין, לאָמיר גיין צום טאַטין און מאַמין לאָזין זיי תּנאים שרײַבין".

י. ל. כּהן האָט שפּעטער געבראַכט אַ וואַריאַנט מיט אַן אַרײַנפֿיר־סטראָפֿע, וואָס איז סותר זײַן פֿריִערדיקע הנחה וועגן דעם רעטעניש־ליד: „אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע פֿון פּוילן געקימען און האָט זיך, און האָט זיך אַ מיידעלע גענימען", ייִוואָ־בלעטער, ב׳ II, נומ׳ 16, ז׳ 220.

[16] דער פּנקס (ניגער), נומ׳ 7, ז׳ 401.

אַז אַ קאַרטאָווניק פֿאַרשפּילט אין קאָרטן,
פֿאַרשפּילט אין קאָרטן,
פֿאַרשפּילט ער דאָך נאָר דאָס געלט;
איך האָב פֿאַרשפּילט מײַנע יונגע יאָרן,
און דערצו אַזאַ שיינע וועלט! [17]

אָדער:

אַ קאַרטעטשניק פֿאַרשפּילט, פֿאַרשפּילט ער געלט,
און געלט קען מען צוריק געווינען;
איך האָב פֿאַרשפּילט מײַנע יונגע יאָרן
און קען זיי צוריק ניט געווינען.[18]

נאָך טרויעריקער איז דאָס לעבן און דער גורל פֿון דער ייִדישער טאָכטער ווען זי זעט זיך אַרום צו שפּעט און ווערט אָפּגענאַרט נאָך דער חתונה:

אַ חתן מיט אַ כּלה	געהוליעט האָבן זיי,
האָבן חתונה געהאַט;	געפֿרייט זיך צו זאַט.

און גלײַך אויף מאָרגן נאָך דער חתונה דערפֿילט זי איר גוטע מערכה, איר אומגליק, ווי זי איז אַרײַנגעפֿאַלן צו אַ מאַן אַ טויגענישט, אַ שכּור און אַ קאַרטאָווניק מיט וועמען זי איז פֿאַרמשפּט צו האָבן אַ וויסט לעבן:

דער מאַן שפּילט אין קאָרטן,
ער שכּורט אָן אַ גרונט,
ער ליגט שטענדיק דאָרטן,
ער הערט איר ווי אַ הונט.[19]

ג. פֿאַרשפּילטע לעבנס

ווי אַזוי דאָס פֿאַמיליע־לעבן פֿון אַן אַזאַרטשפּילער (אין דעם פֿאַל איז דאָס אַ געוועזענער ראָש־הקהל און אָנגעזעענער בעל־הבית) ווערט מדרגהוויַיז אין גאַנצן חרובֿ, שילדערט אונדז נאָך בולטער אַן אַנדער פֿאָלקסליד: „דער

---

[17] י. ל. כּהן, דצ״וו, ערשטער באַנד, ז׳ 160; פּנקס, ניו־יאָרק, באַנד I, נומ׳ 28, ז׳ 98; די ערשטע סטראָפֿע אויך בײַ גינזבורג־מאַרעק, דצ״וו, נומ׳ 143, ז׳ 114; אין די זאַמלונגען ייִדישע פֿאָלקס־לידער, קיִעוו, 1938, ז׳ 421; מאָסקווע, 1940, ז׳ 149, געפֿינען מיר אַזאַ נוסח:

איינעם איז דאָך זייער גוט,
דעם אַנדערן איז נאָך בעסער,—
פֿלאַנצט ער זיך אַ ווײַנגאָרטן;
און איך האָב דאָך פֿאַרשפּילט מײַנע יונגע יאָרן,
אַזוי ווי אַ קאַרטיאָזשניק אין קאָרטן.

אויך האָבן מיר פֿון דער סטראָפֿע אין ניו־יאָרקער פּנקס, נומ׳ 55, ז׳ 116, אַזאַ וואַריאַנט:

כ׳האָב מיר געפֿלאַנצט אַ ווײַנגאָרטן,
דער ווײַנגאָרטן איז מיר ניט געראָטן;
כ׳האָב פֿאַרשפּילט מײַן זיס לעבן,
ווי אין אַ פּעשל קאָרטן.

איבערגעדרוקט אויך אין ייִדישע פֿאָלקסלידער, 1940, ז׳ 147, נאָר אַנשטאָט אַ פּעשל שטייט אַ טעשל קאָרטן.

[18] י. ל. כּהן, דצ״וו, ז׳ 159. פֿ״גל אויך שאַצקי אין ייִוואָ־בלעטער, ב׳ VII, ז׳ 51.

[19] גינזבורג־מאַרעק, דצ״וו, נומ׳ 276, ז׳ 232.

קאָרטנשפּילער" — דאָס איינציקע גרעסערע שפּיללִיד וואָס מיר האָבן דערווײַל אין דעם גרויסן אוצר ייִדישע פֿאָלקסלידער.

די פֿראַגמענטאַרע און גאַנצע נאָר קורצע לידלעך איבער שפּילן זײַנען, ווי שוין דערמאָנט, פֿון פּוילן און ליטע. דאָס גרעסערע ווײַטער ציטירטע ליד איז פֿון אונגערן און סלאָוואַקײַ. עס האַלט 10 סטראָפֿעס און איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם סלאָוואַקישן ייִדיש.[20]

עס איז אַן אַלגעמיין שפּיללִיד מיט אַ מוסר־השׂכּל קעגן אַזאַרט־שפּילן, וואָס פֿירן סוף־כּל־סוף דעם מענטשן צום חורבן פֿון זײַן האָב־און־גוטס, צום חורבן פֿון זײַן אייגן לעבן און פֿון זײַן פֿאַמיליע, פֿירן צום תּהום.

גלײַך צום אָנהייב באַרימט זיך דער קאַרטאָווניק אַפֿילו:

ווער איז מיר גלײַך,
אַף דער גרויסן ערדנוועלט,
באַלד אָרם באַלד ווידער רײַך,
באַלד טאַשן לער באַלד פֿולער געלט,
דעם קאָרטנשפּילן איז מײַן נחמה,
כאָטשוין איך פֿעליר פֿון מיר דע נשמה,
באַלד זיץ איך אין גרויסע פֿראַד [=פֿרייד],
ע שעה דרויף קריכן אַף מיר ערום גרויסע לאַד [=לײַד].

(סטראָפֿע 1)

אַזוי בײַטן זיך די לייד און פֿרייד פֿון אַ שפּילער. דאָס געווינען און פֿאַר־שפּילן זײַנען אויפֿן וואָגשאָל. אַ מאָל גליקט און מערערע מאָל ניט, ביז ער האָט „שוין צו לעבן גאָר קאַ לוסט":

הײַנט איז מײַן גליקלעכער טאָג,
דעם געלט קלינגט שוין ווידער אין זאַק.
מאָרגן שטעל איך שוין ע פֿראַג:
„לײַטס מיר עפּעס אַף מײַן געלבן פֿראַק".

(סטראָפֿע 3)

אין די סטראָפֿעס 4—5 ווערט אויסגערעכנט אַ וואָך לעבן פֿון אַ שפּילער, אין וואָס עס באַשטייען זײַנע טעג און ווי זיי פֿאַרלויפֿן. איין טאָג פֿאַרמאָגט ער נאָך אַ פּאָר פּײַעס, לויפֿט ער אַהיים אַן זאָרג — דעם אַנדערן טאָג פֿאַר־שפּילט ער.

מיטוואָך פֿאַרקאָף איך מײַן ביסעלע פּעצן
און טו מיך גלײַך צו דע קאָרטן זעצן.

אַזוי כּסדר ביז פֿרײַטיק, ווען ער ווערט אויס מענטש פֿאַר מורא טאָמער וועט ער ניט קריגן אין ערגעץ געבאָרגט אויף שבת צו מאַכן, ווײַל דער איינציקער געבענטשטער טאָג פֿאַר אים איז שבת, ווען ער האַלט זיך אָפּ פֿון שפּילן:

---

[20] ד״ר ישׂראל חיים טאַגליכט: „לידער פֿון אונגערן און דער סלאָוואַקײַ" אין די פֿילאָ־לאָגישע שריפֿטן, ייִוואָ, ב׳ III, ווילנע, 1929, שפּאַלטן 310—312.

שבת איז מײַן בעסטע צײַט,
זיץ איך ניקס אין איבליקייט,
בלײַב איך בײַ מײַן ביסעלע געלט,—
אַזוי ברענג איך צו מײַן זינדיקע וועלט.

די סטראָפֿעס 6—7 שילדערן דעם שפּילער ווען ער פֿאַרלירט אַלץ און האָט שוין אַפֿילו ניט מיט וואָס צו שפּילן. יעמאָלט הייבט ער אָן אַרומצוקוקן זיך אויף וואָסער וועלט ער איז. ער באַקומט „גאָר איין אַנדערן זין", באַזינט זיך, אַז איידער „צו שפּילן איז בעסער צו האַנדלען". אָבער ניט לאַנג געדויערט זײַן תשובֿה; ער האָט תּיכּף חרטה. אַזאַרט איז שוין אין זײַן בלוט, קאָרטן גייען אים שוין ניט אַרויס פֿון געדאַנק, ער האָט ניט „קאַ רו און קאַ ראַסט". ווער רעדט „צו האַנדלען האָב איך גאָר קאַ [=קיין] געדולד". עס העלפֿט ניט, די קליפּה פֿון שפּילן איז גובֿר און ער קוקט שוין ווידער אויס נאָר אויף דעם קאָרטן־געווינס. ביז אין איין שיינעם טאָג פֿאַרלירט ער אַלץ ביז דאָס לעצטע, אַפֿילו זײַנע קליידער וואָס ער טראָגט אויף זיך.

ער קערט זיך אום צו זײַן פֿרוי און היים. דער שלום־בית ווערט אין גאַנצן צעשטערט. עס קומט צו געשלעגן צווישן ווײַב און מאַן:

דען אַנדערן טאָג קום איך עהאַם צו גיין
גאַנץ אָנע געלט און אָנע געוואַנט,
מײַן ווײַב טוט מיך פֿון אויבן ביז עראָפּ אָנזען,
און כאַפּט ע אײַזערנען טאָפּ אין דע ראַכטע האַנט,
זע דערווישט מיך גאָר קיין אונטערלײַב
און שלאָגט מיט מיר ערוים ע שײַב.
זי זאָגט: דו נעמסט מיר מײַן ביסעלע מוט
און פֿאַרשפּילסט מיר דאַבײַ מײַן האָב און גוט.

(סטראָפֿע 8)

דאָ האָבן מיר צו טאָן, ווי עס איז צו זען, מיט אַ ייִדענע אַ בריה, אַן אשת־חיל, וואָס קען איר שטעטל אַליין באַשטיין, באַהאַנדלט איר מאַן דעם קאָרטנשפּילער „גאַנץ אָנע רחמנות" און ברעכט אים נאָך גוט אָן די ביינער. אין אַלטן שפּיליד און אין אַנדערע דאָקומענטן ווערט געשילדערט פֿאַרקערט: ווען דער מאַן קומט אַהיים אַ פֿאַרשפּילטער, לאָזט ער אויס זײַן כּעס און רוגז צו זײַן ווײַב און שלאָגט זי גאָר אָן. די ווײַב, אַקעגן, באַנוגנט זיך מיט זידלען און שילטן.[21]

אָבער אַפֿילו דאָס פֿאָלקסליד וויל האָבן, אַז שלאָגן זאָל בלײַבן די פּרי־ווילעגיע פֿון „שטאַרקן געשלעכט". און דער געשלאָגענער און נידערגעשלאָ־גענער מאַן טרייסט זיך אַלץ, אַז עס וועט נאָך אויך זײַן שעה קומען:

וואַרט, ווען איך אַנמאָל איבער דיר קום,
שלאָג איך דיך טאָב [=טויב], שטום און קרום!

(סטראָפֿע 9)

---

[21] זען אויבן זז׳ 25—26.

צום סוף פֿאַרענדיקט דאָס פֿאָלקסליד מיט אַ מוסר־השׂכּל, וואָס פֿון אַ קאָרטנשפּילער קען אַלץ ווערן, ווי אַזוי ער פֿאַלט אַלץ נידעריקער פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן לייטער און ווערט „דער לעצטער מענטש" אויף גאָטס וועלט:

ברודער־לעבן נעם דיר ע בייַשפּיל פֿון מיר,
ווי מיך דע קאָרטן האָט ערונטערגעזעצט,
הייַנט ע יאָר וואָר איך בייַ דיר
און האָב מיך מיט דיר ערומגעהעצט,
איך וואַר ראָש־הקהל, דו וואַרסט שלויפֿשטעטער,
איך האָב געשריבן, דו האָסט געסעקעט ברעטער,
הייַנט בין איך דער לעצטער מענטש
און דו ביסט געוואָרן פֿון גאָט געבענטשט.

(סטראָפֿע 10)

אין איין פּרט איז דאָס פֿאָלקסליד אויסגעהאַלטן: עס דערפֿירט דעם לעבנס־וועג פֿונעם „לעצטן מענטש", ביז דעם איינציקן לאָגישן סוף — צו דעם ענד־גילטיקן ריס אין דער משפּחה. די פֿרוי פֿון אַן אַזאַרטשפּילער איז דאָך אַלע מאָל די לייַדנדיקע, די געקריוודעטע, וואָס טראָגט אין זיך איר צער און באַ־לייַדיקונג. ווען דער מאַן איז אַ פֿאַרלירער — איז די פֿרוי אַ פֿאַרלוירענע; דער מאַן אַ שפּילער און אַ פֿאַרשפּילער — איז דאָס לעבן אירס פֿאַרשפּילט.

אין אַזאַ פֿאַל זעט נישט די אומגליקלעכע פֿרוי קיין שום אַנדער אויס־וועג ווי צו באַפֿרייַען זיך פֿון איר מאַן דעם אַזאַרטניק וואָס מאַכט חרובֿ זייַן און איר וועלט דורך צערייַסן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל די משפּחה־קייטן, און איר אויסלייזונג איז אַ גט.

גטן צוליב מענער קאָרטאָוניקעס זייַנען גאַנץ אָפֿטע דערשייַנונגען און געוויינטלעכע פּאַסירונגען אין לעבן, עס איז אַזוי אַלט ווי דאָס אַזאַרטשפּילן אַליין.

נישט ווייניק פֿאַקטן ווערן געבראַכט אין די שאלות און תּשובֿות, די לעגאַליסטישע דאָקומענטן פֿון לעבן, און אין אַנדערע פֿאָרמען פֿון ליטעראַטור.[22]

---

[22] זען אויספֿירלעכער אין מייַן: „לתולדות המשחק בישראל", „שלום־בית", אין חורב, ירושלים־ניו־יאָרק, תּרצ"ד, כּרך א, חוברת א, 82—91. זינט די אַרבעט איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן זייַנען מיר צוגעקומען נאָך אַ סך מקורים. אָבער דאָ וויל איך אָנווייַזן אויף די צוויי: 1) ר' אַבֿרהם פּאַלאַגי' האָט אין אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן לכּבֿוד אַ ספֿר־תּורה־פֿייַערונג אין אַלגאַזי, שבת, י' חשון, תּרל"ז (1876), געווענדט דעם גרעסטן טייל פֿון זייַנע שטראָף־רייד, קעגן דער קאָרטן־מגפֿה, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן די דאָרטיקע ייִדן, און ער ברענגט אַ ריי פֿאַקטן וועגן צעשטערטן שלום־בית און צעבראָכענע פֿאַמיליע־לעבנס: והרבה גירושין בין איש ואשתו הביאו השחוק דמכר כלי ביתו ומה שהכניסה לו. ואירע בערב שבת, דשחק אדם אחד והפסיד ולא נשאר לו פ"ק [פּרוטה קטנה] ולקח הסיני [געפֿעס] מעל השלחן, דאשתו לא ראתה, דהיתה בתנור והפסיד גם הסיני. ובא עם חשכה, ואשתו סידרה השלחן ע"ג טבלה, והכה מכת מות לאשתו על הסיני וכאלה רבות רעות" (אברהם את ידו, אזמיר תּרמ"ו, חלק ב, זז' י—יא); 2) משה זאַבלאָצקי, אין אַ פֿעליעטאָן „הרגל נעשה טבע" באַשרייַבט אַ פֿאַקט פֿון לעבן (ממעשים שהיו והוים) ווי אַ גוטער אײדעם האָט פֿאַרשפּילט זייַן גאַנצן נדן אין קאָרטן און האָט געמוזט אָפּגטן זייַן ווייַב (המגיד, תּרנ"ב—1891, נומ' 48 זז' 376).

אין אַ פֿאָלקסליד פֿון דער זעלבער געגנט, ווו עס איז געשאַפֿן דאָס אויבן גע־בראַכטע ליד, דער „קאָרטנשפּילער", פֿון בורגנלאַנד,[23] ווערט געשילדערט ווי אַ פֿאַרצווייפֿלטע פֿרוי, אַ קרבן פֿון אַ „שלעכטן מאַן" אַ קאָרטאָווניק וואָס פֿאַר־בײַט זי אויך אויף אַן אַנדערער, קומט צו לויפֿן צום רבֿ און בעט רחמים ער זאָל זי באַפֿרײַען פֿון אים, ווײַל „אָן מזל, אָן פּרנסה איז קיין שלום אַף דער וועלט":

צים רעבי־לעיבן קימט גילאָאפֿן
איין ווײַבעלײַן אין גרעסטער אײַל:
רעבי־לעיבן, עך וויל מאָך שיידן,
ווײַל עך האָב ע שלעכטן מאַן.

ער טיט ניקס, ווי שפּילן דע קאָורטן,
אין דענקט ניט אָן זײַ ווײַב;
אין דאָוס ברענגט מעך צי פֿאַרצווייפֿלונג,
דאָארעם [=דערום] קלאָג איך דיאָר מײַ לײַד.

עזוי ע בעלאָ איז אים ליבער,
ווי זיי זו, דער קראַנק אין שוואך,[24]
פֿאָקן זאָל אים געך ע פֿיבער,
ווען ער האָט דע אָכל אָס.[25]

אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דאָס אַזאַרט־לעבן אין דער יידישער פֿאָלק־פּאָעזיע. גאַנץ אַנדערע מאָטיוון ווערן אַרויסגעבראַכט אין די פֿאָלקסטימלעכע און ליטע־ראַרישע שפּיללידער.

---

[23] ר. סטאַלעק, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, ייִוואָ, ווילנע, 1928, ב' וו, שפּ' 275—276; י. ל. כּהן, ייִוואָ־בלעטער, ב' וו, נומ' 15, זז' 212—213.

[24] בײַ סטאַלעקן איז דער פֿערז קלאָרער:

עזוי ע בעלא איז אים ליבער אלס זיי ווייב
ווי זיי ווייב וואוס קראַנק אין שוואך.

[25] די לעצטע שורה האָבן ביידע ניט פֿאַרשטאַנען, דעריבער געלאָזן נישט דערקלערט. בײַ סטאַלעקן לייענט זיך „ווען ער קריגט דע נאַכל אַס", בײַ כּהנען „ווען ער האָט דע אַכלאַס". אין אמתן באַדאַרף מען לייענען די ווערטער אַזוי ווי איך האָב געשריבן: „דע (אָדער: דען) אכל אס", וואָס מיינט: אַכל=אייכל, אַס=טויז — ווען ער האָט, אָדער באַקומט דעם אייכל־טויז (טויז צלם).

מאָדערנע שפּיללידער

א. ייִדן שפּילן

פּונקט ווי אין די אַלטייִדישע לידער און אין די שפּעטערדיקע פֿאָלקס־לידער, אַזוי פֿאַרמאָגן אויך די הײַנטצײַטיקע פֿאָלקסטימלעכע און ליטעראַרישע לידער גאַנצע שפּיללידער און אומדירעקטע, פֿראַגמענטאַרע, וווּ דאָס אַזאַרט־שפּילן ווערט נאָר דאָ און דאָרטן דערמאָנט פֿאַרבײַגייענדיק.

מיטן אויסדרוק פֿאָלקסטימלעכע לידער ווערן דאָ באַצייכנט די לידער פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָלקסדיכטער, בדחנים־זינגער, לידער־מאַכער און סתם גראַמען־פֿלעכטער, וואָס ווען אַפֿילו זייער ליטעראַרישער ווערט איז, בײַ דעם גרעסטן טייל, גאַנץ קליין און די עסטעטישע הנאה פֿון זיי נאָך קלענער — דאָך האָט אַ באַזונדערן ווערט פֿאַר אונדזער פֿאַרשונג זייער פֿאָלקלאָריסטישע, עטנאָגראַפֿישע און קולטור־היסטאָרישע באַדײַטונג.

אין די פֿאָלקסטימלעכע לידער, איבער הויפּט די בדחנישע, שפּיגלט זיך אָפּ די צײַט מיט אירע פֿירונגען. אַ גרויסער טייל פֿאָלקסטימלעכע זינגער האָבן אויף זיך געקוקט ווי אויף מגידים און מוכיחים. אַזוי ווי די לעצטע, אַזוי האָבן אויך זיי געשטראָפֿט זייער צײַט און דור; רעאַגירט, אויף זייער שטייגער, אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע דערשײַנונגען פֿון לעבן, קריטיקירט זייערע מיט־מענטשן און סבֿיבֿה. אין זייערע דידאַקטישע פֿערזן הערט איר דעם אָפּקלאַנג פֿון די בעלי־מוסר און דעם מגידס שטראָפֿרייד. ביידע זײַנען מוסר־זאָגער און פֿאָלקס־מוכיחים.

אין אַ סך פֿערזן ווו די דיכטער כאַראַקטעריזירן זיך אַליין, געפֿינען מיר (איבער הויפּט בײַ אליקום צונזערן), אַז די פֿאָלקסזינגער און בדחנים האָבן גע־מאַכט דאָס שטראָפֿן דעם דור, מוסרן די סבֿיבֿה פֿאַר זייער הויפּט־אויפֿגאַבע, פֿאַר זייער הויפּטציל; נאָר דורך דעם, האָבן זיי געהאַלטן, פֿירן זיי אויס זייער „ליטעראַרישע" מיסיע, זייער וואָרט־שליחות.

פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי זײַנען אויך ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען גלײַכגילטיק אַזאַ פּראָבלעם ווי אַזאַרטשפּילן אין פֿאָלקסלעבן. בײַ די פֿאָלקסטימלעכע דיכטער גע־פֿינען מיר מערסטן טייל פֿראַגמענטאַרע לידלעך און פֿערזן וועגן שפּילן. זיי האָבן אויף אַזאַרטשפּילן רעאַגירט ניט ספּעציעל און דירעקט, ס'האָט ניט פֿאַרנומען אַן אָרט פֿאַר זיך, נאָר אין די מוסר־לידער האָבן זיי, ווי אויף אַנדערע ניט־געוווּנטשענע לעבנס־דערשײַנונגען און צווישן אַנדערע צײַט־חסרונות, אויך

אָנגעוויזן אויף די שלעכטע ווירקונגען וואָס קומען פֿון טרײַבן אַזאַרט. זיי זײַנען כמעט אַלע, מיט קליינע אויסנאַמען, דורכויס קעגן שפּילן בכלל.

טייל קאָנסטאַטירן בלויז פֿאַרבײַגייענדיק דאָס שפּילן אין קאָרטן, אָבער קאָמענטירן ניט פֿאַר צי קעגן. אַזוי שילדערט יהודה לייב גאָרדאָן (1829—1892), וואָס האָט אַליין אויך ליב געהאַט פֿון צײַט צו צײַט שפּילן אין קאָרטן, אין זײַן סאַטיריש לידל „אַ שידוך אָן אַ שדכן", ווו דעם גבאיס טאָכטער ליבט זיך מיט דעם בעדערס זון, אַ בילדל פֿון דעם ייִדישן מיטלשטאַנד אין זאַמעט. בעלי־בתּים און סוחרים זיצן בײַ נאַכט און מאַכן אַ קערטל:

האַלב פֿאַרשלאָפֿענע אָרעם־בחורים
זיצן אָפּן גאַס...
די בעלי־בתּים און די סוחרים
שפּילן פּוילישע פּאַס.[1]
און דער גבאי פֿון בקור־חולים
רופֿט אוים אָקערשט: מאַטש!
ער האָט בעט געמאַכט דעם עולם
צוגענומען די קאַץ.[2]

אַז ייִדישע סוחרים אַפֿילו פֿון דעם פֿרומען אַמאָל זאָלן זייער פֿרײַע צײַט פֿאַרברענגען בײַ דעם גרינעם טיש — איז ניט געווען קיין נײַס. אויך שוין אין די פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער איז קאָרטנשפּיל צווישן סוחרים געווען פֿון די מעשׂים בכל יום,[3] ווער רעדט נאָך אין גאָרדאָנס צײַטן.

אָט האָט ש. דובנאָוו אין זײַנע יוגנט־זכרונות באַשריבן ייִדישע וואַלד־סוחרים פֿון אַ שטעטל אין מאָהילעווער גובערניע, וואָס זײַנען, צוליב זייער פֿאַרקער מיט פּריצים, געוואָרן וועלטלעכע מענטשן און האָבן אַליין געפֿירט אַ פּריציש לעבן: „מען פֿלעגט זיך פֿאַרזאַמלען אַ מאָל בײַ דעם נגיד, אַ מאָל בײַ אַן אַנדערן און ביז שפּעט בײַ נאַכט שפּילן אין קאָרטן, דאָס רובֿ פּרעפֿעראַנס. ווען די קאָרטנשפּילער האָט מען דערציילט, אַז אָפֿט פֿלעגט זיך די שפּיל פֿאַרציִען ביז באַגינען און די שפּילער פֿלעגן גיין אין שול דאַוונען מיט די קאָרטן, וואָס זײַנען געווען באַהאַלטן אין די טלית־זעקלעך".[4]

---

[1] בײַ דעם וואָרט האָט גאָרדאָן אָט די באַמערקונג: „איין אין זאַמעט באַליבטעס קאָרטנ־שפּיל, וואָבײַ ווען מען אַלע שטיכע צו נעמען האָט, רופֿט מאַן „מאַטש" און ווען מאַן איין אונטערשטיך האָט, הייסט עס „בעט שטעלן". פֿ״גל אויך נ. פּרילוצקי, „שפּיל־לשון", ייִדישע פֿילאָלאָגיע, 1924, ז׳ 92.

[2] שׂיחת חולין, לידער אין דער פֿאָלקס־שפּראַכע, פֿון י. ל. גאָרדאָן, וואַרשע, תּרמ״ו, ז׳ 74.

[3] זען מײַן אַרטיקל „המשחק וצוואות המוסר" אין הדואר, 1930, נומ׳ 14, ז׳ 223. צו די דאָרטן געבראַכטע מקורים איז אויך אינטערעסאַנט צוצוגעבן וואָס ר׳ משה חאַגיז (1671—1751) שרײַבט: „ולעיל הזהיר על הסוחרים. וסמך להם השחוק והתענוג שכן דרך התגרים לאחר שמוכרים הפרקמטיא יושבים לשחוק ומתענגים ברב כל" (משנת חכמים, וואַנזבעק, תּצ״ג, ז׳ צג).

[4] „פֿון מײַן לעבנס־בוך", צוקונפֿט, 1933, ז׳ 414—415. אַ דירעקטער עדות פֿון דער זעלבער סבֿיבֿה און צײַט איז דובנאָווס נאָענטער פֿרײַנד, מרדכי בן הלל הכּהן, צו יענער צײַט אַ טיכטיקער וואַלד־סוחר אין רוסלאַנד, שפּעטער שריפֿטשטעלער און טוער. אין זײַנע זכרונות שרײַבט כּהן, אַז ווען ער האָט באַשטימט אַרויסצוגיין אין דער מסחר־וועלט, האָט ער טאַקע אין דעם זעלבן שטעטל וואָס דובנאָוו דערמאָנט, זיך אויסגעלערנט די קאָרטן־תּורה, ווײַל אַ

נאָר אויב אין ליטע און רײַסן פֿלעגן אַפֿילו וועלטלעכע ייִדישע סוחרים גאָכן אויפֿזײַן אַ משמר איבער דעם „ש״ס קטן״ און דעם „תהלימל״, דאָך גיין דער נאָך, מיטן באַגינען, דאַוונען אין שול, האָט מען אין דער פֿרומער גאַליציע נאָך בעסער זיך אַן עצה געגעבן: מען פֿלעגט שפּילן אין קלויז גופא! באַזינגט בירך שאַפּיר (1858—1915) זײַן היימשטאָט פּרעמיסלע (פּשעמיש אויף פּויליש) מיט אַלע אירע מעלות ווי „זי איז באמת אַ כשרע שטאָט״:

פּשעמיש האָט אַ קלויז אַ גרויסע,
תּורה ועבֿודה לאָזט זיך נישט אויס,
מע בראָט קאַרטאָפֿליעס, מע מאַכט אַ כּוסע,
און קוויטלעך שפּילט מען אויך אין קלויז.[5]

חשובֿער וואַלד־סוחר איז גאָרנישט געמאָלט געווען, אָן אַ גוטער קענטשאַפֿט אין פּרעפֿעראַנס (עולמי, ב׳ II, ז׳ 30).

[5] דער „וויכוח״ מיט שמשון בטלן, אין: מעלאָדיען... געדיכטע אונד ליעדער פֿון בירך שאַפּיר, צווייטער טייל, קראָקע, 1886, ז׳ 36, סטר׳ 12.

צו דעם ענין „קוויטלעך״: אין גאַליציע, ווי באַקאַנט, איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט דאָס שפּילן אין „קוויטלעך״. איבער הויפּט חסידים פֿלעגן, צוליב פֿרומקייט, נישט שפּילן אין געווינטלעכע קאָרטן, נאָר אין ספּעציעל געדרוקטע קוויטלעך. דאָס פּעקל האַלט 24 בלאַט אָן פֿיגורן און מענטשלעכע צורות, אין וואָס מען האָט געזען „קליפּות״, רחמנא לצלן. די קוויטלעך־קאָרטן האָט ספּעציעל געדרוקט די באַרימטע קאָרטן־פֿאַבריק פּיאַטניק פֿון ווין, און מען פֿלעגט זיי דעריבער רופֿן וויציק „פּיאַטניקס ש״ס קטן״; זען אויך די חנוכּה־דערציילונג פֿון הרבֿ אַלתּר מאיר „התחרות עם פיאטניק״ (העולם, תש״ג נומ׳ 12, ז׳ 121), איבער דעם אויפֿקום פֿון „קוויטלעך״ אין מערבֿ־גאַליציע און דעם אויסגעפֿינער פֿון „כּשרע קאָרטן״.

ווי עס האָט מיר מיטגעטיילט דער מוכר־ספֿרים ר׳ דוד פֿרענקל פֿון הוסיאַטין־ווין, הײַנט אין ניו־יאָרק (געהערט נאָך דעם אויך פֿון אַנדערע), רופֿט מען די „קוויטלעך״ אין מערבֿ־גאַליציע מיטן נאָמען „יאָפּקעס״. פֿאַר וואָס מען רופֿט זיי אַזוי, האָט מען מיר ניט געקענט דערקלערן. זיי הייסן אויך אין יענער געגנט „צאַנדזער קוויטלעך״. פּיאַטניקס 24 קוויטלעך־קאָרטן זײַנען טאָפּלט נומערירט פֿון 1 ביז 12, צוויי איינסלעך, צוויי צווייַלעך אאַז״וו. אָנגענומען איז געווען אַ מאָל צו שפּילן אין קוויטלעך, נומערירטע מיט די ציפֿער פֿון 15 ביז 20, פֿאַר אַ נײַנטל, אונטער, אייבער, מלכּה, מלך, טויז. ד״ה 15 פֿאַר דעם נײַנטל אאַז״וו און די פֿאַרבן שעל, רויט, גרין, אייכל פֿלעגן באַצייכנט ווערן פֿון 1 ביז 4. עס זײַנען אָבער געווען פֿאַרברענטע חסידים, אין וועמענס אויגן אַפֿילו נומערן זײַנען געווען טרייף. אַזוינע פֿלעגן די קוויטלעך באַצייכענען מיט די אותיות פֿון א״ב פֿון טו ביז כ און די קאָלירן פֿון א ביז ד (די אינפֿאָרמאַציע האָב איך צו פֿאַרדאַנקען ר׳ יוסף חיים ביגעלאַײַזן פֿון ברוקלין). אָבער ניט נאָר אין גאַליציע האָט מען נישט געשפּילט אין קאָרטן מיט פֿיגורן, נאָר אויך די פֿרומע ייִדן אין ליטע האָבן שטאַרק מקפּיד געווען צו שפּילן אין קאָרטן אָן צורות.

י. ל. גאָרדאָן ברענגט אין זײַנע זכרונות, ווי ער האָט ייִנגלווײַז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן געשפּילט אין קאָרטן, האָט מען אַפֿריִער אָפּגעמעקט פֿון זיי די פֿיגורן און צלמים „ותסר מתוכם את הטלמסאות ואת כל הגליונים אשר שתי וערב בהם ותתן לנו לשחק בהם״ (רשומות, א, 90).

מרדכי בן הלל הכּהן (אונטערן פּסעוודאָנים „גוט־מאָרגן״) באַשרײַבט אין אַ חנוכּה־מעשׂה „קאַרטאָזשניקעס״: „דאָך געדענק איך איין מאָל, ווען איך בין עטוואָס ניט אין גאַנצן געווען, האָט דער זיידע אַליין גענומען און מיר געגעבן שפּילן מיט אַ טעשל קאָרטן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿיגורעס און די טרעפֿערס האָט ער פֿריִער אַרויסגענומען פֿון טעשל: ער וועט דאָך ניט געבן אַ ייִדיש ייִנגל שפּילן מיט געמאָלענע צורות, עפּעס געטשקעס און מיט צלמלעך.



„קוויטלעך“
רעפּראָדוצירט פֿון גאָלדשטיין און דרעזנער, *Kultura i sztuka ludu żydowskiego na ziemiach polskich,* Lwów, 1935, pp. 54-55

דאָס זײַנען, ווי באַטאָנט, אַלץ אומדירעקטע פֿראַגמענטן וועגן שפּילן. די דירעקטע פֿראַגמענטן און גאַנצע שפּיל־לידער וועל איך אַנאַליזירן ווײַטער.

ניט גרויס איז צאָל זײַנען אויך די ריין ליטעראַרישע שפּיל־לידער. בײַ וויניק דיכטער איז דאָס שפּילן געווען אַן אָנרעגונג פֿאַר דער דיכטערישער מוזע, דער קאָרטנטיש אַ מאָטיוו פֿאַר אַן עכט שאַפֿונגסליד, כאָטש דאָס ביסל לידער וואָס ווערן דאָ געבראַכט באַווײַזן, ווי טיף מענטשלעך און שיין דיכטעריש עס קענען זײַן אַזעלכע לידער.

אין אַלגעמיין איז ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז ווען ס׳רובֿ פֿאָלקסטימלעכע לידער זײַנען כּמעט דורכויס קעגן שפּילן, זײַנען אָבער די ליטעראַרישע לידער מער וועגן, ווי קעגן שפּילן. דאָ און דאָרטן הערט זיך וואָס אַן אמת אויך אין די ליטעראַרישע לידער אַ נעגאַטיווער טאָן, נאָר זיי זײַנען ווײַט פֿון יעט־ווידער טענדענץ, ווער רעדט פֿון מוסר־זאָגערײַ.

אַחוץ גאַנצע לידער און דירעקטע פֿראַגמענטן איבער שפּילן, וואָס דאָס וועט ווײַטער קומען צו רייד, געפֿינען מיר אין די ליטעראַרישע לידער אויך אומדירעקטע פֿערזן וואָס באַלײַכטן די שפּילפּראָבלעם פֿון גאַנץ אַנדערע זײַטן.

אין איין ליד פֿון אַ ציקל „אין די בערג“ אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז ליעסין (1938—1872) דאָס ייִדישע זומער־לעבן אין אַמעריקע.

דער ייִדישער „אָפּרו“ אויף די זומער־ווױנונגען איבער גאָר דער וועלט איז באַרימט פֿאַר דעם טומל, הו־האַ, האַוועניש און רולאָזיקייט, אַזוי אַז ייִדן האָבן שוין פֿון לאַנג אָנגעהויבן רופֿן, מער אין ערנצט ווי אין שפּאַס, די זומער־

נאָר דאָך איז דאָס געווען קאָרטן... און איך האָב מיט זיי געשפּילט, און אַפֿילו מיט גרויס פֿאַרגעניגן“ (דער פֿרײַנד, חנוכּה־נומער, פּעטערבורג, 1903, נומ׳ 263, ז׳ 11; איבערגעדרוקט נאָך דעם אין מאַמע־לשון, ווילנע, 1935, ז׳ 59).

אין מײַן זאַמלונג האָב איך צוויי פּעקלעך פֿון פּיאַטניקס קוויטלעך־קאָרטן, 24 בלאַט אין יעדן פּעשל. איין פּעשל איז נומערירט פֿון 1 ביז 12, אין גאַנצן אָן בילדער, דאָס צווייטע איז נומערירט פֿון 15 ביז 20 מיט דער באַצייכענונג פֿון די קאָלירן פֿון 1 ביז 4 און די קאָלירן גופֿא: שעל, רויט, גרין און אייכל.

וואַנדערונג מיטן צונאָמען „גלות דאַטשע". די ייִדישע פּראָזע, די הומאָריסטישע ווי די ערנצטע ליטעראַטור, איז פֿול מיט שילדערונגען וועגן „זומערלעב" בײַ ייִדן, ווי אַזוי דער עולם לאָזט זיך וווילגיין אויף די זומערפֿלעצער.

„אין דעם שויס פֿון דער נאַטור" ווערט פֿאַרשווענדט ס'רובֿ צײַט און ענערגיע אויף כּלערליי אַזאַרט־ און קאָרטן־שפּילן. בײַ אַחינו בני ישׂראל ווערט עס געטריבן מיט אַ באַזונדער לײַדנשאַפֿט פֿון אַלט און יונג, פֿון מאַן און פֿרוי.

ס'קומט דער „וויק־ענד", און די צעהוליעטע, צעבאַלעוועטע ווײַבלעך, וואָס פֿלירטעווען אַ גאַנצע וואָך אַרום מיט פֿרעמדע יונגינקע לײַט, דערוואַרטן, באַ־מערקט דער דיכטער איראָניש, „אין מאַסקעס פֿון צנועות" זייערע „בלייכע סוף־וואָכיקע מאַנען". נאָר אײדער וואָס־ווען, נאָך ניט באַוויזן אַפֿילו אָפּצוווישן דעם שטויב פֿון וועג, ווער רעדט צו שענקען אַ ביסל אויפֿמערקזאַמקייט זייערע גע־סטאַטקעוועטע פֿרויען — הייבן די „סוף־וואָכיקע מאַנען" גלײַך אָן פּראַווען די קאָרטן־עבֿודה:

דאָך אײדער מען קוקט זיך נאָר אום,
און שוין בײַ אַ קערטל צעהיצטע,
זיי זיצן, די מאַנען, אַרום,
און וואַרפֿן מיט ווערטלעך פֿאַרשפּיצטע,
און גלאַנצן מיט פֿליכעס פֿאַרשוויצטע.

דאַן פּאַקן די יונגען שוין ווי
די ווײַבלעך אַהינטער די טירן;
זיי פֿאַלן, ווי דאָרשטיקע, צו,
די לוסטיקע ליבע־וואַמפּירן;
זיי ווילן מיט אַלץ ריזיקירן.

און אונטערן נאָז זיצן „סמאַרט"
אין ניקערס די מאַנען פֿון גלויבן,
און האַקן די קאָרט מיט אַזאַרט,
און טרייסלען די הערנער געהויבן
אַריבער די פֿליכעס פֿון אויבן.[°]

אויך ז. סעגאַלאָוויטש הייבט אָן זײַן פּאָעמע „רעגינע", ווו ס'ווערט גע־שילדערט דאָס ייִדישע דאַטשע־לעבן אין פּוילן, מיט דעם פֿערז:

עס גיסט זיך ליכט בײַ אונדז אין גאָרטן,
עס רוישט אין אונדזער פּענסיאָנאַט;
מען שפּילט אין גרינס, מען שפּילט אין קאָרטן,
מען עסט, מען טרינקט, מען שלאָפֿט צו זאַט.

[°] אַ. ליעסין: „אין די בערג", לידער, צוקונפֿט, 1932, ז' 676 (וויק־ענד); לידער און פּאָעמען, באַנד צוויי, ז' 232, דאָ הייסט דער ציקל „באַרגיידן". ליעסינס אויסדרוק „און טרייסלען די הערנער געהויבן", וועגן די אָפּגענאַרטע מאַנען, וועמען די לײַכטזיניקע פֿרויען שטעלן הערנער, איז אפֿשר באַאײַנפֿלוסט פֿון דעם אייראָפּעיִשן אויסדרוק, אָבער ס'האָט אויך אַן אַלטן העברעיִשן מקור. נאָך עמנואל הרומי רעדט וועגן די אָפּגענאַרטע מאַנען ווי וועגן „בעל הקרנים" און אין דער פֿינפֿטער מאַקאַמע גיט ער איבער אַ גאַנצן שמועס „בענין בעל הקרנים" (זען מחברות עמנואל, אויסגאַבע בראָדי, בערלין, תרפ"ו, ז' קמה—קמו).

די קאָרטנשפּיל פֿאַרנעמט בכלל אין סעגאַלאָוויטשעס פּאָעמע גאָר אַן אַנ־געזעענע אָרט. אַפֿילו באַשרײַבנדיק אַ שטילע, שפּעטע נאַכט אַרום פּענסיאָנאַט, פֿאַרגעסט ער נישט צוצוגעבן:

אין צוויי־דרײַ העלע נישטלעך קאָרטן,
זיי ליגן ברייטלעך אויפֿן גראָז
און טאַנצן שטיפֿעריש אין גאָרטן
פֿון יעדן קליינעם ווינטלבלאָז.

אַ געמיש פֿון גראָז און קאָרטן. דורכגעוועבט איז די גאַנצע פּאָעמע מיט פֿרויענשפּיל און קאָרטנשפּיל.

איך וויל דאָ נאָר אָנווײַזן, ווי סעגאַלאָוויטש האָט אינטויִטיוו באַלעבט דאָס באַרימטע שפּילווערטל „אַז ס׳גייט אין ליבע גייט ניט אין קאָרטן״ אין עטלעכע פֿערזן. איידער ער זעט און טרעפֿט זיך מיט רעגינען:

— — — און אײַל צוריק צו דײַנע שכנים,
צום קאָרטנטיש, צום „נײַנטן וואַל״.
איך שפּיל, איך שפּיל מיט פֿיל בטחון,
איך שפּיל מיט גליק און איך געווין,
נאָר איך פֿאַרשפּיל די שיינע וואָכן,
די צײַט פֿון בעז און פֿון זשאַסמין.

נאָר נאָך איר קומען, ווען זײַן האַרץ ווערט אומרויִק געטראָפֿן פֿון ליבע, „פּײַן און פֿרייד״, איז אַנדערש:

און יענע נאַכט האָט זיך געצויגן
פֿאַר מיר אָן שלאָף... אין קאָרטנשפּיל.
עס לויפֿן אָן די טונקעלע אויגן
און איך פֿאַרקלער זיך... און פֿ אַ ר ש פּ י ל,
און דאַמע רייץ און מלך אייכל,
און נײַנטל פּיק און בובנע טויז.[7]

דאָס שפּילן אין זומער איז נאָר אַ פֿאָרשפּיל פֿאַר ווינטער, דעם אמתן אַזאַרט־סעזאָן. די לאַנגע ווינטערנעכט — ווי זיי וואָלטן געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר שפּיל. ווי עצהט אַ ייִדיש ווערטל: „שפּיל בײַ נאַכט (אָדער: אין ווינטער) אין קאָרטן״!

נאָר איין ייִדישער דיכטער האָט אַרײַנגעבראַכט אַ דיסאָנאַנס מיט זײַן פּע־סימיסטישן און עלעגישן טאָן, ווען ער אַנטלויפֿט — אין געיעג צווישן לעבן און טויט — אין אַ ווינטערדיק רואַרט, צווישן „זאַטע מענטשן״, אָבער וואָס לעבן אין שאָטן פֿון פֿאַרגיין און אומקום.

אין „לייקוווד״ זעט לייוויק, ווי דער טויט הוליעט, שכורט, „שפּילט אין קאָרטן״. ער זעט אייגנטלעך, ווי עס ווערט פֿאַרווירקלעכט די אַלטע לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע פֿון כאַפּן און אַרײַנכאַפּן, ווײַל דאָס לעבן איז קורץ און די פֿאַרבײַ־גייענדיקע וועלט איז געגליכן צו אַ הוליאַנקע... (חטוף ואכול, חטוף ואישתי, דעלמא דאזלינן מיניה כהלולא דמי).

---

[7] ז. סעגאַלאָוויטש, רעגינע (פּאָעמע), וואַרשע, 1920, זז׳ 5, 25, 6, 9.

שרעק פֿאַרן טויט האָט מיך פֿאַרשלעפּט אַהער צו
צו גערוימע חדרים, צו וואַרעמער זעט,
ווי מען שטירצט טראָגנען, אַזוי ווילט זיך מיר שטירצן
אָט די פֿולע טישן, אָט דאָס ווייכע בעט.

טויט — באַגלייטער מײַנער — הוליעט אויף בעלער,
ער שפּילט אין קאָרטן, שכּורט און לײַגט,
עס צינדן זיך בעכער, עס ברעכן זיך טעלער, —
און לעבן — מײַן שוועסטער — אין עלנטקייט שווײַגט.[8]

לייוויק איז אַן אויסנאַם. בײַ אַנדערע יידישע דיכטער ווערט אין אַ ריי לידער באַרירט דער מאָטיוו פֿון יידישער געמיטלעכקייט, גוטברודערשאַפֿט, רו און אָפּרו אין דער וואָכנס ווי אין די ימים־טובֿים.

ח. נ. ביאַליק שילדערט אין זײַן יידישן „מײַן גאָרטן“, אַ ליד פֿול מיט פֿאָלקסטימלעכן הומאָר און שפּראַך־שפּילעוודיקייט, ווו אין יעטווידער שורה פֿילט זיך די אוקראַיִנישע זאַטקייט, רחבֿות און גאַסטפֿרײַנדלעכקייט; ווי אַ פֿרוכט קער, געראָטענער זומער מאַכט די היימישע יידישע שטוב „זומערדיק אום ווינטער“ און

אין די ווינטערנעכט די גרויסע,
קומען גוטע ברידער שמועסן,
מיך מהנה זײַן, דערווײַל
טאַקע עפּעס גוטס געניסן . . .

— — — — — — — — —

אויך די צינגלעך ווערן שאַרפֿער
און סע בליצט אַ שפּיציק ווערטל,
באַלד, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן,
גייט מען איבער צו אַ קערטל . . .

און פֿאַרטיפֿט מיט זיי אין איינעם
אין געווינסן און אין שאָדן —
הער איך איינער, ווי סע קלאַפּט מיר
שטילערהייט אַ בוים אין לאָדן;

„בעל־הבית! אוי, מיר איז פֿינצטער!
בעל־הבית! אוי, מיר איז ביטער!
נאַקעט בין איך, און דער ווינט שמײַסט
מיך אַליין מיט מײַנע ריטער“ . . .

כאַפּט מיך אָן בײַם האַרץ און טו,
מישנדיק דאָס טעשל קאָרטן,
אַ קליין קרעכצל: „נעבעך, נעבעך,
אַ רחמנות אויף מײַן גאָרטן!“ . . .[9]

די טרויעריקע נאָטע צום סוף פֿון ביאַליקס ליד, דער נאַקעטער בוים וואָס ווערט דורך בייזע ווינטן געשמיסן פֿון זײַנע אייגענע ריטער און נאָר דעם

---

[8] אַלע ווערק פֿון ה. לייוויק, ניו־יאָרק, ת״ש, באַנד I, ז׳ 362.

[9] חיים נחמן ביאַליק, לידער און פּאָעמען, (אויסגאַבע י. י. שוואַרץ), ניו־יאָרק, 1935, זז׳ 48—49.

דיכטערס האַרץ איז וואַך און ער „איינער“ הערט ווי עס איז אין דרויסן פינצטער און ביטער — איז, דוכט מיר, סימבאָליש פאַר דער שטורעמדיקער און אומרויִקער צייט, סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם געמיט־צושטאַנד פון דעם אַמעריקן רוסישן ייִדן. אַפילו אין שעהען פון נחת און הנאה איז זיין שמחה נישט פול, נישט גאַנץ.

פון אַ פּראָסטן אוקראַיִנישן מיטוואָך ווערן מיר אַוועקגעפירט פון דעם דיכטער נפתלי גראָס צו אַ מוצאי־שבת אין גאַליציע, וואָס זי האָט זיך מיט קיין איבעריקער שפּע קיין מאָל נישט אויסגעצייכנט. אין זיין „אויף דער פולער וואָך“ שפירן מיר דעם גרעאַנגל פון קודש וחול, דאָס אַוועקגיין פון דער זיסער שבת־רו פון אינעווייניק און דאָס אָנקומען פון דער וואָכעדיקער אומרו פון דרויסן, ווו עס „רוישט די שווערקייט פון דעם יאָך“. מען איילט און מען יאָגט זיך „אין מאַרק אַריין“, מען שפּאַנט זיך איין אין דעם עול־פּרנסה, נאָר בינו־לבינו זיינען נאָך די ייִדישע הייזער אָנגעפילט מיט נשמה־יתירהדיקייט, מיט אַ ליבער וואַרעמקייט, זינגעוודיקייט און אַפילו שפּילעוודיקייט:

דער פאָטער מיט רב הערשן שפּילן שאָך,
דאָס יונגוואַרג שפּילט אין דאָמינאָ און איקס־מיקס־דריקס; [10]
סע שמעקט געבעקס און ס'שמעקט די בשׂמים־ביקס,
דער מוטערס ליבשאַפט איז אין אַלע ווינקלען וואָך. [11]

מיר איז נישט באַקאַנט, און עס גלייבט זיך קוים, אַז די פאַרזאָרגטע ליטווישע ייִדן אָדער אַפילו די מער בטחונדיקע פוילישע ייִדן זאָלן האָבן גע־לאָזט „כלי־זמרים שפּילן אויף דער פולער וואָך“, ווי עס שילדערט נפתלי גראָס די מוצאי־שבת־אַטמאָספער אין גאַליציע. פאַרקערט, אין די פאָלקסלידער וועגן מוצאי־שבת פילט זיך שטאַרק די נאָגנדיקע אומעטיקייט וואָס „דער הייליקער שבת גייט שוין אַוועק“. אין חלל שוועבט די דאגה פאַרן מאָרגן און פאַר דער גרויער וואָכעדיקייט פון לעבן. אין דער באַגריסונג „גוט וואָך“, „אַ גוטע וואָך“ הערט זיך אַ שטילע האָפענונג און אַ געבעט.

ניט מער, די „מלווה־מלכּה“ האָט צוגעגעבן איינגעהאַלטענע פייערלעכקייט צו דער פולער וואָך; געבראַכט חבֿרותאדיקייט, גוט־ברודערשאַפט און אין אַ סך ייִדישע הייזער אויך שפּיל.

[10] די שפּיל צוזאַמען מיט אַנדערע שפּילן פון ייִדישע קינדער אין מזרח־גאַליציע באַשרייבט אַלפרעד לאַנדוי אין:

Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde, Hamburg, 1899, Heft 3, No. 9, p. 54.

ווי מיין פרוי אינפאָרמירט מיך, האָט מען אין זאַקראָטשין, וואַרשעווער גובֿ, די שפּיל גע־רופן „הענגען“ (לאָמיר שפּילן אין הענגען). כּדאַי צו באַמערקן, אַז צווישן די נעמען וואָס לאַנדוי פאַרצייכנט פאַר דער שפּיל פון פאַרשיידענע געגנטן, איז דער נאָמען אין ווינער דייטש Galgen. אין ליטע הייסט די שפּיל „שורע — די בורע — די לאַפּע“. אַ. האַרקאַווי ברענגט אין זיין ייִדיש־ענגליש־העברעיִשן ווערטערבוך אַ שפּיל „שור־בור־קילע“. אין פוילן רופט מען דאָס מיטן נאָמען „אָרדע־באָרדע־שאָרדע“. זען אַ. בולקין, רוקע שפּילן, ווילנע, 1921, ז' 48. אין ענגליש רופן דאָס די קינדער tick-tack-toe.

[11] נפתלי גראָס, אידן, ניו־יאָרק, 1938, צווייט בוך, ז' 66.

דערפֿאַר איז באַשערט געווען, אַז אַ גאַנצע פֿולע וואָך אין ווינטער זאָל ווערן בײַ ייִדן דער אָפֿיציעלער שפּילסעזאָן — דאָס איז די וואָך פֿון חנוכּה, ווען נאַכט־אײַן און נאַכט־אויס קלײַבט מען זיך צונויף אין ייִדישע היימען און מען שפּילט. חנוכּה איז, ווי דרויאַנאָוו דריקט זיך אויס, דער „ראָש־השנה" פֿון שפּילער.[12]

אין דער חנוכּה־וואָך שפּילט מען בפֿרהסיא, דאָס שפּילן איז כּמעט ווי אַ מצווה וואָס אַלע זײַנען מקיים, אַלט און יונג, קינד און קייט. דאָ און דאָרט פֿלעגט זיך אַ מאָל הערן אַ פֿרומע שטים קעגן.[*12] דאָס זײַנען אָבער געווען איינצלנע און איינזאַמע שטימען. דאָס שפּילן חנוכּה איז געוואָרן פֿון די מנהגים,

---

[12] רשומות, א, ז' 353.

[*12] אין אַ תּחינה בײַ אַנצינדען חנוכּה ליכט ווערט געשריבן: „אונ זאָלסט אונדז אויך העלפֿן האַלטן די הייליקע טעג הייליק, ניט מטמא זײַן זיי מיט לצנות און קאָרטן־שפּילן". צו דעם איז דער מעשה אלפס מוסיף פֿון זײַן זײַט אַ „דערקלערונג" און אַ „געשיכטע" פֿון קאָרטנשפּילן, וואָס איז ווערט, צוליב איר פֿאָלקסטימלעכער נאַיִווקייט, איבערדערציילט צו ווערן: „...צו אונדזער גרויסן באַדויערן האָט דער יצר־הרע אַרײַנגעשלעפּט אין די קאָרטן פֿיל אָרנטלעכע ייִדישע מענטשן, און די התחלה האָט ער געמאַכט פֿון חנוכּה. חנוכּה (זאָגט דער יצר־הרע) איז אַ מצווה צו שפּילן אין קאָרטן, אַלזאָ ווילן מיר דערקלערן פֿאַר אונדזערע קלוגע שוועסטער, די שײַכות פֿון חנוכּה צו קאָרטן, בכדי זיי זאָלן זיך איבערצײַגן דעם טעות פֿון דעם. בעת אַנטיוכוס האָט גוזר געווען, אַז מע זאָל ניט לערנען, און ווען מ'וועט געפֿינען אַ קאָמפּאַניע זיצן און לערנען וועט מען זיי אומברענגען... וואָס האָבן די ערלעכע ייִדן געטאָן? האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן לערנען תּורה שבעל־פּה (משניות און תּלמוד)... און אום צו פֿאַרהיטן פֿון אַן אָנפֿאַל, פֿילײַכט וועט מען באַפֿאַלן און געפֿינען לערנענדיק, האָט מען גענומען אַ טאַליע קאָרטן און מע האָט דאָס צעטיילט יעדערן עטלעכע, און מע האָט דאָס געהאַלטן אונטערן טישטעך, און אַז מען איז באַפֿאַלן און מע האָט געפֿונען אַ סאָבראַניע, האָט מען געמיינט, אַז מען שפּילט אין קאָרטן, און דאָס האָבן דאָך די שׂונאים געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן אַוועקוואַרפֿן זייער תּורה און ווערן קאָרטאָווניקעס, האָט מען זיך מיט דעם אָפּגעראַטעוועט. ווי די שׂונאים זײַנען אַוועק, האָט מען די קאָרטן צוריק אַרונטערגעלייגט אונטערן טישטעך און ווײַטער גענומען ריידן אין לערנען. איז דאָך חנוכּה די קאָרטן אַ פּאַמעט, ווי ווײַט די תּורה איז געווען טײַער בײַ אונדזערע עלטערן, אַז זיי האָבן געזוכט אַלע מיני התחכּמות נאָר ווי צו פֿאַרבלײַבן בײַ דער תּורה, אַם ענדע קומען די אומוויסנדע מענטשן און לעשן אויס מיט די קאָרטן די גאַנצע ליבע צו דער תּורה... און די התמדה וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געהאַט צו די תּורה, לערנען איר גאַנצע נעכט, ברענגען זיי אויס די גאַנצע נעכט אין קאָרטנשפּיל, און אַ וואָרט תּורה וויל מען אין מויל ניט נעמען — — — און נאָך מיט אַ הוספֿה מחול על הקודש וויפֿל וואָכן נאָך חנוכּה און וויפֿל וואָכן פֿאַר חנוכּה, אַלזאָ דאַרף יעדע קלוגע פֿרוי זעען אויסצוראָמען דעם קאָרטנשלאַנג פֿון איר שטוב, און אַרײַנצוצין אין איר שטוב אַנשטאָט דעם די ליכטיקייט פֿון דער תּורה, לייענען די גרויסע ווינטעראָווגטן הייליקע ספֿרים, ווי מנורת המאור, מעשׂה אַלפֿס, און דאָס גלײַכן" (מקור דמעה ש"ס תחנה חדשה עם מעשה אלפס ורב פנינים, ווילנע, 1926, זז' 127—130).

די זעלבע פֿאָלקסטימלעכע „דערקלערונג" גיט מען אָן פֿאַרן קינדער־מנהג צו שפּילן חנוכּה אין דריידלעך (אַבֿרהם אליעזר הירשאָוויץ, מנהגי ישרון, ווילנע תּרע"ד, ז' 264, סימן לב).

ה. לאַנג אין זײַן אַרטיקל „אַ באַזוך בײַ די 'געהיימע ייִדן' אין פּאָרטוגאַל", דערציילט, אַז „יום־כּפּור שפּילט מען אין קאָרטן צווישן איין תּפֿילה און אַ צווייטער. דאָס האָבן געטאָן די אַנוסים פֿון ערשטן דור. מיט קאָרטן שפּילן האָבן זיי פֿאַרשטעלט זייער געהיימען דאַווענען אין די קעלערן" (פֿאָרווערטס, 20סטן מײַ, 1933, ז' 6).

וואָס אויף זיי גילט שטאַרק דאָס ווערטל: „אַ מנהג ברעכט אַ דין". ווען אייגנטלעך דער מנהג איז אויפֿגעקומען, איז שווער צו זאָגן, אָבער ער איז שוין אַלט הונדערטער יאָרן.[13]

אין אַלע תּקנות וועגן און קעגן שפּילן — איז חנוכּה שטענדיק דער לעגיטימער שפּילסעזאָן.

דאָך פֿאַרנעמט נישט דער שפּילמאָטיוו אין די חנוכּה־לידער קיין גרויס אָרט, אַפֿילו בײַ די ייִדישע דיכטער וואָס האָבן געזונגען אויף נאַציאָנאַלע מאָטיוון. בײַ טייל מאָדערנע ייִדישע דיכטער, וואָס סאָציאַליזם און וועלטלעכקייט איז געווען דער גרונטמאָטיוו פֿון זייער דיכטונג, איז חנוכּה אַליין געווען צו נאַציאָנאַליסטיש; די חשמונאים־באַפֿרײַונג, אַ נאַציאָנאַלע באַפֿרײַונג, ניט „גלאַט כּשר" פֿאַר זייער סאָציאַלער און וועלטלעכער מוזע.

געווען אויך אויסנאַמען. צווישן די עלטערע, אַפֿילו סאָציאַלע דיכטער, איז פֿאַרבליבן לכל־הפּחות זכרונות, בענקשאַפֿט צו לעבן־שטייגער. דער יונגער דור דיכטער איז אַזוי ווײַט און פֿרעמד, אַז פֿרעמד זײַנען אים אַזעלכע זכרונות און ער ווייס אַפֿילו נישט פֿון אַזאַ בענקשאַפֿט.

דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, אַז דער שפּילמאָטיוו קומט פֿאָר אין קינדערלידער, אָדער אין זכרונות וועגן דער קינדהייט און לעבן־שטייגער.

טייל חנוכּה־לידער מיט אַ שפּילמאָטיוו זײַנען טאַקע דורכגעוועבט מיט זכרונות וועגן דער קינדערשפּיל אין דריידל.

אַז דריידלשפּיל איז נישט קיין אָריגינעל ייִדישע, האָט שוין אָנגעוויזן לעאָפּאָלד לעוו. עס איז אַ שפּילכל וואָס די גריכן, רוימער, דײַטשן און ענגלענדער האָבן געקענט, נאָר בײַ ייִדן האָט מען צוגעגעבן די העברעיִשע אותיות „כּדי עס צו נאַציאָנאַליזירן".[14]

די אומשולדיקע קינדערשפּיל איז גאָרניט אַזוי אומשולדיק ווי עס זעט אויס. ווי זאָגט שלום־עליכם אין זײַן דערציילונג „דאָס דריידל":

> אמת, אין די הײַנטיקע שפּילן וואָס מע שפּילט אין קאָרטן, למשל: אָקע, סטוקלקע, טערטל־מערטל, סטאָס וכדומה, שטעקט אַוודאי מער שׂכל, ווי אין אונדזער אַמאָליקן דריידל; נאָר דאָרט, ווו מע שפּילט אויף געלט, איז קיין חילוק נישט... דאָס שפּיל פֿונעם דריידל איז אַ היים, מוראדיק אַזאַרטשפּיל. עס קאָן אַרײַנטרײַבן אײַך אין אלף השׂשי אַרײַן, איר זאָלט פֿאַרשפּילן די נשמה... דאָס דריידל איז אַ מין לאָטעריי: וועמען די הצלחה שפּילט, דער געווינט.

---

[13] זען מײַן „תּוכחת משחק", אין הדואר, שנה ח (תּרפ"ו), 102, 133—134; „לתולדות המשחק בישראל", „שלום בית", חורב, כּרך א, חוב' א, ז' 85. דאָ ברענג איך פֿון די שאלות ותשובות ר' יעקבֿ ווײַל אַ פֿאַקט, ווי אַ פֿרוי וויל זיך פֿונאַנדערגיין מיטן מאַן, ווײַל ער שכּורט און איז אַן אַזאַרטניק. דער מאַן פֿאַרענטפֿערט זיך, אַז ער שפּילט „נאָר אין חנוכּה, ווי דער מנהג".

[14] Leopold Löw, *Die Lebensalter in der jüdischen Literatur*, Szegedin, 1875, p. 288.

הײַנט איז דאָס מאַכן דריידלעך אַ מאַסן־פּראָדוקציע. אַמאָליקע צײַטן איז פּראָדוצירן דריידלעך געווען אַ גאַנצער עסק, עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט אי מאַכן דעם פֿורעם אי קריגן און גיסן דאָס בלײַ. ס׳רובֿ האָבן זיך מיט דעם אָפּגעגעבן די באַהעלפֿערס, דאָס איז געווען זייער מלאָכה. גאָלדפֿאַדען רופֿט דאָס טאַקע אָן אין זײַן דריידללייד „דעם בעלפֿערס קונצשטיק“.[15]



רעפּראָדוקציע פֿון דריידלעך פֿון דער קאָלעקציע פֿון בנימין מינץ (ניו־יאָרק).
די ערשטע צוויי שורות זײַנען הילצערנע דריידלעך, די לעצטע שורה צינקענע

---

[15] Louis Ginzberg, *Students, Scholars and Saints*, Philadelphia, 1928, p. 32

אַלכּסנדר האַרקאַווי, אין זײַנע זכרונות, באַרימט זיך טאַקע, סאַראַ אומן־ייד ער איז געווען אין מאַכן אַלערליי קינדערשע שפּילצײַג פֿאַר יעטווידער יום־טובֿ, בתוכם אויך אויסגיסן וטע דריידלעך אויף חנוכּה (פּרקים מחיי, ניו־יאָרק, תּרצ״ה, זז׳ 14—15).

ביז גאָר אינטערעסאַנט זײַנען אין דעם פּרט די קינדער־זכרונות פֿון שלמה זאַלצמאַן. ין זײַן שטעטל סעלץ, גראָדנער גובּ׳, מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, איז דאָס גיסן דריידלעך גע־ אָרן אַ גאַנצע אינדוסטריע. מען האָט פּראָדוצירט נישט נאָר פֿאַרן אייגענעם באַנוץ, נאָר וויך פֿאַר עקספּאָרט, פֿאַר אַזעלכע שטעט ווי בריסק, ביאַליסטאָק און אַפֿילו וואַרשע. איין אַל האָט מען אַ קעסטל מיט דריידלעך געשיקט אַזש קיין אַמעריקע. דער האַנדל איז געגאַנגען ורך די מלמדקעס, וועמענס מענער האָבן געקנעלט אין דער פּרעמד, און זיי זײַנען געווען פּנעמער פֿון דער דריידל־פּראָדוקציע. די הורטאָווניקעס האָבן געמאַכט דעם הויפּט־ריווח, די

שוין דעם פֿורעם אַליין, דאָס ווערקצײַג פֿון דריידל, האָט יוסף ראָלניק באַזונגען ווי אַ סימבאָל פֿאַר דעם דינער פֿון גוטס און באַשאַף, וואָס זעט אין דעם געשאַפֿענעם דעם אייגענעם המשך און אַ באַרעכטיקונג פֿאַר זיך־צעשטערונג און אויפֿלייז:

ווער בין איך און וואָס איז מײַן ווערט?
איך בין נאָר
דער פֿורעם פֿון גאָר [16]
וואָס ווערט צעשטערט,
ווען דאָס בלײַ איז אָפּגעקילט.
און עס אַרט אים ניט אַ האָר
הינטערן אויוון צו ליגן,
אַבי דער גאָר האָט זיך צעשפּילט
מיט זײַן ניגון.[17]

נישט סימבאָליש, נאָר גאַנץ רעאַליסטיש האָט מרדכי ריוועסמאַן (1868—1924), אויף זײַן פֿאָלקסטימלעכן שטייגער, באַזונגען אין אַ חנוכה־ליד דאָס דריידל און זײַן פֿורעם:

נעם פֿיר העלצלעך,
ייִנגל און מיידל,
און גיס מיר אויסעט
גיכער אַ דריידל!...
כאַפּסט דעם „ג״ — —[18]

קינדער־פּראָדוצירער האָבן פֿאַרדינט גאָר ווייניק (שלמה זלצמן, מן העבר, תל־אָבֿיבֿ, תש״ד — 1943, זז׳ 83—84).

זען אויך איגנאַץ בערנשטיין, יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען, ז׳ 124, יוד, 19, ווען אַ ייִד וואָס קען אַלע מלאָכות (אויף וואָס עס איז חל: „אַ סך מלאָכות, און ווייניק ברכות״), פּסח באַקט ער מצות... חנוכה גיסט ער דריידלעך.

[16] ראָלניק באַמערקט: גאָר — ׳אַ חנוכה־דריידל׳. האַרקאַווי אויף ז׳ 323 פֿון זײַן אויבן דערמאָנטן ווערטערבוך דערקלערט: דער גימל מאַכט (במקום דעם לאַטײַנישן totum) ׳אין גאַנצן׳, ׳גאָר׳; „פֿון דעם לעצטן וואָרט נעמט זיך מסתמא דער נאָמען גאָר פֿאַר אַ חנוכה־דריידל״.

זען אויך:

Pauline Wengeroff, *Memoiren einer Grossmutter*, Berlin, 1908, Band I, pp. 22—23.

און: ד״ר מ. ווײַנרײַך, שטאָפּלען, בערלין, 1923, ז׳ 215; בעלאַ שאַגאַל: ברענענדיקע ליכט, ניו־יאָרק, 1945, זז׳ 122—123.

ל. לעוו שרײַבט (דצ״וו, ז׳ 288), אַז בײַ די אונגערישע און דײַטשע ייִדן רופֿט מען עס טרענדערל, טראַנדל. אַ. לאַנדוי איז מוסיף די ביימישע ייִדן (דצ״וו, נומ׳ 4, ז׳ 58; זען אויך דאָרט, ז׳ 38). מען קען צוגעבן, אַז אויך בײַ די פּוילישע ייִדן האָט מען עס אין פֿאַרשיידענע געגנטן גערופֿן טרענדעלע.

משה שטיינשנײַדער אין זײַן „פּורים אונד פּאַראָדי״ ברענגט אויך דעם נאָמען "Stellein".

[17] אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, אָקט׳ 1, 1943, נומ׳ 517 (ראָש־השנה, תש״ד), ז׳ 25.

[18] איינער פֿון די פֿיר אויסגעפֿורעמטע אותיות אויפֿן דריידל, נ ג ה ש, ראָשי־תּיבֿות פֿון נס גדול היה שם. לויט דעם שפּילאויסטײַטש איז דער באַטײַט: נישט, גאָר, האַלב, שטעל

לויב דעם הימל — —
להכעים די שונאים
נעם די מזומנים...

אין אַן אַנדער ליד פֿירט אונדז ריוועסמאַן נאָך מער אַרײַן אין דער היימישער פֿרײלעכער יום־טובֿ־אַטמאָספֿער פֿון יענע וווּנדערלעכע, וואַרעמע, ליכטיקע און שפּילעוודיקע חנוכּה־אָוונטן.

אוי חנוכּה, אוי חנוכּה — אַ יום־טובֿ אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פֿריילעכער — ניטאָ נאָך אַזוינער...

(האַרקאַווי), אָדער: ניין, גוט, האַלב, שלעכט (שלום־עליכם, דאָס דריידל; אַ. בולקין, רויקע שפּילן, ז׳ 34).

האַרקאַווי באַמערקט שוין אין זײַן דערמאָנטן ווערטערבוך, אויף ז׳ 323, וועגן די ענלעכע אויפֿשריפֿטן אויף דעם ענגלישן דריידל tee-totum אָדער, ווי עס ווערט איצט אָנגערופֿן, put or take. לאַנדוי באַווײַזט, אַז פּונקט די זעלבע אויפֿשריפֿטן האָט דאָס דײַטשע Torl, אַ הילצערן דריידל, מיט וואָס מען פֿלעגט שפּילן ניטל אין טירינגען.

די חדר־ייִנגלעך פֿלעגן אויך זאָגן, אַז נגה״ש מאַכט: נטע גנבֿ האַקט שלעסער. דאָס איז דער באַרימטער נטע גנבֿ, וואָס זײַן לעבנס־געשיכטע גיט אײַזיק מאיר דיק איבער אין אַ ביכל, געדרוקט אין ווילנע, תּרמ״ז. פֿ״גל יהודה עלזעט: „נטע גנבֿ (אידישע מנהגים און רעדענסאַרטן)“, די צײַט, ניו־יאָרק, תּרפֿ״א — 1920, ערשטער יאָרגאַנג, נומ׳ 103, ז׳ 3; שמואל לעהמאַן, „גנבֿים און גנבֿה“, אין בײַ אונדז ייִדן, וואַרשע, תּרפּ״ג, ז׳ 46, מט, נטע גנבֿ האַק שלאָס און ז׳ 61—62, וווּ עס ווערן איבערגעגעבן אַנעקדאָטן און שפּיצלעך פֿון נטע גנבֿ.

וועגן דעם זעלבן אויסטײַטש צווישן די חדר־ייִנגלעך, האָט אויך אַ ליד שמשון מלצר אין: אלף, תּל־אָבֿיבֿ, תּש״ה, ז׳ סה:

נון גימל הא שין — התדעו, נערים?
זה נטקי גנב הפותח שערים;
ואין לך שער ואין לך פתח
שהוא בפני נטקי גנב יהיה בטח!

אַ. ד. אגוז ברענגט גאָר אַן אַנדער נוסח: „נאַטקע גנבֿ, הולטאַי, שכּור!“ — „חנוכּה־דריידל און קאָרטן“, אין: עונג יום־טובֿ, ניו־יאָרק, 1921, ז׳ 234.

דער ייִדישער שפּילאויסטײַטש פֿון נ ג ה ש איז אויך אַרײַן אין העברעיִש. שאָול טשערניכאָווסקי אין זײַן קינדערליד „הסביבון“ בעט זיך בײַם דריידל:

הוי סביבוני, סביבון בדיל,
אם תימינה ואם תשמאיל,
בין תשמאילה, בין תימין
לכל רעי „שין“ או „נון“.

ובמחולך למעני צא
והיו לי אך „גימל“ „הא“;
אם אל ימין ואם אל שמאל
במזלי טוב תפול.

(החליל, 29)

וועגן „גימל“ ברענגט עלזעט (דאָרט) עטלעכע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן פֿון שלום־עליכמען: אַז מען וויל זאָגן, אַז עס וועט שוין זײַן גוט, זאָגט מען: „ס׳וועט שוין זײַן ׳גימל׳“, אַז מען וויל זאָגן — אַז ס׳געשעפֿט איז גוט פֿון אַלע זײַטן, זאָגט מען: „ס׳איז גאָלע ׳גימל׳ אַרום און אַרום“; אַז מען וויל זאָגן — נישט תּמיד געראָט עס ווי מען וויל, זאָגט מען: „נישט תּמיד פֿאַלט דאָס דריידעלע אויף דער ׳גימל׳“. מיר געפֿינען בײַ שלום־עליכמען נאָך אַן אויסדרוק: „דאָרט קען מען מאַכן ׳גימל׳“. אין זײַן אויבן דערמאָנטער דערציילונג „דאָס דריידל“, פֿאַרענדיקט זיך דער ספּור המעשׂה מיט אַ פֿאַלש דריידל, „אַ דריידל פֿון גאָלע, פֿון סאַמע ׳גימל׳“.

איגנאַץ בערנשטיין פֿאַרצייכנט: „אַז וויל איז דעם וואָס מאַכט תּמיד גימל“. און דערקלערט: „דאָס שפּריכוואָרט איז גענומען פֿון דעם שפּיל אין דריידל אום חנוכּה; ווען אַ ייִנגל וואַרפֿט ג, נעמט ער אויס דעם גאַנצן קאָן“.

אַלע נאַכט אין דריידלעך שפּילן מיר,
זודיק הייסע לאַטקעס עסט אָן אַ שיעור.[19]

אָדער:

אין דרויסן שנייען
און ווינטן דרייען,
אין שטוב איז וואַרעם
און ס׳קלינגט אַ ליאַרעם —
אַ לעבעדיקע וועלט,
מען שפּילט אין דריידלעך אויף געלט.[20]

דיכטעריש סימבאָליש מאָלט אַ. ליעסין די „ליבע פֿרייד פֿון חנוכּה־בײַ־נאַכטן" אין זײַנע פֿריסטע קינדהייט־זכרונות.

אַרום און אַרום „פֿינצטער, דרייט אַ פּחד אַ געדיכטער", אין דער יום־טובֿ־שעה בושעווען טויזנט רוחות און יעטווידער ייִד „ווי דער טאַטע זינגט צום בייזן דרויסן". נאָר אינעווייניק אין שטוב, אין יעטווידער ייִדיש האַרץ „אין מיטן פֿראָסט ווערט וואַרעם, און אין מיטן נאַכט ווערט ליכטיק".

אים דערציילט דאָס דריידל, אַחוץ פֿון שפּיל, אויך „די געשיכטע פֿון פֿאַר צײַטן", דעם נס פֿון באַפֿרײַונג און באַנײַונג:

טוט מײַן האַרץ די פֿרייד געדענקען,
ווי דער טאַטע פֿלעגט מיר שענקען,
זינגענדיק אַזוי, אַ דריידל,
און פֿאַרשמײַעט, שטיל און איידל,
פֿלעגט פֿון קיך די מאַמע שיקן
שמייכלען, שײַנען, שמחה־בליקן.

און פֿאַרטאָן, ווי איך, דער טאַטע
אין דער בלײַערנער זאַבאַווע,
ווי דאָס דריידל דאָס פּוזאַטע,
וויגט זיך, שאָקלט זיך טשיקאַווע,
שטעלט זיך, ווי אַ ייִד אַ פֿרומער,
שמונה־עשׂרה אַליין און ווידער,[21]

---

[19] טעקסטן צום לידער־זאַמלבוך פֿאַר דער אידישער שול און פֿאַמיליע, צוזאַמענגעשטעלט פֿון ז. קיסעלגאָף, באַאַרבעט פֿון אַ. זשיטאָמירסקי און פּ. ליאָוו, פּעטערבורג, 1912, נומ׳ 24, 25.

[20] לידער־זאַמעלבוך, פֿון מ. שאַליט (אין קינדער־היים און אויפֿן קינדער־פּלאַץ), פּעטראָגראַד, 1918, נומ׳ 29.

[21] מיט דער שפּראַכבילדלעכקייט פֿלעגן זיך באַנוצן די ווײַסע חבֿרהניקעס, ווען איינער האָט געוואָלט, אין ברען פֿון שפּיל, אָנרירן דאָס דריידל: טשעפּע ניט, עס דאַוונט; אָדער: שטערט נישט, עס שטייט שמונה־עשׂרה. ליעסין, אַ מינסקער, האָט געדענקט דעם אויסדרוק פֿון דאָרט. איך האָב געהערט דאָס זעלבע פֿון מויל בײַ לאַנדסלײַט פֿון פּוילן, פּאָדאָליע און מערבֿ־גאַליציע. דעם אויסדרוק געפֿינען מיר אויך אין אַ לידל „דאָס דריידל" פֿון משה גלאַזער:

עס טאַנצט מײַן דריידל פֿריילעך   און פּלוצלינג ווערט עס פֿרום גאָר —
עס דרייט זיך ווי אַ מיל;   שמונה עשׂרה שטייט עס שטיל.

(שירי חנכה, ערוך על־ידי צבי סטון, ברוקלין, 1939).

בן־עמי ברענגט אין אַ חנוכּה־דערציילונג אַ ביסל דריידל־לשון פֿון קינדער בשעתן שפּילן: „מיר קינדער בײַם שפּילן אין דריידל זיצן אויך עפּעס ניט שטאַרק שטיל, דער שרײַט,

ביז עס פֿאַלט צום סוף אַנידער
אין פֿאַרחלשטקייט אין שטומער.

נעמט דער טאַטע האָפֿערדיק דערקלערן
יעדן אות בײַם דריידל אויף די זײַטן,
און איך טו געשפּאַנט די מעשׂה הערן
פֿון דעם נס וואָס איז געשען פֿאַר צײַטן.[22]

אין חנוכּה־צײַט פֿאַלט געווינטלעך אויס נ י ט ל. אין דעם ייִדישן לעבן־שטייגער האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אַ טאָפּעלער מנהג: נ י ט צו לערנען די נאַכט און פֿאַרברענגען אין שפּילן. אַפֿילו אַזעלכע אָפּגעהיטענע ייִדן וואָס פֿלעגן אויס־מײַדן צו שפּילן אום חנוכּה פֿלעגן זיך מתּיר מאַכן דאָס שפּילן אין ניטל.

ניט געקוקט אויף די שפּעטנעמען ווי „בלינדע נאַכט", „בייז געבוירן" און ענלעכע צונעמען, איז נאָך בײַ אונדז אַלעמען לעבעדיק אין זכּרון די שרעק וואָס ניטל־צײַט פֿלעגט אַרויפֿוואַרפֿן אויף ייִדן און די אימה וואָס פֿלעגט, נישט אומזיסט, באַפֿאַלן ייִדישע קינדער צוליב די רדיפֿות, סכּנות און בלבולים וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין אַ משך פֿון הונדערטער יאָרן אין די חגאָות. ווי עס וויל האָבן דאָס ייִדישע שפּריכוואָרט: „ניטל איז אַ בייזע לייד".[23]

אַן אויסדרוק פֿון די ייִדישע געפֿילן אין יענער נאַכט, ווען מען פֿאַרברענגט די צײַט צווישן שפּיל און „מעשׂיות גרויזאַמע", האָט געגעבן נפֿתּלי גראָס אין „די נאַכט פֿון ניטל":

אַ וווּנדערלעכע ווײַסע נאַכט פֿון ניטל! -
אַן אײַנגעהאַלטנקייט לויערט אין אַלע ווינקלען;
דאָס פֿײַער הודיעט און די שויבן פֿינקלען,
דער פֿאָטער שפּילט אין דאָמינאָ מיט ביטול;
דער אָוונט זשומט מיט קינדער און געזאַנג,
מיט מעשׂיות גרויזאַמע אַזוינע שוין פֿון לאַנג.

נאָך קלאָרער און דײַטלעכער איז די וואַריאַציע פֿון די לעצטע דרײַ שורות מיט אַן אָנצוהערעניש אויף די שריפֿטלעכע „מעשׂה תּלוי'ס", וואָס פֿלעגן אין יענער נאַכט צירקולירן צווישן ייִדן אין געהיים און איבערדערציילט ווערן וועגן „אותו האיש":

דער פֿאָטער שפּילט אין קוויטלעך[24] מיט אַ ביטול;
דער אָוונט זשומט מיט קינדער און מיט שפּיל,
מיט מעשׂיות גרויזאַמע פֿון יויזל און גליל.[25]

אַז מע טוט „מאָשענסטווע", דער אַנדערער, אַז שקר באַווײַזט זיך, אַז מען דאַרף איבערגיין דעם קאָן דרײַ מאָל ייִדישקייט... יחיאליק שרײַט, אַז מע זאָל שפּילן מיט זײַן דריידל, ווײַל מײַנס קאָן ניט שטיין קיין שמונה־עשׂרה, הײַנט בײַם גליק, אַז סע פֿאַלט ג, אָדער בײַם אומ־גליק, אַז סע פֿאַלט נ אָדער ש — שווײַגט מען עפּעס אויך ניט" (די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה, אָדעס, תּרנ"ד — 1893, ז' 48).

[22] אַבֿרהם ליעסין, לידער און פּאָעמען, ניו־יאָרק, 1938, באַנד I, זז' 26—29.

[23] גענויער וועגן ניטל אין דעם ייִדישן פֿאָלקסגלויבן, וועגן געוויסע מנהגים, גלייבע־נישן און היסטאָרישע פּאַסירונגען, זען מײַן אַרטיקל אין צוקונפֿט, דעצ' 1929, זז' 840—843.

[24] זען ז' 42, הערה 5.

[25] נפֿתּלי גראָס, אידן, ניו־יאָרק, 1938, צווייט בוך, ז' 74. די וואַריאַציע איז געווען געדרוקט אין אַ סואווניר־העפֿט פֿון דער ברוקלינער אַרבעטער־רינג־שול 2, ווינטער, 28/1927.

דאָס איז נאָר, פאַרשטייט זיך, אַ טייל פון אומדירעקטע שפּילפערזן אין דער ייִדישער פּאָעזיע. איך בין מסופק, צי עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צונויפצוקלײַבן און אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, פאָלקסטימלעכע ווי ליטעראַרישע מקורים, און צו דערגרייכן אין דעם פּרט אַ געוויסע באַגערטע שלמות.

דאָך האָף איך, אַז די אַלע לידער און פראַגמענטן וואָס איך ברענג דאָ אויבן און ווײַטער אילוסטרירן כמעט אַלע פאַזעס פון דער טעמע, ווען אַפילו ס׳פעלן אפשר דאָ און דאָרט געוויסע קליינע ניואַנסן, און פאַר אונדז ווערט אויפגעדעקט אַ בולט, קלאָר בילד פון אַזאַרטשפּילן אין ייִדישן פאָלקסטימלעכן און ליטעראַרישן ליד.

ב. פאַרשפּילט דאָס ווײַב

יצחק יואל לינעצקי (1839—1915) איז דער ערשטער צווישן די פאָלקסטימלעכע דיכטער וואָס האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ און שאַרף ליד קעגן „דער קאָרטנשפּיל“, קעגן אַזאַרט. דאָס ליד האַלט צוועלף סטראָפעס. טייל סטראָפעס זײַנען דורכגעפלאָכטן מיט מוסר־השׂכל, „וואָרן די גאַנצע וועלט איז נאָר אַ קאָרט“. ער דערהייבט די קאָרט צו אַ סימבאָל:

אין די קאָרטן קען מען אַ בײַשפּיל זען,
אַ מאָל נעמט אונטער, אַ מאָל אייבער אויס
און אַז עס פאַלט שוין אַ גליק פון מלכים אַליין —
נעמט דעם מלך אויך אַוועק די טויז...

אַזוי בײַט זיך דעם מענטשנס מזל אין יאָר,
פון גרויס ווערט קליין און פון קליין גרויס
און אַז דאָס מזל שפּילט שוין גאָר —
קומט דער טויט און כאַפּט אַלעם אויס...

(סטרי׳ 8)

מיט ענלעכע מוסר־השׂכּלס זײַנען אויך דורכגעוועבט אַנדערע סטראָפעס. לינעצקי איז ניט דער איינציקער וואָס האָט גענומען אַ געוויסע שפּיל ווי אַ מוסר־השׂכל פאַרן לעבן. אַזוי האָבן געטאָן אויך אַנדערע פאָלקסטימלעכע דיכטער און זינגער. דאָס וואָס לינעצקי האָט געטאָן מיט די קאָרטן, האָט געטאָן אַברהם גאָלדפאַדען (1840—1908) מיט דער ייִדישער קינדערשפּיל, דאָס דריידל. זײַנס אַ ליד אונטער דעם נאָמען איז אין גאַנצן אַ מוסר־השׂכל אויפן מענטשן, זײַן לעבן און גליק:

דאָס דריידל, דעם בעלפערס קונצשטיק,
געגאָסן פון צין אָדער בלײַ,
און וואָס קען זײַן בײַ דער שפּיל דאָס גליק?
אַ גראָשן, צוויי, אָדער דרײַ.

אַזאַ דריידל, ווי אײַך איז באַקאַנט,
אַ שפּילכל פאַר קליינע קינדער,
אַזעלכעס האַלט דאָס גליק אין דער האַנט
און שפּילט מיט יעדן באַזינדער.

און פּונקט ווי לינעצקי האַלט, אַז „די גאַנצע וועלט איז נאָר אַ קאָרט“, אַזוי האַלט אויך גאָלדפֿאַדען, אַז:

אַ קײַלעכדיקער טיש איז גאָר די וועלט,
אַרום אים זיצן מענטשן, אַ רעדל;
דער שטעלט אײַן געזונט דער — לעבן, געלט
און דאָס גליק שפּילט מיט זיי אין דריידל.[1]

(סטר׳ 1, 2 און 8)

[1] אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען, דאָס יודעלע, יודישע לידער אויף פּראָסט יודישער שפּראַך, וואַרשע, תּרס״ג, ז׳ 46—48.

נאָך אַ פּאָר אילוסטראַציעס צו דעם זעלביקן פּונקט:

א. אַ פֿאָלקסזינגער, שמואל חיים לעווין (שח״ל), האָט אין אַ ליד „די קאָרט“ פֿאַרגליכן: „אַ קאָרט איז די גאַנצע וועלט, די שפּילערס זײַנען מיר מענטשן אַליין“; ער רעכנט אויס געשעפֿט און האַנדל („ווײַל דעם מענטשנס גליק איז נאָר ווי אַ קאָרט“), פֿאַמיליע־לעבן („דער גאַנצער לעבן איז נאָר ווי אַ קאָרט“), „קהלשע זאַכן“ („אַ בעל דעה גליקט אויך ניט שטענדיק די קאָרט“), און צום סוף קומען אַפֿילו ייִדישע נאַציאָנאַלע מאָטיוון:

ווי שיין האָט דעם ייִדנס קאָרט אויסגעזען,
ווען ער איז געזעסן אין זײַן הייליקע לאַנד
— — — — — — — — —
מיר זאָלן שוין קומען צוריק אויף אונדזער אָרט
עס זאָל אונדז שוין שפּילן גליקלעך די קאָרט.

(שירי חיים, אָדער נײַע פֿינף לעבנסלידער, פֿאַרפֿאַסט פֿון שח״ל מביאַליסטאָק, וואַרשע, תּרנ״א, זז׳ 17—22.)

ב. אַ שיינע אַלעגאָריע אויף קאָרטן איז דאָס ליד פֿון קאַרל בוסע, „די קאָרטן־שפּילערס“. דאָס גלאַט געשריבענע ליד האָט פֿיר סטראָפֿעס, איך ברענג דאָ נאָר, ווי אַן אילוסטראַציע, די ערשטע סטראָפֿע:

עס האָבן געוואַנדערט דרײַ וואַנדערער,
דער טאָג איז אַוועק אָן אַ ציל,
פֿאַר נאַכט האָט פֿאַרגלוסט זיך די וואַנדערער
צו כאַפּן אַ קערטל, אַ שפּיל.
היי, חבֿרה! — פֿרעגט לוסטיק דער ייִנגסטער
זאָגט, שפּילן מיר אפֿשר פֿאַר געלט?
עס שמייכלט דער עלטסטער און ענטפֿערט:
אויב שפּילן — זאָל זײַן פֿאַר דער וועלט.

(דער גרויסער קונדס, יאַנואַר 30, 1920, ז׳ 7.)

ג. בײַ אַ ייִדישן אַרבעטער־זינגער: „שפּילט דאָס לעבן שאַכמאַט“, דאַמקע, דאָמינע, איקס־מיקס, ציג און וואָלף (פּ. גודמאַן, אין געשפּאַן, לידער און געדיכטן, ניו־יאָרק, 1926, זז׳ 173—175).

ד. מאַרק שווייד, אין זײַנס אַ ליד „אינעם רינג“, איז מרמז, פּונקט ווי גאָלדפֿאַדען אין זײַן דריידללידל, אויף וועלט און לעבן:

דריי די מטבע און טרעף:
קאָפּ צי שלאַק.
די מטבע איז קײַלעכדיק
און קײַלעכדיק איז דער טיש,
ווי די וועלט און ווי דאָס לעבן.
און וויפֿל בלאַסע שפּילער
מיר זאָלן דאָ בײַם טיש נישט זיצן,
אייביק זײַנען מיר אַ קײַלעכדיקע צאָל.

(צו גאָט און צו לײַט, ניו־יאָרק, 1926, ז׳ 38.)

דאָס שפּיל „קאָפּ צי שלאַק“, האָט אין אַנדערע ערטער געהייסן „קאָפּ צי אָדלער“.

דאָס וואָס פֿאַר גאָלדפֿאַדענען איז געוואָרן אַ מוסר־השׂכּל איז פֿאַר לינעצקין — דער וועג וואָס פֿירט צום תּהום פֿון אַזאַרט. אין דער ערשטער סטראָפֿע פֿון זײַן שפּיליד שילדערט לינעצקי, ווי אומשולדיקע, נאַיִווע קינדערשפּילן ווערן מיט דער צײַט פֿאַרוואַנדלט אין געפֿערלעכן אַזאַרט:

די גוטע מדה מיט דער שלעכטער
גייען אויף דער וועלט געפּאָרט,
ווי פֿון איין מאַמע צוויי טעכטער
איז דאָס דריידל מיט דער קאָרט...

פֿון נס גדול היה שם
ווערט אַ ציגנוואָלף אין קלויז,
פֿון אַ ציגנוואָלף אַ טערקישער דאָם[2]
פֿון אַ דאָם אויף מלכּה־מלך־טויז.

נאָך דעם הייבט זיך אָן די אמתע סכּנה, דער חורבן, וואָס קאָרטן און אַזאַרט ברענגען די קאַרטאָזשניקעס אין מאַטעריעלן זינען. דוכט זיך, וואָס איז אַ קאָרט? אַ געשפּעט, אַ שפּיל — און דאָך ווי געפֿערלעך איז די שפּיל! ווײַל „דאָס פֿאַר־מעגן טאַנצט אין קאָן“. אין איין אויגנבליק ציט איינער אָפּ בײַ דעם אַנדערן די הויט, פֿאַרשפּילט זײַן פֿאַרמעגן, פֿאַרלירט האָב־און־גוטס. אָט, דוכט זיך, איז דער מענטש געווען רײַך, האָט פֿאַרמאָגט גיטער, געהאַט פֿאַרמעגנס, און אין משך פֿון אַזאַרטשפּיל בלײַבט ער אין גאַנצן אָרעם, הויל און נאַקעט „און האָט קיין שטיוול שוין ניט אויף די פֿיס“.

ערשט נעכטן האָט ער געהאַט רווחים
און איז געפֿאָרן אין אַ קאַליאַס,
הײַנט האָט ער טאַקע 3 מלכים,
נאָר אויף צו להכעיס יענער — 3 טײַז...

(סטר׳ 3)

אָבער נאָך מער ווי דער מאַטעריעלער פֿאַרלוסט פֿון קאָרטנשפּילער, איז צו באַדויערן זײַן מ אָ ר אַ ל י ש ע ירידה. מיט דער צײַט פֿאַלט דער אַזאַרט־טרײַבער ווי אַ מענטש נידעריקער און נידעריקער. ער זינקט פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל. די קאָרט ברענגט אים צום סוף צו דער כּוסע:

דער קאָרטיאָזשניק זאָל כאָטש ניכטער זײַן,
וואָלט ער דאָך עטוואָס אָפּגעשפּאָרט,

---

[2] געמיינט געווים דאַמקע, דאַם. אין געוויסע געגנטן האָט מען די שפּיל גערופֿן „טערקישער דאַם“, ווײַל מען האָט מסתּמא געהאַלטן, אַז דאַמקע שטאַמט פֿון טערקײַ. נאָך אין 17טן יאָרהונדערט האָט מען אין מזרח־אייראָפּע אָנגערופֿן „שאָך“ מיטן נאָמען „טערקיש פֿערדל“. אַזוי שרײַבט ר׳ זעליג מרגליות פֿון פּאָלאָצק וועגן דעם שטייגער לערנען פֿון זײַן עפּאָכע, וועגן דער „חילוק“־סיסטעם וואָס מען פֿלעגט אַלע טאָג לערנען, כּדי צו שאַרפֿן די תּלמידים, און די „חילוק“־סיסטעם פֿלעגט מען, ווײַזט אויס, באַצייכענען מיט געוויסע שפּילנעמען פֿון יענער צײַט. ער שרײַבט: „וזה היה גרמה בנזיקין שרצו ללמוד (דרך שלע״ק ר״ל סגנון כגון ציכצאוויל בל״א [בלשון אשכּנז], ובלשון איטליא אשקקי או טירקיש פֿערדיל, פּאל״שי ביג״יל, איין צייכנש איז קיין איין צייכנש) וכיוצא בהן“. חבורי לקוטים, ויניציאה, תּע״ד, ז׳ ג פֿון זײַן הקדמה.

נאָר וואָס טוט מען? אַז דאָס גלעזל ווײַן
איז אַ ברודער מיט דער קאָרט...
פֿון אייביק אָן זײַנען זיי געפּאָרט [3]
אויף דער וועלט אַרומצושוועבן,
אַז דער ווײַן שפּילט [4] אין קאָרט
שפּילט די קאָרט אינעם לעבן...

(סטר׳ 5)

אַז אַזאַ צושטאַנד רופֿט זיך אָפּ שלעכט אויפֿן פֿאַמיליע־לעבן, איז דאָך אַ זעלבפֿאַרשטענדלעכע זאַך. דער שפּילער פֿאַרלירט דעם רעספּעקט בײַ די אייגענע און נאָענטסטע און דעם אָנזען בײַ דער אייגענער פֿרוי:

מיר איז תּמיד אַ קשיא געווען
ווי קומען דאַמען אין קאָרטן אַרײַן?
ביז איך האָב מיר פֿאַרענטפֿערט אַליין
אַז דאָס קען גאָר אַנדערש ניט זײַן.
וואָרן דער וואָס לאָזט זיך אין קאָרטן אַרײַן
ווערט ער דער אונטער און ווערט אַ נאַר;
דערצו כאַפּט ער אַ גלעזל ווײַן,
ווערט דאָס ווײַב איבער אים אַן אייבערהאַר.

(סטר׳ 9)

קאָרטן, ווי באַוווּסט, פּילן אויס פֿון שטענדיק אָן אַ טאָפּעלע אויפֿגאַבע: צום שפּילן און צו טרעפֿן. אַ גרויסע סבֿרה, אַז גאָר אַ מאָל איז די לעצטע אויפֿגאַבע, די קאָרטן־וואָרפֿערײַ, געווען דער עיקר, אַ סך מער ווי דאָס

---

[3] אויף שותּפֿותדיקע סעודהלעך פֿלעגט מען אַראָפּנעמען פֿון יעטווידער קאָן „קאָרטנגעלט“ אָדער, ווי מען רופֿט עס אויף קאָרטן־לשון, „שוידערגעלט“. די אַרונטערגענומענע סומעס פֿונעם שפּילגעלט פֿלעגן דעקן די שותּפֿותע הוצאות פֿון חבֿרה שפּילער אויף קאָרטן, משקה און צובײַסעכץ. אין שפּילהײַזער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע קאַרטאָווניקעס פֿלעגט נאָך בלײַבן אַן עודף אויף פּרנסה.

וועגן אַזעלכע אַזאַרטניקעס שרײַבט שלום־עליכם: „דאָס אייגענע איז געווען אויך מיטן עסן. אויפֿן טיש איז תּמיד געשטאַנען אַ פֿלעשל מיט אַ גלעזל, אַלערליי געזאַלצנס און אָנגעשניטענער קאָלבאַס. און אויב איר האָט אין דעם אַ געפֿיל, איז כּל דכפֿין — ווער עס וויל, דער קאָן גיין עסן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלצדינג איז געווען על חשבון הקאָרטן. פֿון יעדן קאָן האָט מען אַראָפּגענומען אַלע מאָל מוידגעלט, פֿאַר דער מויד הייסט עס, כאָטש אין „קלײַזל“ איז נישט געווען קיין שום מויד — — — אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס גייט אויף דירה־געלט, אויף הייצונג, אויף קאָרטן און אויף פֿאַרבײַסן“ („קנאָרטן“).

יוסף מאַרגאָשעס דערציילט פֿון זיך אַליין: „עבֿירה גוררת עבֿירה... ערשט אַז איך בין געוואָרן מײַן אייגענער בעל־הבית אין יאָזעפֿאָוו און איבער הויפּט אַז איך בין געוואָרן אַן אָפּטער פֿאָרער קיין שטשוצין, און דאָרטן געוואָרן קיין מעשׂה ניט פֿון אַ קאָרטנשפּילער, האָב איך שוין, אין איין וועגס, מקבל געווען די תּורה פֿון טרינקען משקה — — — יונג אָן דאגות בין איך דעמאָלט געווען, קיין געלט האָט מיר קיין מאָל ניט געפֿעלט, פֿלעג איך זיך דערפֿאַר... אָפּט אַריבערכאַפּן קיין שטשוצין און דאָרטן מיט מײַן חבֿרה פֿאַרברענגען בײַם „גרינעם טיש“ (אַזאַ טישל איז דאָרטן אַפֿילו קיין מאָל ניט געווען) און בײַ עטלעכע גלעזלעך משקה...“ (ערינערונגען פֿון מײַן לעבן, ניו־יאָרק, 1936, זז׳ 248—249; זען אויך דאָרט, ז׳ 253).

[4] אַ וואָרטשפּיל, אַז „דער ווײַן שפּילט“, מיינט אויך אַז ער יוירט.

שפּילן. דער קאָרטנשפּילער זוכט, ווי געוויינטלעך, חוץ צײַטפֿאַרטרײַב, פּשוט דאָס ג ע װ י נ ס, דער קאָרטן־וואַרפֿער האָט אַן אַנדער ציל: אויסלייגן צום גוטן אָדער אויך פֿאַרקערט. ווי אַ מאָל:

אויף דער קאָרט וואָס דער קאָרטיאָזשניק
שטעלט אײַן זײַן גאַנץ הצלחה,
אויף דער אייגענער בעט דער וואָראָזשניק,[5]
גאָט זאָל אים אַרײַנשיקן די ברכה.

און דאָ באַטאָנט לינעצקי ווײַטער, אַז דער מאַן איז, ווי דער שטייגער, אויסן אין קאָרטנשפּיל דאָס געווינס און דאָס שפּילן, די פֿרוי, אַקעגן — וואָר־זאָגערײַ. דער מאַן זיצט בײַ דעם גרינעם טיש און טרײַבט אַזאַרט און די פֿרוי לויפֿט צו קאָרטן־וואַרפֿערקעס און קאָרטן־לייגערקעס.

דער מאַן איז אַפֿילו עלול אין ברען פֿון אַזאַרט אין גאַנצן צו פֿאַרגעסן אין זײַן „ווײַב, קינד און הויז". לאָ־די וואָס דער אַזאַרטניק מאַכט אַ תּל־עולם פֿון זײַן פֿאַרמעגן, פֿאַרשפּילט ביז דאָס לעצטע, האַלט ער זיך ניט אָפּ, ווען ער האָט שוין אַלץ פֿאַרלוירן, צו פֿאַרשפּילן אַפֿילו זײַן א י י ג ן ו ו ײַ ב א ל י י ן אין קאָרטן!

---

[5] אַ וואָרזאָגער, טרעפֿער. ס'איז אַ סלאַווישער שורש: רוסיש ворожей, פּויליש wróżek.

אויך אַן אַנדער זינגער, פּרץ וואָלעך (זען ווײַטער, הערה 8), דערמאָנט ווי דער שפּילער לויפֿט צו אַ טרעפֿער, אַז די קאָרט זאָל אים אויספֿאַלן צום גוטן, זי זאָל אים ווײַזן גליק און הצלחה. אין דער פֿינפֿטער סטראָפֿע פֿון זײַן קופּלעט גראַמט ער:

איך האָב גיקאַטײַעט מיט אַ דראָזשקע
מיט דער שיינער אין לוסטגאָרטן,
איך בין געווען בײַ דער וואָראָזשקע
אַז דער סטאָס זאָל מיר גראָטן.

אין אַן אַלגעמיין ייִדיש ליד קומט פֿאָר ווי אַ פֿאַרליבטע לייגט אויס קאָרטן, ווײַל דער געליבטער האָט איר געגעבן סימנים „ווי צו זען אים דורך דער קאָרט":

נאָר עס פֿאַלט אַלץ ייִנגל־צלם,
ייִנגל־לעקאַך אין דער זײַט...—
ווייסט מאַרוכאַ אַז איר ליבסטער
פֿון איר האַרצן איז שוין ווײַט.

(יעקבֿ שטרײַכער, פֿונקען, בוענאָס־אײַרעס, 1923, ז' 77.)

דאָרט ווערט אויך דערמאָנט לעקאַך־טויז. לעקאַך=שעל, בובנע. געבראַכט אין י. מ. ליפֿשיץ, יודעש־רוסישער ווערטער־ביך, זשיטאָמיר, 1876, ז' 115.

איציק מאַנגער פֿירט אונדז אַוועק אַלעגאָריש אַזש צו:

די אַלטע מכשפֿה פֿון עין־דור
טראַכט: אַ מאָדנע זאַך
אַפֿילו איך די טרעפֿערקע,
שפּיל אַ ראָלע אין תּנך.

מײַן פּעשל קאָרטן ליגט אויפֿן טיש.
און דאָס פּעשל קאָרטן ווייס,
אַז פֿאַרן טרויעריקן „מלך פּיק"
איז מער נישטאָ קיין טרייסט.

(אידישער קעמפֿער, ראָש־השנה, תש"ו, נומ' 615, ז' 39.)

אַז אַזאַרטניקעס זײַנען אָבערגלויבער — איז אַ דבֿר ידוע. אין ענציקלאָפּעדיעס וועגן אײַנגלייבענישן בײַ פֿאַרשיידענע אומות און לשונות פֿאַרנעמט אַזאַרטשפּיל אַ גאַנץ חשובֿ אָרט. געוויינטלעך זײַנען אַ סך אײַנגלייבענישן צווישנפֿעלקערלעכע, דאָס הייסט אָנגענומען בײַ אַלע שפּילער צו גלײַך. עס פֿעלן אָבער נישט קיין ספּעציפֿישע אַזאַרט־גלייבענישן וואָס יעטווידער פֿאָלק פֿאַרמאָגט באַזונדער, אַזוי ווי אַ סך אינטערנאַציאָנאַלע שפּילן גופֿא האָבן אַ נאַציאָנאַלן קאָ־לאָריט. דאָס אייגענע איז בײַ ייִדן. נאָר די טעמע פֿאָדערט אַן אַרטיקל פֿאַר זיך אַליין.

א ווייב הייסט ווארפן א קארט אויף גליק
און אויף א גוטער דאליע האט זי איר געצילט,
און טאקע אין דעם אויגנבליק
האט זי דער מאן אויף דער קארט פארשפּילט.

(סטרי' 6)

די סטראפע קלינגט, וואס אן אמת, זייער פרעמד, כמעט אומגלייבלעך פאר א ייִדן. מיר ווייסן, און די געשיכטע פון אזארטשפּיל אפילו ביי ייִדן פון א מאל לערנט אונדז, אז נאך אין דרייצנטן יארהונדערט פלעגן ייִדן פארקויפן ספרי־תורות, כדי מיט דעם געלט צו שפּילן איןביינדלעך. אן אלטייִדיש שפּילליד שילדערט אונדז א קארטאזשניק פון אנהייב אכצנטן יארהונדערט, ווי ער פלעגט אין ברען פון שפּיל איינשטעלן טלית און תּפילין.[6] א ייִדיש פאלקסליד זעט ניט קיין אנדער אויסוועג פאר א שפּילערס פרוי, ווי נאר צו גטן זיך.[7] אבער אז א ייִד זאל פארשפּילן זיין ווייב אין קארטן! אזא מעשה איז געוויס אויסטערליש.

דאך איז אנצונעמען, אז לינעצקי האט מיט די פאר שורות איבערגעגעבן אן אמתע פאסירונג פון ייִדישן לעבן, פון דעם תּהום־לעבן אויף מאלדאוואנקע (א פארשטאט פון אדעס, ווו ס'האבן געוווינט די גאר ארעמע שיכטן און אלערליי טונקעלע פארשוינען).[8] קיין ספק ניט, אז ער האט פאראייביקט אין די פערזן

---

[6] זען אויבן, ז' 26.

[7] זען אויבן, ז' 39; פ"גל אויך מיין ארטיקל „שלום בית" (לתולדות המשחק בישראל), אין חורב, ירושלים־ניו־יארק, תרצ"ד, זז' 82—91.

[8] א בילדל פון דער הפקר־גאס באקומען מיר פון א שפּעטערדיקן אדעסער פאלקסזינגער וואס שרייבט וועגן זיך: „ביי מיר, פרץ וואלעך, איז דער בעסטער פלאן גוט צו עסן און טרינקען א גלעזל וויין"; ער פלעגט זיינע לידער אליין זינגען מיט „שיינע מאלידיען" אין די דארטיקע וויינקעלערן „פאר גוטע ברידער". אזא ווילן יונג פון דער אדעסער אונטערוועלט האט ער באזונגען אין א „קאמיש קאמפּליעט" מיטן נאמען „דער פריילעכער קארטעזשניק"; איך ברענג דא די ערשטע פיר סטראפעס פון ליד:

1

איך האב פארשפּילט מיין געלט אין סטאס
און גיי ארום אן א קאפּיקע, טויט,
און דער דלות שפּילט אויף דעם באס
און איך האב ניט אויף א פערטל ברויט.

2

איך בין געגאנגען צו מיין שיינער
און איך האב זי אויף דער גאס פארנארט,
איך האב זי געשלאגן און איר געבראכן די ביינער,
זי האט געמוזט פארזעצן דעם שאל אין לאמבארד.

3

זי האט מיר עטלעכע רובל געגעבן,
איך בין געווארן ווייטער א ווילער יונג,
איך בין געלאפן צום סטאס אונטערלעבן,
איך האב פארשפּילט דעם זייגער מיט דער רינג.

4

דאס לעצטע פּיטאקל אין דעם קאן
האב איך געפּרוווט און האב איינגעשטעלט,

אַ געשעעניש וואָס איז פֿאַרלאָפֿן צווישן ייִדישע קאַרטאָזשניקעס פֿון המון־עם. ווײַל פֿאַלן פֿון פֿאַרשפּילן די פֿרוי אין קאָרטן זײַנען ניט קיין נײַס, זײַנען גענוג באַוווּסט אין דער געשיכטע פֿון אַזאַרט. אַפֿילו אין אונדזערע צײַטן טרעפֿן זיך ענלעכע פֿאַלן, און פֿון צײַט צו צײַט לייענען מיר פֿון זיי אין דער פּרעסע. ניט ווייניק פֿאַקטן זײַנען אויך פֿאַרצייכנט געוואָרן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

נאָך אין די באַרימטע ביינדלעכפֿערזן פֿון די אַלטאינדישע הייליקע הימנען „ריג־וועדאַ", וואָס די צײַט פֿון זייער אויפֿקומען איז ניט אויסגעפֿונען אויף זיכער און רעכנט זיך בײַ אַ צוויי טויזנט יאָר פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט־רעכענונג, ווערט געשילדערט ווי פֿרעמדע הענט נעמען צו די פֿרוי פֿון דעם פֿאַרלאָרענעם אַזאַרטניק. בײַ די אַלטע אינדיער איז די שפּיל־לײַדנשאַפֿט געווען פֿאַרשפּרייט, זיי פֿלעגן אײַנשטעלן אין קאָן אַלץ, האָב־און־גוטס, די אייגענע פּערזאָן, אויך פֿרוי און פֿרײַנד.[9]

דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן די גערמאַנען. אַלץ פֿלעגט אײַנגעשטעלט ווערן אין שפּילאַזאַרט: באַוועגלעכע גיטער, ווײַב און קינד, די רעכטלעכע פֿרײַהייט, גלידער פֿון קערפּער און דאָס לעבן אַליין.[10]

סע האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן,
וואָס איך בין געבליבן אָן אַ קאָפּיקע געלט.

(דיא יונגע פֿערלאָרענע קימפּעטאָרען... נאָך מיט פֿיר נײַע לידער. ... פֿאַרפֿאַסער, פּרץ וואָלעך, אָדעס, תרנ"ז — 1897, זז׳ 15—16.)

אַ נאָטיץ אָן באַזונדערע חדושים וועגן וואָלעכן קען מען געפֿינען אין:
М. Береговский, *Еврейский Музыкальный Фольклор,* Москва, 1934, I, стр. 257, No. 88.

סטאָס אָדער שטאָס איז „אַ קאָרטנשפּיל וואָס איז זייער פּאָפּולער אין אונטערוועלט", באַמערקט שמואל לעהמאַן צו אַן אונטערוועלט־לידל מיט אַזאַ סטראָפֿע:

מײַן חתן האָט פֿאַרזעצט די מאַרינאַרקע,
ער איז געגאַנגען שפּילן אין שטאָס,
ר'האָט זיך גענומען אַ צווייטע קאָכאַנקע
און מיך האָט ער אַדורכגעלאָזט.

(גנבֿים־לידער, ז׳ 171.)

דאָס זעלבע באַמערקט ער אויך צו אַ לידל אין אַרכיוו פֿאַר ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט...

מ'עט שפּילן אַ שטאָס
און מ'עט רעגירן אַ וועלט.

[9] Adolf Kaegi, *Der Rigveda, die älteste Literatur der Inder.* Leipzig, 1881, pp. 112-113.
נאָך ליטעראַטור און פּרטים זען בײַ: D. Paulus Cassel, *Das Spielhaus auf dem Monte Carlo in Monaco ... nebst wissenschaftlichen Bemerkungen zur Geschichte des Spiels,* Berlin, 1881, pp. 14-15.

[10] אַז די גערמאַנען פֿלעגן, ווען זיי האָבן אַלץ פֿאַרלוירן און אָנגעוואָרן, אײַנשטעלן אין לעצטן קאָן זייער פֿרײַהייט און פּערזאָן, דערמאָנט שוין טאַציטוס. זען: *The Works of Tacitus,* The Oxford Translation, revised with notes, New York, 1891, Vol. II, זז׳ 314—315 (זען אַגבֿ דאָרט די וויכטיקע אָנמערקונג וועגן די הונען ווי לײַדנשאַפֿטלעכע ביינדלעכשפּילער וועלכע פֿלעגן מער אומקומען דורך זייער אייגענע וואָפֿן און ווערפֿל ווי פֿון שונאס שווערד).

אויך אין אַלטפֿראַנקרײַך פֿלעגט מען שפּילן אויף ווײַב און קינד. נאָך מער, ס'איז באַקאַנט אַ פֿאַל, ווען איין שפּילער פֿון די קרייצפֿאָרער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען בײַ זײַן מיטשפּילער די פֿרוי פֿאַר אַ משכּון און האָט פֿאַרלאַנגט אַן אַנדער פֿאַרזיכערונג, ווײַל ס'זײַנען דאָ אַ סך מענער אויף דער וועלט, וואָס דאָס פֿאַרשפּילן ווײַב און קינד לאָזט זיי ניט נאָר גאַנץ גלײַכגילטיק, נאָר פֿאַרקערט, זיי שטעלן זיי עקסטרע אײַן אין קאָן, מיט אַ בייזער רשעות־דיקער כּוונה.[11]

גענוג אויך צו דערמאָנען לערמאָנטאָווס *Казначейша*, ווו עס ווערט געשילדערט, ווי דער מאַן, דער „קאַזנאַטשיי", ווערט אָן אין קאָרטנשפּיל אַלץ — זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, זײַנע פֿערד, עקיפּאַזשן, דאָס גוט, דעם ווײַבס צירונג און צום סוף פֿאַרשפּילט ער אויך זײַן ווײַב אַליין!

פּונקט אַזאַ פֿאַקט פֿון לעבן ברענגט יחזקאל קאָטיק. אַ פּוילישער פּריץ האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט אין קאָרטן און האָט אין אַזאַרט אַלץ פֿאַרשפּילט,

---

אויפֿן סמך פֿון טאַציטוס האָט לעסינג אַ לידל —Der spielsüchtige Deutsche— וועגן די אַמאָליקע דײַטשישע שפּילהעלדן:

So äusserst war, nach Tacitus' Bericht,
Der alte Deutsch' aufs Spiel erpicht,
Dass, wenn er ins Verlieren kam,
Er endlich keinen Anstand nahm,
Den letzten Schatz von allen Schätzen,
Sich selber auf das Spiel zu setzen.

שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען, אַז אויך בײַ ייִדן האָבן נאָך אין דרײַצנטן יאָרהונדערט געטראָפֿן פֿאַלן פֿון אײַנשטעלן די אייגענע פּערזאָן בײַם שפּילן. ס'איז צו גלייבן, אַז אַזעלכע פֿאַלן האָבן געמוזט אָפֿטער פּאַסירן, ווײַל אייגער פֿון די פֿראַנצייזישע בעלי־תּוספֿות, ר' פּרץ ב"ר אליהו פֿון קארבייל, האָט אַפֿילו באַרירט די פֿראַגע צי מען דאַרף אויסלייזן אַזעלכע פּוסטע יונגען („ריקים") וואָס פֿאַרשפּילן זיך אַליין: „ואותם הריקים ששוחקים על גופם עין התשובה פ' השולח אם יש לפדותם" (רב מרדכי, ריוואַ די טרענטאָ, שי"ט, הגהות שבועות, עמ' קעה, סימן תשטו). צום באַדויערן איז די מערקווערדיקע תּשובֿה, צווישן אַנדערע ווערק פֿון ר' פּרצן, נישט דער־גאַנגען צו אונדז.

אין אַ בריוו צו מיר, דאַטירט טז טבֿת תּרצ"ה, שרײַבט הרבֿ יהודה לייב זלאָטניק: „מיט ריקים האָסטו געמאַכט אַ טעות. סאָלדאַטן ווערן אָנגערופֿן ריקים. זען ווײַנרײַך, בילדער, ז' 201, הערה 3, 'רשעים', 'גאָטלאָזע מענטשן'; ז' 204, הערה 10, 'רשע', 'דראַב'. ער האָט אָבער ניט באַמערקט, אַז עס איז אַ פֿאַרהעברעיִשטע צורה פֿון רעק, ז' 95, הערה 7; ז' 101; דאָס דאָזיקע וואָרט באַגעגנט זיך אָפֿט אין די שאלות־ותּשובֿות".

איך בין אין דעם פֿאַל מער ווי זיכער, אַז דער טעות איז נישט מײַנער, נאָר פֿאַרקערט. אַז דאָ איז ריקים זיכער ריין העברעיִש און אַז אַ דאַנק די ביבלישע „ריקים ופּוחזים", „אנשים ריקים" (שופֿטים ט, 4; יא, 3), איז דאָס וואָרט געוואָרן שפּעטער אַ סינאָנים פֿאַר סאָלדאַטן.

אין דעם זינען פֿון גאָרנישטן און נישטווערטיקע איז ריקים אויך אַרײַן אין ייִדיש (האַרקאַווי).

וועגן פֿאַרלירן אַ גליד בשעתן שפּילן דערמאָנט שלום אַש: „עוזרל גנבֿ מיטן אָפּגע־ביסענעם אויער, וואָס מען זאָגט, אַז ער האָט עס פֿאַרלוירן בײַ אַ קאָרטן־פּאַרטיע אין דער שענק, איז מיט אַלעמען צוזאַמען אַראָפּגעקומען צום רבין" (דער תּהילים־ייִד, ראָמאַן, וואַרשע [1934], ז' 478).

[11] Franz Semrau, *Würfel und Würfelspiel im alten Frankreich*, Halle a. S. 1910, pp. 5-6.

דרײַסיק טויזנט רובל מזומנים, קאַרעטן מיט פֿערד, אַ גרויסן מאַיאָנטעק מיט זעקס הונדערט לײַבקנעכט און צום סוף אײַנגעשטעלט זײַן ווײַב אין קאָן אויף אַ סומע פֿון פֿינף און צוואַנציק טויזנט רובל און האָט אויך זי פֿאַרשפּילט. פֿון גרויס חרפּה האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.[12]

פֿון ייִדישן שטאַנדפּונקט איז דעריבער זייער אינטערעסאַנט אָפּאַטאָשוס דערציילונג „אין סאַלון“, אַ בילד פֿון ייִדישן תּהום אין דער ניו־יאָרקער אונטערוועלט. דאָרט רעדט זיך וועגן פֿאַרשפּילן אַ געליבטע אין קאָרטן, וואָס דאָס האָט אַגבֿ געבראַכט צו אַזאַ דיאַלאָג צווישן ייִדישע קאָרטאָזשניקעס, אַ געווינער און אַ פֿאַרשפּילער:

— זעסט פֿיליפּ, כ'שטעל ס'גאַנצע געלט אײַן. דו ווילסט?
— וואָס מיינסטו? — האָט פֿיליפּ אים אָנגעקוקט.
— לאָמיר שפּילן אויף בעסין — האָט פֿרענק זיך פֿאַרלוירן — דו קאָנסט געווינען!
— יו ראַטן בעסקעט, יו! — האָט פֿיליפּ אויסגעשריגן — וואָס מיינסטו, כ'בין אַ גיני? בײַ ייִדן פֿאַרקויפֿט מען ניט קיין ווײַבער![13]

דער לעצטער זאַץ, אַז „בײַ ייִדן פֿאַרקויפֿט מען ניט קיין ווײַבער“, איז זייער ייִדיש כאַראַקטעריסטיש, דאָך איז צו גלייבן, אַז אויך בײַ ייִדן, איבער הויפּט פֿון דער אונטערוועלט, האָבן פּאַסירט פֿאַלן, אַז מען פֿלעגט פֿאַרשפּילן אַ ווײַב אין קאָרטן, און אַזאַ פֿאַל דערמאָנט טאַקע ליבעצקי אין זײַן שפּילליד.

אָבער אין אמתן איז געבליבן פֿון אַזאַ טראַגישער פּאַסירונג מער ווי אַ שפּור אין אַ ליד. אָט האָט אַזאַ זעלטענער פֿאַל געטראָפֿן טאַקע דאָ נישט לאַנג, אין אונדזער צײַט, און עס איז געבליבן דערפֿון אַ גאַנצע תּשובֿה אין אונדזער רײַכער שו״ת־ליטעראַטור.

אין ווײַטן סינגאַפּור האָט זיך פֿאַרלאָפֿן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַזאַ מעשׂה: אַ ייִדישער פּראָפֿעסיאָנעלער שפּילער האָט געשפּילט מיט אַ גוי. ער האָט אַלץ פֿאַרלוירן. איז אים אײַנגעפֿאַלן צו שפּילן אויף זײַן ווײַב. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אויך זי פֿאַרשפּילט צום גוי. איז די פֿרוי מיט איר גוטן ווילן אַוועק און חתונה געהאַט מיט דעם גוי אָן אַ גט פֿון איר ייִדישן מאַן. זי האָט מיטן גויִישן מאַן געהאַט קינדער, זין און טעכטער, ווען דער ייִדישער מאַן אירער האָט נאָך געלעבט, און אויך נאָך זײַן טויט.

---

[12] יחזקאל קאָטיק, מײַנע זכרונות, וואַרשע, תּרע״ג, ערשטער טייל, זז׳ 19—21.

[13] י. אָפּאַטאָשו, געזאַמלטע ווערק, ווילנע, 1928, באַנד II, אונטערוועלט, ז׳ 139.

ווי אַזוי אונטערוועלט שפּילט אין קאָרטן באַווײַזט אונדז אויך נפֿתּלי גראָס אין אַ ליד:

אַ גרויסער קעלער, אַ האַלב טונקעלער,
עס ברענען קליינע לעמפּלעך מאַט־רויט אויף די ווענט;
און אויף די טישלעך אַלט צעבראָכענע
זיך מישן אויס אין איינעם שמוציק גראָבע הענט.

עס בײַטן קאָרטן זיך פֿון האַנט צו האַנט,
פֿאַרשידן זילבערגעלט קלינגט אויפֿן טיש אַרום:
אַן אַלטע מויד, אַ ווילד צעלאָזענע
פֿון איינעמס שויס אין צווייטנס — קוויטשענדיק לויפֿט אום.

(לידער, 1920, ז׳ 27).

האָט מען אָנגעפֿרעגט בײַ אַ רבֿ אין ירושלים װעגן דעם לעגאַלן און רע־ליגיעזן סטאַטוס פֿון די קינדער, צי זײ זײַנען ממזרים. אויף דעם האָט דער רבֿ געענטפֿערט מיט אַ לאַנגער אויספֿירלעכער תשובֿה, געשריבן ערשט אין יאָר תרצ״ג:[14]

הצעיר עבדיה הדאיה ס״ט

סימן ג׳

לעי״ת סנגאפור יע״א [בהינדייא]

באשר שאלת ע״ד בריון א׳. שזה דרכו כסל למו. לשחוק בקוביא. ומזה היא פרנסתו. ופעם אי היה משחק עם גוי א׳. והפסיד בצחוק כל ממונו. ולא נשאר לו רק גויתו ואשתו. ועלה בדעתו לשחוק על אשתו. שאם יפסיד שיתן אותה לאותו הגוי וכן היה שעשה והפסיד גם את אשתו והנה האשה הנז׳ היתה יכולה לסרב מללכת אצל הגוי. ולא היה שו״א יכול להכריחה אך היא לא סירבה. ומרצונה הטוב והגמור הלכה ונישאת לגוי. מבלי שתקח גט פיטורין מבעלה היהודי. והולידה מהגוי בנים ובנות. בחיי בעלה היהודי. וגם אחרי מותו. ועתה לשאול הגיעו. אם הבנים והבנות כשרים לבוא בקהל. ואין בהם חשש ממזרות ויכולים להתגייר לבוא בדת ישראל כדמו״י או לא? יורינו המורה וישכמ״ה!

תשובה א) לכאורה נראה דלית דין צריך בושש. והדבר פשוט דכשרים לבוא בקהל ואין בהם שום חשש ממזרות. דהרי הלכה רווחת קי״ל ופסקה מרן בשו״ע סי׳ ד׳ סי״ט וז״ל גוי ועבד שבאו וכו׳ על בת ישראל בין פנויה בין אשת איש הולד כשר ופגום לכהונה ע״כ. והיא סוגיא ערוכה ביבמות דמ״ה ע״ב. ופירש״י שם הטעם שאין עושה ממזר אלא מי שיש לו קידושין על אחרים יעו״ש. ובכן הדבר פשוט בנ״ד דודאי דהבנים והבנות לבוא בקהל ואין בהם חשש ממזרות ויכולים להתגייר. רק דהבנות פגומים לכהונה:

---

[14] שו״ת ישכיל עבדי לר׳ עבדיה הדאיה, ירושלים, תרצ״ח, ח״ב, אה״ע, סימן ג.

אָבער לינעצקיס ליד איז ניט ספּעציפֿיש ייִדיש, ס׳איז אַן אַלגעמיין ליד איבער קאָרטנשפּיל און אַזאַרט. ער פֿירט אין אים דורך דעם סך־הכּל פֿון קאָר־טאָוניק ביז צום סוף. אויף וואָס קען מען מישטיינס געזאָגט זיך ריכטן פֿון אַ מענטשן וואָס איז אַזוי נידעריק געפֿאַלן, ווען ס׳איז ניטאָ קיין צאַם, קיין קאָנטראָל, קיין מאָראַלישער אָפּהאַלט פֿאַר די צערייצטע אַזאַרט־אינסטינקטן, אַז ס׳איז רעכט ניט נאָר צו פֿאַרשפּילן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, נאָר אויך די אייגענע פֿרוי? אַזאַ מענטש איז דאָך ממילא אַ פֿאַרלוירענער, פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. זײַן לעבן איז פֿאַרשפּילט, זײַן איך — ווערטלאָז; זײַן מענטש־לעכקייט — אויסגעשפּילט.

פּרעפֿעראַנס, שעל, טרעף און פּיק,
אין זיי באַשטייט דעם קאָרטיאָזשניקס וועלט.

און דאָ קערט זיך לינעצקי ווײַטער אום צום מוסר־השׂכּל פֿון קאָרטן. ער דערהייבט זייערע פֿאַרבן צו אַ סימבאָל וואָס „ווײַזט אַיעדן זײַן פֿאַרשטאַנד, אַז רויט איז לעבן און שוואַרץ איז טויט״. אָבער ניט ווייניק קלײַבן אויס דאָס לעצטע, דעם וועג פֿון זעלבסטמאָרד:

פּרעפֿעראַנס ווײַזט אויס ווי אַ בלום,
דעם מענטשנס יוגנט איז אויף דעם אָרט,
שעל ווײַזט ווי דער מענטש איז דום,
ער מיינט אַ לעקעכל איז די קאָרט,
טרעף איז אַ קרייץ, פּיק איז אַ בויגן,
איינס פֿון די צוויי מוז ער געניסן . . .
אַז ער זעט דעם אומגליק פֿאַר די אויגן,
מוז ער זיך הענגען אָדער שיסן . . .[15]

(סטר׳ 12)

נאָר ערשט אין קבֿר האָט דער קאָרטאָוניק אַ מעגלעכקייט צו שפּילן בלינד. „ניט־געזען״. אין אַן אַנדער סאַרקאַסטיש ליד פֿירט לינעצקי דורך אַלע קלאַסן און שיכטן מיט זייערע „מעשׂים טובֿים... אויף דער פֿאַלשער וועלט״. מיט אַלעמען רעכנט ער זיך אָפּ, מיט דעם פּאָדריאַטשיק, באַנקיר, סוחר, קרעמער, שנײַדער און שדכן, לערער און דאָקטאָר — אַלע ווערן דערמאָנט. ווען עס קומט דער טאָג פֿון דערמאָנונג און אָפּרעכענונג. נאָר ער געפֿינט „פּאָרט אַ זכות״ פֿאַר „דעם לידער־מאַכער״ און אויך . . . פֿאַר דעם קאָרטנשפּילער; אים באַגלייטן אַפֿילו די „מלכים און מלכּות״ אויף דעם „עולם־האמת״:

דער קאָרטנשפּילער שפּילט פּאָרט עפּעס אויס.
קוקט ניט דערויף וואָס ער פֿאַרשפּילט זײַן געלט.
אונטער, אייבער, מלכּה, מלך, טויז
זײַנען אים מלווה אויף דער אמתער וועלט.
ווען ער ליגט אין גרוב שוין אויסגעצויגן,
קומט ערשט אויף אים אַ ישועה,

---

[15] יצחק יואל לינעצקי, דער בייזער מאַרשעליק, סאַטירישע פֿאָלקסלידער, וואַרשע, תרל״ט, צווייטער טייל, ז׳ 31 (בטעות 30) — 35.

זינט מען האָט אים געלייגט שערבעלעך אויף די אויגן
שפּילט ער מיט די מתים בלא ראיה...[16]

(דער ראַסטשאָט, סטר׳ 11)

אויב דאָס גאַנצע שפּיללייד לינעצקיס איז, ווי שוין אויבן באַמערקט, ניט אַזוי ספּעציפֿיש ייִדיש, מער פֿון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, איז דערפֿאַר די לעצטע סטראָפֿע גאָר ייִדישלעך, ווײַל אַפֿילו דער קאָרטנשפּילער האָט בײַ אים זײַן השאָרת־הנפֿש.

נישט ווײַט אַוועק פֿון לינעצקין איז אַן אַנדער זינגער, לעאָן אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט אויך געשריבן אַן אַלגעמיין ליד וועגן שפּילן מיטן נאָמען „דער קאָרטנ־שפּילער״, געזונגען מיט אַ מעלאָדיע לויט נאָטן.[17]

מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט טיילט אָפּ די ביידע לידער, אָבער סײַ אין אינהאַלט, סײַ אין פֿאָרעם איז דער מהלך צווישן זיי גאָרנישט אַזוי ווײַט. נישט מער אַבראַמאָוויטש האָט זיך נישט פֿאַרנומען אַזוי ברייט מיט דער שפּיל־פּראָבלעם ווי לינעצקי.

אין זײַן פֿירסטראָפֿיקן קאָרטנליד באַרירט אַבראַמאָוויטש נאָר דעם איין אייציקן פּונקט — שלום־בית: אַ מאַן גייט צו גרונט דורכן „קאָרטן־מאַגנעט״, מאַכט חרובֿ זײַן פֿאַמיליע־לעבן און היים, פֿאַרלאָזט ווײַב און קינד, ווערט בדיל־הדל און פֿאַרשפּילט זײַן און זײַן פֿרויס פֿאַרמעגן:

פֿאַרהאַנען בײַ מענטשן אַזאַ לײַדנשאַפֿט,
דאָס איז דער קאָרטנשפּיל,
עס הרגעט מאָראַליש די מענטשלעכע קראַפֿט
און עס פֿירט אים אַראָפּ פֿון זײַן ציל.
ער זיצט אין קאַפֿעהויז און שפּילט טאָג און נאַכט,
אויב ער פֿאַרשפּילט, אויב ער געווינט —
אין דער היים זײַן ווײַב מיט די קינדער פֿאַרשמאַכט
און דעם טאַטן זעט זעלטן דאָס קינד.

(סטר׳ 1)

עס צאַנקט דאָרט זײַן ווײַבל און גייט אויס ווי אַ ליכט[18]
און עפֿנט פֿאַר קיינעם איר הערץ,
אירע עלטערן דערציילט זי, אַז איר גייט נישט שלעכט,
און אין זיך דריקט זי איר שמערץ.
און אַלע מאָל פֿעלט איר אַן אַנדערע זאַך —
איר נדן, איר צירונג, איר קלייד,

---

[16] דאָרט, ז׳ 30.

[17] 3 נײַע לידער און קופּלעטן, געזונגען פֿון לעאָן אַבראַמאָוויטש, וואַרשע, 1926, זז׳ 6—8. נישט פֿאַרצייכנט אין: ביבליאָגראַפֿישע יאָרביכער פֿון ייִוואָ, באַנד I, 1926. פֿון דעם זעלבן זינגער, דאָרט, אָנגעגעבן אַנדערע זאַכן, און אויף איין ליד, „די הײַנטיקע קולטור״, צוגעגעבן: „מיט דער מעלאָדיע פֿון קאָרטן״. זען די נומערן 5193, 5219.

אויפֿן דאָזיקן ליד, ווי אויך אויף דעם ליד „די בייזע נײַע צײַט״ (זע ז׳ 70, הערה 4), האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט דער ביבליאָטעקאַר און ביבליאָגראַף חיים ליבערמאַן.

[18] כּדי עס זאָל זיך גראַמען, באַדאַרף מען לייענען טייל ווערטער אין דעם ליד לויט דעם פּוילישן דיאַלעקט, ווי: ליכט = lekht, אויסגייט = osgait, טײַך = takh.

פֿון איר גאַנצער פּראַצע לאָזט זיך אויס אַ טײַך,
פֿון הונגער כּמעט זי אויסגייט...

(סטר׳ 3)

עד כּאן איז אַבראַמאָוויטש גאָרניט מחדש לגבי די פֿאָלקסזינגער וואָס פֿאַר אים. דער חורבן פֿון דעם שפּילערס משפּחה איז כּמעט ווי אַ לייטמאָטיוו וואָס חזרט זיך איבער בײַ אַלעמען און אין אַלע לידער. נאָר אין דער לעצטער סטראָפֿע דערפֿירט אַבראַמאָוויטש די מאָראַלישע ירידה פֿון דעם פֿאַרשפּילטן פֿאַמיליע־מאַן ביז פֿאַרברעכן קעגן דער געזעלשאַפֿט. ווען דער קאַרטאָווניק „האָט שוין פֿאַרשפּילט פֿון זיך דאָס לעצטע העמד״, גליטשט ער זיך אין גאַנצן אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג און שטעלט זיך אַפֿילו נישט אָפּ צו זוכן „אין גנבֿה זײַן גליק״. בײַ לינעצקין ענדיקט זיך דעם אַזאַרטניקס לעבן מיט „הענגען אָדער שיסן״, בײַ אַבראַמאָוויטשן — מיט זיצן אין חד־גדיא:

ער האָט שוין פֿאַרשפּילט פֿון זיך דאָס לעצטע העמד,
ער האָט שוין נישט וואָס אײַנצושטעלן,
און ווערן אים אַלע חבֿרים שוין פֿרעמד,
זיי לאַכן פֿון אים און זיי קוועלן,
אום ווײַטער צו שפּילן פֿאַלט ער אויף אַ פּלאַן,
און זוכט אין גנבֿה זײַן גליק, —
און בײַ דער ערשטער גנבֿה פֿאַלט ער באַלד אַרײַן,
און קומט פֿון דאָרט נישט אַזוי שנעל צוריק.[19]

(סטר׳ 4)

---

[19] דאָס ליד האָט אויך דעם צוזונג:

דורך קאָרטן — נאָר קאָרטן!
טאָג און נאַכט זיצט ער דאָרט און ער שפּילט.
נאָר שפּילן און שפּילן!
ער ווערט קיין מאָל אָפּגעקילט.
ער זיצט מיט דער חבֿרה און שפּילט דאָרט כּסדר
און אַלע מאָל ווערט אַ געמיש,
ביז ער פֿאַרשפּילט פֿון זיך אַראָפּ דעם זייגער
אין קאַפֿעהויז בײַ דעם קאָרטנטיש.

נאָר די לעצטע צוויי פֿערזן׳ פֿון צוזונג בײַטן זיך, לויט די סטראָפֿעס, אַזוי:

ביז ער פֿאַרשפּילט פֿון זיך אַראָפּ די קליידער
אוי! אין קאַפֿעהויז בײַ דעם קאָרטנטיש.

ביז ער פֿאַרשפּילט דעם ווײַבס אירע קליידער
אוי! דאָרט בײַ דעם קאָרטנטיש.

ביז ער פֿאַרשפּילט די פּײַקע פֿון חדר
אוי! אין קרימינאַל בײַ דעם קאָרטנטיש.

כּדי צו פֿאַרגלײַכן איז כּדאַי צו ברענגען דאָ די באַלאַדע „דער קעניג שפּילט פּינאָקל״, ווי ער פֿאַרלירט, צוליב שפּיל, זײַן אַרמיי, דאָס לאַנד צום שׂונא און צום סוף דאָס מלכות אַליין:

וואָס קאָן טאָן אַ שוואַכע קעניגין אַליין?—
לאָזט זי זיך צום קאָרטנטיש צום קעניגס גיין.

נאָר געקומען איז זי אין אַ בייזער שעה:
ס׳איז פֿון קרוין און צעפּטער לאַנג קיין שפּור ניטאָ.

זעט זי אין איר טרויער, זעט זי און פֿאַרנעמט,
אַז דער קעניג האַלט שוין בײַ דעם לעצטן העמד.

זידלט זיך דער קעניג פֿונעם טיש אַראָפּ:
אַז ער דאַרף זײַן קעניג ווי אַ לאָך אין קאָפּ.

(א. ניסענזאָן, דאָס לעבן וויל אַ מעשׂה הערן, ניו־יאָרק, 1930, ז׳ 65).

ס'איז אַ נײַער מוסר־השׂכּל, צו וואָס דער קאָרטנשפּילער קען דערגיין.

ווי אַלע פֿאָלקסזינגער האָט אויך אַבראַמאָוויטש רעאַגירט אויף אמתע געשעענישן, און אין זײַנע גראַמען הערן מיר אויף געוויס אַן אָפּקלאַנג פֿון פּאַסירונגען אין לעבן.[20]

אַזוי האָט געזונגען איינער פֿון די לעצטע הויפֿזינגער אין ייִדישער וואַרשע.

---

[20] אין דעם פֿאַל וועט דאָס עדות זאָגן און דאָס זינגען פֿון די גנבֿים אַליין זײַן באַגלייבט. אין אַ רײ לידער פֿון דער גנבֿים־וועלט קומט צום אויסדרוק, ווי קאָרטנשפּיל האָט גורם געווען גנבֿה. בײַ איינעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַראָפּגיין פֿון דרך־הישר דורך ליבע און שפּיל:

מײַן פֿאָטער האָט געהאַט אייגענע הײַזן,
פֿון חדר האָב איך געטון אַנטלויפֿן,
אין אַ קערטעלע האָב איך געטון שפּילן
און אַ ליבע האָב איך געטון פֿירן.

ביז ער איז דערגאַנגען, לויט זײַן ווײַטערדיקער שילדערונג, צו גנבֿענען און האָט נאָך דעם אַפֿילו באַגנבֿעט זײַן אייגענעם פֿאָטער. פֿאַרשילט אַ צווייטער די שעה, ווען ער האָט פֿאַרלאָזן די עלטערנס הויז און געלאָזט זיך פֿאַרפֿירן פֿון „גוטע ברידער" און דורך זיי „די גנבֿה דערקאָנט":

אַזוי ווי כ'בין פֿון מײַן פֿאָטער־און־מוטערס היים אַרויס,
האָב איך מיך באַקענט מיט מײַנע גוטע־ברידער,
מע האָט מיך באַלד אויף די קנײַפּעס געשלעפּט,
ווו ס'איז דאָ קאָרטנשפּילער.

דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אין אַן אַנדער ליד וואָס שטאַמט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פּוילן. דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ייִדישע גנבֿים. עלטערן, כאָטשבי אַליין „בלאַטע", האָבן דאָך דערצויגן זייער ייִנגל ביז דרײַצן יאָר אין חדר און געוואָלט, ער זאָל ווערן „אַ רבילע". נאָר ווען ער איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט, אַ קײַלעכדיקער יתום, האָבן אים שלעכטע חבֿרים און אַזאַרט געמאַכט פֿאַר אַ גנבֿ:

אַ ירושה האָב איך באַקומען,
מיט אַנדערע מזומן,
קאָרטנשפּילן און קאָלעגעס — אַרײַנגעלאָזט זיך שטאַרק;
ס'געלט האָב איך פֿאַרלוירן,
אין קאָרטן אָנגעווווירן,
געבליבן בין איך ריין אָן אַ מאַרק.

דעריבער דערקלערט אַ פֿאַרשפּילער קורץ און שאַרף:

אַזוי ווי כ'האָב נאָר אָנגעהויבן קאָרטעלעך צו שפּילן,
פֿייגעלע, קעצעלע מײַן,
האָב איך מיר שוין געמוזט אַ גנבֿ ווערן,
פֿייגעלע, קעצעלע מײַן.

אין דעם ליד און זײַן וואַריאַנט ווערט, פּונקט ווי בײַ אַבראַמאָוויטשן, אויסגערעכנט, ווי דער קאָרטאָווניק פֿאַרשפּילט זײַן געלט, דעם זייגער מיטן קייטעלע און צום סוף אַלע זײַנע קליידער. און ער שפּילט „מיט דער טויז אייכל", פֿאַרלירט ער „דעם גאַנצן שׂכל", ביז ווערן אַ גנבֿל, ביז באַרויבן מענטשן צו קענען ווײַטער טרײַבן אַזאַרט, ווי אַן אַנדער גנבֿ איז זיך מתוודה:

אוי, וויי איז מיר!
פֿינצטער איז מיר מײַן וועלט!
וואָס איך האָב געטאָן מענטשן באַרויבן
און פֿאַרשפּילט אין קאָרטן דאָס געלט.

אַבראַמאָוויטש לאָזט דעם קאָרטנשפּילער שפּילן און פֿאַרשפּילן אַפֿילו אין „קרימינאַל". נישט אַזוי שטעלן זיך אָבער פֿאָר די אמתע חבֿרה־לײַט זייער לעבן אויף יענער זײַט, ווען זיי זיצן אין תּפֿיסה הינטער די אײַזערנע קראַטן:

ג. נײַע צײַטן

נאָך בײַם בלאַסן פֿרימאָרגן־שײַן פֿון דער נײַער צײַט האָט אַזאַ שאַרפֿער באַטראַכטער ווי ר׳ חיים יוסף דוד אַזולאַי (דער חיד״א, 1724—1807) אין אַ גע־צײַלטע פּאָר שורות געמאָלן אַזאַ „נײַעם ייִד", וואָס קען פֿאַררעכנט ווערן ווי אַ פּראָטאָטיפּ פֿאַר אַ סך „בערלינער", די אַזוי גערופֿענע משׂכּילים פֿון מערבֿ־ און מזרח־אייראָפּע.

אין 1778 טרעפֿט דער חיד״א אין ליאָן אַן איטאַליענישן ייִדישן יונגן־מאַן פֿון טורין. דאָס איז אַ יונגער־מאַן אַ פֿראַנט אין אויסזען, און זײַן אייבער־פֿלעכלעכקייט געלינגט דעם חיד״א לאַקאָניש צו שילדערן אין אַ פּאָר בולטע, בילדלעכע שטריכן:

> גייט מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ און אַנטבלויזטן אָרעם, טראָגט גע־שטיקטע קליידער. זײַנע האָר געקרײַזלט ווי אַ פּאַרוק, פּודערט זיך ווי די שׂררות. אַ ביסל ייִדישקייט און אַ סך זנות; קאַרג אויף מצוות, פֿרײַ־גיביק אויף עבֿרות, שאַצט גרינג תּלמידי־חכמים; מיטן גאַנצן האַרצן איז ער מכבד די זינדיקע פֿרויען, גיט פֿרויען זײַן קראַפֿט, דעם אוצר ט־שפּיל — זײַן געלט, דער מזל שפּילט אים צו.[1]

און אַפֿילו אַן אמתער „בערלינער", אַ דײַטשישער ייִדישער „משׂכּיל" איז, לויט אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון יענער צײַט, „אַ מענטש וואָס ווייס אַ ביסל לאַטײַן און גריכיש, רעדט כּסדר וועגן פֿרידלענדער און זײַן „רעפֿאָרמאַציע", וואַרפֿט זיך מיט פֿראַזעס פֿון „נתן דעם חכם", שפּילט אין קאָרטן און ביינד־לעך און רעדט מיט לײַטן אין אַ באַלערנדיקן און אָנגעצויגענעם טאָן".[2]

אַז דער בלאַטער איז אויף דער פֿרײַ,
טוט ער אין קאָרטן שפּילן;
אַז ער קומט אין וויענזשעניע אַרײַן,
מוז ער פּוצן די דילן.

זען: גנבֿים־לידער מיט מעלאָדיעס, געזאַמלט פֿון שמואל לעהמאַן, וואַרשע [1928], זז׳ 160—161, 221, 24, 169—171, 87 און 95. די נומערן פֿון די זײַטן ווערן דאָ אָנגעגעבן לויט דעם סדר פֿון די ציטירטע לידער. פֿ״גל אויך אויבן, זז׳ 18—19, הערה 7.

[1] מעגל טוב השלם, חוברת שניה, ירושלים, תרצ״ד, עמוד 167; פֿ״גל אויך מ. קאָסאָווערס אַרבעט וועגן חיד״אס טאָגבוך אין: ייִדן אין פֿראַנקרײַך, ייִוואָ, אונטער דער רעדאַקציע פֿון א. טשעריקאָווער, ניו־יאָרק, 1942, ב׳ I, ז׳ 84.

[2] אַזוי שרײַבט ש. בערנפֿעלד: „אם חפצים אנו לדעת את תוכן ההשכלה הזאת, כמו שנתפשטה בסוף ימי הרמבמ״ן בערים הגדולות בגרמניא, נקרא את דברי הצעיר דוד פייט במכתבו לרחל לעווין. הוא נותן לנו ציור מיהודי „משכיל" בימיו כזה: איש יודע מעט רומית ויונית, מדבר בכל עת ובכל שעה מפרידלנדר ומה„ריפורמציון" שלו; על פיו שגורות תמיד מליצות „נתן החכם", משחק בקלפים ובקוביא ודבורו עם הבריות הוא בקול מורה ומלמד" (דור תהפוכות, וואַרשע, תרנ״ז/ח, ז׳ 34).

אין דער אמתן קענען ש. בערנפֿעלדס רייד פֿאַרפֿירן. אין זײַן בריוו צו רחל לעווין, פֿון 16טן יאַנואַר, 1794, שרײַבט פֿײַט שפּאָטיש וועגן אַ געוויסן פֿאַרשוין, וואָס ער רופֿט אים דאָרט אָן בײַם נאָמען. זען:

Briefwechsel zwischen Rahel und David Veit. Aus dem Nachlass Varnhagen's von Ense, Leipzig, 1861, I. Theil, pp. 114—115.

פֿון בערנפֿעלדס רייד קען מען דרינגען, אַז דאָס מיינט פֿײַט דעם דורכשניטלעכן „משׂכּיל".

אין אַ ליד „די בייזע נײַע צײַט", וואָס באַרירט פֿאַרשיידענע פּאַזעס פֿון ייִדישן לעבן און ווו עס ווערן לעבעדיק געשילדערט די „נעאָלאָגישע" (רעפֿאָר־מאַטאָרישע) טענדענצן און דער איגעוויינליקסטער איבערבראָך אין לעבן פֿון ייִדן אין אונגערן אין מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווערט באַשריבן, ווי מען דערווײַטערט זיך פֿון דעם ייִדישן לעבן־שטייגער און „די ייִדישקייט איז שוין גאַנץ געבראָכן, זיי מאַכן שבת ווי אין דער וואָכן". אין דער סטראָפֿע 25 ווערט אויך דערמאָנט דער פֿאַקט פֿון חילול יום־טובֿ מחמת אַזאַרטשפּילן:

אָן יום־טובֿ גיבט עס אויך זאָלכע פֿייגל,
דאָס זי שפּילן בילאַרד אָדער קייגל; [3]
מאַנכע זינד גאָר משחק בקאָרטן
אונד פֿרעסן דאַביי טריפֿהנע טאָרטן.[4]

כּמעט אין דער זעלבער צײַט האָבן אויף די נעגאַטיווע באַגלייט־דערשײַנונגען פֿון אמתער און פֿאַלשער השׂכּלה רעאַגירט די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע

ש. בערנפֿעלד האָט אויסגענוצט עטלעכע זאַצן פֿון בריוו נישט כּסדר, און גיט דאָס איבער ווי אַ גענויען ציטאַט. דערבײַ ווערט אין טעקסט גאָרנישט דערמאָנט, אַז די פּערזאָן איז געווען אַן אַזאַרטניק. אָבער אין דעם זעלבן בריוו שרײַבט פּײַט אַ ביסל פֿריִער זייער קריטיש וועגן די האַנאָווערער ייִדן פֿון העכערן שטאַנד, מיט וועלכע ער האָט פֿאַרקערט, און באַמערקט דאָרטן: „אין אַלע געזעלשאַפֿטן וויסט און ל'האָמבר" (קאָרטנשפּילן).

דאָס זעלבע באַמערקט אויך, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אַ בערלינער „גלויבנס־גענאָסע", אַ פֿאַרטיידיקער פֿון ייִדישער גלײַך־באַרעכטיקונג: די דורכשניטלעכע ייִדישע סוחרים פֿאַרברענגען זייער אָפּרוצײַט אין עולם־הזהדיקע פֿאַרגעניגנס ווי עסן, טרינקען און שפּילן, אַנשטאָט אין העכערע ענינים. זען:

Wolf Davidson, *Über die bürgerliche Verbesserung der Juden*, Berlin, 1798, p. 81.

מען קען זען אַ צייכן פֿון דער צײַט אויך אין דעם פֿאַקט, אַז אַפֿילו אַזאַ באַשיידענע און גײַסטרײַכע פּערזענלעכקייט ווי משה ענסהיים פֿון מעץ (1760—1840), אַ דענקער, מאַטעמאַטיקער, העברעיִשער דיכטער און לערער פֿון משה מענדלסאָנס זון, האָט אין יאָר 1787 אָפּגעדרוקט אַנאָנים אין זײַן שטאָט אַ קליין ביכעלע פֿון 8 זײַטלעך וועגן אַזאַרטשפּילן מיט דעם כאַראַקטעריסטישן טיטל: שלשה חידות מחכם אחד על תענוגות פועלי בטל (ראָשי־תּיבֿות פֿון בטל: בעליאַרט, טראַק, לומברע). דער פּרט פֿון דרוקיאָר איז לשחוק אמרתי מהולל לפּ"ק=תּקמ"ז. (אַן עקזעמפּלאַר פֿון דעם ביכעלע געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר). די רעטענישן האָט מען נאָך דעם אויך איבערגעדרוקט אין המאסף פֿון יאָר תּק"ן. בײַ האַרקאַווין אין זײַן ווערטערבוך געפֿינען מיר: לאָמבער־טישל. אין אַ הערה גיט ער צו: „בײַ ליִנעצקין אין דאָס חסידישע יונגעל", אפֿשר פֿון l'hombre, דעם פֿראַנצייזישן נאָמען פֿון אַ מין קאָרטנשפּיל".

[3] Kegel, אַן אַלטע שפּיל בײַ ייִדן. נאָך די פּרעשבורגער תּקנות פֿון 1768 פֿאַרבאָטן שטרענג אַחוץ קאָרטן „וכמו כן קיגל אודר ביליאר וקוביאות, דערגלײַכן אנדרי שפּיהלען".

[4] *Jahrbuch für jüdische Volkskunde*, herausgegeben von Max Grunwald, Berlin-Wien, 1923, p. 253.
דער רעדאַקטאָר, מ. גרונוואַלד, פֿאַרצייכנט: „אָנגעשריבן אָדער קאָפּירט פֿון יאָאַכים דאַנאַט אין פּרערע [Přerov, Prerau], 19טן יאַנואַר 1857". בײַ גרונוואַלדן געדרוקט אין לאַטײַנישן שריפֿט פֿון אַ ייִדישן אָריגינאַל. די ייִדישע רעטראַנסקריפּציע דאָ איז מײַנע. דאָס ליד „די בייזע נײַע צײַט" איז ווערט מען זאָל דאָס אין גאַנצן איבערדרוקן אין ייִדישן אָריגינאַל.

דיכטער און זינגער. זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די רוסישע משׂכּילים, פֿאַר וועמען דער טיטל משׂכּיל איז געוואָרן אַ סינאָנים פֿאַר דעם חלבֿנעם־ליכט־טיפּ, להכעיסניק, קאַריערעיסט, לעביונג און הפֿקר־מענטש.[5]

איבער הויפּט האָט אליקום צונזער (1840—1913) אין אַ ריי ציַטלידער באַרירט די שפּיל־תּאווה בײַ ייִדן. געווען אַ צײַט, וואָס ייִדן זײַנען דאָך געווען צוריקגעהאַלטן, האָבן געלעבט עקאָנאָמיש, מער גײַסטיק און מאָראַליש, זיי האָבן ניט פֿאַרשווענדט

אויף תּאוות, הולטײַען, אויף שכּרות, אויף קאָרטן,
ווי לײַט אָפּט פֿאַרשפּילן נחלאָות.

(די קאָנטראַסטן,[6] 3)

אָבער די פֿרומע צײַט איז אַוועק. ס'איז געקומען אַ פֿולשטענדיקער איבער־בראָך אין ייִדישן לעבן. ס'האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נײַע ווינטן, אַרײַנדרינגען נײַע ניט־געוווּנטשענע לעבנס־פֿאָרמען. זייער שטאַרק איז געוואָרן די אייבערפֿלעכ־לעכע צופּאַסונג און אַסימילאַציע, איבער הויפּט אין די זעכציקער־זיבעציקער יאָרן. יעמאָלט איז אויך אויפֿגעשטאַנען אַ דור, וואָס האָט בלינד נאָכגעמאַכט דער גויִשער וועלט פֿון „הולטײַען, שכּרות און קאָרטן". אין יענער עפּאָכע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן און מערן אויף דער ייִדישער גאַס די „פּוסטע פֿראַנטן", די קינדער „פֿון דער נײַער וועלט". נאָר איין צרה וואָס ס'פֿעלט זיי נעבעך, די מטבע; ווען ניט דער חסרון — יעמאָלט:

אין אָקע וואָלט איך געשפּילט,
אין קאָן אַ רובל געשטעלט,
און אַז אַ קערטל גילט,
איז צוואַנציק ניט קיין געלט;
נאַרוסן וואָלט טרעפֿן פּעק,
אַ מאָל נאָך אויך פֿיר קעניג;
נאָר וואָס הרגעט מיך אַוועק
וואָס איך האָב נאָך ניט אַ פֿעניג.

(דער פּוסטער פֿראַנט,[7] 10)

---

[5] פֿאַקטן פֿון לעבן און ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן אַ סך. אָבער אַחוץ די ווײַטער ציטירטע לידער וויל איך דאָ נאָר אָנווײַזן, ווי אויף אַ בײַשפּיל, אויף די זכרונות פֿון בן־עמי וועגן דעם אַדעסער משׂכּילים־קרײַז פֿון פּרץ סמאָלענסקין אין די זעכציקער יאָרן. מיט בי־טערניש און פֿאַראַכטונג שילדערט בן־עמי די ציניִשע אַטמאָספֿער, וווּלגאַרקייט, ביליקע אַפּי־קורסות און דעם מסית־ומדיח־גײַסט, וואָס האָט געהערשט אין יענער סבֿיבֿה. מיט צער דער־מאָנט ער די יונגע־לײַט פֿון פֿײַנע ייִדישע הײַזער, וואָס זײַנען אַראָפּגעפֿירט געוואָרן פֿון דרך־הישר און האָבן אונטער דער השפּעה פֿון דער פֿאַרקרימטער השׂכּלה, פֿאַרביטן דעם בית־המדרש אויף שענק און אַזאַרטשפּילן... „אני הכרתי בחורים אחדים בני־טובים, שנתפסו להשכלה והחליפו את „בית־המדרש" ב„בית־המרזח" ועסקו בו כל הלילות במשחק־הקלפים, וכך יצאו לתרבות רעה לבלי שוב... „תמימותם" נהפכה לפריצות והפקרות" (השלח, כרך מד, תרפ"ה, זז' 447—458).

[6] אליקום צונזער, אַלע ווערק, ניו־יאָרק, 1920, באַנד ו, ז' 239. אַלע ווײַטער ציטירטע לידער ווערן געבראַכט לויט דער, לײדער זייער פֿאַרגרײַזטער, אויסגאַבע.

[7] דאָרט, ז' 24. אין דער אויסגאַבע בטעות אָנגעגעבן 1852, ווי דאָס יאָר ווען דאָס ליד איז געוואָרן אָנגעשריבן. צונזער אַליין באַמערקט אין זײַן ליד „צו מײַנע פֿרײַנד" (ערשטער

ניט בעסער פֿירט זיך דער גבֿיר וואָס פֿאַרמאָגט יאָ די מטבע. דאָס ייִדישע פּאַטריאַרכאַלע לעבן איז פֿאַרשוווּנדן, די אַמאָליקע גבֿירים און די יוסטע בעלי־בתּים וואָס זײַנען געווען גוט צו לײַט און צו גאָט, וואָס האָבן געשמט מיט זייער תּורה און גדולה, צדקה און פֿרומקייט, וועמענס הײַזער ס'האָט באַצירט „אַן אַלמער מיט ספֿרים" — אָט די פֿאַרצײַטיקע גבֿירים פֿאַרשווינדן ביסלעכווײַז:

הײַנט וועט זיך מיט מיר,
אויב בײַ יענעם גבֿיר
וועט איר דאָרט אַ חומש געפֿינען;
אויסער די קאָרטן
שמעקט קיינער ניט דאָרטן
קיין ייִדן אַ גראָשן פֿאַרדינען.

(דער חילוף,[8] 10)

נאָך ערגער איז געווען מיט דעם בילן אַסימילאַטאָר, וואָס די פּאָגראָמען פֿון די אַכציקער יאָרן האָבן אים אָקערשט אויפֿגעעפֿנט די אויגן. אַזאַ פּוסטער „אַריסטאָקראַט" האָט אין גאַנצן פֿאַרבראַכן מיט דעם ייִדנטום, ער האָט „אײַנגעפֿירט אַ קריסטלעכן לעבן", אַ ייִדן ניט אַרויפֿגעלאָזט אויפֿן שוועל, ייִדן געהאַסט און פֿאַראַכט, שוין ניט צו ריידן, אַז „פֿון אַ ייִדישן ספֿר קיין שפּור" ניט געווען, ייִדיש לשון אוודאי ניט. אין הויז שטענדיק געווען נאָר בעלער, מאַסקאַראַדן, קאָרטן:

אויף מאַסקאַראַדן פֿלעג איך מיר פֿאַרהוליען
אין וואַלצערס, אין קאָנטערדאַנס;
אין קלוב פֿלעג איך פֿיל געלט פֿאַרשפּילן
אין סטוקלקע, אין פּרעפֿעראַנס.

(דער אַריסטאָקראַט,[9] 7)

די לידער האָט צונזער געשריבן אָנהייב די אַכציקער יאָרן גלײַך נאָך די פּאָגראָמען (אין דער אויסגאַבע אָנגעגעבן דאָס יאָר 1883), אָבער נאָך אין די זיבעציקער יאָרן האָט ד"ר יצחק קאַמינער (1834—1901), אַ העברעיִשער „פּיטן" פֿון די ערשטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין ליבערמאַנס האמת, און דער שווער פֿון אַקסעלראָדן, אין עטלעכע פֿון זײַנע שירים געשטראָפֿט די אַזוי גערופֿענע „משׂכּילים" פֿון זײַן צײַט:

ועתה בישראל —
אל חכמה ואל דעת!

באַנד, ז' 286), אַז ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער ערשט אין יאָר 1855. דאָס ליד, ווײַזט אויס איז אויך אַ פּראָדוקט ניט פֿריִער ווי פֿון די זעכציקער יאָרן, לויט זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע אין באַנד III, ז' 51. בײַ אַ סך לידער זײַנע האָב איך באַמערקט, אַז די דאַטעס אין דער אויסגאַבע זײַנען ניט פּינקטלעך.

[8] דאָרט, ז' 180. אויך לעווינסקי (זע ז' 77) שרײַבט: „אַן אָקע טרעפֿט איר הײַנטיקע צײַטן כּמעט אין יעדן ייִדישן הויז — נאָך גיכער פֿון אַ מזוזה, להבֿדיל".
שלום־עליכמס אַ העלד באַרימט זיך: „איך פֿיר מיר תּמיד מיט זיך מײַנע אייגענע קאָרטן. ווי בײַם ערלעכן ייִדן אַ טלית־ותּפֿילין, אַזוי איז בײַ מיר, להבֿדיל, אַ פּעשל קאָרטן" (אַ זעקס־און־זעכציק).

[9] דאָרט, ז' 187.

בקרטין, ביין ובחזיר נתגאל,
משחוק־חן של אשה יפה נתפעל אאז"וו.
(לפנים והשתא[10])

נאָך אַ מער בולט בילד פֿון איינעם אַזאַ „אַריסטאָקראַט" וואָס האָלט „אין דײַטשן קלוב שבת" האָט געגעבן גאָלדפֿאַדען אין זײַן פּאָעמע „שבתיאל", געשריבן אין אַדעס, אין 1885, און באַטיטלט אויך: „געדאַנקען נאָך דעם פּאָגראָם אין רוסלאַנד". אָט איז דאָס בילד פֿון דעם „דײַטשן קלוב":

ער האָלט דאָרט מלחמה יעצט אויף דעם גרינעם פֿעלד
מיט דעם מלך פּיק — און אַ פֿלאַש מאַדערא
שטייט לינקס אויף דעם טיש נעבן דעם העלד,
און רעכטס — זײַן מעטרעסע וועגערא —....

— — — — — — — — — — —

און אַנשטאָט די מלאָכים: גבריאל, מיכאל,
היטן אים ג ו ט די נאַכט זײַן נשמה:
אַן אַלטער פּאָלקאָווניק וואָס איז געווען העט אַ מאָל,
און טשינאָווניקעס צוויי פֿון דער דומע.[11]

אין צאַרישן רוסלאַנד פֿלעגן ייִדן בכּוונה שפּילן מיט באַאַמטע און „נאַטשאַלסטווע" אין קאָרטן, אַ מאָל טאַקע צוליב גוט־ברודערשאַפֿט און פֿרײַנדשאַפֿט (פֿאַלן מער זעלטענע), אָבער מערסטנס איז דאָס געווען אַ געוויסע פֿאָרעם אונטער־צוקויפֿן די באַאַמטע מיט שוחד: שפּילן מיט זיי אין קאָרטן און אָנווענדן אַלער־ליי תּחבולות, כּדי צו „פֿאַרשפּילן" טייל מאָל גאַנץ היפּשע סומעס.[12]

אַז ייִדן זאָלן געווינען איז געווען פֿאַר די טשינאָווניקעס כמעט אומגלייבלעך, זיי זײַנען ניט געווען געווינט צו דעם און האָבן פֿאַרשטייט זיך אַזאַ „עוולה" גאָרניט געוואָלט פֿאַרלײַדן! און דעריבער פֿירט אויס גאָלדפֿאַדען ווײַטער:

פֿאַרשפּילט ער — ליגט ער ממילא אין דער ערד,
געווינט ער — איז אים נאָך מער ביטער;
דאָ כאַפּט זיך איינער אָן בײַ דער שווערד
און נאָך אים דער צווייטער, דער דריטער:

---

[10] שירי יצחק בן אברהם ד"ר קאַמינר, אַדעס, תּרס"ו — 1905, ז' 136; זען אויך דאָרט, „עבדים היינו", זז' 140—141, און צום סוף, „השקפה", זז' 218—219.

[11] גאָלדפֿאַדען זעצט אַליין איבער אין זײַנע הערות צום סוף: „טשינאָווניקעס פֿון די דומע־באַאַמטע דער שטאָט־האַלטערײַ".

[12] זען שאָול גינזבורג: „יהודה לייב גאָרדאָנס עראינערונגען", צוקונפֿט, 1931, ז' 326, איבער הויפּט אָבער דעם זייער כאַראַקטעריסטישן קורצן קאַפּיטל „אויף סאַלאַט"; זען אויך די אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ. ש. מלמד, חיים כמו שהם, קושטאַ, תּרפ"ב, חלק שני, 78, ווו ס'ווערט איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנטער פֿאַקט פֿון אַזאַ כאַבאַרשפּילן. אַנדערע פֿאַקטן פֿון קאָרטן־שוחד ברענגט מרדכי בן הלל הכהן אין זײַן דערציילונג פֿון ייִדישע וואַלד־סוחרים, „בסבכי־יער" (השלח, באַנד 39, זז' 237, 412, און נאָך שטעלן דאָרט, אַרויס נאָך דעם אין בוכפֿאָרעם, תּל־אָביב, תּרצ"ד, זז' 78—82, 148) — אַ דערציילונג וואָס איז, ווי ער באַמערקט אַליין אין זײַנע מעמואַרן, מער וואָר ווי דיכטונג. פֿ"גל אויך זײַן עולמי, באַנד III, ז' 115.

„אָביגראַל נאַם מאָשעניק אי כאָטשעט אודראַט?
ניע סמיי זשיד!“ [13] נאַ, ער מוז ווייַטער שפּילן,
מען זינגט אים אָפּ זמירות מיטן פּסוק פֿון „מאַט“!
און ער לייגט זיך מיט די עטלעכע גילן! [14]

ש. פֿרוג האָט אויך אַ סאַטיריש ליד אויף די נייַע צייַטן און דעם נייַעם דור (ווען אַ גאַנץ שטעטל מאַטערט זיך מקרבֿ זייַן דעם קץ דורך ווערן אַ דור שכּולו חייבֿ, „דורכויס אַפּיקורסים און פּשוט הולטייַעס“). ער דערמאָנט, אַזוי ווי גאָלד־פֿאַדען, דעם פֿאַקט, וואָס אַנשטאָט אין די שולן האַלט מען גאָר שבת און יום־טובֿ אין די קאָרטנקלובן:

ווער דאַוונען, וואָס פֿאַסטן,
ווער האַלט פֿון דעם ענין!
אַפֿילו צו שחרית
איז זעלטן אַ מנין:
מען זיצט מיט די קאָרטן
אין קלוב גאַנצע נעכט;
ניט שבת, ניט יום־טובֿ...
בקיצור, ס׳איז שלעכט.

(דער נייַער ראַבינער [15])

---

[13] גאָלדפֿאַדען זעצט דאָרט איבער: „דו האָסט אונז בעטראָגן, שווינדלער, אונד ווילסט פֿליִען! ניכט וואַגן, יודע!“

[14] שבתיאל, פּאָעמע אין 10 קאַפּיטלעך... פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען, קראָקע, תּרנ״ז, קאַפּ׳ 5, זז׳ 21—22.

וועגן דעם ייִדישן קלוב „קאָנקאָרדיע“ אין קיִעוו, ווו מען פֿלעגט גאַנצע נעכט פֿאַר־ברענגען בייַ די גרינע שפּילטישן, שרייַבט אליעזר אליהו פֿרידמאַן אַ קאַפּיטל אין זייַן ספר הזכרונות, תּל־אָבֿיבֿ, תּרפּ״ו, זז׳ 363—366. דער מעמואַריסט דרוקט דאָרט איבער העברעיִשע און ייִדישע גראַמען וואָס ער האָט אַליין צונויפֿגעשטעלט אין יענער צייַט קעגן די שפּילער, פֿון וואָס איך ברענג דאָ לשם אילוסטראַציע די סטראָפֿעס 5 און 6:

די הויז איז טונקל, פֿינצטער,
טרויעריק די הויזגעזינט,
מיר איז ליכטיק בייַם גרינעם טישל,
און שפּיל מיר אַ ווינט.
ליכטיק אַז״וו.

מען רייַסט דעם ייִדן פֿון אַלע זייַטן,
מ׳רייַסט, מ׳צופּט, מ׳שינדט,
כ׳בין מיר פֿריילעך, גלייַך מיט לייַטן,
און שפּיל מיר אַ ווינט.
כ׳בין אַז״וו.

[15] אַלע שריפֿטן פֿון ש. פֿרוג, ניו־יאָרק, 1910, באַנד II, ז׳ 301.

אין אַן אַנדער סאַטירע אויף אַ ייִדיש שטעטל, „אין שמוגעוווקע“, רעכנט ער אויס צווישן די פֿאַרשיידענע פֿליכטן פֿון דעם „קאַזיאָנעם ראַבינער“ און זייַנע אַנדערע מעלות, אויך אַז:

דרייַ מאָל יעדע וואָך
שפּיל איך ווינט און דערנאָך
כאַפּ אַן אָקעלע איך בייַם אַפּטייקער.

(דאָרט, ז׳ 217)

וועגן די „קאַזיאָנע ראַבינערס“ ווי קאָרטנשפּילער, איז באַקאַנט אַזאַ וויץ:
אין באָברויסק זייַנען געווען צוויי פֿרומע רבנים, דער מתנגדישער רבֿ ר׳ רפֿאל שפּיראָ און דער חסידישער רבֿ ר׳ שמריה נח שניאורסאָן. חוץ די ביידע רבנים איז אויך געווען אַ קאַזיאָנער ראַבינער. איין מאָל טרעפֿט דער פּריסטאַוו איינעם פֿון די שטאָט־נכבדים, בער עטינגער, און זאָגט צו אים:
— אייַער רבֿ שפּילט מיט אונדז אין קאָרטן.

פּונקט ווי צונזער און גאָלדפֿאַדען, האָט אויך מאָריס ווינטשעווסקי אין זײַנע לידער באַרירט די זעלבע פּראָבלעמען, אָבער ער האָט שוין, ווי אַ פּראָלע־טאַרישער דיכטער, אַרײַנגעבראַכט אַנדערע מאָטיוון, ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע. ס'הערט זיך דער פּראָטעסט, „ווי רײַכע לײַט לעבן". בײַ אים זײַנען אויך דאָ גאַליקע פֿערזן קעגן „פּוסטע פּראַנטן", אָבער ר ײַ כ ע ; קעגן צעלאָזענע, פֿאַר־שווענדערישע זינדלעך פֿון רײַכע טאַטעס, פּוסט־און־פּאַסניקעס וואָס פּטרן אוצרות אויף לוקסוס, בעלער, טעאַטערס, מעטרעסעס, וואָס „מוזיק פֿאַרשטייט ער ניט, און קאָרטן האָט ער האָלט":

אין אַ שטילן ערטעלע
זיצט און מאַכט אַ קערטעלע
אַ זון פֿון אַ באַנקיר;
שפּילט, אַ סך' פֿאַרלירנדיק:
אָבער ווייניק שפּירנדיק —
דער טאַטע איז אַ גבֿיר.

קאָרטן און צו עסן פּיל,
אויסער דעם מעטרעסן פּיל,
וואָס אים פֿאַרדינגט די נויט
אָרעמע, פֿאַרבלענדעטע,
וועלכע פֿאַר געשענדעטע
עם מאַכט דאָס שטיקל ברויט.[16]

ווינטשעווסקי האָט אויך געזען די צווייטע זײַט פֿון דער מטבע: ווי אָרעמע ייִדישע אַרבעטער פֿאַרתּכלעווען זייער שווער אָנגעהאָרעוועטע מי און פּראַצע אויף אָזאַרט. אין אַן אַנדער ליד, „צוויי געסלעך", געשריבן אין 1884, גיט ער איבער, לויט זײַנע אייגענע ווערטער, „אַ כאַראַקטער־בילד פֿונעם ייִדישן לעבן אין לאָנ־דאָן". ער באַשרײַבט אַ ייִדישן אַרבעטער פֿון לאָנדאָנער געטאָ אין די אַכציקער יאָרן. אין אַ שבת־נאַכט איז ער אַוועק „ווײַדזשעס נעמען" און האָט איבערגע־לאָזן זײַן יונגע פֿרוי מיט אַ קראַנק קינד אָן „אַ פּעני געלט אין הויז", צוזאָגנדיק, אַז ער וועט „זיך זאַמען ניט לענגער ווי איין אויגנבליק". נאָר בינתּים זײַנען אַ סך שעהען אַריבער און דער אַרבעטער־מאַן זיצט זיך ערגעץ ווו מיט קאַרטיאָזש־ניקעס און האָט דערווײַל ניט נאָר פֿאַרשפּילט זײַנע שׂכירות פֿון דער וואָך, נאָר אויך אַ זייגער פֿאַר אַ צוגאָב:

אין אַ קליינע געסעלע, אַ שמוציקע, אַ שמאָלינקע,
זיצט אַ יונגע ווײַבעלע אין קאַמערל אַליין,
שבת איז אַוועקגעגאַנגען, און איר מאַן נפֿתּלינקע
האָט איר „אויף אַ ווײַלינקע" געלאָזן דאָ אַליין.

— — — — — — — — — — —

אין אַן אַנדער געסעלע אַ שמוציקע, אַ שמאָלינקע,
אין אַ פֿײַנע שטיבעלע, מיט ייִדעלעך געפּילט,
האָט די ווײַדזשעס און דערצו אַ זייגערל נפֿתּלינקע
זיצנדיק בײַם טישעלע אין קערטעלעך פֿאַרשפּילט.[17]

— ווער איז דער רבֿ? פֿרעגט עטינגער: שפּיראָ?
— ניין, זאָגט דער גוי.
— שניאורסאָן? פֿרעגט ווידער עטינגער.
— ניין, ענטפֿערט דער פּריסטאַוו: דער קאַזיאָנער ראַבינער.
— נישט א ו נ ד ז ע ר רבֿ איז ער, ענטפֿערט עטינגער: נאָר א ײַ ע ר רבֿ.

[16] מ. ווינטשעווסקי, לידער און געדיכטע, ניו־יאָרק, 1910, זז' 293—295.

[17] דאָרט, זז' 184—185.

דאָס וואָס ווינטשעווסקי האָט געשילדערט אין פּערזן וועגן דעם ייִדישן געטאָ־לעבן אין לאָנדאָן האָט מיט יאָרן שפּעטער דער הומאָריסט ז. וועגדראָף באַשריבן אין אַ דערציילונג פֿון ייִדישן לעבן אין אַמאָליקן רוסיש־פּוילן. די דערציילונג הייסט „אויף איין מינוט“.[18] וועגדראָף שילדערט, ווי אַ ייִד אַ בעל־הבית, אַ תּבֿואה־סוחר איז געגאַנגען אין אַ ווינטער־אָוונט באַשטעלן רפֿואות פֿאַר זײַנס אַ קינד וואָס איז פּלוצלינג שטאַרק שלאַף געוואָרן. ניט האָבנדיק קיין געדולד צו וואַרטן אַ גאַנצע שעה, ביז די רעצעפּטן וועלן פֿאַרטיק ווערן, האָט ער זיך דערווײַל אַרײַנגעכאַפּט צו אַ היימישן שכן, אַ גוטן־ברודער, בײַ וועמען ס׳איז גראָד געזעסן אַ קאָמפּאַניע אייגענע מענטשן וואָס האָבן געשפּילט „אַן אָקע גדולה“. נאָך אַ סך אײַנבעטעניש האָט ער זיך געלאָזט איבעררײדן און האָט אײַנגעוויליקט צו נעמען אַ האַנט, ביז וואָס ווען, ביז די שעה וועט אַריבער. „כוועל זיך צוזעצן אויף איין מינוט... שפּילן מיט אײַך אַ צוויי־דרײַ קאָנען“... ערשט פֿאַר טאָג קומט צו לויפֿן זײַנער אַ ייִנגל, זוכט און געפֿינט דעם פֿאָטער און דערציילט וויינענדיק, אַז דאָס קינד איז חרובֿ, ס׳איז געוואָרן ערגער, די מוטער חלשט, און רופֿט אים גיכער אַהיים.

ד. נײַע שפּילן

אויב לינעצקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פֿאַרפֿאַסט אַ גאַנץ שפּיל־ליד קעגן אַזאַרט, איז צבֿי הירש האָרנשטיין (ישׂראל חסר־כּוח) געווען דער איינציקער און ערשטער וואָס האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ געלונגען הומאָריסטיש לעבעדיק ליד ניט וועגן, ניט קעגן אָדער אַרום שפּילן — נאָר טאַקע געשילדערט דאָס ש פּ י ל ן אַ ל י י ן. ער באַשרײַבט, ווי אַזוי ס׳גייט צו די עצם שפּיל, און ווי מען שפּילט „די סטוקלקע“, אַ נאָמען פֿון אַ געוויסער קאָרטנשפּיל, מיט וואָס האָרנשטיין האָט באַטיטלט זײַן שפּיללייד. ער איז אויך דער איינציקער וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ געטרײַערן זכר פֿון אַ ניט־איבעריק באַוווסטער קאָרטנשפּיל. באַרימט און פֿאַרשפּרייט איז, ווי באַוווסט, צווישן ייִדן „אָקע“, וואָס האָט פֿון תּמיד אָן געגאָלטן ווי אַ ספּעציעל ייִדישע קאָרטנשפּיל, אַזוי ווײַט, אַז מען רופֿט דאָס כּמעט „ייִדישע אָקע“.

נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, אין 1833, האָט מען אין אַ געזעץ פֿאַר ייִדן אין מערן בפֿירוש אונטערגעשטראָכן, „אַז די ייִדישע שפּיל אָקע, אָדער ווי מען רופֿט עס, געשפּענסט, איז אַלגעמיין פֿאַרבאָטן ווי אַן אמתע אַזאַרטשפּיל“.[1]

---

[18] ז. וועגדראָף, הומאָרעסקען און ערציילונגען, וואַרשע, תּרע״א, זז׳ 135—140.

[1] Hieronymus v. Scari, *Zusätze der im Jahre 1835 erschienenen systematischen Darstellung der in Betreff der Juden in Mähren und im k. k. Antheile Schlesiens erlassenen Gesetze und Verordnungen,* Wien, 1841, p. 49, § 99: "Das jüdische Spiel, Oka oder Gespenst genannt, ist als ein wirkliches Hazardspiel allgemein verboten."

אַזוי איז אויך גורס שלום־עליכם: „תּחילת איז געווען אַ זעקס־און־זעכציק, אַ ייִדישע אָקע, אַ סטוקלקע, אַ טערטל־מערטל („מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער!“). זען אויך ווײַטער ז׳ 136, הערה 1.

לעווינסקי האָט געוויס ניט איבערגעטריבן, ווען ער האָט געשריבן אין אַ חנוכּה־הומאָרעסקע „ייִדעלעך בײַ דעם גרינעם טיש", אַז „אָקע, דאַרפֿט איר וויסן, רבותי, איז ניט קיין מלתא זוטרתא, ניט קיין קלייניקייט; אָקע איז אַ ייִדישע זאַך, כּמעט אַ דבֿר שבקדושה. אין אָקע שפּילן אָרעמע בחורים, משׂכּילים, פּרושים, בעלי־תּאווהניקעס, נײַע־מאָדנע מלמדים, בעלי־בתּים, סוחרים, ערלעכע ייִדנס טעכטער, און עס מאַכט זיך, אַז ערלעכע ייִדן אַליין אויך. אַן אָקע טרעפֿט איר הײַנטיקע צײַטן כּמעט אין יעדן ייִדישן הויז — נאָך גיכער פֿון אַ מזוזה להבֿדיל".[2]

אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך, ווײַזט אויס, שטאַרק פֿאַרשפּרייט פּרע־פֿעראַנס. אין אַ לענגערן אַרטיקל שרײַבט איראָניש אײַזיק מאיר דיק וועגן און קעגן דעם „פֿאַרפֿלוכטן פּרעפֿעראַנס":

צו דעם קאָרטנשפּיל געהער אויך פּרעפֿאָראַנס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין די גרעסטע געזעלשאַפֿטן, און זאָגאַר צווישן די געלערטסטע מענטשן, און עס איזט געוואָרן איינע גאַנצע לערע (לימוד). אין פּרע־פֿאָראַנס־שפּיל וויל יעדער באַווײַזן חריפֿות. מיט דער צײַט ווירד איין גוטער פּרעפֿאָראַנס־שפּילער געזוכט ווערדן פֿאַר אַן איידעם, זוי ווי מען האָט אַ מאָל געזוכט אַן עילוי, וואָרן שוין יעצט ווער עס פֿאַרשטייט ניכט דיזעס שפּיל ווירד געהאַלטן פֿאַר אַן עם הארץ.

לויט מײַן מיינונג איז דיזעס נײַע פּרעפֿאָראַנס־שפּיל פֿיל שלימער ווי דאָס אַלטע קאָרטנשפּיל. וואָרן דיזעס האָט נור בדלות געשטעלט די טאַשע, דאָס פּרעפֿאָראַנס אָבער באַרויבט אויך די צײַט און נעמט צו די געזונדהייט.

בײַ דער קאַרטעבאַסטע האָט עס גאָרנישט לאַנג געדויערט, אַז איין פֿיגור האָט אופֿט ענטשידן ווער דאָס געלט געוואָנען האָט. בײַ דעם פֿאַרפֿלוכטן פּרעפֿעראַנס אָבער פֿאַרברענגט מען גאַנצע נאַכט און מען דערשלאָפֿט נישט, ... און ווײַל מען פֿאַרזאָמט גאַנצע נעכט בײַ דעם שפּילן, דאַדורך איזט נישט דאָ קיין שלום בית (הויזפֿרידן). די פֿרוי פֿון דעם הויז, ווו עס ווירד געשפּילט אין פּרעפֿעראַנס איזט דאַפֿאָן זייער נישט צופֿרידן, וואָרן זי מוס גאַנצע נעכט אויף דער וואַרטע זײַן. אונד די געסט באַדינען.[2*]

אָבער אויך שפּילן האָבן געוויסע צײַטן און מאָדעס. אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט „סטוקלקע". געווען אַ צײַט, אין די זיבעציקער יאָרן, ווען די קאָרטנ־שפּיל „סטוקלקע" איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט און אָנגענומען אין רוסלאַנד, ס'איז אַרײַנגעדרונגען אין שפּילקלובן און אין דער פֿאַמיליע, און האָט, אויף

---

[2] בײַלאַגע צום ייִדישן פֿאָלקסבלאַט, תּר"ן — 1889, נומ' 51־52, שפּ' 8; 9־10, 12. אין יאָר תּרנ"ב האָט לעווינסקי די זעלבע הומאָרעסקע איבערגעזעצט און באַאַרבעט אין אַ העברעיִשן פֿעליעטאָן „שולחן הירוק ומסוביו", געדרוקט געווען פֿריִער אין המליץ און אַרײַן נאָך דעם אין זײַנע געזאַמלטע ווערק כּתבי א. ל. לוינסקי, אָדעס, תּרע"ג, כּרך שלישי, זז' 246—268. וועגן אָקע זען אויך פֿרישמאַנס פֿעליעטאָן, „שרג"א" אין זײַנע כל כּתבי, וואַרשע, תּרע"ד, כּרך יב, ז' 79.

[2*] אַ. מ. דיק, „איבער דיא איינרייסענדע פעסט פֿאַן קאַרטענשפּיל", אין: וואַרשויער יודישע צייטונג, וואַרשע, תּרכ"ח—1868, 2טער יאָרגאַנג, נומ' 4, ז' 27.

אַ געוויסער צײַט, אַרויסגעשטויסן אַלע אַנדערע וויכטיקערע און „קליגערע" שפּילן.[3] און אויך פֿאַר „דעם גרינעם טיש" גילט דער אַלטער כּלל: „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך". ווען ס'איז געוואָרן אין יענע יאָרן אַ מאָדע בײַ די גויים „סטוקלקע", זײַנען יידן ניט אָפּגעשטאַנען און געוואָרן אײַפֿעריקע „סטוקלקיסטן", צוגעפּאַסט זיך אויך מיט דער קאָרטנשפּיל צו די שכנים. „סטוקלקע" איז געוואָרן אַ מין צייכן פֿון „פּראָגרעס", אַ באַווײַז פֿון „רוסיפֿיקאַציע".

אין לעווינסקיס אויבן דערמאָנטער הומאָרעסקע ווערט באַשריבן, ווי צוליב „אַ ניט־יידישע סטוקלקע" איז אָפּגעלאָזן געוואָרן אַ שידוך און חרובֿ געוואָרן אַ יידיש הויז, און דערבײַ באַמערקט ער: „אין קאָרטן דערקענט מען אַ מענטשן, ניט נאָר זײַן כאַראַקטער, אָבער אויך זײַן בילדונג, זײַן אַנטוויקלונג: שפּילט ער גאָרניט אין קאָרטן, איז ער אַ תּמעוואַטער מלאך; שפּילט ער אין זעקס און זעכציק, אין אָקע — אַ בית־מדרש־משׂכּיל; אין סטוקלקע — איז ער אַ רוסיש־רײדער, אַ „וועלטלעכער יונגער־מאַן"; אין פּרעפֿעראַנס, אין ווינט — איז ער אַ געשטור־דירטער!"[4]

און דער הויפּטהעלד אין דעם פֿעליעטאָן איז טאַקע אַזאַ „רוסיש־רײדער" און קענער, איבער וועמען ס'איז אַרויסגעקומען דאָס אומגליק — „ער האָט באמת געגלייבט, דאָס סטוקלקע שטייט אין „קולטורנער הינזיכט" העכער פֿון דער „זשידאָווסקע אָקע", דאָס אין „סטוקלקע" זעט מען אַ טיפֿן כאַראַקטער, און אין אָקע שאַכער־מאַכער [לעווינסקי שרײַבט: „סחר־מאַכער"]. ער האָט געגלייבט, דאָס ווען יידן וועלן אַוועקוואַרפֿן אָקע און זיך נעמען צו סטוקלקע, וועט ווערן „תּשועת ישׂראל", עס וועט קומען די „גאולה"... — ער האָט זאָגאָר אָנגעשריבן אַ „פּראָעקט" וועגן דער שעדלעכקייט פֿון אָקע און די נוצן פֿון סטוקלקע און ווי אַזוי עס צו פֿאַרברייטערן צווישן יידן".[5]

אין דעם פּראָזעטייל פֿון אונדזער שיינער ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן עטלעכע זייער געלונגענע שילדערונגען פֿון דער קאָרטנשפּיל אָקע, ווי אַזוי יידן שפּילן,

---

[3] Вадимъ Бахиревъ, *Русскій карточный игрокъ*, С.-Петербургъ, 1880, стр. 87 (צווייטע פֿאַרבעסערטע אויסגאַבע). דאָרט זײַנען אויך אָנגעגעבן די כּללים, ווי אַזוי מען שפּילט סטוקלקע, טייל כּללים ווערן אויך דערמאָנט אין האָרנשטיינס שפּילליד.

יעקבֿ דינעזאָן שילדערט אַ „תּקון שבֿועות" פֿון ווילנע יונגען: „עס האָט ניט פֿיל געוווערט אונ אויפֿין טיש איז געשטאַנען משקה לרובֿ, אַ קערטיל האָט אויך ניט געפֿעלט, חבֿרה האָבין געשפּילט אין שטוקלקע"... (הנאהבים והנעימים, ווילנע, תרל"ט, חלק שני, ז' 52).

[4] אויך מרדכי בן הלל הכּהן באַמערקט וועגן די שפּילן פֿון יענער צײַט: „משחק הקלפים נפוץ מאד, ולא המשחקים הנהוגים ברחוב היהודים מקדמת דנא, כמו עקא וכדומא, רק שחוק פרפירנס וגם ווינט, ולא רק בחנוכה ובליל חורף, באקראי ולעתים רחוקות, אך בכל הלילות לרבות הימים, ימות כל השנה" (עולמי ב' I, ז' 155).

[5] שפּעטער צו איז דאָס שפּיל, ווײַזט אויס, געוואָרן אויס יחוס. ניט אַלעמען איז שוין אָנגעשטאַנען צו שפּילן אין סטוקלקע. שרײַבט מנחם־מענדל צו זײַן פּלוניתטע: „איין שטיקל חסרון האָבן זיי דאָ, וואָס זיי האָבן ליב אַ קערטל; קומט די נאַכט — נעמט מען זיך צו דער אַרבעט און מע זיצט אַוועק ביז טאָג און מע שרײַט: 'פּאַס'! די גרויסע שפּילן אין אַזאַ שפּיל וואָס הייסט פּרעפֿערענץ, און די קליינע שפּילן אין סטוקלקע, אין אָקע, אָדער גאָר אין טערטל־מערטל" (שלום־עליכם: מנחם־מענדל, פּאַפּירלעך, XI).

זיצן ווי בײַ אַ „שווערן לייענען״, טאַקע ווי להבֿדיל בײַ דער גמרא, מיט דעם זעלבן ניגון, מיט דער זעלבער שקלאַ־וטריאַ, העוויות און דרייען מיטן פֿינגער. געגנוג צו דערמאָנען שלום־עליכמען, ר׳ מרדכילען (טשעמערינסקי) און ווענדראָפֿן.

דעריבער האָט אַ באַזונדערן ווערט האָרנשטיינס שפּיללִיד וועגן סטוקלקע, וואָס איז אַרויסגעקומען בײַ אים — מסתּמא אויך בײַ די באַרדיטשעווער ייִדן פֿון זײַן צײַט, צווישן וועמען ער האָט געלעבט — אַ שפּאַר ביסל פֿאַרייִדישט.

דאָס ליד איז אויך אַ שפּילשפּראַכלעכער דאָקומענט. עטלעכע פֿערזן פֿאַר־מאָגן געוויסע ספּעציפֿישע גאַנץ ייִדישלעכע שפּילאויסדרוקן.

אַזוי ווי דאָס איינציקע שפּילליד פֿון דעם מין איז זייער ווייניק באַקאַנט, האַלט איך פֿאַר ניט איבעריק עס דאָ איבערצודרוקן:

1

יעדער שפּילער האָט אין זינען
געלט וואָס מער צו געווינען,
אויך דערצו האָב א י ך אויך גוסט:
זאָגט מיר, קערטלעך, אויגנבליקלעך,
ווען ווערט איר מאַכן גליקלעך,
ווײַל פֿאַרשפּילן ווער האָט לוסט?

2

נאָר איר שווײַגט און רעדט קיין ווערטער,
אַלע זיצן אויף די ערטער,
וואָס זאָל א י ך, געוואַלד, יעצט טאָן?
טאָמער דאַרף איך מיך פֿאַרקילן,[6]
וועל איך בעסער גאָרניט שפּילן,
דען אָט באַלד פֿאַנגט אָן דער קאָן.

3

„שיקט אַ סטאַווקע!״ הער איך זאָגן,
„ווער דאַרף אײַך אויף זײַן קאָפּ טראָגן?!
טראָגט די קלינגערס דאָ אין טאַץ!״
„סטוק״! קלאַפּט יעצט די כּתּה פֿריילעך,
נאָר צום אומגליק שטאַרבט מײַן מלך,
אָן אַ וויזאַטקע אויף דעם פּלאַץ.

4

„פֿאַר רעמיז, רעמיזניק, ווידער,
די ממתּקים ליגט אַנידער!״
דולט דער קאַסיר מיר דעם קאָפּ;

---

[6] אונטערן טעקסט דערקלערט האָרנשטיין: „אַ שפּילאויסדרוק, ווי אין רוסיש продуться (פּראָדוטסיאַ). אויך די ווײַטערדיקע הערות ביז 9 זײַנען פֿון מחבר אַליין. נ. פּרילוצקי אין זײַן „שפּיל־לשון״ (ייִדישע פֿילאָלאָגיע, 1924, ז׳ 92), דרוקט איבער האָרנשטיינס אָנ־מערקונגען מיט דערקלערונגען פֿון זײַן זײַט. ער האָט דאָ נאָר אויסגעלאָזן זײַן פֿאַרגלײַך מיטן רוסישן.

איצט קומט אָן דאָס פֿרײַלן „קאָזיר”—
קענן מיידלעך זײַן אַ „חזיר”?!
אויף אַ „מויד”? — גיב „איך” אַ קלאַפּ!

5

נאָר מײַן מויד האָט קיין ממשות,
פּלוצעם פֿאַלט זי גאָר חלשות
פֿאַר דעם „מלך” צו די פֿיס —
און פֿאַר שרעק איז „זי” געשטאָרבן,
אוי געוואַלד, אַ פֿרישער קרבן —
דורך אַ מויד בין איך „רעמיז”!

6

פֿרישע קאַרבן, גוטער ברודער, —
שרײַט דער קאַסיר „לייגט אַנידער
פֿאַר דער בתולה קבֿורה־געלט!”
נעמען נעם איך מיך צום בײַטל,
אַך, ווי ציטערט מיר דאָס הײַטל —
באַלד בין איך דאָ אויסגעשטעלט!

7

נאָר דעם קאַסיר טויג ניט זאָגן,
אַז אין בײַטל הייבט אָן טאָגן.
אים — כאָטש מאַך פֿון דיר — און צאָל!
נו, באַצאָל איך גאַנץ געלאַסן,
און דערצו טאָר איך נישט פּאַסן,
ווײַל אויף לעצט זיץ איך דאָס מאָל;—

8

נאַ דיר אַ זאַקאָן אַ וויסטן,
בײַ די גרויסע סטוקאַליסטן,
קוים זאָגט יעדער שפּילער „פּאַס!”
טאָר דער לעצטער נישט אַנטלויפֿן,
קענן ווילן מוז ער קויפֿן, —
כאָטש ער קריכט אין „פֿוטערפֿאַס”.[7]

9

נאָר אָט קענן דעם פּראָבירן
גראָד אַצינד צו פּראָטעסטירן
וואָלט איך דאַך געווען אַ נאַר:
קאַרג בין איך אַרײַנגעקראָכן,
קאַרג דערצו דעם קאַרק געבראָכן,
טאָמער קומט די טויז דערפֿאַר.

---

[7] מיינט דער פּסוק: אין רעמיז.

10

„סטוק"! — ווער איז? אַ גאַסט ר׳ מיכל,[8]
איז געקומען מיט זײַן שמייכל,
מיר צו העלפֿן אין דער נויט:
נאָר דער שאַרלאַטאַן דער איינער,
קוים זעט ער אַ מויד מיט ביינער,
בלײַבט ער אָפּגעקאָכט אויף טויט.

11

נאָר מײַן חשק דער פֿאַרשײַטער
מוטשעט פּראָסטע קלאַפּן ווײַטער —
נאַר זאָגט ער מיר: גייט די טויז!
מעגסט שוין, ברודער, יעצט ריזיקירן,
„האָסט דען עפּעס צו פֿאַרלירן?"
און דערווײַל טאַלירט מען אויס...

12

„סטוק"! די טויז מוז איך דערטאַפּן! —
וואָס?! אויף צענטלעך זאָל איך קלאַפּן? —
ליג איך דאָך געוויס אין פֿאַס,[9]
מ י ך קרענקט גאָר דאָס גאַנצע שפּילן,
זיך געפֿערלעך צו פֿאַרקילן
און יעצט מוזן זאָגן „פּאַס!"...

13

פֿון דעם קאָן אַרויסגעטריבן,
אָן אַ קאָפּיקע געבליבן,
פֿע, דאָס איז דאָך גאָרניט שיין! —
שווערן שווער איך בנאמנות,
מער נישט קלאַפּן אויף סכּנות
אויסער אויף דער טויז אַליין.[10]

ווי מיר זאָלן נישט קוקן אויף האָרנשטיינס שפּיללײד „די סטוקלקע" פֿון דעם ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, מוזן מיר דאָך צוגעבן, אַז ס׳איז צווישן די פֿאָלקסטימלעכע געציילטע אַזאַרטלידער אַן אייגנאַרטיק גוט הומאָריסטיש־שטי־פֿעריש שפּיללײד וואָס פֿאַרמאָגט אַפֿילו אַ געוויסן ריטעם און טאָן און איבער הויפּט אַ לעבעדיקע שילדערונג פֿון דער אַזאַרט־אַטמאָספֿער בײַ חבֿרה יידישע קאָרטנשפּילער.

---

[8] ר׳ מיכל, דער וואַלעט (אונטער).

[9] אין רעמיז, אויף שפּיל־לשון.

[10] כנור הצ״בי, פֿאַרפֿאַסט פֿון ישראל חסר־כח (צבֿי הירש האָרנשטיין, באַרדיטשעוו, תּרנ״א — 1891, זז׳ 48—51 (די סטוקלקע).

ה. נוסח אַמעריקע

אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען איז די רייד געווען כמעט נאָר פֿון די רוסישע און פּוילישע ייִדן אויף יענער זײַט ים. דאָס בילד וואָלט אָבער נישט געווען גאַנץ, ווען ס׳וואָלט אויסגעלאָזט געוואָרן אַמעריקע, בפֿרט, אַז אויף ד ע ר זײַט ים האָט זיך דער „געמבלינג״־קולט צווישן אַחינו בני ישׂראל אַנטוויקלט אויף גאָר אַ הויכער מדרגה. די פֿאַרשפּרייטסטע פֿאָרעם פֿון „געזעלשאַפֿטלעכקייט״ איז דאָ קאָרטנשפּיל, אַזאַרט. דער מין אונטערהאַלטונג איז אָנגענומען אין אַלע לאַגערן, שיכטן און ריכטונגען, בײַ פֿרום און פֿרײַ, פּראָגרעסיוו און ראַדיקאַל, רײַך צי אָרעם, מאַן און פֿרוי, יונג און אַלט.

אין קיין לאַנד איז אַזוי ניט פֿאַרשפּרייט דער ענין פֿון „קאָרטן של מצווה״ ווי אין אַמעריקע. ס׳ווערן כּסדר אײַנגעאָרדנט אַזאַרט־אונטערנעמונגען און „קאָרטן־פּאַרטיס״ ניט נאָר אויסצוהאַלטן פֿילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן און צדקה־אינסטיטוציעס, נאָר אויך רעליגיעזע, ווי קאָנגרעגאַציעס און תּלמוד־תּורות, שולן און צענטערס, צו צאָלן שׂכירות רבנים און ראַבײַס, לערער און חזנים... פֿון קאָרטנגעלט קויפֿט מען אַפֿילו, אָדער מען לאָזט שרײַבן ספֿרי־תּורות![1]

איבער הויפּט פֿאַרקאָכט זײַנען די פֿרויען אין „מצווה קאָרטן״. די הויפּטטעטיקייט פֿון אַ סך ווײַבערשע חבֿרות און „ליידיז אָקזיליערים״ זײַנען דאָך די „שפּילפּאַרטיס״.[2]

---

[1] די חסידים ווייסן אַפֿילו צו דערציילן פֿון אַ ספֿר־תּורה, געשריבן פֿאַר קאָרטנגעלט נאָך אין בעל־שם־טובֿס צײַטן. עס האָט פּאַסירט, אַז אין אַ געוויסער ספֿר־תּורה פֿלעגט מען אַלע מאָל געפֿינען אַ גרײַז, ס׳האָט נישט געהאָלפֿן קיין תּיקון. ווען מען האָט די ספֿר־תּורה געוויזן דעם בעש״ט, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז פֿאַרפֿאַלן, ס׳וועט גאָרניט העלפֿן, די ספֿר־תּורה וועט שטענדיק בלײַבן אַ פּסולע, ווײַל זי איז געשריבן פֿון „שאָלדערגעלט״ (שבחי הבעש״ט, קאָפּוסט, תּקע״ה, כא, ד; אויסגאַבע הורודצקי, בערלין, תּרפ״ב, צד).

[2] איך האָב אָנגעקליבן אַ שפּאָר ביסל צײַטונגס־מאַטעריאַלן, ערנצטע אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען פֿון די לעצטע יאָרן, וואָס באַרירן זייער אָפֿט די פּראָבלעם פֿון פֿרויען־שפּילערינס, ספּעציעל זייער פֿאַרשוועכן דעם מקום־קדוש דורך אײַנאָרדענען קאָרטן־פּאַרטיס, פֿאַרבונדן מיט צדקה, און פֿאַרשיידענע שפּילן כּלומרשט לשם מצווה. נאָר איך וויל זיך דאָ באַנוגענען מיט אַ פּען־שטיפֿערײַ וועגן אַזאַ „אשת־חיל״ און אַ גבאיטע אַ פֿאַרקאָכטע קאָרטאָוניצע: „מײַן לענדליידי שפּילט אָבער ניט גלאַט אַזוי אין קאָרטן. אַלע מאָל, זאָגט זי, שפּילט זי פֿאַר אַ וויכטיקן צוועק. זונטאָג שפּילט זי פֿאַר אויפֿהאַלטן דעם רבֿ, מאָנטאָג — פֿאַר אַן אָרעמער כּלה, דינסטאָג — פֿאַר אַ האָספּיטאַל, מיטוואָך — פֿאַר ארץ־ישׂראל־ערד, דאָנערשטאָג — פֿאַר שקלים, פֿרײַטאָג — פֿאַר די אָרעמע לאַנדסלײַט, שבת מאַטינע — פֿאַר דער שול, און שבת צו נאַכט פֿאַר דער חבֿרה״, סעם ליפּצין (קוועקזילבער), „קאָרטן — פֿאַר אַ הייליקן צוועק״, אין: אַ גוט יאָנטעוו [יום־טובֿ], ניו־יאָרק, 1940, ז׳ 38. לײדער איז די ליצנות וואָס דער מחבר שרײַבט אין אַ סך פֿאַלן גאָרניט איבערגעטריבן. שרײַבט דאָך אַ. ליטוואַק (זען ווײַטער), ווי „די ווײַבער האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאָכה און זיי שפּילן אין קאָרטן צו גלײַך מיט די מענער. די ווײַבער מאַכן ברידזשפּאַרטיס פֿאַר ציון, פֿאַר איקאָר, פֿאַר אַלץ אין דער וועלט. איך ווייס אַפֿילו אַ שטאָט, וווּ דער רבֿ האָט מתּיר געווען צו מאַכן אַ קאָרטן־פּאַרטיע פֿאַר אַ נײַעם בית־המדרש וואָס מען גייט בויען״. מיט ווייטאָג מאָלט דוד פּינסקי (זען ווײַטער, ז׳ 97), ווי די קאָרטנפּעסט האָט „דאָ אין אַמעריקע אָנגעשטעקט אויך די ייִדישע פֿרויען. זיי שטײַגן נאָך אפֿשר אַריבער זייערע מענער אין דעם אַזאַרט, ווײַל זיי האָבן מער צײַט. די

ניט אומזיסט קלאָגט אַ העברעיִשער דיכטער, אפרים א. ליסיצקי, אין אַן אידיליע פֿון דעם ייִדיש־אַמעריקאַנער לעבן:

אבוי, גלתה, גלתה השכינה
מבית אלהים — הלזה מקום קדוש יקרא?
מתעללים בו בכל קדש, ורב בישראל
ראש פורצי הגדר, כל גדר מסרת וקדושה!

— — — — — — — — — —

ועתים לגמילות חסדים — זה משחק הקלפים,
תשגינה בו נשים צדקניות יומם ולילה,
ודמי הענושים הם תרומת־קדשים, תבאנה
אל בית אדני! [3]

אויך י. אָפּאַטאָשו אין אַ דערציילונג „אין אַ שול" שילדערט, ווי אַ שול האַלט בײַם באַנקראָט און עמך נעמט אָן כּלערליי מיטלען אויפֿצוהאַלטן דעם מקום־קדוש. „מען האָט זיך אַליין באַשטײַערט, מען האָט גענומען גיין פֿון טיר צו טיר, מען איז אַפֿילו אײַנגעגאַנגען אויף „ברידזשפּאַרטיס", אויף „פּאָקער־פּאַרטיס", אַבי „אָפּצוראַטעווען די שול". און אין אַ הייסן זומער־נאָכמיטאָג, ווערט ווײַטער געשילדערט, זיצן אין דער פֿעדערשול אַ כאָפּטע מענער און ווײַבער, מען שפּילט אַזאַרטיש אין קאָרטן, כּדי דאָס געווינס זאָל גיין פֿאַר אַ חזן אויף ימים־נוראים. דאָס שפּילן האָט אָבער געשטערט אַ יונגן בחורל צו זאָגן קדיש און דער יתום האָט געפֿאָדערט מען זאָל אויפֿהערן צו קלימפּערן מיט די „טשיפּס".

„דאָס שפּילן איז פֿאַר דער שול", האָט זיך איינער אָפּגערופֿן.

„ווען מיר שפּילן נישט, וואָלסטו נישט געהאַט ווו צו זאָגן קדיש", — האָט אַ צווייטער אַ זאָג געטאָן".[4]

'קאַרדפּאַרטיס' וואָס קומען פֿאָר אין מיטן טאָג זײַנען געוויינטלעך באַזוכט בלויז פֿון פֿרויען... וויל מען אַרויסקריגן אַ ביסל געלט בײַם ייִדישן עולם, דער עיקר בײַ ייִדישע פֿרויען, אויף עפּעס אַ צדקה־זאַך, איז — אַ קאַרדפּאַרטי! באַנוצן זיך אַלע מיט דעם דאָזיקן זיכערן מיטל צו מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר, אַפֿילו די וואָס זײַנען אָדער דאַרפֿן זײַן קעגן דער קאָרטנפּעסט. אַלערליי קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ייִדישע פֿאָלקשולן, תּלמוד־תּורות, אויך גאָטסהײַזער. זיי, די גאָטסהײַזער, האָבן אַפֿילו אַ ספּעציעלן חדר שני פֿאַר אַזעלכע קאַרדפּאַרטיס, און די וואָס ווייסן זאָגן עדות, אַז די קאַרדפּאַרטיס אונטן אין חדר שני ווערן בעסער באַזוכט ווי דער גאָטדינסט אויבן, אין חדר ראשון".

[3] אפרים א. ליסיצקי, שירים, תּל־אָבֿיבֿ, תּרפּ"ח, רנו—רנז („כתקע שופר").

נאָך אַ העברעיִשער דיכטער, שמעון גינצבורג, וועלכער איז געווען אַ סך יאָרן טעטיק ווי אַ דערציִער אין אַמעריקע, האָט אין זײַן „נר נשמה" (ספר־השנה ליהודי אמריקה, תּרצ"ט), פֿאַראייביקט אין דער „אידיליה אמריקאית" דעם טרויעריקן מצבֿ פֿון דעם ייִדישן חינוך אין אַמעריקע: ער שילדערט אַ „מסבה של מצווה", אַ קאָרטן־פּאַרטיע לטובֿת אַ תּלמוד־תּורה.

[4] דער טאָג, 5טער נאָוועמבער, 1933, איבערגעדרוקט אין: מענטשן און חיות, ניו־יאָרק, 1938, זז' 241—245 (צום סוף דערציילונג בטעות אָנגעגעבן 1935).

אין אַן אַנדער דערציילונג „אַ פּאָקער" שילדערט ווידער אָפּאַטאָשו דאָס שפּילן אין אַ רײַכער שול און די גאַנצע וווּלגאַריטעט אַרום. ער פֿאַרענדיקט דאָס בילד: „און קיינער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָט מער נישט געטראַכט וועגן „מעות־חיטים" פֿאַר אָרעמע־לײַט, נישט געזען, ווי דער געשניצטער אָרון־קודש קוקט אויף זיי פֿון דער אָפֿענער שול אַרויס. דער

נאָך ערגער איז דער מצבֿ פֿון ייִדישקייט אין דער פּראָווינץ. די שול איז אָפֿט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „ייִדישן צענטער", צו וועלכן עס געהערן כּמעט אַלע ייִדן פֿון שטעטל, און דער צענטער איז טייל מאָל אַ שפּילקלוב. „נאָר די תּפֿילה איז מער ניט ווי אַ נעבנזאַך, נאָר פֿאַר יום־טובֿים. די אמתע עבֿודה אין די שול־פֿאַרזאַמלונגען און שולפּיקניקס, ווי אויך די געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט, באַשטייט אין קאָרטנשפּילן. די פֿרויען און די אינטעלעקטועלע מענער שפּילן ברידזש און די מענער שפּילן פּאָקער. מען שפּילט לשם שמים, פֿאַר דער שול, אָבער אויך לשמה, פֿאַר שפּיל זעלבסט, 'צוליב פֿאַרדינסט'". אַזוי שרײַבט מיט ווייטאָג און צער דער געלערנטער ד"ר שמואל י. פֿייגין, וועלכער קוקט אויף דעם קליינעם אַמעריקאַנער ייִדישן שטעטל ווי אויף „אַ בית־הקבֿרות אינעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע".[5]

צײַטנווײַז ווערט אויך אויסגעדריקט די מורא פֿאַר חילול־השם, אַז פֿון גאָטס הויז איז געוואָרן — אַ שפּילהויז און דאָס קאָן אַ מאָל פֿאַרשוואַרצן דעם ייִדישן פּנים. פֿון דעם שטאַנדפּונקט זײַנען באַזונדער וויכטיק די שאלות פֿון רעפֿאָרמירטע טעמפּלען, וואָס זיי האָבן אָנגעפֿרעגט וועגן געמבלען בײַ זייער בית־דין (אַ קאָמיטעט פֿאַר שאלות־ותשובֿות) פֿון דער „צענטראַלער קאָנפֿערענץ פֿון אַמעריקאַנער ראַבײַס".

לעגאַל, האָט די קאָמיסיע געענטפֿערט, איז ניטאָ קיין התנגדות, נאָר עטיש איז דאָ אַ גרונד אײַנצוווענדן קעגן שפּילן, ספּעציעל ווען אַזעלכע אונטערנעמונגען ווערן גוט אַנאָנסירט און קענען ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די ניט־ייִדישע גײַסטלעכע; דאָס קען פֿאַרמינערן דעם רעספּעקט צום ייִדנטום אין די אויגן פֿון ניט־ייִדן. דאָס אַליין איז שוין מחייבֿ אַ געוויסע אײַנגעהאַלטנקייט.[6]

דער פּסק איז, ווי מיר זעען, גאַנץ עלאַסטיש, נישט קיין אַבסאָלוט נעגאַטיווער. דער אָפּהאַלט איז דער עיקר דער למה־יאמרו־הגויים־מאָטיוו. דאָס איז אין דעם פֿאַל גאַנץ איבעריק, ווײַל פּונקט דאָס זעלבע קומט פֿאָר אין די קירכעס, ווי די קאָמיסיע דערמאָנט אַליין, מען טרײַבט גאַנץ געשמאַק אַלערליי אַזאַרט,

---

„פּאָקער" אין דער שול „תּפֿארת־ישׂראל" איז געוואָרן לעבעדיקער, אַזאַרטישער" (געזאַמלטע ווערק, ב' XII, זז' 217—227).

[5] „די שטעטלדיקע ייִדישקייט און די רבנים", דער טעגליכער אידישער קוריער, שיקאַגאָ, סעפּט' 27, 1935.

[6] *Central Conference of American Rabbis* (1936), vol. XLVI, p. 126: "Legally there is no objection ... However, 'ethically' there are grounds for scruples, ... Such Jewish affairs, especially if much publicized, may lower the respect for Judaism in the eyes of the non-Jews. Hence discretion is advisable even from this angle alone."

אויף אַן ענלעכער שאלה פֿון די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן, זעט זייער „קאָמיטעט פֿאַר ייִדישן געזעץ" נישט די מיגלעכקייט צו פֿאַרבאָטן קאָרטנשפּיל, אויב עס ווערט געשפּילט אָן געלט אין פּאָליש אָדער אין זײַטיקע צימערן פֿון דער שול און עס טראָגט נישט קיין אַזאַרט־כאַראַקטער:

The Bulletin of the Rabbinical Assembly, 1938, vol. I, No. 2, p. 7; No. 4, p.9.

הגם מען האָט עס לעצטנס שטאַרק געפּרוּווט באַקעמפֿן; עס איז שווער צו זאָגן ווער פֿון ווער פֿון וועמען האָט געלערנט די תּורה פֿון אַזאַרטשפּיל לשם מצווה.

בײַ די רעפֿאָרמירטע, האַלב רעפֿאָרמירטע און „אַמעריקאַניזירטע" ייִדן, איז אַ ראַבײַ וואָס איז אַ בקי אין ברידזש און פּאָקער און שפּילט גוט אַ „גיים", געוויס ניט קיין חסרון, גיכער אַ מעלה.[7]

ניט קיין וווּנדער, וואָס אַן אַלטער רעפֿאָרם־ראַבײַ האָט מיט אַ צען יאָר צוריק געפֿונען פֿאַר צוועקמעסיק אַרויסצוגעבן אַ בוך ווי אַזוי צו שפּילן ברידזש און איז געוואָרן אויף דער עלטער אַ ברידזש־רבי מיט אַן אייגענעם ברידזש־סידור.

אין דער אמתן איז דער מצבֿ קיין מאָל ניט געווען בעסער. דער ראָש פֿון די רעפֿאָרמער אײַזיק מ. ווײַז באַשרײַבט, קורץ און שאַרף, ווי עס האָבן אויסגעזען די כּלי־קודש אויף דער ייִדישער גאַס אין אַמעריקע מיט הונדערט יאָר צוריק. דער חזן־רעוורענד איז געווען אַ מין כּל־בו: בעל־קריאה, ברכה־געבער, לערער, קצבֿ, מוהל, בעל־תּקיעה, קברן, סעקרעטאַר. ער פֿלעגט שרײַבן קמיעות מיט די נעמען פֿון אַלע מלאָכים און ניט־גוטע פֿאַר קימפּעטאָרינס (שיר־המעלותן), זאָגן שיעור פֿאַר די פֿאַרשטאָרבענע בעלי־עבֿירות און שפּילן אין קאָרטן אָדער דאָמינע מיט די לעבעדיקע.[7*]

טרויעריק דערפֿאַר איז דער גורל פֿון דעם היימישן רבֿ דאָ אין אַמעריקע. פֿרעמד איז אים אַזאַרט־ייִדישקייט, ווײַט איז ער פֿון שפּיליִדן, ממילא ווײַט און דערווײַטערט פֿון זיי. קלאָגט טאַקע „דער אַלטער רבֿ" אין אַ ליד מיט אַזאַ נאָמען פֿון יחזקאל לעוויט, ווי ער ווערט אַלץ מער דורך אַזאַרט־ייִדישקייט און דעם מאָדערנעם ראַבײַ אַרויסגעשטויסן פֿון לעבן און ווי איבעריק עס איז געוואָרן דער טרעגער פֿון תּורה, אמונה און טראַדיציע בײַ ייִדן זינט דורות:

איך בין אַן אַלטער מאַן, איך דאַרף שוין מער ניט לעבן,
איך בין פֿאַר מײַנע בעלי־בתּים בלויז אַ שטער...
כ'האָב אַלץ וואָס כ'האָב פֿאַרמאָגט שוין זיי אַוועקגעגעבן,
איך בין פֿאַר זיי אַ שבֿרי־כּלי און ניט מער...

זיי האָבן אויף מײַן פּלאַץ אַ ייִנגערן גענומען,
וואָס האָט פֿאַר תּלמוד און פֿאַר פּוסקים קיין געפֿיל...
דערפֿאַר איז אָבער ער אַ וויכטיקער מזומן
פֿאַר אַ „פּאָקער" און פֿאַר „ברידזש" און אַן אַנדער קאָרטנשפּיל...

[7] אויף טשיקאַוועס איז ווערט צו ברענגען פֿון געצל זעליקאָוויצעס אַן אַרטיקל וועגן אַזאַרטשפּילן, געשריבן נאָך מיט 34 יאָר צוריק. אַ רעפֿאָרם־ראַבײַ וועלכער איז געווען קעגן געמבלען האָט פֿאַרלוירן זײַן שטעלע: „ווען עס קומט צו קאָרטן זײַנען אָרטאָדאָקסן מיט רעפֿאָרמער פֿאַראייניקט אין פֿולשטענדיקע ברידערשאַפֿט — און מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט מען זאָגאַר אָפּגעזאָגט אַ רעפֿאָרם־ראַבינער אין אַ גרויסער שטאָט פֿון דער וועסט נאָר דערפֿאַר וואָס ער האָט געוואַגט אַרויסצוקומען גאַנץ שאַרף אין זײַן דרשה קעגן די מעמבערס פֿון זײַן טעמפּל, וועלכע האָבן געשפּילט אין קאָרטן צו העלפֿן צדקה־אַנשטאַלטן... זײַט דאַן ציטערן די רעפֿאָרם־ראַבינער צו דערמאָנען אַפֿילו אויפֿן ווונק אין זייער „סוירמאַן" וועגן „שיפּע זיבעלע" („די קאָרטן־מכּה צווישן ייִדן", ייִדישעס טאָגעבלאַט, 25סטער אויגוסט, 1911).

[7*] Isaac M. Wise, *Reminiscences*, Cincinnati, 1901, p. 45.

ער קען אויך טאַנצן גוט און קען חניפֿות מאַכן,
און ווי ער קומט צו גיין, זיך שטופּט ער אויבן אָן...
ער מאַכט מיט פּשוטע רייד דעם עולם־גולם לאַכן:
ער פּילט די דרשות אָן מיט וויצן און מיט „פּאָן".[8]

נאָר אין אַמעריקע קען געמאָלט זײַן, אַז מע זאָל אַזאַ סאָלידן און קאָנסערוואַטיוון ראָש פֿון אַ טעאָלאָגישן סעמינאַר און אַנדערע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס ווי ד"ר סײַרוס אַדלער אויסרעכענען, צו זײַן 70סטן געבוירן־טאָג, צווישן אַלע זײַנע מעלות אויך די מעלה, אַז ער פֿלעגט זיך באַרימען מיט זײַן שפּילן וויסט.[9] מען קען זיך בשום אופֿן נישט פֿאָרשטעלן, מען זאָל נאָכזאָגן אַזאַ שבֿח אַ היימישן אַלטן ראָש־ישיבֿה!

כאַראַקטעריסטיש אַמעריקאַניש איז אויך דער פֿאַל: אַן אַנדער יובילאַר ר' יהודה דוד אײַזנשטיין, דער רעדאַקטאָר פֿון אוצר ישׂראל און מחבר פֿון אַ סך אַנדערע ווערק, האָט אויף דער טאָפּעלער שׂמחה לכּבֿוד זײַן 90סטן געבוירן־טאָג און 70 יאָר נאָך זײַן חתונה גערעדט וועגן אַריכת־ימים און צווישן אַנדערע כּללים ווי אַ סגולה אויף לאַנג לעבן אויך געעצהט: מען זאָל נישט טרינקען קיין שאַרפֿע משקאות, נישט רייכערן און נישט שפּילן אין קאָרטן...[*9]

נאָך אַ טשיקאַווע אילוסטראַציע: אפֿרים דײַנאַרד אין זײַן פּאָלעמיש בוך קעגן מיסיאָנערן, מכתב גלוי לישו הנוצרי (געדרוקט אַנאָנים אין ס"ט לויס), האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿאַרשטאַרקן זײַנע באַווײַזן און אַרגומענטן דורך רעפּראָדוצירן צום סוף אויף דער הילע צוויי קאָרטן! מיט אַן איבערשריפֿט „המיסיאָן משחקת בקלפים" איין קאָרט אַ טויז (היהדות) די צווייטע קאָרט אַ דרײַ (הנצרות) און פֿרעגט: „מי יזכּה?" (ווער וועט געווינען?).

אַמעריקאַנער אײַנפֿלוס קען מען אויך זען אין דער אילוסטראַציע פֿון שאָול ראַסקין צו „שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים", אין זײַן אילוסטרירטן פּרקי אָבֿות, ניו־יאָרק, 1940, ווו ער שטעלט פֿאָר צוויי קאָרטנשפּילער.

---

[8] דער מאָרגן־זשורנאַל, 7טער מאַרץ, 1937; איבערגעדרוקט דאָרטן, 2טער מאַרץ, 1945.

[9] *The New York Times*, Sept. 10, 1933, p. 5: "He used to pride himself on his game of whist."

אין זײַנע זכרונות ברענגט אַדלער, אַז אויף דעם טור וואָס ער האָט געמאַכט אין שליחות פֿון דער שיקאַגער וועלט־אויסשטעלונג האָט ער אין קאַהיראָ, מצרים, אין יאָר 1891, אויפֿן ווונק פֿון דעם אַמעריקאַנער גענעראַל־קאָנסול געמוזט שפּילן פּאָקער — אַ שפּיל וואָס ער האָט קיין מאָל אין זײַן לעבן ניט געהאַט געשפּילט — מיט געוויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס ער האָט געמוזט מיט זיי זיך טרעפֿן און געווינען פֿאַר דער זאַך. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ זעקס־זיבן וואָכן. ער איז גראָד געווען דער געווינער. אָבער אַדלער גיט צו, אַז ער האָט קיין מאָל פֿריִער ניט געשפּילט אין קאָרטן פֿאַר געלט און אויך ניט נאָך דעם.

I Have Considered the Days, Philadelphia, 1941, p. 114.

[*9] דער מאָרגן־זשורנאַל, 24סטער אָקטאָבער, 1944, ז' 10; יהודה דוד אײַזנשטיין, „אריכות ימים", הדואר, תש"ה, גליון ב, זז' 27—28.

„מושבֿ לצים“ פֿון שאָול ראַסקין

צײַטנװײַז הערט מען אַ שטאַרקן פּראָטעסט קעגן דעם אַזאַרט־ייִדנטום אין אַמעריקע. אַן אַנדערש מאָל קלאַפּט מען טרעװאָגע. פּובליציסטן רעאַגירן אויף דעם אין דער פּרעסע, רעדנער אויף די בימות. אַ גרױסע קעגנאַקציע האָט אונטערגענומען און געפֿירט נאָך אין 1912 די צײַטונג ייִדישעס טאַגעבלאַט. די צײַטונג האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו דרוקן אַ סעריע לעבנסבילדער קעגן דער קאָרטן־מגפֿה און אין אַ פֿאָרבאַמערקונג צו תּשר״קס אַן אַרטיקל „קאָרטן״ (1טן יולי 1912), שרײַבט די רעדאַקציע:

מיט דיזע סעריע לעבנסבילדער פֿאַנגט אָן די רעדאַקציע פֿון טאַגעבלאַט אַ שטאַרקע קאַמפּיין קעגן די קאָרטן־מכּה װעלכע האָט זיך פֿאַרשפּרייט װי אַ געפֿערלעכע פּעסט איבערן ייִדישן לאַגער און רויִנירט פֿאָטערס, מוטערס און קינדער. אין פֿאַרשיידענע עדיטאָריעלס און ספּעציעלע אַרטיקלען װעלן אויפֿגעדעקט װערן די גרױסע טראַגעדיעס װאָס זײַנען אַרויסגעקומען צוליב דיזן שׂטן המשחית פֿון געמבלינג. עס איז צו האָפֿן, אַז אונדזערע לעזער װעלכע האָבן אונדז אימער אונטערשטיצט אין יעדע גוטע און נוצלעכע אונטערנעמונג װעלן באַגרײַפֿן די ערנצטקייט פֿון אונדזער אויפֿגאַבע און װעלן אונדז געבן זייער האַנט צו העלפֿן אויסראָטן דיזע מגפֿה פֿון ייִדישן קוואַרטאַל.[10]

נאָך מער װי אין פֿרומען לאַגער, איז דאָס אַזאַרטשפּיל פֿאַרשפּרייט צװישן די „ראַדיקאַלן״ און ייִדישע אַרבעטער. מען שפּילט אין שעפּער, פֿעקטאָריס; מען שפּילט אין הויז, לאָדזש און סאָסײַעטי. אין אַ דעבאַטע צװישן מעדעמען און ליעסינען װעגן ציוניזם און בונד, שרײַבט, מיט רעכט, דער לעצטער:

און װאָס איז שייך די מאַסן, װאָס געג׳ מעדעם מיינט, אַז זיי פֿאַרנעמען זיך מיט „ציוניסטישע חלומות״ און זיי דאַרפֿן אָט די חלומות אָװעקװאַרפֿן, מוז איך אים זאָגן, אַז דאָס איז נישט אַזוי, לײדער נישט אַזוי, די מאַסן פֿאַרנעמען זיך גאָר מיט פּינאַקל און פּאָקער.

---

[10] אין צוזאַמענהאַנג מיטן „קאַמפּיין״ זײַנען אין טאַגעבלאַט געװען אַזעלכע לייט־אַרטיקלען: „אַ בעל־הבתּישע ׳געימקע׳ און ׳געמבלינג׳ ״, „קאָרטנשפּיל — די ייִדישע מגפֿה״; „דער ערשטער גװאַלדגעשרײַ קעגן געמבלערס״ (יולי 25, 28 און 30), װי אויך אַרטיקלען: ירחמיאל קורנבליטה, „דאָס פֿאַרפֿלוכטע קאָרטנשפּיל (װידוי פֿון אַ געמבלער)״, יולי 22; מאָריס באָראָס, „דער קאָרטנשפּיל בײַ ייִדן אין קאַנטרי״, אויגוסט 9.

אויך אין אַנדערע צײַטונגען זײַנען אין דעם זעלבן יאָר 1912, געװען אַרטיקלען אויף דער זעלבער טעמע: ה., „די פֿרוי װאָס שפּילט אין קאָרטן״, פֿאָלקס אַדװאָקאַט, יאַנואַר 19; מאָרגן־זשורנאַל, אפֿרים קאַפּלאַן, „אונדזער קאָרטן־געזינדל״, נאָװ׳ 6(?); ז. װענדראָף, „ ׳קאָרטן׳, אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ קליינשטעטלדיקן פֿרומען ייִדן״, קענעדער אַדלער, אָקט׳ 18; אַלפֿונזאָ, „קאָרטן, קאָרטנשפּיל בײַ אַמעריקאַנער ייִדן״, דאַרטן, דעצ׳ 9.

אין דער אמתן זײַנען אין טאַגעבלאַט גופֿא געװען געדרוקט אַרטיקלען קעגן שפּילן נאָך פֿריִער (זען הערה 7) און אויך שפּעטער. דאָס זעלבע אויך אין די אַנדערע צײַטונגען. איך װעל נאָר דאָ אָנװײַזן אויף עטלעכע פֿון אַרום יענער צײַט: מאָריס ראָזענפֿעלד, „קאָרטן״ („פּויערים״ און „פּויערטעס״ אין די קעטסקילס), פֿאָרװערטס, יולי 23, 1911; ז. קאָרנבליטה, „מכּות שפּילן אין קאָרטן״, קענעדער אַדלער, נאָװ׳ 17, 1911, ז׳ 8; אַפּאָלאָניוס, „ייִדישע געמבלער״, װאַרהייט, אַפּריל 3, 1913, ז׳ 4.

אַך, ווען גענאָסע מעדעם, אַנשטאָט צו באַקעמפֿן דעם ציוניזם,
וואָלט זיך בעסער אַזוי ענערגיש אַ וואָרף געטאָן צו באַקעמפֿן דעם פּינאַקל
און פּאָקער! [11]

ניט בעסער איז אויך אין די אַזוי גערופֿענע פּראָגרעסיוו־וועלטלעכע קרייזן. אָט האָט ש. ניגער אָפּגעדרוקט אַ קורצן כאַראַקטעריסטישן שמועס צווישן אים און אַ פּראָווינציעלן טוער:

— וואָס טוט מען ביי אייך אין די אָוונטן? — האָב איך אין אַ
פּראָווינצשטעטל געפֿרעגט אַן אָרטיקן טוער.
— מען שפּילט פּאָקער.
— יעדן אָוונט?
— ניין, אַן אַנדערש מאָל פּינאַקל.[12]

דער פֿרעגער (ניגער) האָט, פֿאַרשטייט זיך, געמיינט: יעדן אָוונט שפּילט מען?

דער פּראָווינציעלער טוער האָט אָבער גאַנץ נאַיוו גערעכנט, אַז די פֿראַגע מיינט: יעדן אָוונט פּאָקער?

אַזוי ווי עס איז טאַקע גורם דאָס פּאָפּולערע גלייכווערטל, באַשאַפֿן אין אַמעריקע: „ויהי ערבֿ — ויהי פּויקער" (אַ פּאַראָדיע אויפֿן פּסוק: „ויהי ערבֿ ויהי בקר"). און נישט נאָר אַ גלייכווערטל, נאָר אַפֿילו אַן אַמעריקאַנער העברעיִש קאָרטנלידל גראַמט:

בקור ובחום
משיערוב היום
והנרות מדליקין
בפּינקל ופּוקר
לומד עד בוקר
ומסים תמיד בנזיקין..."[13]

דאָס איז אין אַלגעמיין דער איינדרוק וואָס אַלע באַקומען פֿון דער ייִדישער פּראָווינץ אין אַמעריקע. דער בונדישער פֿירער און שריפֿטשטעלער אַ. ליטוואַק וועלכער איז דורכגעפֿאָרן אונדזער קאָנטינענט אין דער לענג און אין דער ברייט האָט אין אַן אַרטיקל „שטריכן פֿון דער ליבער פּראָווינץ", שאַרף געצייכנט דעם קאָרטנקולט. אין אַ ייִדיש הויז אין דער איסט, שרייבט ליטוואַק, האָט ער אויף אַ טישל פֿון דער וויטנס דערזען, ווי ס'האָט זיך אים געדוכט, אַ ספֿר, אַ בוך:

ערשט — גאָר פֿון אויבן ליגן אַ פּאָר טעשלעך קאָרטן, נייַע און געשפּילטע; אונטער די קאָרטן — אַ מחזור לראָש־השנה ויום־כּפּור, און אונטער דעם — אַ מוּווי־מאַגאַזין. אַ פּיצעלע ראָש־השנה־יום־כּיפּור, מוּוויס און קאָרטן — אין דער ליבער פּראָווינץ פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע איז עס כּמעט די גאַנצע ייִדישקייט, כּמעט די גאַנצע קולטור פֿון אַחינו בני ישׂראל. — — —

[11] צוקונפֿט, 1921, ז' 493.

[12] ש. ניגער, „געלייענט און געשריבן", טאָג, אָקטאָבער 8, 1933.

[13] יצחק וויִיט, „ש"ס קטן" — הדבורה (ראָזענצווייג), אָדר, תרע"ב, שנה א', חוברת 5.

קום איך אַ מאָל אין אַ שטאָט אין ווײַטן וועסט. איך דאַרף האַלטן אַ לעקציע וועגן „שלום־עליכמס געלעכטער". זוך איך בײַ די אָרטיקע פֿרײַנד אַ פּאָר בענדער שלום־עליכם אויף ציטאַטן. אין גאַנץ שטאָט האָב איך קוים אָפּגעזוכט איין באַנד און... ער איז געווען אין גאַנצן איבערגעלייגט מיט קאָרטן: אַ בלאַט שלום־עליכם און אַ טויז, אַ בלאַט שלום־עליכם און אַ מלכּה, און אַזוי כּסדר.[14]

אין דער אַלטער היים פֿלעגן שפּילן אין קאָרטן נאָר סוחרים און קאָמי־וואָיאַזשאָרן, דאָקטוירים און אַפּטייקערס. אַמעריקע איז אַ וועלט פֿון גלײַכע מעגלעכקייטן. שפּילן דאָ אַלע: עס איז אַלגעמיינע, גלײַכע און אָפֿענע איין־און־צוואַנציק... אין דער אַלטער היים פֿלעגט מען שפּילן אין קאָרטן חנוכּה אָדער אַזוי אין אַ יומא דפּגרא. דאָ שפּילט מען אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר. אַז איר קומט צו גאַסט איז מען אײַך מכבד מיט אַ פּאָקער אָדער אַ ברידזש. יעדער צוזאַמענקונפֿט, יעדע שׂמחהלע

---

[14] וועגן דעם, אַז קאָרטן האָבן אַרויסגעשטויסן דעם ספֿר און בוך פֿון דעם ייִדישן הויז אין אַמעריקע און פֿאַרנומען זייער בכּבֿודן אָרט, איז איבעריק צו פֿאַרלירן אַ וואָרט. גראָד אַ וויץ טרעפֿט אין פּינטל פֿון דער פֿראַגע. דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער מ. מ. ראָזענבאַום, פֿרײַנד און חבֿר פֿון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, דערציילט מען, איז געווען אין מאָנטרעאָל און פֿאַרקויפֿט דעם לעצטנס ווערק. ווען ער האָט באַזוכט אַ רײַכן ייִדן, האָט ער מיט אים געהאַט אַ לאַנגן שמועס וועגן דעם מחבר און זײַנע ווערק. אָבער נאָך אַלע רייד כאַפּט זיך אַרויס דער רײַכער ייִד:

— הו אין העל איז דאַט גײַ עניוויי?

— איר ווייסט גאָרניט? — ענטפֿערט ראָזענבאַום — ער איז דאָך דער דערפֿינדער פֿון פּינאַקל...

— אָ, — שרײַט אויס דער ייִד — איז דאַט סאָ? הי איז איי גרייט פֿעלאָו, אײַ'ל בײַ היז בוקס (שלום מילער, פֿונעם ייִדישן קוואַל, וויניפּעג, 1937, ז' 44 (טו).

אַ ייִדישער דראַמאַטורג און נאָוועליסט איז נאָך אַ ביטערער פּראַקטיק אין פֿאַרשפּרייטן זײַנע שריפֿטן אויף דער פּראָווינץ געפֿאַלן אויף אַ המצאה, אַז כּדי צו פֿאַראינטערעסירן דעם ייִדישן לייענער לכל הפּחות מיט איין צווײַג פֿון דער ליטעראַטור, פּאָעזיע, וואָלט מען באַדאַרפֿט לאָזן אָפּדרוקן לידער אויף קאָרטן!

אָט ווי אַ דיכטער גיט דאָס איבער פֿעליעטאָניסטיש:... „ווען איך וואָלט געהאַט מײַן אייגנס לידער, וואָלט איך זיך גלײַך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט אַ קאָרטן־פֿעקטאָרי... און בײַ אים... באַשטעלט טויזנטער פּעשלעך קאָרטן. יעדעס פּעשל קאָרטן וואָלט אויף דער לינקער זײַט פֿון יעדער קאָרט געהאַט אַ ליד... — דו ווייסט, איך וואָלט פֿאַרפֿלייצט די גאַנצע פּראָווינץ מיט מײַנע לידער אויף פּעשלעך קאָרטן. עס וואָלט געווען אַ צירונג אין יעדן הויז, זאָגט בימקאָ, מען וואָלט מיך געלייענט שפּילנדיק און מען וואָלט מיך געשפּילט לייענענדיק. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ ייִדיש ליד אַ פֿאַרגעניגן און קאָרטן איז דאָך אַ נויטווענדיקייט. איך וואָלט קאָמבינירט דאָס פֿאַרגעניגנדיקע מיט דעם אומגעוויינטלעכן דראַנג צו שפּילן קאָרטן. איך וואָלט נישט געגאַנגען איבער די הײַזער ווי אַ בושת־פּנים מיט מײַנע ביכלעך לידער, נאָר איך וואָלט שטאָלץ געהאַנדלט מיט פּעשלעך קאָרטן און אַזויערנאָך פֿאַרשפּרייט מײַן נאָמען, און איך וואָלט נאָך דערצו געוואָרן אַ גבֿיר עצום... איך בין אַ נאָוועליסט און אַ דראַמאַטורג,... גיי דרוק אָפּ אַ דראַמע אויף אַ קאָרט" (יעקבֿ גלאַטשטיין, „פּראָסט און פּשוט", מאָרגן־זשורנאַל, 31סטן מײַ, 1942).

די המצאה איז נישט קיין נײַס. בײַ די אומות העולם זײַנען געווען גענוג פּעשלעך קאָרטן מיט פּערזן, שפּריכווערטער, וויצן, אַפֿאָריזמען, פּאָליטישע סאַטירעס, און אַפֿילו גע־שיכטע און געאָגראַפֿיע. זען:

C. P. Hargrave, *A History of Playing Cards....* Cambridge, 1930.

ענדיקט זיך מיט אַ קערטל. איך האָב מורא צו זאָגן, אַז נאָך אַ לוויה מאַכט מען דאָ אויך אַ קערטל... קאָרטן איז דער בעסטער, אָפּט דער איינציקער פֿאַרגעניגן. אויף דעם גיט מען אַוועק גאָר די פֿרײַע צײַט, אַ גרויסן טייל פֿון דעם נייטיקן אָפּרו.

ערגער ווי אַלץ איז, וואָס אין אַמעריקע און קאַנאַדע איז קאָרטן אַ מצווה ניט בלויז פֿאַר דערוואַקסענע, נאָר אויך פֿאַר קינדער. וויפֿל מאָל האָב איך געזען, ווי אַ זייגער 10־11 אין אָוונט שפּילן בײַ איין טיש די טאַטעס און מאַמעס און בײַם צווייטן — זייערע צען־צוועלף־יאָריקע קינדער. איך האָב אַפֿילו געזען, ווי טאַטעס האָבן אַרײַנגענומען זייערע קינדער אין קאָן און האָבן צוזאַמען מיט זיי געשפּילט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווי דען? קינדער דאַרף מען דערציִען, זיי זאָלן גיין אין די וועגן פֿון די עלטערן...[15]

דאָס זעלבע האָט ד. קריוויצקי אין אַ ליד „קאָרטן" רעזומירט אין זײַנע גראַמען:

עס שלאָגט דער זייגער דרײַ און פֿיר,
עס שטייט די מילך שוין בײַ דער טיר.
עס איז שוין פֿינף, און ס'פֿאַלט אַרײַן
אין שויב דער ערשטער מאָרגנשײַן.
און איינער זוכט נאָך אַלץ די „קווין"...
נאָר זוך אַהער און זוך אַהין. —
עס קומט אַ צען אַנשטאָט דער קווין...

*

אַ צווייטער ווישט און ווישט דעם שוויים,
ער קריגט די קווין, נאָר ניט די „איים"...

---

[15] די אידישע וועלט, וואַנקוווער, ב"ק, יאַנואַר, 1935, 2טער יאָרג', נומ' 4, זז' 9—10.

ליטוואַק האָט נישט געוווּסט, אַז טייל גויים זײַנען בנוגע זייערע קינדער געווען אין דעם פּרט נאָך פּראַקטישער און „ווײַטזיכטיקער", און כּדי אַ קינד זאָל אויסוואַקסן אַ טיכטיקער קאָרטנשפּילער, פֿלעגט מען בײַם טויפֿן פֿאַרשטעקן קאָרטן אין די ווינדלען. זען:

Handwörterbuch des deutschen Aberglaubens, herausgegeben von Hanns Bächtold-Stäubli, Berlin u. Leipzig, 1931/32, Band IV, Spalte 1019.

אויסער ליטוואַקן, האָבן נאָך אַ סך אַנדערע (טייל ווערן דערמאָנט אויבן, הערה 10) געשריבן וועגן דער שעדלעכער ווירקונג וואָס דאָס שפּילן און דאָס טרײַבן אַזאַרט פֿון די עלטערן האָט אויף די קינדער; ס'איז גורם, אַז זיי זאָלן ווערן דערצויגן פֿון זייער יוגנט אָן פֿאַר אַזאַרטשפּיל. אין דעם זינען שרײַבט שוין א. מ. דיק אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל (זען אויבן, ז' 77), אַז „מער פֿאַר אַלעם שאַט דאָס קאָרטנשפּיל דער קינדער־ערציִונג. ערשטנס געבן די עלטערן אַליין איינען טרויעריקן בײַשפּיל די קינדער, דאָס זיי זאָלן אויך ווערן קאָרטנשפּילער, צווייטנס הערן זיך די קינדער אָן בײַ דעם קאָרטנשפּיל מאַנכע רעדן און אויסדריקע וואָס זענען גאַנץ נישט פּאַסענד פֿאַר זיי".

דעריבער פֿאַרזאָגט טאַקע גאַנץ שטרענג דער קלאַסישער ייִדישער מוסר־ספֿר בראַנטשפּיגל, אַז מען זאָל פֿאַרווערן קינדער זײַן צוקוקער בײַ אַזאַרטשפּיל, ווײַל עס ווירקט אויף זיי שלעכט און ווי אַ ווערטל וויל האָבן „אַ בייז שפּיל קומט צוריק":

„אונ וואו מן שפּילט זול מן קיין קינד דער בייא לושן [=לאָזן], דען דער יצר הרע רייצט איין מענשין זער אן צו שפּילן — ווער קנש [=קען עס] אלש דער שרייבן ווש [=וואָס] בויז [=בייז] קומט פֿון שפּילן, דרום גיווינן די קינדר דז זי ניט גינן מיט" (פּרק מו).

און ס'לויפֿט אַזוי די נאַכט אַוועק,
שוין אויסגעשפּילט אַ פֿופֿצן דעק.
געדרייט דעם שטול, געביטן פּלאַץ,[16]
און ס'העלפֿט אים ניט, כאָטש נעם און פּלאַץ...

*

און איינער ליגט דעם קאָפּ פֿאַרדרייט
און רעדט פֿון שלאָף: אַ פֿלאָש... אַ סטרייט...
מײַן ווײַב האָט געסט... דרײַ דזשעקס, צוויי פּאָר...
זי וואַרט אויף מיר... שוין אַזאַ יאָר...

*

און איינער קוקט אַלץ נאָך אַנאַנד,
פֿאַרטיפֿט, פֿאַרטרויערט אויף זײַן האַנט,
און זינגט זיך שטיל, ווי ער וואָלט דאָ
געלערנט אין דער שפּעטער שעה:
אײַ, אָמר רבֿא, אָמר אַביי,
אײַ־אײַ־אײַ, כאָטש נעם אַ נײַע
טעשל, וווּ ס'איז טרומף פֿאַראַן...
נאָר וואָס זשע וועט עס העלפֿן דאָ...
אַז ניט מען קויפֿט, און ניט מען מאַכט,
נאָר בייט און בייט אַ גאַנצע נאַכט...

*

און איינער פֿליט, און אײַלט און ברענט
אַזש ס'פֿאַלט אים אַלצדינג פֿון די הענט,
אַ כאַפּ אויף שנעל אַ קײַ, אַ לעק,
און שוין — ער יאָגט זיך גלײַך אַוועק
צום „ספּעשל מיטינג" אין פֿאַראיין,
ער מוז אהינצו גיכער גיין,
ער איז שוין שפּעט, ער האָט פֿאַרזאַמט
פֿאַרכאַפּן גיכער דאָרט אַ האַנט...

*

און די וואָס לויפֿן פֿון דער שטאָט
אין זומערהיץ, וווּ ס'ברענט און ס'בראָט,
און יאָגן זיך צו בערג, אַוווּ
עס וואַרט אויף זיי אַ קילע רו,
און דאָרטן — אויסגעפּאַקט זיך קוים —
אַהאַ! מען זיצט שוין בײַ דער גיים...
ווער זעט די בערג? ווער פֿילט דעם ווינט?
ער האָט „אַ שיפּע פֿלאָש" אַצינד...
און נאָך „פֿיר הונדערט"... איר פֿאַרשטייט,
מער פֿעלט אים ניט ווי ווערן בייט...
ווער זעט דעם הימל פּורפּור־רויט

[16] בײַ קאָרטנשפּילער אַ פֿאַרשפּרייטע אײַנגלייבעניש, זיי האַלטן שטאַרק פֿון „משנה מקום משנה מזל". זען אויך: יהודה עלזעט, „ממנהגי ישראל", רשומות א, זז' 347, § 26.

אויף טונקעלע הויכע בערג צעשפּרייט?
ווער הערט דאָס פֿייגל ווי עס טרילט?
מען זעט נאָר קאָרטן און מען שפּילט...
מען זעט די טויז, דעם קינג און קווין,
נאָר ניט דאָס פֿעלד וואָס ליגט אין גרין!
און ווען ס'דערזעט שוין איינער יאָ
דאָס אַלץ, איז זומער שוין ניטאָ!...

*

און דאָ און דאָרט, אַ היים, ווו ס'ווערט
ניט אויפֿגעראַמט, ניט אויסגעקערט,
און ס'זיצט דער מאַן צעכּעסט און וואַרט,
די זופּ איז קאַלט, דאָס פֿלייש איז האַרט...
און ער איז הונגעריק — אַ שרעק...
זײַן ווײַבל אָבער איז אַוועק
צו אַ „קאַרד פּאַרטי" ווו אַצינד.
און אוים מיט היים, מיט מאַן און קינד...

*

ווײַל קאָרטן איז בײַ פֿרויען איצט
אַן „אינסטיטוציע" ווו מען זיצט
בײַ „ברידזש" און „פּאָקער" און מען שוויצט
צו העלפֿן מענטשן אין אַ נויט,
אַ קראַנקע פֿרוי וואָס זיצט אָן ברויט,
אַ שולע װעלכע דאַרף אויף רענט,
אַ שטעטל וואָס האָט אָפּגעברענט,
אַ האָספּיטאַל, אַ יתומים־הויז,
און יעדן ווו די נויט איז גרויס.
מען שפּילט כּסדר אָן אַ סוף,
ווי ס'קומען זיך אַ פּאָר צונויף.
מע שפּילט אין פּאַרק, מע שפּילט אין שטוב,
מען שפּילט בײַם ים, אין באַן, אין קלוב,
מען שפּילט אַוועק אַ צוויי דרײַ שעה,
ווען ס'איז קיין פֿרײַ מינוט ניטאָ...
מען שפּילט דורך יום־טובֿ און דורך וואָך,
נאָר די געווינסן זוכט מען נאָך! [17]

אין אַמעריקע זײַנען ניט אויפֿגעקומען קיין סך פֿאָלקסזינגער און פֿאָלקס־טימלעכע דיכטער וואָס זאָלן אין זייערע פֿערזן רעאַגירן אויף דער שפּיל־תּאווה ווי אין מזרח־אייראָפּע. דאָ האָט, ווי מיר זעען, די פּרעסע פֿאַרנומען זייער אָרט. איך האָב צוליב פֿאַרשצוועקן געפּרוווט אַ געוויסע צײַט קלײַבן צײַטונג־אויסשניטן פֿון דער יידישער פּרעסע אויף דער טעמע אַזאַרט, האָב איך צו מײַן גרויס חידוש דערזען, ווי אין גאָר אַ קורצער צײַט וואַקסט דער פֿאַרשיידנאַרטיקער מאַטעריאַל בשפֿע, אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי איך האָב זיך פֿריִער געקענט פֿאַרשטעלן.

---

[17] מאָרגן־זשורנאַל, 2טער יולי, 1939, ז' 7.

דאָ וועל איך פֿאַרצייכענען אַ לידל פֿון אַן אַרבעטער־זינגער פּ. גודמאַן, וואָס פֿלעגט שורות:

גראָשנדיקע נשמהלעך

— — — — — — — — — —

זוכן זיי — רו,
נעמען זיך פֿאַרשכּורן
און אין קאָרטנהײַזלעך צו פֿאַרווײַלן,
מישן זיי די קאָרטן אויף,
מישן און בלעטערן
ווי אַ תּהילימל,
ווי אַ געבעטבוך,
ציט עס זיי ווי צום חצות אָפּריכטן —
צאָלן און ציילן
בײַ יעדן בלעטל
דינען זיי, לויבן זיי
אָפּן און בלינד —
דינען זיי, לויבן זיי
דאָס קאָרטן־ספֿרל
פֿאַר דעם גרעסטן ספֿר אין דער וועלט...[18]

אַן אַנדער גראַמען־פֿלעכטער האָט, אונטער אַ פּסעוודאָנים, אָנגעשריבן אַ שפּאָטלידל פֿון זיבן סטראָפֿעס „דער פֿאַרבענקטער", מיט אַן אונטערקעפּל „קאָרטנשפּילער געווידמעט". אָט איז אַ טייל פֿון די חוזק־סטראָפֿעס:

אַוועק איז דער פֿרילינג, פֿאַרשוווּנדן שוין לאַנג,
ווען הערלעך געבליט האָט דער גאָרטן; —
דאָך אָסור אויב יאַנקלען אויף דעם טוט גאָר באַנג —
ער בענקט אַזוי שטאַרק נאָך די קאָרטן.

(סטר' 1)

אַוועק איז דעם זומערס באַצויבערנדע פּראַכט
מיט בלומען און גרינס אַלע סאָרטן;
און יאַנקל בענקט שרעקלעך, בײַ טאָג און בײַ נאַכט,
ער בענקט, אוי, ער בענקט נאָך — די קאָרטן!...

(סטר' 2)

ווען איז ראָש־השנה? יום־כּפּור ווען איז?
פֿרוּוט פֿרעגט אים — איר קריגט קיין אַנטוואָרטן;
זײַן מינע איז פֿראָסטיק, זײַן בליק איז אַ שפּיז —
ער בענקט אַזוי שטאַרק נאָך די קאָרטן!...

(סטר' 4)

זײַן הויזגעזינד גייט אים לחלוטין ניט אָן,
ווער דאַרף ווײַב און קינדער סופּאָרטן!
גאָר אומעטיק איז ער און קען גאָרניט טאָן —
ער בענקט אַזוי שטאַרק נאָך די קאָרטן.[19]

(סטר' 6)

---

[18] פּ. גודמאַן, אין געשפּאַן, לידער און געדיכטן, ניו־יאָרק, 1926, ז' 60.

[19] דער גרויסער קונדס, ניו־יאָרק, סעפּט' 30, 1910, ז' 7.

אַן אויסנאַם איז די צוועלפֿסטראָפֿיקע „דעקלאַמאַציע" „דער קאָרטנשפּילער", אַ ליד מיט אַ מוסר־השׂכּל, וואָס איז ענלעך צו די שפּיללידער פֿון פֿאָלקסזינגער. דאָס גאַנצע ליד איז געבויט אויף דעם מאָטיוו, אַז קאָרטנשפּיל איז דעם טײַוולס שפּיל און די שפּילער זײַנען זײַנע קרבנות, — אין גאַנצן אין גײַסט פֿון דעם ווערטל „קרטן זײַנען שׂטן".[20] נאָך מער אָנגענומען איז דעם טײַוולס השפּעה אין קאָרטנשפּיל אין דײַטשע אײַנגלייבענישן.[21]

דאָ איז דער פֿאַל מיט אַ רײַכן לאַנדסמאַן וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, ווען ער האָט זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין דער שפּילנעץ וואָס דער טײַוול האָט פֿאַר אים אויסגעשפּרייט:

איך קען מיסטער גאָלדמאַן פֿון יאָרן,
אַ רײַכער בעל־הבית געווען,
אַ לאַנדסמאַן, פֿון איין שטאָט געבאָרן,
נאָר הערט וואָס מיט אים איז געשען.

(סטר' 1)

און פּלוצעם פֿאַרגלוסט זיך אים איין מאָל,
מיטן שכן אַ קערטל צו מאַכן.
פֿון דעמאָלט, אָ! פֿאַנגט אָן אין צאָל,
דער טײַוול זײַן גליק אָפּצושוואַכן.

(סטר' 5)

שפּילט גרויס וואָס אַ מאָל, און נאָך גרעסער,
זײַן רײַכטום ווערט קליין מיט דער צײַט,
ער פֿילט, אַז ער שפּילט שוין הײַנט בעסער
נאָר לײדער פֿאַרקראָכן צו ווײַט....

(סטר' 10)

האָט מער שוין ניט וואָס צו פֿאַרשפּילן,
בײַם טײַוול שוין אַלץ אין די הענט,
פֿאַנגט אָן יעצט זײַן קרענק צו דערפֿילן,
נאָר לײדער שוין אַלעם פֿאַרשווענדט.

(סטר' 11)[22]

אַן אַמעריקאַנער ייִדישער פֿאָלקסזינגער שלמה שמולעוויטש (1868—1943), דער פּראָפֿעסער פֿון „אַ בריוועלע דער מאַמען", גראַמט אין אַ ליד „וואָס אַמעריקע

---

[20] וועגן דער ליטעראַטור מכּוח „קרטן־שׂטן" זען מײַן „המשחק וצוואות המוסר", אין הדואר, 9טער יאָרג' (1930), נומ' 14, ז' 224, הערה 27. דאָס ליד האָט פֿאַר אַ מאָטאָ דאָס „וועלטלעך ווערטל", ווי דאָס הייסט דאָרט:

די קאָרטן זיי זײַנען דעם טײַוולס אַ סידור,
דאָס איז ריכטיק און קלאָר;
ווער נאָר אין אים דאַוונט, בעט מען זיך אויס דאָרטן
שוואַרצע, טרויעריקע יאָר.

[21] זען דעם ציטירטן באַנד פֿון *Handwörterbuch des deutschen Aberglaubens*, שפּאַלטן 1015, 1020—1021.

[22] דער גרינער וועגווײַזער, מאָנאַטלעכער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פֿון ב. בעקערמאַן, ניו־יאָרק, נאָוו' 1, 1926, ערשטער נומער, ז' 5. צי דער אַרויסגעבער איז אויך דער מחבר פֿון ליד ווייס איך נישט.

האָט און מײַן שטעטל האָט ניט" וועגן אַ ייִדישן אימיגראַנט וואָס איז געקומען, ווי די מערסטע אַמאָליקע אימיגראַנטן, ניט צו פֿאַרבלײַבן, נאָר „זאַמלען די מזומן" און נאָך דעם צוריקצוקערן אין דער אַלטער היים. ער טרוימט פֿאַר איין וועגס אויך מיטצונעמען „היזיקע מאַנירן, ברענגען דאָרטן אַלעס פֿון די היגע מעלות" און קודם־כּל, פֿאַרשטייט זיך, אײַנצופֿירן אין זײַן ליטווישער היימשטאָט די פֿאַרשיידענע אַמעריקאַנער קאָרטנשפּילן:

פּישע, פּיישע,[23] קערטל,
פּויקער, טערטל־מערטל,[24]
פּינאַקל, קערסינע [25]
האָט נאָר די מדינה.
דאָס וועל איך דאָרט ברענגען,
וועט מען פּראָסט זיך הענגען,
נעכט וועט מען דאָרט זיצן,
אין סאַלונען שוויצן.
בײַ די סקונערס [26] גרויסע, מאַכנדיק אַ כּוסע,
און פֿאַרשפּילן, כ'לעבן, קאָפּ און לײַב און לעבן.
יאָ, אַמעריקע ווייס, וואָס איז פֿײַן,
דאָס דאַרף אויך אין מײַן שטעטל זײַן.[27]

---

[23] פּישע, פּײַשע, אַ קאָרטנשפּיל. פֿאַרצייכנט בײַ האַרקאַווין אין ייִדיש־ענגליש־העברעיִשער ווערטערבוך, ניו־יאָרק, 1928. אַ פֿאָלקסליד הייבט זיך אָן:

מ'עט שפּילן אַ פּיטשע פּעטשע
און מ'עט רעגירן אַ וועלט,

(שמואל לעהמאַן, „די אונטערוועלט און אירע לידער" אין: אַרכיוו פֿאַר ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור־פֿאַרשונג און עטנאָלאָגיע, וואַרשע, 1926—1933, באַנד I, ז' 54.)

אין דזשעקעלע בלאָפֿער, קאָמישע אָפּערעטע אין דרײַ אַקטן, פֿון בועז יונגוויטץ, וואַרשע, 1926 (פֿון דעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע), ז' 10, „איר זאָלט מאַכן מיט מיר אַ פּישע פּײַשע, אָדער אַ 66 אַוודאי נישט". אין דער אמתן איז די שפּיל נאָך פֿון דער אַלטער היים געווען באַקאַנט אין געוויסע געגנטן, ווי אין פּאָדאָליער גובֿ' און אַנדערע מקומות.

[24] טערטל־מערטל, אַ קאָרטנשפּיל, באַוווּסט אין דער אַלטער היים. פֿאַרצייכנט בײַ האַרקאַווין אין דעם אויבן דערמאָנטן ווערטערבוך. אויך שלום־עליכם דערמאָנט די קאָרטנשפּיל, ווי חבֿרה פֿלעגן אונטערקויפֿן דעם שמשׂ און זיך פֿאַרקלײַבן, פֿאַרשליסן, „אין דער ווײַבערשער שול, איבערגעקערט אַ שטענדער, מחילה מיטן פּנים אַראָפּ, און וואַלײַ אין 'סטאַרשי קאָזיר', אָדער אין 'איין־און־דרײַסיק', אָדער אין 'טערטל מערטל'!" (קנאָרטן). זען אויך ז' 78, הערה 5.

טערטל־מערטל = девятый вал נײַנטער וואַל. וואָס איז דער שפּראַכלעכער מקור פֿאַר „טערטל־מערטל" — ווייס איך נישט. אין דײַטש געפֿינען מיר אַ קאָרטנשפּיל: Törteln, Tatteln oder Derdeln, וואָס ווערט גענוי באַשריבן פֿון פֿרידריך אַנטאָן אין זײַן ענציקלאָפּעדי דער שפּילע, לײַפּציק, 1889, ז' 578.

אין דער דײַטשער גנבֿים־שפּראַך געפֿינען מיר, אַז Tächtelmächtel באַטײַט אַ קנוניא. דאָס וואָרט קומט פֿון עסטרײַך און זאָל שטאַמען פֿון דעם איטאַליענישן teco meco, „מיט מיר, מיט דיר", יעדן פֿאַלס אין קלאַנג זייער נאָענט צו טערטל־מערטל.

Enno Littmann, *Morgenländische Wörter im Deutschen,* Zweite Auflage, Tübingen, 1924, p. 56.

[25] — casino.

[26] — skooner, אַ גרויס בירגלאָז.

[27] שלמה שמולעוויטש, לידער, ניו־יאָרק, 1913, ז' 163.

דער פֿאָלקסזינגער טרײַבט אַ שפּאָר ביסל איבער. אַנדערע שפּילן האָט ניט דווקא „נאָר די מדינה", נאָר זיי זײַנען שוין פֿון לאַנג געווען באַוווּסט און באַקאַנט אויך אין דער אַלטער היים. נאָר גאַנץ מעגלעך, אַז דער גרינער אימיגראַנט האָט אפשר פֿון דעם דאָרט ניט געוווּסט, ער האָט ערשט באַדאַרפֿט מגולגל ווערן אין אַמעריקע דאָס אויסצוגעפֿינען.

יענע לאַנדסלײַט וואָס חלומען אומצוקערן זיך אַהיים זײַנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פֿאַרשווונדן. געבליבן אַ דור אַ פּוסטער, מיט טיפֿער בענקשאַפֿט נאָך דעם אַמאָל.

ווי טענהט מיט אַ דור שפּעטער אַ וואַרשעווער לאַנדסמאַן, אַן אויסגעגרינטער יִדישער אימיגראַנט „אַ סיטיזן אין דעם אַמעריקע", וואָס באַדערט זיך נישט מער „מיט די גרינע זאַכן" אין אַ „מאָנאָלאָג אין פֿלעיִנעם יִדיש" פֿון אַהרן צייטלין:

ווהאַט די העל, ביזנעס איז אָלרײַט,
אַ קערטל בראָקט מען, באָט —
מע ליגט בײַ נאַכט און מע טראַכט:
ווו שטעקט דאָ ערגעץ גאָט?
אין דער אַלטער היים איז ער געווען, —
זאָל ער דזשאָסט אין אַמעריקע נישט זײַן?
ווי קען דאָס זײַן? . . . [*27]

אין דעם טאָג ווען ס'איז דערקלערט געוואָרן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט ד"ר אַ. מוקדוני פֿאָרגעוואָרפֿן דעם גרעסטן יִדישן קיבוץ אויף דער וועלט, אויף זײַן שאַרפֿן שטייגער, „אַ ביסל קריטיק און אַ ביסעלע מוסר", פֿאַר וואָס מע זעט נישט צוויי און אַ האַלב מיליאָן ניו־יאָרקער יִדן, ווײַל:

טויזנטער, צענדליגגער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער יִדן זיצן אין די אָוונטן און שפּילן אין קאָרטן. דער קאָרטנשפּיל איז געוואָרן אַ יִדישע חולאַת אין אַמעריקע. ווען איר באַגעגנט זיך מיט אַ יִדן אין אָוונטצײַט מאַכן זײַנע פֿינגער כּסדר באַוועגונגען פֿון קאָרטן־טאַשערײַ. דער קאָרטנשפּיל פֿרעסט אויף אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקייט, אונדזער נאַציאָנאַלע קולטור און צעווערעמט אונדזער גײַסט אין אַמעריקע. דער קאָרטנשפּיל איז אַ פּלאָג, אַ מין נאַציאָנאַלער מיחוש. און וואָס אַ יאָר ווערט דער מיחוש אַלץ ערנצטער . . . איר קענט ניט קריגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַ יִדן פֿאַר אַ נײַעם יִדישן בוך, פֿאַרן יִדישן טעאַטער, פֿאַר יִדישער מוזיק און סתּם פֿאַר יִדישער קולטור. דאָס טעשל קאָרטן פֿאַרטרײַבט פֿון דעם יִדישן הויז דעם יִדישן בוך, דאָס טעשל קאָרטן לאָזט ניט אַ יִדן גיין אין יִדישן טעאַטער, אויף אַ יִדישער פֿאַרזאַמלונג און צו טרעפֿן זיך מיט יִדן און מיט מענטשן. קומט דער אָוונט שפּילן אַלע יִדן אין ניו־יאָרק אין קאָרטן. איך האָב געזען אין אַ הויז דרײַ יִדישע דורות שפּילנדיק אין קאָרטן: דער זיידע האָט זיך זײַנע מיטשפּילער אין קאָרטן, דער זון זײַנע און דער אייניקל זײַנע . . .

אין מיאַמי ביטש אין די געגנטן פֿון אַפּאַרטמענט־הײַזער און ווילעס זיצן אויסגעזעצט אויף די באַלקאָנען יִדן וואָס שפּילן אין קאָרטן פֿון אין

[*27] אידישער קעמפּער, פּסח, תש"ה, נומ' 593, ז' 39.

אַ „ברידזש־גיים“ אין אַ ניו־יאָרקער מושבֿ־זקנים אין 1931

דער פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, הונדערטער, טויזנטער ייִדן זיצן און שפּילן אין קאָרטן.

דאָס איז אַחוץ די ספּעציעלע הײַזער פֿאַר קאָרטנשפּיל און סתּם פֿאַר אַזאַרטשפּילן, זיי זײַנען ממש געפּאַקט מיט אחינו בני ישׂראל.

אַן אומגליק ממש האָט אונדז דאָ אין אַמעריקע געטראָפֿן! [28]

אָט דאָס שפּילן גייט ווײַטער, ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט געשען, אַפֿילו אין דער איצטיקער שרעקלעכסטער תּקופֿה וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט דורך. נאָר דאָ און דאָרט הערט זיך אַ שטים פֿון פּראָטעסט און צאָרן, אַן אויסגעשריי פֿון שאַנד און שפּאָט.

שמעון גינצבורג אין זײַן „זעונג פֿון מײַאַמי ביטש" (משא חוף מיאמי), צאָרנט קעגן די ייִדישע אָלרײַטניקעס וואָס האָבן אין זייער גײַעג נאָך פֿאַרגעניגן און ווילטאָג פֿאַרגעסן גאָט און מענטש, און דאָס געשרײַ פֿון די געשאָכטענע אויף יענער זײַט ים דערגייט גאָרנישט צו זייערע טויבע אויערן:

וישבו מגהצים אנשים ונשים
באדם שער וצפרני־ארגון כפנתרות,
עלי הקרשים —
לשחק כל הערב והליל בקלפים.
שכח אלהים ואדם,
אור ירח ותכלת רקיע —
וצעקת עם אבד עדיהם לא תגיע —
מעבר לים, בהרצחו ואין מושיע —
וזכור רק אחת: צרור הכסף בידם.[29]

אַז מען באַדאַרף אין אונדזער מאָדערנער צײַט נישט זוכן שפּילייִדן אַזש אין מײַאַמי ביטש — איז פֿאַר קיינעם נישט קיין סוד. מען זעט און מען טרעפֿט זיי, ברוך השם, אומעטום. מיט רעכט רופֿט אָן דוד פּינסקי זײַנעם אַן אַרטיקל וועגן דער קאָרטן־מחלה און קאָרטן־שכרות: „דאָס 'פֿאַרפֿלוכטע שפּיל' וואָס פֿאַרפּעסט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אין אַמעריקע". ער שרײַבט:

אַזאַ פֿאַרפּעסטונג פֿון דעם פֿאַרפֿלוכטן, פֿאַרשאָלטענעם שפּיל הערשט אויך צווישן די ייִדן אין אַמעריקע און לאָזט נישט אָפּ אַפֿילו אין הײַנטיקע יאָרן פֿון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן דאָס ייִדישע פֿאָלק... אונדזער פֿאָלק פֿאַרגייט אין בלוט, און מיר דאָ שפּילן אין קאָרטן! ווי פֿאַר צען יאָרן, ווי פֿאַר צוואַנציק יאָרן, און מערער נאָך, און פֿלײַסיקער נאָך... געוויס האָבן מיר נאָך קרובֿים, ווײַטע און נאָענטע, אַפֿילו גאַנץ נאָענטע, און די קהילות וואָס קומען [אום] איצטער אונטער די הענט פֿון היטלער און זײַנע רוצחים, ווי קאָנען מיר זיי פֿאַרגעסן? און אַפֿילו ווען נישט קיין קרובֿים — ווו איז די ייִדישע צוגעבונדנקייט? ווו איז אונדזער מיטלעבן מיט די אומגליקלעכע קרבנות?

ס'טרעפֿט, אַז אין מיטן שפּיל ווערט דערמאָנט וועגן ייִדישן אונטערגאַנג... אָבער דאָס שפּיל וועט נישט איבערגעריסן ווערן, די קאָרטן וועלן נישט אַוועקגעלייגט ווערן, באַלד איז דאָס שטיקל נײַס אין גאַנצן פֿאַרגעסן...

---

[28] מאָרגן־זשורנאַל, סעפּט' 3, 1939.

[29] הדואר, תש"א, גליון־האלף, 516.

פּינסקי ברענגט דאָרט אַ קופּלעט וואָס אַ היימישער גראַמען־מאַכער האָט, אויף זײַן פֿאַרלאַנג, אָנגעשריבן פֿאַר זײַן נישט־פֿאַרעפֿנטלעכטער קאָמעדיע „זומערלעב״:

ס׳האָט געליבט אַ ייִד אַ ספֿר,
זײַן זון געלייענט האָט אַ בוך —
איצטער אָבער אַלטע, יונגע
נאָר בײַם קאָרטנטישל זוך;

שבת יום־טובֿ, אין דער וואָך,
מיט שפּיל פֿאַרנומען אַלע הענט,
אַרבעטער און בעל־הבית,
פּראָסטאַק און אינטעליגענט...

פּוסט די טעג און פּוסט די יאָרן
און דער קאָפּ אַ פּוסטער פֿאַס —
טויט מען צײַט מיט טעשל קאָרטן,
לערנט מען פֿלײַסיק קאָרטן־ש״ס!

פֿול מיט פּײַן איז אונדזער לעבן,
מיט צער און צרות אַזוי פֿיל —
זאָל די וועלט דאָרט אונטערגיין,
אַבי מיר האָבן קאָרטנשפּיל! [30]

אַזוי איז מען זיך נוהג אין „קאָרטנלאַנד״, אַ נאָמען פֿון אַ ווייטאָגדיקן אַרטיקל געשריבן פֿון דעם פּובליציסט און קריטיקער חיים ליבערמאַן:

ס׳איז איין לאַנגער קאָרטנטיש, פֿון אַטלאַנטיק ביז דעם פּאַסיפֿיק...; דער ייִדישער כּבֿוד און דער מענטשלעכער כּבֿוד ווערן בײַ די טישלעך פֿאַרשפּילט אין קאָרטן...

הינטער זייערע פּלייצעס שפּילט זיך אָפּ די גרעסטע ייִדישע טראַגעדיע פֿון אַלע צײַטן. זייער פֿאָלק גייט אונטער! ס׳איז דאָ אַזוי פֿיל צו טראַכטן און זאָרגן, ס׳איז דאָ אַזוי פֿיל צו טאָן. און פֿון אַלע אַרבעטן האָבן די דאָזיקע ייִדן, אַ סך ייִדן, זיך אָוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן!

דאָס ייִדישע פֿאָלק ווערט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן! [31]

ו. שפּילער און פֿאַרשפּילער

צוויי מאָדערנע ייִדישע דיכטער, אַבֿרהם רייזען און מאַני לייב, האָבן ביידע באַזונגען די קאָרטנשפּיל. דער ערשטער טוט לײַכט שפּילעוודיק שילדערן דעם פֿאַרשפּילער און דער צווייטער טיף דיכטעריש — דעם שפּילער. בײַ רייזענען פֿילט מען דעם אויסגאַנג פֿון שפּיל; בײַ מאַני לייבן — דעם גאַנג פֿון אַזאַרט.

---

[30] מאָרגן־זשורנאַל, אויגוסט 16, 1942, ז׳ 6.

אין דער זעלבער צײַטונג איז אין אַ וואָך אַרום (אויגוסט 23) געווען אויף דער טעמע ייִדן־שחיטות און ייִדן־קאָרטנשפּילער אַ קאַריקאַטור געצייכנט פֿון זאַגאַט מיט אַן אויפֿשריפֿט: „אין ׳קאַנטרי׳ איז מען ניט ׳מפֿסיק׳״.

[31] פֿאָרווערטס, אויגוסט 4, 1944.

אין זײַן „קאָרטנלידל" שילדערט רייזען אַ קאַרטאָוניק, ווען ס׳גייט ניט אין קאָרטן. מען מאַכט מיט אים שקרות, מען קוקט אַרײַן „שטיל און בגנבֿה" אין זײַן „האַנט". אויך איז דער שפּילער סתּם אַ פּושער וואָס קען ניט, אַזוי צו זאָגן, די קונסט און רייץ פֿון שפּיל און ער פֿאַרראַט זיך אַליין:

פֿאַרשפּילט האָסטו אַלעס, שלימזל,
זיי האָבן די קאָרטן געזען;
אַרײַנגעקוקט שטיל און בגנבֿה,
און ס׳קאָן קיין געווינס ניט געשען.

*

און אויב דו באַהאַלטסט זיי אַפֿילו —
אָן פּנים דערקענט מען די צאָל:
קיין קעניגין לאַנג ניט געהאַט שוין —
אַ נײַנטל, און אונטער אַ מאָל...

*

און ווילסטו די שפּילער דערשרעקן
און מאַכן זיך מוטיק און גרויס —
די באַנדע איז קלוג און באַמערקט דאָך,
אַז ס׳פֿעלט דיר דער קעניג, די טויז...

און ווי אַ פֿאַרלירער — ווערט ער אָן טאָפּלט: דאָס **געלט** און דאָס **שפּיל** אַליין. ווי באַלד ער האָט אָנגעווירן דאָס געלט און איז געבליבן אָן „סטאַווקע", טרייסלען זיך חבֿרה אַזאַרטניקעס פֿון אים אָפּ און ווילן מיט אים ווײַטער ניט שפּילן:

עס לאַכן די שפּילער בײַם טישל
און קוקן מיט חוזק דיך אָן,
און מורמלען בײַם טישל פֿאַראַכטלעך:
ער האָט בלויז צו שפּילן איין קאָן!...[1]

רייזען באַרירט אין זײַן קאָרטנלידל נאָר איין מאָטיוו — די לעכערלעכקייט און פֿאַרלוירנקייט פֿון דעם אָנגעווירענעם, אויף וועמען די שפּילער „קוקן מיט חוזק". מאַני לייב נעמט אַרום די שפּילפּראָבלעם אין איר גאַנצן ברייטן פֿאַרנעם, ער זוכט צו אַנטפּלעקן און סימבאָליזירן דאָס טיף אינעווייניקסטע, דאָס גליק־זוכעניש און די אַזאַרט־גיריקייט פֿון דעם שפּילער.

אין זײַן פֿינפֿסטראָפֿיקן ליד פֿירט אונדז מאַני לייב אַרײַן אין דער אַטמאָספֿער וואָס איז **אַרום** און „**בײַם** קאָרטנטיש"; ער באַלײַכט פֿאַר אונדז די געפּטרטע נעכט פֿון שפּיל און אַזאַרט מיט דער שײַן פֿון „געלן ליכט" וואָס צאַנקט און שײַנט אויף אַ מאָל פֿאַר דעם און אַ מאָל פֿאַר יענעם:

דו האָסט אַזוי פֿיל נעכט בײַם קאָרטנטיש צעפּטרט,
בײַם געלן ליכט מיט פֿרעמדע און מיט גוטע־פֿרײַנד;

[1] אַבֿרהם רייזען, געזאַמלטע שריפֿטן, ניו־יאָרק, 1928, באַנד I, ז׳ 161.

די קאָרט האָט היים גערייצט,[2] פֿון האַנט צו האַנט געפּלאַטערט,
פֿאַר דעם געלאָשן זיך, פֿאַר יענעם אויפֿגעשײַנט.

קלאָר ווערט אַרויסגעבראַכט בײַ מאַני לייבן דער געווינס־מאָטיוו, דער דראַנג צו געלט, די פֿאַרשטעלטע־אָפֿענע גײַציקייט, דער אייביקער מענטשלעכער באַגער צו פּרווון און זוכן גליק. פּסיכאָלאָגיש־אמתדיק ווערט צוטרעפֿלעך איבערגעגעבן דער גאַנג פֿון אַזאַרט, די עצם לײַדנשאַפֿט פֿונעם שפּילער:

דו האָסט דײַן קאָרט געזוכט, אין רעגונג אויפֿגעהעלטער,
געפּלאָנטערט זיך פֿון שטריק, פֿאַרוואָרפֿן יענעם שטריק;
אין ליידיקייט פֿון האַרץ, אין גײַציקייט פֿאַרשטעלטער,
נאָר טאָן אַ לעק דעם זוים פֿון כּלומרשטיקן גליק...

*

אין יענעמס אויג אַ ווונק — ווי גאָלד האָסטו געוווגן,
געמאָסטן ווי אַ חיה מעסט אַ צווייטערס טריט,
און יענעמס האַנט האָסטו מיט ניט־פֿאַרשעמטע אויגן
ווי אין דער פֿינצטערניש גנבֿימלעך געהיט.

אין די לעצטע צוויי סטראָפֿעס פֿילט זיך אַ געוויסע רעזיגנאַציע. ס׳ווײַזט אויס ווי דער דיכטער באַדויערט זיך אַליין, זײַן פֿאַרגעסן בײַם קאָרטנטיש זיך, זײַן אַרבעט און רום און „דײַן האַפֿט פֿון הויכן וואָרט", אַז אַפֿילו דער געווינער קומט עטיש אַרויס אַ פֿאַרלוירענער און דאָס באַגערטע געווינס איז נישטיק:

דו האָסט פֿאַרגעסן לײַכט דײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט דער שיינקייט,
דײַן אַרבעט און דײַן רום, דײַן האַפֿט פֿון הויכן וואָרט,
און קליינקייט נישטיקע אַנטקעגן פֿרעמדער קליינקייט,
אַנטקעגן יעדער קאָרט האָסטו געצויגן קאָרט.

*

אָ, נעכט בײַם קאָרטנטיש ביז בלויען פֿון פֿאַרטאָגן,
און ביז דאָס געלע ליכט אין זון האָט אויסגעברענט,
ווען דו האָסט דאָס געווינס אַהיים צו זיך געטראָגן
מיט קלעפּיקע, ווי שימל, טרערנדיקע הענט.[3]

פֿון די צוויי מאָדערנע דיכטער איז רייזענס קאָרטנליד פֿון אַן אַלגעמיינעם שפּילמאָטיוו, אַקעגן זשע הערט זיך בײַ מאַני לייבן, ניט ווילנדיק פֿאַר דעם דיכטער אַליין, דער מוסר־השׂכּל־טאָן; ער באַטראַכט דאָס שפּילן, אין אַ געוויסן זינען, נ ע ג אַ ט י וו. דורך דעם שליסט זיך אָן דער מאָדערנער פּאָעט צו דער פֿלעיאַדע יידישע פֿאָלקסטימלעכע דיכטער פֿון פֿריערדיקן דור, וועמענס לידער זײַנען כּמעט אַלע מער קעגן ווי וועגן שפּילן.

---

[2] אַ קאָרטן־אויסדרוק. אויך ז. סעגאַלאָוויטש, אין זײַן אויבן דערמאָנטער פּאָעמע רעגינע, דריקט זיך אויס: „אונדז רייצט די צוגעדעקטע קאָרט" (דאָרט, נא, ז׳ 55).

[3] מאַני לייב, „לידער" (בײַם קאָרטנטיש), צוקונפֿט, 1931, ז׳ 612; איבערגעדרוקט אין פֿאָרווערטס, אויגוסט 29, 1937, מיטן נאָמען „קאָרטנשפּיל". געענדערט דאָ די לעצטע צוויי ווערטער אויף „טרויעריקע הענט".

ז. אַ יום־כּפּור־לעגענדע

אין אַ לידל באַטיטלט „דיא יו״כ קערץ אונד דאַס חנוכה קערצלע״ פֿאַרפֿאַסט פֿון יוסף הערץ (1776—1828), אין דעם בײַעריש־ייִדישן דיאַלעקט, קומט פֿאָר אַ וויכּוח צווישן די צווייערלײַ הייליקע ליכט.

דאָס „חנוכה־קערצלע״ טענהט, אַז „בײַ די לוסטיקע חנוכּה־ליכטער״ איז זייער פֿריילעך, מען עסט און טרינקט, זינגט און שפּרינגט, מען פֿאַרווײַלט און שפּילט; עס איז, בקיצור, חי געלעבט. אָבער בײַ דער שײַן פֿון דעם יום־כּפּור־ליכט רק מען דאַוונט, וויינט און יאָמערט:

דויא וואטט גפּרעזזען, גזאָפּפּען, גזונגע,
גשפּיהלט, געהופּפּט און גשפּרונגע
בייא אייך זיכט מער דאָך קאַהן[1] לושטיגע מינע;
דויא וואטט נאָר גשריע און געגרינע![2]
איהר לייכט נאָר צו תּפלות און מזמורים
צו גרויזע סליחות, און מחזורים.

ענטפֿערט די „יום־כּפּור־קערצע״: אמת, מיר „מאַכען דען מענשען פֿרייליך דיזטער״,[3] דאָך ווערט בײַ אונדזערע ליכט דער מענטש אויסגעלײַטערט און זײַן נשמה דערהויבן, בשעת ווען איר חנוכּה־ליכטלעך זײַט שותּפֿים פֿון יצר־הרע, איר פֿאַרפֿירט גרויס און קליין און זיי ווערן בײַ אײַער ליכט בדיל־הדל:

אבער בייא אונזערן מאַטטען שיין,
מאַכן זיא איהן פֿון עבֿירות ריין,
אָבער דוא, דוא קלאַהנס[4] ניקסנוצלע,[5]
טוסט נאָר דען יצר הרע קוצלע![6]
טוסט גרוים און קלאַהן פֿערפֿיהרען
רוהסט ניט בים זיא גוט און בלוט פֿערליערען,
און קוממע נאָך גאַהר אַן ענד
דאָריך דיר אין שׂטן׳ס הענד![7]

גראָד האָט אַ ייִדישע לעגענדע געוואָלט, אַז אַ יום־כּפּור־ליכט זאָל זײַן דער גורם, מען זאָל דורך אים אַרײַנפֿאַלן „אין שׂטנס הענט״, ווי עס ווערט געשילדערט אין יהואָשעס באַלאַדע „מעשׂה שׂטן״.

---

[1] קיין.

[2] greinen, וויינען.

[3] פֿרייליך דיזטער — טאַקע פֿאַראומערט.

[4] קליינס, קליין.

[5] טויגעניִשט.

[6] קיצלען.

[7] געדרוקט מיט נאָך לידער אין יוסף הערצס אסתּר אָדער דיא בעלאָהנטע טוגענד, צווייטע פֿאַרמערטע אויפֿלאַגע, פֿירט 1854, זז׳ 98—99. די ערשטע אויסגאַבע, פֿירט 1828, איז אָן לידער (ביידע זײַנען פֿאַראַן אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר). שולמאַן, שפת יהודית־אשכנזית וספרותה, ז׳ 174 און זלמן רייזען פֿון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, ז׳ 73, דערמאָנען אַ צווייטע אויסגאַבע, ווין, 1849; קומט לויט זיי אויס, אַז פֿירט 1854 איז אין דער אמתן די דריטע. צי די ווינער אויסגאַבע האָט שוין געהאַט די לידער, ווייס איך נישט. — די אויסצוגן פֿון דעם ליד האָב איך געבראַכט אין הערצס ספּעציפֿישער אָרטאָגראַפֿיע.

ס'וואַנדערט בײַ ייִדן אַרום אַ פֿאָלקס־מעשׂה, אַ קאָרטן־לעגענדע, ווי אַ מאָל האָט זיך צוויי ישיבֿה־בחורים שטאַרק פֿאַרגלוסט צו שפּילן. דעם טאָג וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן צו קאָרטעווען איז גראָד אויסגעפֿאַלן ערבֿ יום־כּפּור. גע־טראַכט האָבן זיי צו פֿאַרברענגען בײַם שפּילן נאָר אַ קורצע ווײַלע. האָבן זיי זיך פֿאַרקליבן אין אַ קעלער, מיטגענומען דעם ש"ס־קטן און אַ קליין חלבֿן גראָשנ־דיק ליכטל וואָס ברענט נאָר אַ שעה. צווישן זיך האָבן זיי אָפּגעמאַכט צו שפּילן אַזוי לאַנג ווי דאָס ליכטל וועט ברענען.

די בחורים זײַנען געזעסן אין באַהעלטעניש און האָבן שטאַרק געשפּילט. אַ מאָל געווינט דער, אַ מאָל דער אַנדערער. געזעסן זײַנען זיי ניט־געגעסענע, הונגעריקע, נאָר אַרײַנגעטאָן מיט אַלע חושים און געדאַנקען אין קאָרטנשפּיל. ווען אַפֿילו דער הונגער האָט אָנגעהויבן צו דערקוטשען איינעם פֿון די שפּילער — פֿלעגט אים דער חבֿר ניט אָפּלאָזן, ווײַל ער האָט גראָד יעמאָלט געהאַט צו פֿיל פֿאַרשפּילט. אַזוי איז געלאָפֿן די צײַט, די נאַכט, דער גאַנצער טאָג און דאָס חלבֿנע גראָשנדיקע ליכטל האָט אַלץ געברענט, געצאַנקט און געברענט... די צוויי ישיבֿה־בחורשע קאָרטאָווניקעס האָבן געמיינט, אַז די אָפּגעמאַכטע שעה איז נאָך אַלץ ניט אַריבער. זיי זײַנען געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן און פֿאַרטיפֿט אין שפּיל, אַז זיי האָבן גאָרניט באַמערקט, ווי דער שׂטן האָט זיי געפֿאַנגען אין זײַן נעץ און טרײַבט מיט זיי זײַן בייזע שפּיל, אַז אַנשטאָט אַ שעה האָט דאָס ליכטל גע־ברענט מער ווי אַ מעת־לעת.

סוף־כּל־סוף איז דאָס ליכטל אויסגעגאַנגען. ווען די בחורים זײַנען אַרויס פֿון קעלער איז שוין געווען שטאָק פֿינצטער. רבונו של עולם! רופֿט זיך אָפּ איינער: מען גייט דאָך שוין געוויס צו כּל־נדרי, און מיר האָבן אַ גאַנצן ערבֿ יום־כּפּור געשפּילט, ניט האָבנדיק קיין זאַך טועם געווען אַ גאַנצן טאָג און פֿאַרזאַמט אויך די סעודה המפֿסקת... ביסט גערעכט, ענטפֿערט אים זײַן חבֿר. מיר מוזן אָבער זיך צואײַלן און לויפֿן הונגעריקע גלײַך אין שול אַרײַן, כּדי ניט צו פֿאַרזאַמען כּל־נדרי...

ווען זיי זײַנען געקומען נאָענט צו דער שול, זײַנען זיי אַנטקעגנגעקומען מחנות יום־טובֿדיקע ייִדן, וואָס זייערע אויסגעבלייכטע פּנימער האָבן עדות גע־זאָגט, אַז דער טאָג איז געווען הייליק אין פֿאַסטן, תּשובֿה און תּפֿילה.

ערשט איצט האָבן די בחורים זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן פֿאַרשוועכט און פֿאַרשוועכט דעם גאַנצן ערבֿ יום־כּפּור, די כּל־נדרי־נאַכט און דעם גאַנצן „יום־הקדוש" — מקריבֿ געווען די הייליקע צײַט צום שפּיל־שׂטן!

אַזוי אַן ערך וואַנדערט אַרום די ייִדישע לעגענדע, אַ מעשׂה וועגן שפּיל און אַזאַרט אום יום־כּפּור. ווי אַלע לעגענדעס ווערט אויך די צוגעשריבן צו פֿאַר־שיידענע לענדער און שטעט. מען וויל האָבן, אַז ס'האָט פּאַסירט אין אײַזנשטאָט (אין בורגנלאַנד), דורך דעם וויל מען אויך דערקלערן דעם האַרבן חרם אַנטקעגן שפּילן, וואָס דער דאָרטיקער רבֿ ר' מאיר אַ"ש, דער מחבר פֿון פּנים מאירות, האָט אײַנגעפֿירט אין יאָר 1780.[8]

---

[8] זען מײַן אַרטיקל „המשחק בספרות המוסר, בימי צומות", הדואר, 5טער יאָרג' תּרפּ"ו, נומ' 29, ז' 559. די תּקנה קעגן שפּילן איז אָפּגעדרוקט דורך וואַכשטיינען אין זײַן *Urkunden*

אַנדערע ווילן האָבן, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזאַ אַלטע מעשׂה, פּאַסירט אַ מאָל אין דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר עס איז פֿאַרלאָפֿן אין אונדזער צײַט מיט צוויי בחורים פֿון דער פּרעשבורגער ישיבֿה.[9]

די זעלבע אַגדה איז אויך געווען באַקאַנט אין ליטע, וווּ יהואָש האָט זי געהערט און פֿאַראייביקט אין די פֿערזן:

א טריפֿהנע מאַכט האָט דער שׂטן
און קונציק אין גיהנום פֿאַרפֿירט,
מײַן באָבע דערציילט מיר א מעשׂה,
וואָס יאָרן צוריק האָט פּאַסירט...

ס'איז ערבֿ יום־כּפּור געוועזן,
עס קלײַבט זיך דער עולם אין שול,
די הייליקע נאַכט פֿאַלט אַרונטער,
די הערצער מיט שרעק ווערן פֿול...

א פֿיש האָט אין וואַסער געציטערט,
דער וואַלד האָט די מורא געפֿילט,
נאָר צוויי יונגע־לײַט אין א קעלער
אויסן שטאָט האָבן קאָרטן געשפּילט.

זאָגט איינער צום צווייטן: „עס איז צו
„כּל־נדרי א שעה, אויב ניט מער,
„אָט לאָמיר נאָך שפּילן א ווײַלע,
„דאַן גיי איך אין שול מיטן שווער...

„אָט צינד איך א גראָשענע ליכטל,
„וואָס מער ווי א שטונדע ניט ברענט,
„ווען אויסגיין דער קנויט פֿונעם ליכטל,
„דאַן נעמען צום שפּיל מוז אַן ענד..."

און ווײַטער געשפּילט האָבן ביידע,
כּל־נדרי איז לאַנג שוין פֿאַרבײַ,
די נאַכט איז אַריבער, עס קומט שוין
דער עולם אין שול פֿון דאָס נײַ...

---

und Akten zur Geschichte der Juden in Eisenstadt, זז' 148—149, נומ' 131. דאָרטן אויף זז' 378—379, נומ' 259 געפֿינט זיך אויך אַ דאָקומענט, ווי מען האָט עטלעכע ייִדן אויסגעשלאָסן פֿון קהל פֿאַר טרײַבן אַזאַרט.

וועגן אַן איסור אויף קאָרטנשפּיל אין דאָבזשין (פּלאָצקער גוב'), פּוילן, צוליב דער זעלבער מעשׂה פֿון יום־כּיפּור ברענגט פֿון פֿאַקסמויל:

Heinrich Loewe, *Der jüdische Spieler*, Berlin, 1930, p. 8.

[9] יקותיאל יהודה גרינוואַלד, ספר הזכרונות, בודאַפּעשט, תרפ"ב, ז' 43. ווי גרינוואַלד פֿאַרענדיקט די אַגדה, האָבן די שפּילער, ווען זיי האָבן געזען, אַז עס איז שוין אויס יום־כּפּור און דער עולם גייט אַהיים, באַקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע אויפֿן אָרט.

שוין מוסף, שוין נעילה . . . דער חזן
פארגייט אין א לעצטן געוויין,
און ס'שפּילן און ס'שפּילן די חברה,
עס וויל ניט דאס ליכטל פארגיין . . .

ערשט שפּעטער נאך צאת הכּוכבים,
דער שמש די שול האט פארמאכט,
פארלעשט זיך דאס גראשענע ליכטל, —
און ס'האט זיך דער שׂטן צעלאכט . . .[10]

אין העברעיִש האט נאך מיט יארן פריִער שמואל ז׳ כּהנובסקי באזונגען די לעגענדע אין א ליד מיטן נאמען „הקלפנים".[11]

אזוי ווי ס'רוב לעגענדעס, האט אויך די שפּיל־אגדה פארשיידענע נוסחאות. דער ספּור־המעשׂה איז, מיט עטלעכע קליינע אפּוויַכונגען און ענדערונגען, כּמעט ביַי אלע גליַיך, פּונקט ווי יהואש האט זי אין זיַין באלאדע.

גאר אין די אלע פארעפנטלעכטע נוסחאות קומט עפּעס אויס ווי די פאלקס־מעשׂה וואלט זיך אפּגעהאקט אין מיטן, ווי ס'פעלט דער סוף פּסוק. ביז עס איז געקומען לאצארוס,[12] פון מעראן (טיראל), האט נאך א מאל פארעפנטלעכט בקיצור די לעגענדע, דער עיקר אבער דעם סוף וואס האט געפעלט, אזוי ווי ער האט דאס געהערט אין זיַין קינדהייט. דער סוף איז זייער כאראקטעריסטיש, ווי ער דריקט זיך אויס, פאר דעם עטיש־רעליגיעזן יידישן גיַיסט.

לויט דעם נוסח זיַינען די בחורים געווארן אויסער זיך, זיַינען פארצווייפלטע געלאפן צום רב וואס איז נאך פארבליבן אין שול, אז ער זאל זיי העלפן מקבל־תּשובה זיַין. אויף דעם האט זיי דער רב געענטפערט: מיר, איר און איך, זיַינען דריַי. ווען איר קענט צווישן די פאסטערס וואס קליַיבן זיך אהיים צו גיין, גע־פינען נאך זיבן ליַיט וואס זיַינען ווייליק דא צו בליַיבן, וועלן מיר גליַיך ווי א מנין זאגן נאך א מאל כּל־נדרי און אויף ס'ניַי פּראווען, ביז מארגן נאכט, דעם גאנצן יום־כּפּור מיט פאסטן און תּפילות, און דער יום־כּפּור שני וועט איַיך מכפּר זיַין.[13] און אזוי, וויל די מעשׂה האבן, איז דאס געשען.[14]

אזוי האט די שיינע יידישע שפּיל־לעגענדע געפונען צום סוף א כּפּרה אויף דער הארבער זינד פון ישיבישע אזארטניקעס, א תּיקון פאר יידישע קארטאוניקעס.

---

[10] יהואש, געזאמלטע לידער, ניו־יארק, 1910, זז׳ 123—124.

[11] הצפירה, ח׳ תשרי, תרנ"ו—1895, שנה 22, גליון 209־210, ז׳ 802.
די מעשׂה איז אויך באארבעט געווארן אין פּראזע ווי א העברעיִשע יוגנט־דערציילונג דורך י. צ. לוין, „שני הקוביוסטוסים" אין עולם קטן, תרס"ב, 1901, העפט כא, שפּ׳ 901—906.

[12] מוז אויף געוויס זיַין דער בארימטער עטנאלאג פּראפ׳ מאריץ לאצארוס, וועלכער האט די לעצטע יארן געוווינט אין מעראן און דארטן געשטארבן. אזוי ווי לאצארוס איז א געבוירענער אין פּויזענער געגנט, האט ער משמעות קינדוויַיז דארט געהערט די לעגענדע. לאצארוס איז אויך דער מחבר פון א בוך וועגן שפּילן: *Über die Reize des Spiels*, Berlin, 1883.

[13] וועגן האלטן צוויי טעג יום־כּיפּור זען שלחן ערוך אורח חיים, סוף סימן תּרכד און אין מגן אברהם, דארטן.

[14] *Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde*, Heft VII, pp. 93-94.

אַ בריוו און אַ שפּאָטליד אויף לאָטעריע

1

מיט לאָטעריע ווערט דאָ אויסשליסלעך געמיינט גליקשפּיל. אַזאַרט און געווינס. מיר לאָזן אויס דעם ענין גורל, וואָס הייבט זיך אָן פֿון דער תּנכישער תּקופֿה און ציט זיך ביז אונדזער צײַט.[1] דאָס גורל־וואַרפֿן האָט, כּידוע, אויך געשפּילט אַ ראָלע אין פֿאַרשיידענע מאָמענטן פֿון רעליגיעזן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן ווי בײַם פֿאַרטיילן עליות, ספּעציעל בײַ די זעלבע חיובֿים, אָדער דאַוונען און קדיש (בײַ יאָרצײַט און צווישן אבֿלים), בפֿרט בײַ דער קלפּי־אינסטיטוציע פֿאַר קהלשע אַמטן.[2] אַ פּרשה פֿאַר זיך זײַנען כּלערליי „פּלעטן".[2*]

אויך ווערן דאָ נישט באַרירט די פֿאַרשיידענע „ראַפֿלס" וואָס ווערן נאָך עד היום כּסדר אײַנגעאָרדנט פֿאַר צדקה־צוועקן, פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, לטובֿת שולן, ישיבֿות און סתּם חבֿרות, רעליגיעזע ווי וועלטלעכע.

---

[1] Lots, in: *Jewish Encyclopedia,* VIII, pp. 187-188.
«Жребій», *Еврейская . Энциклопедія,* VII, стр. 610—611.

לעוו שרײַבט אַז:

"Die Mischna kennet auch eine Art Lotterie," *Lebensalter,* p. 326

און ווײַזט אָן אויף משניות שבת, פּרק כג, ב, „ומפיס עם בניו ועם בני ביתו", וואָס דאָס איז אין דער אמתן וואַרפֿן גורל, ווי דער רמב"ם זאָגט דאָרט אויפֿן אָרט אין פּירוש המשניות „ומפיס פּירושו מטיל גורלות". וועגן גורל אין דער רבנישער ליטעראַטור, זען: הרבֿ חיים אַריה הכּהן, דברי גאונים, סיגעט, תּרע"א, כּלל כ, דיני גורל.

[2] אין די תּקנות הקהילה דקהל קודש אשכּנזים, אַמשטרדם, תּצ"ז, סימן נח, ווערט גורל וואַרפֿן אויך אָנגערופֿן שפּילן, ווי „שפּילט הפּרנס החודש", „אונ' ווידר אום שפּילין ווער עולה לתּורה זיין זאל", „גם כּן ווידר שפּילן מי שידחה מהם" אאַז"וו.

[2*] שודט דערמאָנט אַ „העברעיִשע ביכער־לאָטעריע" אָרגאַניזירט אין פֿראַנקפֿורט אין יאָר 1716. ער ברענגט די דערלויבעניש וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דעם נאָמען פֿונעם קריסטלעכן דרוקער יאָהאַן קעלנער, ווײַל ייִדן האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט צו מאַכן לאָטעריעס. אויך האָט שודט אָפּגעדרוקט דעם ייִדישן אָריגינאַל פֿון דעם אויפֿרוף און פּלאַן פֿון דער לאָטעריע „פּובליגאַציאָן וועגן דער גרושין אלפּסי מיט שילטי הגיבורים אויף וואש פֿאר ארט אונט וויז זיא זאלן גדרוקט ווערדן", דאַטירט „פֿרנקפֿורט, היום יום ג' ר"ח ניסן, תּע"ו לפּ"ק" און געחתמעט „בנימין וואלף ב"ה אהרן אליעזר זצ"ל טורלך" (Durlach), דצ"וו, ב' IV, טייל II, 148—153.

אַן אינטערעסאַנטע „ספרים פּר פלעטונג אין אלטונא" פֿון תּצ"ט מיט פּשוטע און הויפּט־געווינסן, האָף איך אָפּצודרוקן בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

מיר לאָזן אויך אויס שפּילן אויף דער בערזע — די אַלע לופֿטגעשעפֿטן און שפּעקולאַציעס פֿון דער „אַדעסער בערזע" און „יעהופּעצער בערזע", וואָס שלום־עליכם האָט פֿאַראייביקט אין זײַן מנחם־מענדל און אין זײַנע קאָמעדיעס.

קיין געשיכטע פֿון לאָטעריע, אַזוי ווי בײַ די אומות העולם, האָבן מיר נישט,[3] און מען האָט בכלל וועגן דעם בײַ אונדז ווייניק געשריבן, כאָטש עס האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין „ייִדישע לאָטעריעס" און עס איז צווישן ייִדן געווען אַ גאַנצער שיכט פֿון אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן געהאַנדלט, ווי יעקבֿ גאָרדין דריקט זיך אויס, „מיט דאָס וואָס עס וועט זיך אַ מאָל טרעפֿן".

פֿון מײַן היימשטאָט לאָדזש געדענק איך נאָך די ספּעציפֿישע ייִדישע לאָטעריעס אויסער דער מלוכה־לאָטעריע, און די גרויסע צאָל לופֿטמענטשן, די אַלע קאָלעקטאָרס און סובקאָלעקטאָרס מיט זייערע קונים, וואָס האָבן געלעבט מיט „פּאַפּירענער" האָפֿענונג און האָבן אויסגעקוקט אַ פּלוצעמדיקן גליק פֿון רײַך ווערן.

מאַטעריאַלן פֿאַר געשיכטע פֿון לאָטעריע בײַ ייִדן באַווײַזן זיך אין 18טן יאָרהונדערט. במשך אַ פּאָר צענדליגג יאָר געפֿינען מיר אַ ייִד אַ לאָטעריע־גרינדער און פּאַכטער, אַ דין־תּורה, קאַמף קעגן לאָטעריע, געווינסן.

שוין אין יאָר תּצ"ד (1734) האָט מען זיך געווענדט צו ר' יעקבֿ עמדן מיט אַ שאלה פֿון זײַן שטאָט אַלטאָנאַ וועגן איינעם וואָס האָט געשיקט „לאטרייא צעטילש לקומיסיאנט שלו באמשטרדם" איבערצובײַטן אויף אַ נײַעם, און דער „קומיסיאנט" (קאָלעקטאָר) האָט פֿאַרגעסן אָדער במזיד נישט איבערגעביטן און דערווײַל האָבן די צעטלען פֿאַרלאָרן זייער ווערט.[4]

אין יאָר 1735 האָט מען פֿאַרגעלייגט דעם הויפֿפֿאַקטער יוסף זיס אָפּענהיימער (1698—1738), ער זאָל אָרגאַניזירן אַ לאָטעריע פֿאַר ווירטעמבערג. דער הערצאָג האָט גלײַך צוגעשטימט צום פּלאַן און אָפּענהיימער האָט אַליין איבערגענומען די פּאַכט פֿאַר צוויי לאָטעריעס וואָס ער האָט נאָר אָנגעהאַלטן אַ קורצע צײַט, ביז אָנהייב 1737.[5]

---

[3] אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן לאָטעריע קען מען באַקומען פֿון די אַרטיקלען אין די ענציקלאָפּעדיעס און די דאָרט אָנגעגעבענע ביבליאָגראַפֿיעס. זען למשל:
The Encyclopaedia Britannica, 14 Edition (1929), Vol. 10, p. 11, Gaming and Wagering.
פֿ"גל אויך שוסטער, דצ"ו, ז' 234 (זע הערה 3, ז' 15).

[4] שו"ת שאילת יעבץ, אַלטאָנאַ, תּצ"ט, סימן פּה. יעבֿץ דערקלערט דאָרט, אַז אַ לאָט איז אײַנגעטיילט אין דרײַ קלאַסן און וועמענס צעטל ס'איז נישט אַרויס אין ערשטן קלאַס, דער קען צוצאָלן און איבערבײַטן אויף אַ נײַעם צעטל פֿאַר דעם צווייטן קלאַס אאַז"וו, דער וואָס באַנײַט נישט אין צײַט, פֿאַרלירט זײַן זכות.

זען אויך די מעשׂה וואָס יעבֿץ ברענגט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, ווי זײַן קרובֿ אין אַמסטערדאַם איז אויפֿגעריכט געוואָרן דורך אַ געווינס פֿון 28 טויזנט האָלענדישע גולדן, פֿון דער אוטרעכטער לאָטעריע (מגלת ספר, וואַרשע, תּרנ"ז, ז' 80).

[5] Selma Stern, *Jud Süss*, Berlin, 1929, pp. 76-77.

דער ערשטער עפנטלעכער קאַמף קעגן לאָטעריע איז פאָרגעקומען אין פּירט. אין יאָר 1764 איז דאָרטן אויפגעקומען די לאָטעריע און מען האָט שטרענג געאָסרט צו נעמען אָנטייל. פיר מענטשן וואָס האָבן עובר געווען אויפן איסור זיינען האַרב באַשטראָפט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: צוויי פון זיי טאָרן נישט פראַ־וועז מאַהן און חופה אויפן שולהויף, טאָרן נישט טראָגן צוויי יאָר נאָך דער חתונה קיין שולמאַנטל, אין טאָג פון דער חתונה און שבת קודש טאָר מען זיי נישט אויפרופן צו דער תורה. די אַנדערע צוויי זאָלן נישט טאָן קיין שידוך אין פּירט.[6]


1/8 KOOP-LOT in der TWEEDE Classe der Provincial-Utrechtse 2de Classe
ste LOTERYE,
Ik ondergetekende ISAAC LOW BEER in Francfort, bekenne verkogt te hebben aan Toonder deezes, een AGSTE in'tonderstaande Lot, de Prys of Præmie die op het zelve getrokken zal worden op de gewoonen Tyd en korting voor zyn aandeel betaalen, de waarde ontfangen.
No.
te Verwisselen tot Vrydag voor de Trekking.

1/4 KOOP-LOT in der VIERDE Classe der Provincial-Utrechtse 4de Classe
ste LOTERYE,
Ik ondergetekende ISAAC LOW BEER in Francfort, bekenne verkogt te hebben aan Toonder deezes, een QUART in'tonderstaande Lot, de Prys of Præmie die op het zelve getrokken werdt, zal ik op de gewoonen Tyd en korting voor zyn aandeel betaalen, de waarde ontfangen.
No.
te Verwisselen tot Vrydag voor de Trekking.

צעטלען פון אַ יידישן קאָלעקטאָר Isaac Low Beer אין פראַנקפורט פון דער אוטרעכטער לאָטעריע, געפונען אין איינבונד פון מחזור עם כוונת הפייטן כמנהג אשכנז עם טייטש, פּירט, תקנ״א (1791). (אין ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.)

די צווייטע קלאַס געדרוקט מיט רויטן פאַרב, די פערטע קלאַס — שוואַרץ. גרייס — 6 צאָל די ברייט, 2 צאָל די הייך. וועגן דער פראַנקפורטער פאַמיליע בעער, זען:

Dr. Alexander Dietz, *Stammbuch der Frankfurter Juden,* Frankfurt am Main, 1907, pp. 25-28.

דאָרט ווערן דערמאָנט עטלעכע בעערס מיט דעם זעלבן נאָמען. ווער פון זיי איז דער קאָלעקטאָר — איז נישט לייכט צו באַשטימען.

---

[6] Dr. L. Löwenstein, "Zur Geschichte der Juden in Fürth," in: *Jahrbuch der Jüdisch-Literarischen Gesellschaft,* VIII, pp. 184-185;

ש. אַסף, העונשין אחרי חתימת התלמוד, ירושלים, תרפ״ב, ז׳ 119, נומ׳ 129. וועגן „מאַהן״, וואָס אַסף האָט דורכגעלאָזן, זען מ. גידעמאַן, התורה והחיים, וואַרשע, תרנ״ט, חלק שלישי, ז׳ 97 א״וו; אַ צערעמאָניע אין טאָג פון דער חתונה, אין דער פרי.

אין האָלאַנד איז שפּילן אין לאָטעריע נישט געווען, ווײַזט אויס, קיין עבֿירה. פֿאַרקערט, דער חיד״א האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿאַרצייכענען, דעם 26סטן סיוון תּקל״ח (1778), אין זײַן רײַזעבוך, אַז דער פּרנס פֿון ראָטערדאַם ר׳ משה שפּרינגער האָט געזאָגט, אַז „ער האָט געוווּנען אין לאָטאָ [בלו״ט] 12 טויזנט, אַ דאַנק דער ברכה וואָס איך האָב אים ווינטער געבענטשט״.[7]

וואָס ווײַטער איז לאָטעריע געוואָרן אַלץ מער פֿאַרשפּרייט און דער ייִדישער אָנטייל גרעסער. כאַראַקטעריסטיש איז די צוואה וואָס אַ פּוילישער ייִד ר׳ אַריה לייבוש בערלינער (ר׳ ליבוש ר׳ טעבֿילס) פֿון פּיעטריקאָוו האָט געמאַכט אין די יאָרן 1838—1839.

ער שרײַבט וועגן זײַן לאָטעריע־צעטל ווי אַ רעאַליטעט:

> אולי יחנן לי עוד ד׳ צבאות ויעלה לי איזה שכר בבילעט אודזיאלאווע שיש לי בתוך הכתבים למען אוכל לצאת מהרה ידי חובותי ולהשאיר ברכה והוא נומר 40170 מן סעריע 804...
>
> באם יהי׳ גיווינעש על לאטעריע זאָל מען מקודם מעשר זיין על דברים טובים לטובת נשמתי. אין דאָס איבריגע זאָל זיין הרשות ביד אפטרופּסים או רוב מהן ציטיילין בין זרעי וזרע זרעי הש״י. אין פֿין א גרויש גיווי־נעש זאָל מען פֿריר אראפּנעמין איין חומש [8] דהיינו החצי זאָל מען ציטיילין כּדין מעשר וחצי השני זאָל גיגעבין ווערין על קרן קיימת דברים טובים כּפּי אשר ייטב בעיני האפּטרופּסים עם בד״צ [בית־דין צדק]...[9]

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז די שאלה וואָס קומט אויף יאָרן שפּעטער, וואָס פֿאַר אַ ברכה מען זאָל מאַכן אויף אַ לאָטעריע־געווינס. דער רבֿ ענטפֿערט, לויט דער גמרא ברכות: אויב אַליין — „שהחיינו״, מיט אַ שותּף — „הטובֿ והמטיבֿ״, נאָר צוליב דעם ייִדישן קאָלעקטאָר זאָל מען מאַכן די לעצטע ברכה.[10]

2

די קאָלעקטאָרס האָבן נישט נאָר גורם געווען, ווי מיר זעען, אַן אַנדער ברכה, נאָר נאָך מער, אַ דאַנק זיי איז דער אָפּקלאַנג פֿון לאָטעריע אין דער שאלות־ותשובֿות־ליטעראַטור אַ גאַנץ היפּשער. אַזוי ווי דער נסיון פֿון געלט און געווינסן איז אַ גרויסער און נישט אַלע האָבן אים געקענט בײַשטיין, דע־ריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס גראָד בײַ לאָטעריע זײַנען פֿאָרגעקומען אַ

---

[7] מעגל טוב השלם, ירושלים, תּרצ״ד, חוברת שניה, 160.

[8] יחזקאל קאָטיק ברענגט טאַקע פֿון אַרום יענער צײַט אַ פֿאַקט פֿון איינעם פֿון די חשובֿסטע ייִדן אין קאַמענעץ: „האָט אים נאָך אָבער געשפּילט דאָס גליק, און איין מאָל האָט ער געוווּנען אויף דער זאַקסישער לאָטעריע, מיט אַ יאָר אַכציק צוריק — פֿינף און צוואַנציק טויזנט רובל ריין געלט. האָט ער באַלד געמאַכט אַ סך־הכּל מיט דעם געלט אויף אַזאַ אופֿן: פֿינף טויזנט רובל האָט ער אַוועקגעגעבן צדקה. לויט דעם דין פֿון תּלמוד טאָר מען מער ווי אַ פֿינפֿטל צדקה נישט געבן״ (מײַנע זכרונות, וואַרשע, 1913, ערשטער טייל, ז׳ 44).

[9] הרבֿ צבֿי יחזקאל מיכלזאָהן, שו״ת תירוש ויצהר, בילגאָרײַ, תּרצ״ו — 1936, קונטרס תפארת בנים, סימן לא. דער צוואה־שרײַבער איז אַ זיידע פֿונעם מחבר.

[10] הרבֿ בנימין דוד לעווין, שו״ת שמן ששון, וואַרשע, תּרס״ה, תּשובֿה כז.

שפּאָר ביסל סכסוכים, עס האָבן נישט געפֿעלט קיין טענות ותביעות און דין־תּורות צווישן שותּפֿים, בפֿרט מיט קאָלעקטאָרס, ס׳רובֿ ביטערע אָרעמע־לײַט.

פֿון אַ טייל שאלות ותשובֿות קען מען אָפּלערנען, ווי ס׳אַרבעט דער פּלאַן פֿון לאָטעריע, און זיך באַקענען מיט דער פּראָפֿעסיאָנעלער טערמינאָלאָגיע. פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז געצוג אָנצווײַזן, ווי אַן אילוסטראַציע, אויף דער אינטערעסאַנטער שאלה וועגן אַ דין־תּורה מיט אַ קאָלעקטאָר אין זאַגער, אָדר ת״ר (1844), און אויף דער תּשובֿה פֿון בויסקער רבֿ ר׳ יעקבֿ בנדטמאַן, וווּ ס׳ווערן איבערגעגעבן אַלע פּרטים פֿון „לאָטעריא שפּיל״.[11]

מיר וועלן זיך דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין די איינצלהייטן פֿון יעטווידער תּשובֿה באַזונדער און אין דער יורידישער באַדײַטונג פֿון יעטווידער פּסק. אין די שקלא־וטריאס ווערן באַהאַנדלט אַ סך הלכה־פּרינציפּן. אַזאַרט אין ייִדישן געזעץ, דין־תּורות פֿון אַזאַרטניקעס, זײַנען אַ פֿאָרשונג פֿאַר זיך אַליין.[12] אָבער דאָך זאָל דאָ בקיצור פֿאַרצייכנט ווערן דער אינהאַלט פֿון אַ ריי אַזעלכע דין־תּורות צוליב לאָטעריע, געבראַכט אין דער רבנישער ליטעראַטור פֿון פֿאַרגאַנגענעם און איצטיקן יאָרהונדערט.

אַן אויסבײַט פֿון מיינונגען האָט אַרויסגערופֿן אַ פֿאַל, ווען איינער האָט געקויפֿט אַ לאָטעריע־צעטל פֿאַר צען צל׳ (קרײַצער) און אַ צווייטער האָט אים געגעבן דערנאָך פֿינף קרײַצער לשם שותּפֿות. דער נומער האָט געוווּנען, נאָר דער געווינער האָט נישט אָנערקענט די שותּפֿות און נישט געוואָלט געבן העלפֿט.[13]

אַ שאלה פֿון קראָקע וועגן אַ „פּרימעסע״ וואָס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן שוין נאָך דעם ווי מען האָט געצויגן די לאָסן און דער נומער האָט געוווּנען אַ גרויסע סומע.[14]

---

[11] זכרון יעקב, ווילנע, תּרל״ה — 1874, סימן לג. פֿאַר סטיל און שפּראַך זאָל דער ווײַטערדיקער זאַץ פֿון סוף תּשובֿה זײַן אַ מוסטער: „ונידן חוק הפלאן שמי שלא ישלח הצעטיל שלו ח׳ ימים קודם הציאונגען אבד זכותו וכאן הי׳ הכל אחר זמן הנ״ל. המנהג מבטל חוק הפלאן לגבי בני המדינה. כי כבר נהגו בני המדינה לסחור בהאצעטלען גם להרחיב זמן עד כלות משך כל הציאונגין. וגם הפלאן לא אמר רק שיבוטל זכותו שלא יתבע מהרעדאקצע משא״כ מהקאלעקטאר שלו יוכל לתבוע מאחר שמנהג הקאלעקטאר להמתין ולהרחיב זמן עד סוף כלות משך הציאונג...״

[12] טיילווײַז האָב איך דאָס געטאָן אין מײַן „משפּטי־קוביוסטוסים״ אין חורבֿ, ניו־יאָרק, תּרצ״ה, כּרך ב׳, חובֿרת א, זז׳ 60—66. פֿאַר די צען יאָר איז מיר צוגעקומען אַ סך מער מאַטעריאַל, בפֿרט וועגן לאָטעריע, וואָס איך האָב דאָרט לחלוטין נישט באַהאַנדלט.

[13] שו״ת בית שלמה פֿון הרבֿ שלמה פֿון סקאַלע, לעמבערג, תּרנ״ב — 1891, סימן כא (דאַטירט יט תּמוז, תּרל״ב). די זעלבע שאלה ווערט באַהאַנדלט אין בשמים ראש, סימן ס (זען ווײַטער), געשריבן צום זעלבן רבֿ פֿון אולאַשקעוויץ, ר׳ יוסף מרדכי הלוי. השגות אויף דעם מחבר געפֿינט זיך אין תּרשיש שהם, סימן קו (זען ווײַטער). דער מחבר רופֿט אַ צעטל — קוויטל.

[14] הרבֿ שאָול הלוי איש הורוויץ, בשמים ראש, לעמבערג, תּרל״ה — 1874, סימן נט. די שאלה איז פֿונעם מחברס זון.

דער צאַנדזער רבֿ ר׳ חיים האַלבערשטאַם דערמאָנט אַן ענין וועגן אַ לאָטעריע־צעטל אויף באָרג: דער נומער איז אַרויס און דער קאָלעקטאָר האָט נאָך אַלץ נישט באַקומען באַצאָלט.[15]

דער לאָדזשער מורה־הוראה ר׳ משה פּערלמוטער ברענגט אין זײַנע ספֿרים אַ ריי דין־תּורות צוליב לאָטעריע. איין מחלוקה איז צווישן אַ לאָדזשער ייִד און אַ קאָלעקטאָר פֿון לובלין וועגן אַ נישט באַצאָלטן לאָס פֿון לעצטן קלאַס וואָס האָט געוווּנען אַ טויזנט רובל און דער קאָלעקטאָר טענהט, אַז דער געווינס איז זײַנער.[16]

מער פֿאַרפּלאָנטערט איז די דין־תּורה צווישן צוויי סובקאָלעקטאָרס וועגן אַן אומגעקערטן לאָס וואָס האָט אין צווישן געוווּנען, נאָר די שאלה איז צי דער סובקאָלעקטאָר האָט אומגעקערט פֿ אַ ר אָדער נ אָ ך דעם ציִען.[17]

אַן ענלעכער פֿאַל האָט געטראָפֿן, ווי עס ווײַזט אויס, צווישן אַ ייִדישער לאָטעריע־געזעלשאַפֿט מיט אַ סובקאָלעקטאָר פֿאַר נישט באַצאָלטע לאָסן וועלכע זײַנען געווען אײַנגעלייגט בײַ אַ קרובֿ און איין נומער פֿון זיי האָט געוווּנען בײַ אַ צוויי טויזנט רובל. דער סובקאָלעקטאָר מאָנט די סומע און די געזעל־שאַפֿט (חבֿרותא) טענהט, אַז ווי באַלד ער האָט נישט אויסגעלייזט די לאָסן, איז דאָס זייער געווינס.[18]

פֿון רוסלאַנד האָט מען זיך געווענדט אַזש צו אַ פּוסק אין גאַליציע, ער זאָל פּסקענען אין אַזעלכע צוויי פֿאַלן:

איינער האָט פֿאַרקויפֿט אַ לאָטעריע־צעטל, ווען ס׳איז שוין אַריבער דער טאָג פֿון ציִונג, און שפּעטער צו דערוווּסט זיך, אַז דער נומער האָט געוווּנען. צי קען מען דאָס דערקלערן ווי אַ מקח־טעות און מבֿטל זײַן דעם פֿאַרקויף?[19]

דער אַנדער פֿאַל איז אַ מעשׂה מיט אַ קאָלעקטאָר און צוויי שותּפֿים אויף צוויי דריטל פֿון אַ לאָטעריע־צעטל. דעם לעצטן דריטל האָט דער קאָלעקטאָר פֿאַרקויפֿט צו איינעם פֿון די שותּפֿים, נאָר יענער האָט באַצאָלט 67 קאָפּיקעס און איז געבליבן שולדיק אויף זײַן חלק אַ רובל פֿאַר דעם פֿינפֿטן קלאַס, און דער צעטל האָט געוווּנען אַ טויזנט רובל.[20]

די אַלע געבראַכטע יורידישע פּראָבלעמען זײַנען ריינע דיני־ממונות.

אַ פּרינציפּיעלע פֿראַגע וועגן „לויזין", צי דער געווינס זאָל געהערן צום גרונטפֿאָנד וואָס אַ גבֿיר האָט איבערגעלאָזן פֿאַר צדקה און איז אומבאַרירלעך,

---

[15] שו״ת דברי חיים, לעמבערג, תרל״ה חלק שני, חו״מ, סימן כא.

[16] שו״ת תרשיש שהם, פּיעטריקאָוו, תרס״ב, סימן קה (דאַטירט תּולדות תּרנ״ט).

[17] שו״ת אבן שהם, פּיעטריקאָוו, תּר״ע, סימן קכח (דאַטירט תּרס״ט).

[18] דאָרט, סימן קלו (דאַטירט תּרס״ז).

[19] הרבֿ שלום מרדכי הכּהן שוואַדראָן, שאלות ותשובות מהרש״ם, פּיעטריקאָוו, תּרס״ה — 1904, סימן לח. די תּשובֿה איז געשריבן צו הרבֿ משלם זוסיא הירשהאָרין, פֿון סאַטאַנאָוו, רוסלאַנד.

[20] דאָרט, סימן רל. די תּשובֿה איז געשריבן צו הרבֿ אפֿרים אויערבויך פֿון האָראָכאָוו אין וואָלין.

אָדער צו די רווחים וואָס ווערן, לויט דער צוואה, פֿאַרטיילט צו אָרעמע־לײַט אין טאָג פֿון יאָרצײַט — איז דער אינהאַלט פֿון אַ שאלה וואָס מען האָט אָנגעפֿרעגט דעם לעמבערגער רבֿ ר׳ לייב ברודא. *[20]

פֿון אַ גאַנץ אַנדערן אינהאַלט זײַנען צוויי תשובֿות פֿון אונגערן, פֿאַרבונדן מיט צדקה. איינע קלינגט ווי אַ הלכתא למשיחא. אין ברעזאָווע פֿלעגט מען אַלע יאָר פֿאַר דעם עודף וואָס איז געבליבן פֿון תלמוד־תורה־בודזשעט קויפֿן לאָסן. האָבן די גבאים און מיטגלידער פֿון חבֿרה תלמוד־תורה געפֿרעגט, אַז אויב עס וועט אַרויס דער „הויפּטטרעפֿער״, צי מעג מען דאָס פֿאַרטיילן צו די מיטגלידער לויט זייערע בײַשטײַערונגען.[21] דערפֿאַר איז די אַנדערע שאלה פֿון דער זעלבער שטאָט געפֿרעגט געוואָרן ווי אַ „הלכה למעשה״. אַ מאַן וואָס פֿלעגט געבן מעשׂר פֿון זײַן געלט און אין אַ צײַט פֿון יקרות האָט ער דאָס נישט געקענט באַווײַזן פֿלעגט פֿאַרשרײַבן אין פּינקס, און ווען עס האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ היפּשע סומע, האָט ער פֿאַר דעם צוועק מקדיש געווען צוויי לאָסן וואָס אָרעמע־לײַט האָבן זוכה געווען, איז די שאלה, צי מעג ער איצט די לאָסן אויסלייזן פֿאַר זיך מיטן הסכּם פֿון די מקבלים.[22]

דאָס זײַנען אַלץ אָפֿיציעלע רבנישע מקורים, ווײַט ניט אַלע אויסגעשעפּט, אָבער ס׳פֿעלן אויך ניט פֿאַסירונגען אין אַנדערע קוואַלן פֿון דעם זעלבן כאַראַקטער, וואָס זאָלן דאָ צוליב זייער ספּעציפֿישקייט דערמאָנט ווערן באַזונדער.

אַ לאָדזשער ייִד האָט געקויפֿט אַ „פּלאַט״.[23] אין ערשטן טאָג פֿון ציִונג איז געקומען דער קאָלעקטאָר און אים אינפֿאָרמירט, אַז אויף זײַן נומער איז אַרויס קרן. יענער, גאָרנישט חושד זײַענדיק, האָט איבערגעביטן בײַם קאָלעקטאָר אויף אַן אַנדער „פּלאַט״. אויף מאָרגן האָט דער ייִד דערזען, אַז לויט דער טאַבעלע אין צײַטונג האָט ער געוווּנען גאָר אַ גרויסע סומע פֿון 40 טויזנט רובל. דער קאָלעקטאָר האָט געלייקנט שטיין און ביין: דעם מאָנערס צעטל האָט געוווּנען נאָר דעם קרן און דעם גרויסן געווינס — דעם קאָלעקטאָרס אַ שוואָגער.

גיין זיך לאָדן אין געריכט איז געווען אויסגעשלאָסן, ווײַל טייל לאָטעריעס זײַנען געווען אומלעגאַלע. איז דער ייִד געגאַנגען צום לאָדזשער רבֿ ר׳ אליהו חיים מייזל. דער רבֿ האָט געשיקט נאָכן קאָלעקטאָר און יענער האָט פֿאַר אים

---

*[20] שו״ת מצפה אריה, לעמבערג, תר״מ, סימן כט. דער ענין האָט גראָד אַרויסגערופֿן השׂגות פֿון הרבֿ חיים יהודא ליב ממאַסניץ אין זײַנע שו״ת שערי דעה, פּרעמיסלע, תרמ״ד, סימן רכ; און פֿון ר׳ ברוך דוד הערמעלין אין אפוד בד, מונקאַטש, 1912, סימן כט.

[21] הרבֿ מרדכי ליב ווינקלער פֿון מאַד, שו״ת לבושי מרדכי, טאָלטשעווע, תרע״ב, סימן קעד (אם מותר לשנותו לדבר רשות, כלומר לטול חלק כחלק לכל אשר באו בחברי ת״ת).

[22] דאָרט, סימן קעו (דאַטירט תולדות תרע״א).

[23] אין דעם ווײַטער ציטירטן מקור ווערט דערקלערט: „פֿאַר דער מלחמה איז אויסער דער מלוכה־לאָטעריע געווען אויך לאָטעריעס, אַזוי גערופֿענע: גערער, אַלעקסאַנדערער, לובלינער, פּילצער און אַנדערע... אויסער דער מלוכה־לאָטעריע זײַנען די איבעריקע געווען ספּעציפֿיש ייִדישע. ס׳איז נאָך געווען אײַנגעפֿירט צו פֿאַרקויפֿן ׳פּלאַטן׳, דאָס הייסט זיבן צעטלען פֿון דעם זעלבן נומער פֿון די פֿאַרשיידענע לאָטעריעס. אויב ס׳האָט גליקלעכערווײַז געוווּנען דער זעלבער נומער, האָט דער גליקלעכער באַזיצער געוווּנען פּילפּאַכיק״.

איבערגעחזרט די זעלבע רייד. רופֿט זיך אָן צו אים דער רבֿ: גיט מיר אַ שטיקל פּאַפּיר, וועל איך אײַך געבן אַ בריוול אין אַן אָרט, ווו מען וועט אויסגלײַכן דעם ענין און עס וועט זײַן אויס מחלוקת.

דער קאָלעקטאָר האָט אַרויסגענומען זײַן נאָטיצביכל און געוואָלט פֿון דאָרט אַרויסרײַסן אַ בלעטל. דער רבֿ האָט אָבער צוגענומען בײַ אים דאָס נאָטיצביכל און אַדורכבלעטערנדיק האָט ער באַמערקט אויף אַ זײַטל דעם נאָמען פֿון תּובֿע און דאָרט איז טאַקע געווען פֿאַרשריבן, אַז ער האָט גענומען דעם „פּלאָט" וואָס האָט געוווּנען די גרויסע סומע.

דער קאָלעקטאָר האָט געזען, אַז ער איז אַרײַנגעפֿאַלן, האָט ער געזאָגט, אַז ער פֿאַרלאָזט זיך אויף דעם רבֿס פּסק. דער רבֿ האָט געפּסקנט, אַז אַ געוויסע סומע פֿונעם געוווּנענעם געלט גייט פֿאַר צדקה, דער קאָלעקטאָר באַקומט זײַנע פּראָצענטן, און דאָס איבעריקע דער אמתער געווינער פֿונעם „פּלאָט".[24]

פֿון אַן אַנדער טשיקאַווער פּאַסירונג און אַ רבנישן פּסק ווייס צו דערציילן גרשום באַדער אין זײַן אַרטיקל „די לאָטעריע־שפּיל וואָס האָט אַ מאָל פֿאַרכאַפּט גאַליציאַנער ייִדן":

> כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פֿאַרבינדונג צווישן חלומות און לאָטעריע־שפּיל איז דאָס פֿאָלגנדע געשעעניש וואָס איז אַ מאָל פֿאָרגעקומען אין אונדזער שכנות. בײַ איינעם אַ „גבֿיר" האָט דאָן געדינט אַ קעכין, אַ לעבעדיקע מויד און אַ גרויסע שטיפֿערקע. בײַ דעם זעלבן בעל־הבית האָט אויך געדינט אַ משרת־יונג — אַ צוגעלייגטער און דערשלאָגענער. פֿלעגט די דאָזיקע קעכין געוויינלעך חוזק מאַכן פֿון דעם יונג און, ווען ער פֿלעגט אַ מאָל אַנטדרימלט ווערן בײַם טיש, פֿלעגט אים די קעכין אײַנרוימען אין אויער אַרײַן נומערן, עס זאָל זיך אים אויסדאַכטן, אַז עס האָט זיך אים געחלומט. — דעם יונג פֿלעגט זיך אויך ווירקלעך אויסדאַכטן, אַז די נומערן וואָס די קעכין האָט אים אײַנגערוימט האָבן זיך אים טאַקע אויף אַן אמת געחלומט. פֿלעגט ער דאַן שפּילן די זעלבע נומערן און געוויינלעך פֿאַרלירן, ביז עס איז אים איין מאָל געלונגען און ער האָט געוווּנען אַ „טערנאָ" אויף 500 גולדן.
>
> האָט אים די מויד געלאָדן צום רבֿ מיט דער טענה, אַז אַזוי ווי זי האָט אים אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן די נומערן וואָס ער האָט גע־

[24] אַ טייל זכרונות וועגן... רבנו אליהו חיים מײַזעל זצ"ל, לאָדזש, תרפ"ז, זז' 193—195. דאָרט ווערט אויך געבראַכט אַן אַנדער פֿאַל, ווי אַזוי דער לאָדזשער רבֿ איז געוואָרן „אַ שותּף צום לאָטעריע־צעטל" פֿון אַן אָרעמאַן. דער ייִד האָט פֿאַרזעצט חפֿצים אין לאָמבאַרד, געקויפֿט אַ צעטל פֿאַר 10 רובל מיטן בטחון, אַז ער וועט געווינען און קענען אויסגעבן זײַן טאָכטער. ליתר בטחון איז ער אַוועק צום רבֿ נאָך אַ ברכה. ר' אליהו חיים האָט אים געגעבן די צען רובל און געהייסן אויסלייזן די שטובזאַכן פֿון לאָמבאַרד. ווען ס'איז אַוועק דער לעצטער טאָג פֿון ציִונג און דער געווינס איז נישט אַרויס, איז דער אַנטוישטער אָרעמאַן געקומען זאָגן זײַן שותּף דעם רבֿ, אַז דער נומער האָט נישט געוווּנען. „מען האָט זיך געקענט משער זײַן, האָט געזאָגט ר' אליהו חיים, אַז ער וועט נישט געווינען, איך בין געוואָרן צו דיר אַ שותּף, כּדי דיר מיגלעך צו מאַכן אויסצוקויפֿן דײַנע זאַכן וואָס דו האָסט פֿאַרזעצט אין לאָמבאַרד. נאָך אַ מאָל מאַך נישט אַזעלכע נאַרישקייטן און פֿאַרזעץ נישט קיין שטוב־חפֿצים אויף צו קויפֿן אַ נאַרישן שפּילצעטל" (דצ"ו, זז' 285—287).

טראָפן אויף דער לאָטעריע, דאַרף ער איר געבן אַ העלפט פון דעם געוווּנענעם געלט. האָט אויף דעם דער רבֿ געפּסקנט, אַז אַ העלפט פון דעם געוווּנענעם געלט דאַרף דער יונג ניט אַוועקגעבן, נאָר ווען די מויד זאָל זיין מרוצה חתונה צו האָבן מיט דעם יונג, דאַרף ער מיט איר חתונה האָבן אָן נדן. דער סוף פון דער דאָזיקער מעשׂה איז געווען, אַז די מויד איז מרוצה געווען חתונה צו האָבן מיט דעם יונג וועלכער איז שוין געווען אָן עושר פון 500 מזומנע גולדן, כאָטש זי פלעגט פון אים פריִער חוזק מאַכן.[25]

איידער מיר גייען אַריבער צו דער ייִדישער ליטעראַטור און צום ליד פון ליאָן דאָר, וויל איך דאָ פאַרענדיקן מיט צוויי פּאַסירונגען פון דער דרויסנדיקער וועלט פון פינצטערן אַמאָל און נאָך מער פינצטערן היינט.

שודט ברענגט אַ פאַל פון יאָר 1715, וואָס ער רופט דאָס אַליין אָן „אַ קוריאָזע זאַך", וועגן אַ לאָטעריע וואָס מען האָט איינגעאָרדנט לטובֿת בויען אַ לוטעראַנישע קירך אין אַ שטעטל ווילמערסהיים אין דער וועטערוי. לויט שודטן האָבן ייִדן זיך „זייער אינטערעסירט" אין דער לאָטעריע און האָבן גענומען אַ „גרויסן טייל". אָבער אַזוי ווי ייִדן האָבן דאָך נישט געוואָלט מיט זייער געלט עפנטלעך שטיצן אַזאַ קריסטלעכע אונטערנעמונג, האָבן זיי אָפּגעדרוקט אייגענע צעטלען „מיט העברעיִש יודן טויטש" און פאַרביטן אַלע קריסטלעכע פּונקטן מיט ייִדישע, ווי למשל, אַז „קומט פון אלין גיווין דער צעהנטי פּפעניג פאַר דיא ארמן דעם שטעטליין ווילמערסהיים", אַנשטאָט קירך אאַז"ו. שודט ברענגט דעם ייִדישן טעקסט פון דעם אינהאַלט, פלאַן און „איין טיילונג דער לאטריא", מיט אַן איבערזעצונג אויף „אונזערם טויטשן". ער קען נעבעך נישט פאַרטראָגן, וואָס די ייִדן רופן זיך שטאָלץ „הערן יודן שאפט" אָדער „עהר באהרן יודן שאפט".[26]

פאַר שודטן איז דאָס נאָר אַ „קוריאָזע זאַך", ער מאַכט זיך אָבער נישט ווויסנדיק פון דער רשעות וואָס שטעקט דאָ. מען דאַרף משער זיין, אַז די גאַנצע קריסטלעכע לאָטעריע איז געווען אַן אַרויפגעצוווּנגענע אויף ייִדן. זיי האָבן זיך בדלית־ברירה „זייער אינטערעסירט" און צוליב „דרכי שלום" געמוזט נעמען אַ „גרויסן טייל" אין אַ לאָטעריע, וועמענס רווח איז געגאַנגען פאַר אויפבויען אַ קירך!

דאָס אָפּדרוקן ספּעציעלע לאָטעריע־צעטלען און דאָס אויסלאָזן די קריסט־לעכקייט איז געווען אַ הנחה פאַר ייִדן, נישט צו פאַרשוועכן די רעליגיעזע גע־פילן זייערע. פאַר די אַמאָליקע דייטשן איז דער ייִד אויך געווען טרייף, אָבער זיין געלט כּשר.

אַפילו אַזאַ אַנטיסעמיט ווי שודט האָט מסתּמא נישט געחלומט, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען זיינע דייטשן וועלן, פאַרקערט, צווינגען ייִדן ניט צו שפּילן אין לאָטעריע. אין אויגוסט 1943 האָט די ייִדישע פּרעסע געמאָלדן, אַז אין פראַנק־

[25] דער מאָרגען זשורנאַל, 1טן יאַנואַר, 1939.

[26] דצ"וו, ב' IV, טייל II, זז' 153—158.

ריַיך האָט די נאַצישע מאַכט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז ייִדן טאָרן נישט קויפן קיין לאָטעריע־צעטלען פון דער פראַנצייזישער נאַציאָנאַלער לאָטעריע. אויב נישט־ייִדן קויפן לאָטעריע־צעטלען פאַר ייִדן, ווערן זיי באַשטראָפט מיט קאָנ־צענטראַציע־לאַגער.[27]

3

אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז לעווין אַבראַם ליאָן דאָר גאָטלאָבער געווען דער ערשטער וואָס האָט באַקעמפט לאָטעריע דורך שפּאָט און שפּאַס, און ער איז געבליבן דער טאָנגעבער פאַר די נאָכפאָלגער. איין אויסנאַם איז יעקבֿ גאָרדין. ער האָט באַהאַנדלט די טעמע דראַמאַטיש. אין זײַן דראַמע גאָט, מענטש און טײַוול האָט גאָרדין פאַרשטעלט דעם טײַוול אין געשטאַלט פון אוריאל מזיק, אַ ייִד וואָס פאַרקויפט לאָטעריע־צעטלען, פאַר דעם דאָזיקן וואָס פירט אַראָפ דעם גאָטספאָרכטיקן, פרומען הערשעלע דובראָוונער, דעם סת״ם, פון דרך־הישר. דער מזיק וואָס האַנדלט „מיט דאָס וואָס עס וועט זיך אַ מאָל טרעפן" — איז דער שׂטן און פאַרפירער.

> פאַר גאָרנישט קריגט איר פון מיר אַ האָפנונג אין קעשענע, אַז אין אַ קורצע צײַט אַרום ווערט איר אַן עושר. דאָס אַנשטאָט צו לעבן אין אַן ענגע, פינצטערע, קאַלטע שטוב, מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער און צעבראָכענע בענקלעך וועט איר לעבן אין אַ שיינע, וואַרעמע, ליכטיקע דירה מיט גרויסע חדרים, מיט שיינע מעבל, מיט טײַערע קאָוויאָרן אויפן פאָל. אַזאַ האָפנונג נאָר צו האָבן איז דאָך שוין עפּעס ווערט... אָן אַזאַ צעטל קענט איר דאָך אַפילו ניט האָפן ווען עס איז פון זיך אַראָפּ־וואַרפן דעם קבצן.[28]

אַזוי חלומט אויך אלימלך לונגמאַן, דער העלד פון ליאָן דאָרס ליד, אַזוי רעדט ער צו זיך און זײַן משפחה.

שלום־עליכם האָט אַרויסגעבראַכט די קאָמישע זײַט פון יאָגן זיך נאָך פלוצעמדיקער רײַכקייט אין זײַן דערציילונג פינף און זיבעציק טויזנט און אין זײַן קאָמעדיע דאָס גרויסע געווינס.[29]

דער פעליעטאָניסט ב. יאושזאָהן האָט אויך אָנגעשריבן אַ הומאָריסטישע דערציילונג: ווי אַזוי איך האָב געוווּנען אויף דער לאָטעריי? (וואַרשע, 1912).

---

[27] דער מאָרגען זשורנאַל, 17טן אויגוסט, 1943.

[28] גאָט, מענטש און טײַוול, ניו־יאָרק, 1903, ז' 28; יעקבֿ גאָרדינס דראַמען [ניו־יאָרק, 1911], ערשטער באַנד, ז' 24.

[29] שלום־עליכמס אַ ווינגרישנער בילעט (אַ לאָטעריע־צעטל), האָט מיט לאָטעריע־שפּיל גאָרנישט צו טאָן. ס'איז אַ געבאָרגטער נאָמען, באַנוצט שפּראַכבילדעריש לויט דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג; דער פאָטער זאָגט אויף זײַן ווילן ייִנגל: דאָס וואַקסט בײַ מיר אַ „ווינגרישנע בילעט"!

אַגבֿ אורחא: אַ. טענדלוי פאַרצייכנט צוויי רעדנסאַרטן פון לאָטעריע. אַז מען וויל זאָגן אויף אַן אונטערנעמונג, אַז עס וועט פון דעם גאָרניט אַרויסקומען זאָגט מען: דאָס איז אַ לאָטעריע אָן אַ טרעפער! און אַ צווייט ווערטל: Lotterie—lauter Reu!. *Sprichwörter und Redensarten*, No. 862, 974.

ער, ווי שלום־עליכם, האָט אויך באַרירט דעם מאָטיוו, אַז עס לאָזט זיך ס׳רובֿ אויס פֿון די געווינסן אַ טײַך.[30]

מיט אַ פֿערציק־פֿופֿציק יאָר צוריק איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט אין אוק־ראַיִנע אַ שפּאַסליד אויף לאָטעריע. חסידים און פֿרומע ייִדן האָבן דאָס געזונגען בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן און שׂמחות, הגם עס קלינגט גיכער ווי אַ פּאַ־ראָדיע, געשאַפֿן פֿון משׂכּילים קעגן חסידים.

ווען גאָט זאָל מיר באַשערן דעם באַשער
פֿון דער לאָטעריע דעם באַטרעף
טרעפֿט זשע ייִדעלעך, וואָס איך וואָלט געמאַכט
איך וואָלט געמאַכט, געמאַכט אַאַז״וו.[31]

אָדער אַזאַ וואַריאַנט:

ווען מיר זאָל באַשערן דער באַשעפֿער
בײַ דער יעצטיקער לאָטעריע, בײַ דעם יעצטיקן ציִען
אַז מיר זאָל געפֿאַלן דער הויפּטטרעפֿער
ווייסט איר וואָס איך וואָלט געטיִען? [32]

אָבער אַ געלעכטער אין אַ זײַט. לאָמיר צום סוף דערקלערן געוויסע פּרטים בנוגע דעם ערשטן ייִדישן שפּאָטליד אויף לאָטעריע. ליאָן דאָר האָט לשם „שיינע זיטן" געפֿונען פֿאַר נייטיק אָפּצודרוקן אין זײַן בריוון־שטעלער אַ הומאָריסטיש־סאַרקאַסטישן בריוו מיט אַ מוסר־השׂכּל וועגן לאָטעריע, און דערצו מוסיף געווען אַ שפּאָטליד „דיא פֿאַלשע האָפֿפֿענונג", אָדער ווי ער רופֿט דאָס אָן „איין בייא שפיל אין ריימען (גראַמען) צום לאכען", איבערגעדרוקט דאָ ווײַטער בשלמות פֿון דער אויסגאַבע 1844.

דאָס ליד איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אַ דאַנק ליאָן דאָרס זייער פֿאַרשפּרייטן און אָנגענומענעם בריוון־שטעלער. דאָס ליד האָט געהאַט אַ לייענקרײַז, צײַטנ־ווײַז אַ גאַנץ גרויסן, כּמעט אַ קימאַ־לן פֿון גאַנצע זיבעציק יאָר, ווײַל עס איז איבערגעדרוקט אַזוי שפּעט ווי אין 1910.[33]

---

[30] צו דעם פּונקט איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז צווישן די גרויסע געווינער איז געווען אַ מאָל דער באַרימטער רבֿ ר׳ שמואל מאָהליווער. ער האָט געוווּנען 20 טויזנט רובל אויף אַ טערקישן לאָטעריע־צעטל וואָס ער האָט באַקומען אַ מתּנה פֿון זײַנער אַ שוועסטער. אַזוי ווי זײַנע שׂכירות אין ביאַליסטאָק האָבן נישט געדעקט אַלע זײַנע הצטרכותן, האָט ער מיט דער צײַט פֿאַרצערט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. יצחק ניסנבוים, הדת והתחיה הלאומית, וואַרשע, תר״פ, ז׳ צח. זען דאָרט אויך דעם „נס" וואָס האָט ר׳ שמואל מאָהילעווערן געטראָפֿן מיט זײַן פֿאַרמעגן.

[31] געהערט פֿון מײַן פֿרײַנד ד״ר שמואל צבֿי פּאָהל, געזונגען מיט אַ ניגון אויף זײַן בר־מצווה אין באָהאָפּאָל, פּאָדאָליער גוב׳.

[32] דעם נוסח האָט מיר מיטגעטיילט ה׳ דוד שטראַוס. ער געדענקט ווי מען האָט, מיט אַ 50 יאָר צוריק, געזונגען דאָס ליד בײַ זײַן פֿאָטער אין הויז אין ליפּאָוועץ, קיִעווער גוב׳, צו מלווה־מלכּה.

[33] מ. וו. רעכנט אויס, אויפֿן סמך פֿון פֿאַרשיידענע מקורים, צען אויסגאַבעס פֿון לעווין ליאָן דאָרס בריוון־שטעלער. בײַם צונויפֿציילן די דרוקן האָט מ. וו. דורכגעלאָזן 1844 (זען ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XVIII, זז׳ 109—110), פֿון וואָסער אויסגאַבע עס געפֿינען זיך אין ניו־יאָרק צוויי עקזעמפּלאַרן, בײַם ליובאַוויטשער רבין און בײַ יודאַ אַ. יאָפֿע. אַ סך דרוקן זײַנען צו אונדז

בריוון־שטעלערס זײַנען נישט נאָר „שרײַבלערער", ווי אַזוי צו פירן קאָרעספּאָנדענץ און אויסלערנען „רעכענקונסט",[34] נאָר אַ טייל האָבן באַצוועקט אויך צו אונטערהאַלטן, ממלא זײַן אַ געוויסע פונקציע פון ל י ט ע ר אַ ט ו ר, „צום שרײַבען און צום ל ע ז ע ן", ווי ליאָן דאָר האָט אויפן שער פון זײַן איין נייער קינסטליכער בריפען שטעללער און חזרט איבער מער דײַטלעכער אין פנים „צום גרויס פ אַ ר ג ע נ י ג ע ן צו שרײַבען און צו לעזען". בקיצור, מיט אַ כוונה צו ק ו נ ס ט.

יהודה עלזעט האָט שוין אָנגעוויזן אויף דעם קולטור־געשיכטלעכן און ליטעראַרישן ווערט, ספּעציעל פון איין איינציקן אַנאָנימען בריוון־שטעלער, צום טייל איבערגעדרוקט אין זײַן שטודיע מיט הונדערט יאָר צוריק, דורך וואָס ער האָט באַלויכטן „דעם אַמאָליקן אינערלעכן יידישן לעבן". עלזעט האָט אַפילו געפּרווט לעצטנס צושרײַבן ליאָן דאָרן דירעקטע מחברשאַפט פון דעם אַנאָנימען בריוון־שטעלער און אים קרוינען ווי „איינער פון די זיידעס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור".[35]

פאַר דעם שפּאָטליד איז ליאָן דאָר געוויס דער ערשטער. ער האָט געשאַפן אַ ליד „צום לאַכן" און אויסלאַכן. ער איז נישט קעגן שפּילן בכלל. נאָר דאָס איז גוט פאַר די גבירים, נישט פאַר קבצנים. די רײַכע מעגן ריזיקירן. ס'רובֿ גילט בײַ זיי דער כּלל: „געלט גייט צו געלט", אָבער אַן אָרעמאַן טאָר זיך מיט אַזאַ פאַלשער האָפענונג נישט שפּילן, ווײַל דערווײַל פאַרלאָזט ער זײַן אַרבעט, זײַן הויזגעזינד, פאַרשולדיקט און פאַרמשכּנט זיך, אָדער פאַרקויפט זאַכן און קליידער. דער מחבר לאָזט לויפן די פאַנטאַזיע פון אלימלך לונגמאַן, ׳וי אַ געווינער. דעריבער איז די אַנטוישונג אַ שטאַרקע און דער סוף, ווען אַלץ ווערט צערונען פאַרענדיקט ער דראַמאַטיש: „שמענדרע געבליבן שמענדרע".

און דאָ גיבן מיר איבער דעם טעקסט פון דעם בריוו און שפּאָטליד:

ַעוויס נישט דערגאַנגען. עס גלייבט זיך נישט, אַז פון 1846 ביז 1861 זאָלן נישט האָבן ַעווען קיין אויסגאַבעס. צו די צען אויסגאַבעס קען מען צוגעבן נאָך גאַנצע פיר: דרײַ זײַנען ַזין דעם ליובאַוויטשער רבינס ביבליאָטעק און איינע ווערט אַגבֿ־אורחא דערמאָנט. אָט זײַנען ׳י דרוקן: 1864, 1878 (דערמאָנט אויפן שער פון דער ווײַטערדיקער אויסגאַבע), 1879 און 1910. ַלץ ווילנער אויסגאַבעס. אַזוי אַרום זײַנען באַקאַנט ביז איצט פערצן אויסגאַבעס. אַז דאָס ׳יד איז שוין געדרוקט אין יאָר 1843 (אַן עקזעמפּלאַר האָט זיך געפונען אין פּעטערבורגער ַזיאַטישן מוזיי, קהלת משה, נומ׳ 1585), איז בײַ מיר אַפילו קיין ספק נישט, ווײַל די אויסַאַבע 1843 פאַרמאָגט 59 בריוו און 1844 נאָר 54 בריוו (זען ש. ווינער דאָרט), אַ ראַיה אַז ואָס שייך ב ר י ו ו איז 1843 מער שלמותדיק. צי דאָס שפּאָטליד איז געדרוקט שוין אין דער ַאָר ערשטער אויסגאַבע פון 1826 (דאַן איז מקוים געוואָרן בײַם ליד, ביז 120 יאָר), וועלן ׳יר נאָר וויסן, ווען מיר וועלן געפינען ערגעץ ווו אַן עקזעמפּלאַר.

[34] וועגן דער וויכטיקייט און חשיבֿות פון בריוון־שטעלערס ווי לערביכער, זען ש. באַסזאַמסקי, „די געשיכטע פון יידיש־לימוד", די נײַע שול, וואַרשע 1923, נומ׳ 1 (13), זז׳ 48—56.

[35] אַזוי ווי עלזעט האָט אַ היפּש ביסל פאַרפּלאָנטערט דעם ענין פון ליאָן דאָרס בריוון־ׄטעלערס, לאָמיר דאָ פּרוּוון קלאָר מאַכן געוויסע פּרטים. עלזעט שרײַבט: „די אויסגאַבע פון 182ׄ קען ניט זײַן די אָריגינעלע ערשטע אויסגאַבע, ווײַל אויף דער אמת ערשטער אויסגאַבע ׄיז דעם מחברס נאָמען ניט געווען אָנגעגעבן בפירוש, נאָר מיט ראָשי־תיבֿות „לאל" (לעווין

אײן פֿאטער שרײבט צו זײן זון װעגן װאש ער גיט אויס פֿיל געלד אויף לאָטעריא צעטעלעך, און פֿירט אויס הערנאָך אײן בײא שפּיל אין רײמען (גראמען) צום לאכען.

לאהובי בני מוה׳ שרגא לױפֿער מאַן

מײן ליבער טרײער זון, איך ליב דיר זײער, אבער איך בין אויף דיר זײער בײז, מען האט מיר דער צײלט דאש דוא שפּילשט זויא שטאַרק אין לאָטעריא, װײל בײא איך אין שטאט װערט די לאָטעריא געשפּילט, שפּילשט אויף פֿאַלשע האָפֿענונג, דו פֿערקױפֿשט זאכן און קלײדער, דארבסט דײן שטוב, דוא װערשט ארום גערינגלט מיט שולדען, בעליידיגסט דײן הױז געזינד דער מיט, און לײגסט אללע דײנע קראַפֿטין אויף דעם, אין דער האָפֿענונג צו געװינען, אבער װער עס האט מעהר אויג דערויף איז גראד פֿרקערט, געװינט מען גראד ניט, דער רײכער מאַן קען װאש ריזיקירען, און טראכט נאך דעם ניט, און דרום קומט מיט אײן מאל אָפּט איהם צוא, נאך מעהרער גליק, אבער אײן ארעמער מענש,

---

אבראהם לעאַנד׳אר). דעריבער איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דער אַנאָנימער בריוון־שטעלער פֿון תקפּ״ה „וואָס איך האָב אויסגענוצט אין 1927 איז ניט מער ווי אַ פּיראַטן־אויסגאַבע (אפֿשר מיט ענדערונגען און צולאָגן) פֿון ליאָן דאָרס ערשטן בריוון־שטעלער“ (יהודה עלזעט, „לעווין אַבראַהם ליאָן ד׳אָר, דער אומבאַקאַנטער פֿאָרלויפֿער פֿון די יידישע קלאַסיקער“, אַפֿריקאַנער אידישע צײַטונג, 9טן מײַ 1941, איבערגעדרוקט אין קענעדער אָדלער, 19טן יוני, 1941).

פֿרעגט זיך: פֿון וואַנען ווייס עלזעט, אַז די אויסגאַבע פֿון 1826 איז אַרויס ב פּ י ר ו ש? אפֿשר איז זי טאַקע אַרויס מיט די ראָשי־תּיבֿות „לאל“ און בן־יעקבֿ אַ בן־דור און אַ ווילנער האָט געוווּסט ווער דער מחבר איז, האָט ער דעם חיבור פֿאַרצייכנט (דערווײַל איז בן־יעקבֿ דער איינציקער מקור) ווי ליאָן דאָרס.

ווײַטער. אין דער אויסגאַבע פֿון 1844 (מסתּמא שוין אויך געדרוקט אין 1843) באַמערקט דער מחבר אין זײַן בריוו צום אַלטן בריוון־שטעלער (וואָרט בײַ וואָרט איבערגעדרוקט אין אַלע אויסגאַבעס ביז 1910!), אַז „שוין ביז 17 אָדער 18 יאָר“, ווי דער בריוון־שטעלער איז אַרויס פֿון זײַן האַנט. ווען מיר נעמען אַראָפּ 17 פֿון 1843 אָדער 18 פֿון 1844, קומט אויס די ערשטע אויסגאַבע פֿון 1826. וואָלט ליאָן דאָר געווען דער מחבר פֿון אַ פֿריִערדיקן בריוון־שטעלער פֿאַר 1826 (עלזעט וויל נאָך האָבן פֿאַר 1825) — וואָלט ער דאָס געוויס דערמאָנט.

כּל־זמן מיר האָבן ניט פֿאַר זיך די אויסגאַבע פֿון 1826 — זײַנען אַלע השערות אומבאַרעכטיקטע. עלזעט איז גערעכט, „אַז אונדזער מחבר האָט פֿאַרפֿאַסט ניט איין בריוון־שטעלער, נאָר צוויי“ — נאָר דאָס זײַנען די פֿון 1826 און 1843. און אין משך פֿון די 17־18 יאָר, צווישןביידע אויסגאַבעס, האָט מען בגנבֿה איבערגעדרוקט און אים „באַאַרבעט“. דאָס האָט גורם געווען וואָס ליאָן דאָר האָט אין די יאָרן 1843—1844 גענומען „מיר ווידער אַליין אין האַנט“ (לויט דעם ענטפֿער פֿון אַלטן בריוון־שטעלער) און אַרויסגעגעבן אויף ס׳נײַ די אויסגאַבעס וועלכע מען האָט כּמעט וואָרט בײַ וואָרט איבערגעדרוקט ביז נאָענט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה!

מ. וו. אין זײַן אויבן דערמאָנטער נאָטיץ האָט אויך פֿאַרמישט, צוליב עלזעטן, די יוצרות. דאָס וואָס ליאָן דאָר דערמאָנט, אַז מען האָט דעם אַלטן בריוון־שטעלער „דרייא מאל צו דרייא טויזנדט איבערגעדרוקט“, רעדט זיך דאָך וועגן דרײַ ג נ בֿ י ש ע אויסגאַבעס פֿונעם אַלטן בריוון־שטעלער — ב י ז 1843—1844 (ווו די באַשולדיקונג ווערט געמאַכט) — טאָ ווי קען מען אַרײַננעמען גנבֿישע און בפּירושדיקע אויסגאַבעס אין איין חשבון, ווי מ. וו. טוט דאָס דאָרט?

דארף זיך היטען שטארק דער פֿון, לייען ווייטער פֿון דעם ארעמען לונגמאַן דעם שיינעם לאטעריא שפּילער, וועשטו אליין לאכען, דאס ער איז וויא דוא און דוא וויא ער.

דיא פֿאלשע האפֿפֿענונג

אלימלך לונגמאַן זאגט צו זיין פֿרוי
אונזערע געשעפֿטין זיינען ערשט רויא,
אונזער גליק איז גאנץ פֿרשטעלט
אנאנדער מיטל, מוז מען זוכן אויף דער וועלט.
עס העלפֿט קיינע זאכען,
דעם גליק אויף צו מאכען,
מוז מען זיך נעמען צייט און מיה
פּרובירן שפּילען אין לאטעריא,
זיכער ווען מיר א צעטיל קויפֿען
קומט דער גליק אין אונזער הויפֿען,
עס איז געוויס אהנע אירּרונג [36]
עס וועט אונז קומען, גאלד און צירונג,
דער גליק וועט בייא אונז געוויס שיינען.
דיא קינדער עסען, וועלן ניט מעהר וויינען,
ווען עס קומט, וועט מערר ניט שרייען
וועשט ניט דארפֿן בארגען, און לייען,
לונגמאַן, גייט הין און הער, און לויפֿט
וואש נאר געפֿונען אלס פֿערקויפֿט,
קומט צוריק לוסטיג און לאכט,
ער האט שוין א לאטעריא צעטל געבראכט.
מיין ווייב! דיא לאטעריא הויז איז ניט וויט
ווען נור אַ צעטיל איז אנגעגרייט,
דיזער טאג, דארף דער ציהונג אנפֿאנגען
דיא גרויסע געווינס, מוז אונז שפּרינגען,
גוטע פֿריינד, וועלין עס וועלין גערין
אונזערע פֿיינד וועלין אויף געקניפּט ווערין
וויא דער גליק צוא אונז לויפֿט,
גלייך מיין ווייב, אַ הויז געקויפֿט,
גלייך וואארען (סחורה) נעמען שניידען,
אונז, דיא קינדער, גלייך בעקליידען,
באלד די מינוט, אויף דער ווילע
דיר געקויפֿט א טערקישע פֿאציילע,
און גלייך געשיקט נאך אויסלאנד
נאך יאלגוצקער פּערל אויף אַ האלז באנד.
א! געלד וועט זיין וויא מיטן שעפֿל
נענוג עססן מיט הילצערנע לעפֿל, [37]
גלייך צום גאלדשמיד געלאפֿען

---

[36] Irrung, אָן אַ טעות.

[37] יהודה עלזעט ברענגט פֿון פֿאַרשיידענע מקורים: „אַ מאָל פֿלעגן בעלי־בתּים גבֿירישע מענטשן עסן אין צינערנע טעלער מיט צינערנע לעפֿל, אָרעמע־לײַט פֿלעגן עסן אין הילצערנע

זילבערנע לייכטער, לעפֿל פֿערשאפֿען,
הא? ליבערסט נייע לאזען מאכן?
קופּערנע טעפּ קויפֿען צום קאכען,
דיא מינוט דיר געקויפֿט, א גילדערנעם אויבל
פֿר מיר אויף א שטריימל יאקוצקער סויבל,
דיא קינדערלעך בעקליידען בענייען
אונזער קינד שמענדרע, וועט זיך פֿרייען,
שמענדרע מיין זון, גייא ווער געוואר
דעם זייגער גאנץ קלאר.
איז שפּעט אדער פֿריא
לויף געשווינד אין דער לאטעריא.
א! מען מוז שוין ציהען
לויף! וויא א פֿייגל טוט פֿליהען,
שמענדרינקע! מיין מיה איז דאך פֿאר דיר,
געשווינד א קער, און א ריר,
אין עטלעכע טעג אונגפֿער
וועלין מיר שוין דא ניט וואנען מעהר,
אויף געמאלטע שיינע פּאקאיעש,[38]
מאהאנענע שטולען, אונ קאנאפּיעש,[39]
טייערע לאקירטע טישען מיט פֿליגלען
הערום און הערום מיט געגילטע שפּיגלען.
שמענדרלו לויף!!!
און קום דערוף
אן זארג, און אן קיומער.
וויא מען וועט ארויסציהען אונזער נומער?
דעם אללעם בעסטין
דעם געווינש דעם גרעסטין
שמענדרינקע! קום! איך וועל דיר געבן א קוס
גייא ארוים מיט דיא רעכטע פֿוס,[40]

טעלער. גאָפּל־מעסער ביינערנע האָבן געהערט צו אַ נגידישער שטוב, און מען פֿלעגט זיי אויפֿהענגען אויף די ווענט" (יודישע מאכלים, וואַרשע, תר"פ, ז' 81).

יחזקאל קאָטיק דערציילט פֿון אַ גבֿיריש הויז: „אָבער אומעטום זײַנען אָנגעשטעלט פּראָסטע, הילצערנע, ווײַסע בענק מיט טישן און מען עסט פֿון פּאָליוועגע שיסל, פֿון גראָבע טעלער און מיט בלעכענע לעפֿל" (מײַנע זכרונות, וואַרשע, 1914, ב' II, ז' 118). אין די קליינע שטעטלעך, שרײַבט צבֿי הירש קאַלפֿ־ליפּשיץ, פֿלעגט בײַ אַ סעודת־מצווה יעטווידער מיטברענגען מיט זיך זײַנע אייגענע טישגעשיר טעלער־לעפֿל (מדור לדוד, וואַרשע, תרס"א, ז' 105, הערה 1).

[38] פֿון פּוילישן pokoje, צימערן.

[39] קאַנאַפּעס, סאָפֿעס.

[40] מיט גליק, הצלחה. איגנאַץ בערנשטיין ברענגט אַ שפּריכוואָרט וואָס מען פֿלעגט ווינטשן חתן־כּלה גייענדיק צו דער חופּה: „אין אַ גוטער מזלדיקער שעה, מיטן רעכטן פֿיס" (יודישע שפּריכווערטער, נומ' 2231). דער ספר מטעמים ברענגט אַ מנהג, אַז דער שמשׂ פֿלעגט בײַ חתן־כּלה אויסרופֿן: מיטן רעכטן פֿוס! (וואַרשע, 1889, ז' 40, סימן קמא). פֿ"גל אויך:

Jacob Nacht, "Der Fuss, Eine folkloristische Studie," *Jahrbuch für jüdische Volkskunde,* 1923, I, pp. 126-130.

בײַם קוואַל, ז' 91, „מיט דער רעכטער פֿוס".

מאך א צייכען!! דיא פּיסעלע ניט צו פֿערבייטען,
מיר וועלין דיר גיין בעלייטען.
באלד וועט קומען דער שטאפּעט.
מיט דעם געשריי פֿון טראמפּעט.

וועט זאָגן צו מיר [41]

פּאניע לונגמאן ווינשויען!	Panie Lungman wynszuję.
וויעלקא לאטעריא אזנאיימויען,	Wielka Loterya oznajmuję.
קילקוקראַץ טישיאנצע צערוואניך זלאטיך	Kilkukroć tysiące czerwonych złotych.
דאברעוואזאנצע צאלקאוויציע נאוויך.	Dobreważące całkowicie nowych.

וועל איך זאָגן צוא דיר מיין ווייב

וואש זאגשטו צי הערשטו?
וויא פֿיל איהם צו געבן מיינשטו?
ער איז דאך דערויף געשטעלט
איהם קומט דאך זיין אנזאגעלט![42]
שמענדרינקע לויפֿט ווי פֿייל פֿון בויגען
פֿון גיכקייט געפֿאללען, אויסגעצויגן
קומט נאך דער לאטעריא
עס איז נאך צו פֿריה,
שמענדרע ניט וואש, ניט ווען
לויפֿט צוריק וויא ער קען,
לונגמאן קוקט דורכען סויב אויף זיין געלאף
עס בייגן איהם דיא פֿיס, און ווערט שלאף.
שמענדרונו מיין קרוין!!!
גוואלד זאג שוין!!!
פּאפּינקע עס איז נאך צייט
עס קלייבן זיך שוין דיא גרעשטע לייט,
איך וועל ווידער פֿליהען
זיין דער בייא, בייא דעם ציהען,
מיר וועלין גיין אללע צו זאמען,
איך דוא מיט דיא מאמען.
ניין מיין זון, איך קען פֿון פֿרייד
פֿאללען אין אונמאַכט, אין מיטן רייד,
וויא מען ווערט שרייען אלימלך לונגמאן

---

[41] אויף פּויליש איז נאָך געדרוקט אין דער אויסגאַבע תּרכ״ד — 1864 (צענזור פֿון 21סטן אויגוסט, 1863). אָבער נאָך דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד האָט מען פֿאַרביטן אויף רוסיש: „וועשטו זאגין צו מיר: פּאזדראווליאיו וואס, גאספּאדין לונגמאן!!"

מסתּמא האָט מען דעם לשון איבערגעביטן צווישן די יאָרן 1864—1870, ווײַל רוסיש געפֿינט זיך אין דער אויסגאַבע פֿון תּרל״א—1870 (אַן עקזעמפּלאַר אין דער ביבליאָטעק פֿון ליובאַוויטשער רבין) און אין די ווײַטערדיקע אויסגאַבעס.

[42] וועגן דעם מנהג און אויסדרוק אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור זען מ. ווײַנרײַך, לאַנדוי־בוך, שפּ' 50—56. צו זײַנע מקורים וויל איך דאָ צוגעבן: „דארום בין איך קומן העו אײן בוטן ברוט וויל איך ועֶר דינן". זען:

Moritz Stern, *Lieder des Venezianischen Lehrers Gumprecht von Szczebrszyn (um 1555)*, Berlin, 1922, pp. 12, 320-321.

דער וואַרער, גרויסער אָרעמאַן,
זיין גרעסטער נומער איז ארויס מיט גליק
דען וועללין שוין שפּילען דיא מוזיק.
לויף נאָר מיין ליב קינד!
וויא דוא קענשט, נאר געשווינד!
שמענדרע לויפּט וויטער
וויא איין גוטער בערייטער
ער קומט! עס איז שוין הערויס געצויגען!
אה! גרויס געווינש, ביזט הין געפלויגען!
ניט פֿר דעם ארעמאַן לונגמאַן
אבער פֿר איין גאַנץ רייכען מאַן,
דער קינד גייט צו ריק
אין גרויסען אונגליק,
דעם פֿאטער פֿון ווייטען,
טוט זיך זיין בלוט בייטען,
דיא מוטער גרין און געל
געפֿאללען אין אונמאַכט אויפֿען שוועל!!
שמענדרע געבליבען שמענדרע.
געגאַנגען שפּילען אין קאמענדרע.

אלס דען פֿר שטייא מיין זון דעם בייא שפּיל פֿערברויך ניט דיין געלד אויף זעלכע זאכען, היט דיין הויז, דיין ארבייט, וועט דיר געוויס דער אייביגער אָן לאטעריא פֿיל גליק געבן, ווען דוא וועשט שוין גליקליך זיין, וועשטו קענען צו דער צייט וויאפֿיל עס איז דערוף ריזיקירען, און דען קען דיר אריין פֿאללען דער גאַנץ גרויסער גליק.

דיין טרייער פֿאטער געזעצטערמאַן

שלמה דויקלרס הומאָרעסקע עז שפּיהל בזוהך

ווען מיר לייענען, פֿון צײַט צו צײַט, די שאַרפֿע שטראָפֿרייד קעגן פֿרויען שפּילערינס, בפֿרט קעגן די מאָדערנע ייִדישע פֿרויען, קען מען מיינען, אַז אַ מאָל איז געווען אַנדערש, אַז פֿאַרצײַטיקע ייִדישע פֿרויען האָבן נעבעך קיין קאָרט אין האַנט נישט גענומען.

אין דער אמתן האָבן אין דער אַזאַרטוועלט תּמיד געהערשט „גלײַכע רעכט". פֿרויען האָבן אַלע מאָל געשפּילט. דאָס ווערט דערמאָנט אין מוסר־ספֿרים, שאלות ותּשובֿות און תּקנות, אין שפּיללידער און די איבעריקע פֿאָרמען פֿון שיינער ליטעראַטור.

מען איז נאָר, אין די אַמאָליקע צײַטן, געווען שטרענג קעגן דעם, אַז פֿרויען זאָלן שפּילן צוזאַמען מיט מענער. דעם פּונקט באַרירן כּמעט אַלע תּקנות. די מוסר־ליטעראַטור רעדט וועגן און קעגן דעם. אָבער צווישן זיך האָט מען די פֿרויען דערלויבט צו שפּילן אַזוי פֿיל און אַזוי אָפֿט ווי די מענער. פֿאַרקערט, אין געוויסע צײַטן זײַנען די פֿרויען געווען פּריווילעגירט צו שפּילן, למשל, ווי קימפּעטאָרינס. אין דעם פֿאַל זײַנען די תּקנות זייער נאָכגיביק.

פֿון איין זײַט געפֿינען מיר בײַ משה הענוכש פֿון פּראָג (פֿון 16טן יאָר־הונדערט), דער מחבר פֿון קלאַסישן מוסר־ספֿר פֿאַר ווײַבער, בראַנט שפּיגל, ווען ער שרײַבט וועגן דעם אונטערשייד צווישן אַ גוטער פֿרוי און אַ שלעכטער: „אבר דאז בויז [בייז] ווייב דאז דא רעט דען מאן אן צו אלין בויזן אונ' הלט אין אויף פֿון צו טון גוטש. לויפֿט אל צייט אויש דעם הויז צום ווייַן, צום ביר, צום שפּיל".[1]

דאָס זעלבע אין קוא בוך וועגן פֿרויען אַרומלויפֿערינס:

אונ' זונשט אנדרי גלייך נאר פֿיל.
אונ' אלי ר"ח אונ' חול של מועד צום שפּיל.
צו בריילפֿטן אונ' ברית מילות צו לויפֿין.[2]

---

[1] ברנט שפּיגל, הענע, שפּו, פּרק ז, ז' יז/א (פֿאַרגרײַזט, ריכטיק כ/א).

[2] ספֿר משלים, ז' מד/ג. אינטערעסאַנט, אַז צווישן די שפּילטעג ווערט דאָ גערעכנט ראָש־חודש, ווײַזט אויס אַן אָפֿיציעלער ווײַבערשער שפּילטאָג, ווײַל ווי באַוווּסט איז ראָש־חודש אַ יום־טובֿ פֿאַר ווײַבער: זיי טאָרן נישט טאָן קיין אַרבעט, ס'איז זייער שׂכר פֿאַר ניט וועלן געבן זייער צירונג פֿאַר דעם גאָלדענעם קאַלב. זען רש"י און תּוספֿות אין מגילה, כב, ע"ב (אבל נשים אסורות במלאכה לפי שלא פרקו נזמיהן במעשה העגל); תּוספֿות „משום בטול מלאכה" אין ראָש־השנה, כג (ורגילין לומר שהוסיף המקום י"ט לנשים בר"ח בשכר שלא נתרצו על מעשה העגל); פֿ"גל אויך: אַבֿרהם אליעזר הירשאָוויץ, מנהגי ישרון (אידישע מנהגים), ווילנע, תּרע"ד, ז' 108, סימן קטז.

פֿון דער צווייטער זײַט עצהט און לערנט משה הענוכש, אַז די פֿרוי זאָל בעסער שפּילן מיטן מאַן אין קאָרטן, כּדי אַזוי אַרום אים אָפּצוהאַלטן פֿון גיין שפּילן אין פֿרעמדע הײַזער און זײַן אין פֿרעמדער קאָמפּאַניע. ווילסטו שפּילן, זאָל טענהן די פֿרוי, שפּיל ליבערשט מיט דײַן ווײַב און הויזגעזינד, וועסטו קיין מאָל נישט פֿאַרשפּילן; ווען אַפֿילו פֿאַרשפּילט — בלײַבט דאָס דאָך צווישן אייגענע:

> גיט [גייט] ער צו איינר חבֿרותה צו ור טרייבן דיא לנג ווייל, שפּריכט זיא צו אים: וויא ווילשטו איין נעטרי [פֿײַנערע] חבֿרותה האבן אז דיין ווייב אונ׳ קינד אונ׳ גיזינד...
>
> קומט אויך דאש זיא צו ווײלין שפּילין, איטליכר וויל גיווינן, אונ׳ גימיינטקליך [3] פֿר שפּילין זיא אל. וואש אויף דיא זייט, גיט פֿויר טרנק דאש דיא צו זיהר טרינקין, שאלדר,[4] ליכט אונ׳ קרטין. ווילשטו שפּילין, שפּיל צויכטיג [ציכטיק] אונ׳ ערליך מיט דיינם ווייב אדר גיזינד, דא ווערשט נוימר פֿר שפּילין, פֿר שפּילשטו דען, דו בלייבט עז דער היימט.[5]

אַזוי צו אַזוי, ייִדישע פֿרויען האָבן געשפּילט. ווי אַזוי זיי האָבן געשפּילט — קיין סך שילדערונגען זײַנען ניט פֿאַראַן אַפֿילו אין דער מאָדערנער

---

[3] געוויינטלעך.

[4] שאלדר — *scholder, scholler, scholier,* vorrichtung und veranstaltung zu glücks- oder hazardspielen, ertrag aus derselben, recht zu derselben, das spielen selbst.

scholderer, schollerer, veranstalter von glücksspielen, aufseher über dieselben **(Lexer)**.

אויך אין דער הומאָרעסקע דאָ ווערט צוויי מאָל דערמאָנט שאָלדר (זען ווײַטער). פֿ״גל אויך אויבן ז׳ 82, הערה 1; ירחמיאל קורנבליטה (ז׳ 87, הערה 10) דערמאָנט שלידער געלט („פֿון יעדע „גיים״ האָבן מיר אַראָפּגענומען 10 סענט שלידער געלט אויף אַ גוט טײַם״); ש. ווינטער ברענגט: „אַראָפּשוידערן — אַראָפּנעמען פֿון קאָן אַ געוויסע סומע אויף וועלכן ס׳איז צוועק, דאָס הייסט דעמאָלט: שוידערגעלט״ („קאָרטנשפּראַך״, לאַנדוי־בוך, שפּ׳ 322, נומ׳ 14); י. אָפּאַטאָשו פֿאַרצייכנט צווישן די מלאָווער ווערטער: „שוידערגעלט [פֿאַרגרײַזט: שוודערגעלט]: דאָס געלט, וואָס מ׳נעמט אַראָפּ בײַ קאָרטנשפּיל נאָך יעדן קאָן פֿון דער באַלעבאָסטעס וועגן (געוויינטלעך ווען מ׳שפּילט אין אַ שענק)״ (אַרכיוו פֿאַר ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט..., ב׳ ו, ז׳ 302; פֿ״גל אויך אויבן ז׳ 58, הערה 3.

[5] ברנט שפּיגל, פּרק י, ז׳ כח א/ב (פֿאַרגרײַזט, באמת כט א/ב). אַ ייִדישער פֿעליע טאָניסט האָט נישט געוווּסט, אַז אַן אַלטער מוסר־ספֿר עצהט, וואָס ער שרײַבט: „און דאָס זעלבע וועגן פּינאָקל און פּאָקער. קאָרטן זײַנען, אמת, אַ מיאוסע זאַך, אָבער אין אַ צײַט פֿון אַ סכּנה איז בעסער אויך נעמען אַ האַנט, אַבי צו זײַן צוזאַמען מיטן מאַן — און האָבן שטענדיק אויף אים אַן אויג...״ דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן), די אייביקע מלחמה וואַרשע, 1937, ז׳ 146.

ד. מ. הערמאַלין עצהט די פֿרויען פּונקט פֿאַרקערט: „ווען אַ מאַן זאָגט, אַז ער וויל געמבלען בײַ זיך אין הויז, דאַרף אים די פֿרוי ענטפֿערן, אַז איר הויז איז ניט צו דיזן צוועק. די באַהויפּטונג פֿון מאַנכע, אַז דאָס טרײַבט אַוועק אַ מאַן פֿון הויז, קען טאַקע אמת זײַן, עס איז אָבער נאָך פֿיל בעסער דער מאַן זאָל געמבלען אין דער פֿרעמד ווי צו מאַכן זײַן שטוב פֿאַר אַ געמבלינג הויז און דורך דעם רויִנירן זײַן פֿרוי און קינדער״. הערמאַלין, ייִדישע פֿרויען וואָס געמבלען״ אין: זשורנאַליסטישע שריפֿטן, ניו־יאָרק [אָן אַ יאָר], ז׳ 121.

ייִדישער ליטעראַטור. דעם אויבנאָן פֿאַרנעמען די מאַנסלײַט. דויקלרס קאָ־מעדיע איז דער ע ר ש ט ע ר לעבעדיקער גרוס, ווי אַזוי ייִדישע ווײַבער האָבן געשפּילט מיט אַ הונדערט פֿופֿציק יאָר צוריק אין אַמסטערדאַמער געטאָ. ער פֿירט אונדז אַרײַן אין דער אַטמאָספֿער. מיר זעען, אַז אַמסטערדאַם איז, ניט געקוקט אויפֿן מהלך־רבֿ אין אָרט און צײַט, נישט ווײַט פֿון ניו־יאָרק, און אַז די עלטער־באָבעס פֿון האָלאַנד פֿאַרשעמען בשום אופֿן נישט די אוראייניקלעך פֿון נײַ־אַמסטערדאַם.[6]

אין אַמסטערדאַם איז תמיד געווען אַ געזונט ייִדיש פֿאָלקלעבן. מען האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון חיי־שעה. מען האָט ליב געהאַט פֿאַרווײַלונגען און חבֿרותהדיקייט.[7]

גלײַכצײַטיק מיט די מער־ווייניקער לעגאַלע פֿאַרווײַלונגען האָבן שוין אין 18טן יאָרהונדערט עקסיסטירט אַ ריי שפּילהײַזער אויף דער ייִדישער גאַס אין אַמסטערדאַם, קעגן וועלכע מען האָט געפֿירט אַ שאַרפֿן קאַמף מצד ביידע ייִדישע קהילות, די פֿאַרטוגעזישע און די אַשכּנזישע (הויכדײַטשע).[8]

דער קאַמף קעגן שפּילן האָט זיך אָנגעהויבן מצד דער פֿאַרטוגעזישער קהילה נאָך אין 1639, מצד די אַשכּנזים ערשט אין יאָר 1711, אָבער קעגן שפּילהײַזער נאָך שפּעטער. באַזונדער באַווּסט איז די תּקנה עב פֿון יאָר תּצ״ז (1737): „דאש קיינר זיך דער וועגין זאל בקהלתינו אום איינגי שפּיל הייזר טאנץ קאמירז וכיוצא בהן אויף צו האלטן. ומכל שכן דז קיינר פֿר קערין זאל אין דער גלייכי הייזר". די שטראָף פֿאַר די וואָס זײַנען עובֿר איז דאָרט זייער אַ האַרבע — פֿאַרלירן די קהילה־רעכט (חזקת הקהילה). ס׳איז אָבער געווען אַ גזירה וואָס דער עולם האָט נישט געקענט אויספֿאָלגן, מען האָט געזען אַרומ־גיין דאָס געזעץ, אַזוי אַז „פֿון דען תיקון מעהר אלש צו פֿיל צו ניקס גמאכט ווערט" און „דש אומטרעגנט דען וואהרן בגריף פֿון דיא טערמן מן שפּילהייזר אונ׳ טאנץ קאמרש וכיוצא בהם פֿיל פּירושים אונ׳ בדענקליכקייטן גמאכט ווערדן". כּדי איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל קלאָר צו מאַכן „דען וואהרן בגריף" פֿון די טער־מינען אין תּקנה עב פֿירט די הוספֿה פֿון 1765 אויס דאָס ווײַטערדיקע:

דוווייל מן אונטרפֿונדן האט דש אין דיא כשרה וויין קעלירש אונ׳ הייזר. גם אין ווערטץ הייזר. גארקיכן. אונ׳ קאפֿיע שענקירש אונ׳ אנדרה דערא גלייכן הייזר דיא בבני עמינו יותר מדאי פֿון אייניגי צייט הערא זיין אויף גזעצט ווארדן. כמה יחידים. אורחים. תושבים. ובניהם. משר־

---

[6] ווי אַזוי אַ וואולגאַרע ייִדישע פּרויען־געזעלשאַפֿט שפּילט קאָרטן אין אַ ניו־יאָרקער פּריוואַטהיים, שילדערט מאיר בלינקין אין זײַן דערציילונג קאָרטענשפּיעל ניו־יאָרק [אָן אַ יאָר], זז׳ 41—63.

[7] זען די סעריע אַרטיקלען וועגן טעאַטער־פֿאַרווײַלונגען, חזנים און חזנות, פּורים־שפּילן און לצים פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי, אויסגערעכנט אין: ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XXI, ז׳ 302.

[8] Dr. D. M. Sluys, "Uit den Amsterdamschen Jodenhoek, De strijd tegen de dans en speelhuizen in de 18e eeuw," *De Vrijdagavond*, 1932, No. 9, 10, pp. 136-138, 152-154.

תים. בחורים ובתולות זיך דא איין אויף האלטן מיט שפילן אונ׳ אנדרה מעשים רעים אשר לא יעשו. אונ׳ על ידי זה איר אייגני אפּעהרים אונ׳ פּרנסה נעגליגירן. קומן לידי עניות ולבסוף לשאר מעשים אשר לא יעשו:

בכן ווערט היר מיט נאנטר לכל בני עמינו הן בעלי בתים הן תושבים. או בניהם ובנותיהם משרתים. בחורים גם בתולות יהי׳ מי שיהי׳ פּר־באטן לא לבד עש האלטן פֿון או פּרעקווענטירן אין שפּילהייזר אונ׳ טאנץ קאמרש. זונדרן אויך עש האלטן או פּרעקווענטירן אין הייזר. כשרה ווין קעלירש. קאפּיע שענקרש. ווערצהייזר אונ׳ דערא גלייכן הייזר בבני עמינו וואור איין גשפּילט ווערט. ופשיטא ניכט זעלברט צו שפּילן. הן מיט קארטן. ווערפּילש. טיק טאק. פּרקעהר. אודר דרייא ברעטר. או זונשטן שפּילן וויא זעלבגי אויך גנענט מעגן ווערדן קיינרלייא אויש צו זעצן. הן אום געלד. גלאך. צייט קארצינג[9] אהני דיא גרינגשטי עקסעפּציאהן. ווארום או מאיזה טעם עש זאלטי געשעהן אלש בקנס ועונש המפורש בתיקון ע״ב הנ״ל.[10]

אויף ווי ווײַט ס׳איז געלונגען צו באַקעמפֿן און אונטערדריקן די אָפּיציעלע שפּילהײַזער — איז שווער צו זאָגן. אָבער אין פּריוואַטע היימען האָט מען גע־וויס געשפּילט.

אַזאַ סצענע ווי ווײַבער פּלעגן זיך צונויפֿקומען שפּילן אין אַ פּריוואַט הויז, ווי אין אַ שפּילקלוב — אמת טאַקע עטלעכע דרײַסיק יאָר נאָך דער שטרענ־גער תקנה — ווערט געשילדערט אין דער הומאָרעסקע שפּיהל בזוהך. אַ רעפּראָ־דוקציע פֿון דער הומאָרעסקע גיבן מיר צום סוף קאַפּיטל.

דער מחבר, שלמה דויקלר, איז געווען אַ באַקאַנטע פּערזאָן אין אַמסטערדאַם. צווישן די ניט־ייִדן האָט מען אים גערופֿן Sloome Deukelaar, צווישן ייִדן Shlaume Duikelaar. זײַן נאָמען איז געווען פֿאָרסטער (Forster), מען האָט אים צוגעשריבן אַ סך טשיקאַווע פּירונגען.[11] זײַנע חיבורים, כמעט אַלץ אויף פּורים, האָט פֿאַרצייכנט יעקבֿ שאַצקי.[12]

דויקלרס הומאָרעסקע „אין פּלאַט אלט אמשטרדאמש יודש טייטש גשריבן", איז פּלאַנמעסיק אויפֿגעבויט. „דיא פּרציהלונג" ציט זיך פֿון 11 אין דער פֿרי ביז 11 בײַ נאַכט. די בעל־הביתטע מאַדאַם פּומפּל „דיא שפּיהל בזוהך מאכט" און בײַ וועמען מען קומט זיך צונויף, איז, ווײַזט אויס, פֿון די אָרעמע שיכטן.

---

[9] פֿאַר געלט גלײַך צײַטפֿאַרטרײַב, פֿאַרקירצן די צײַט.

[10] טראנסלאט אמפליאציען על תקנות דקהלתינו... אַפּראָבירט אין דאטא July 23, 1765 (נדפס ע״י ליב זוסמנש). שאַצקי האָט פֿאַרפֿעלט אויפֿצוקלערן, אַז מיט שפּילהײַזער מיינט מען דאָ הײַזער וווּ מען טרײַבט אַזאַרט; לויט אים קומט אויס, אַז דאָס מיינט מען ערטער פֿון „טענץ און מוזיקאַלישע פֿאַרווײַלונגען", ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XIX, זז׳ 214—215. אין די געבראַכטע ציטאַטן פֿון די תקנות זײַנען דאָרט אַרײַנגעפֿאַלן עטלעכע אומפּינקטלעכקייטן.

[11] J. L. Voorzanger, J. E. Polak, *Het Joodsch in Nederland*, Amsterdam, 1915, p. 33.

[12] „די לעצטע שפּראָצונגען פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין האָלאַנד", ייִוואָ־בלעטער, ב׳ X, זז׳ 258—259. צו די צוועלף זאַכן וואָס שאַצקי רעכנט דאָרט אויס דאַרף מען צוגעבן אַ דרײַצנטע: הגדה של פּסח, 2 בלאַט מיט 3 האָלצשניטן, פֿעלט דרוקאָרט און יאָר, קאַטאַלאָג אַחו״ה, ז׳ 105, נומ׳ 1876.

דער מאַן איז אַ טויגעניכטס, „ברומט אונ׳ פלוכט", קומט אַהיים „האלב שכּור". מען באַדאַרף אָנקומען צו אַ שכנה לײַען שטובזאַכן. דער כּיבוד איז פֿאַר שאָל־דערגעלט, מען צײלט דעם ביסן אין מויל. ביז וואָס ווען, נעמט מען דעם כּיבוד אויף באָרג. זי מוז קויפֿן אין אַ באַשטימט אָרט, ווײַל דאָ איז זי שולדיק נאָך פֿון אַ פֿריִערדיקן „שפּילבאַזוך" און דאָרט האָט זי נישט קיין קרעדיט. ווען די טעכטער טענהן צו דער מוטער: „לאז עז [דאָס] זיס געצייג בייא אַבֿרהם הוילע, גיט פֿיל מעהר אין עז [דאָס] גוויכט" און אַז אויף וועזפּר גאָס קריגט מען פֿאַר „איין האלבע שטיבר וואלוולר", זאָגט צו זיי די „מעמי" [מאַמע]: „אַן יהודית ברויך איך ניט גלייך צו בצאהלע אונ׳ אַבֿרהם מוז עז געלד נאָך פֿון עז פֿאריג בזוהך האבן. אונ׳ אין דיא וועזפּר גאס האב איך קאהן [קיין] קרעדיט".

בײַ אַזעלכע אומשטאַנדן איז נישט קיין ווונדער, אַז די שטובמיידל מאַהמלע קרעכצט נישט אומזיסט און זאָגט פֿאַר זיך „דש איז אַ פֿר שווארצט לעבי מיט דש בזאהך. איך האב נאך דא פֿיל צו טאהן. איך וועלט דש עז אל פֿר בייא וועהר. אונ׳ אללעס ווער נאך ניקס ווען דאס קלאהנע ראצנאס [ראָצעריין] ניט פֿון דיא שאלדר האפּפעט".

לא די וואָס זי באַדאַרף זיך אָנלויפֿן איבערן שטאָט אין פֿאַרשיידענע גאַסן צו פֿאַרבעטן די פֿרויען מיט גרויס העפֿלעכקייט: „זאג זיא זאל מיט איהר טעכטר אונס היינט אבֿינד דיא כּבֿוד געבן", און פֿאַר איין וועגס אײַנקויפֿן, ריכטיקער: באָרגן דעם כּיבוד, ווערט זי נאָך צום סוף באַוואָלט פֿון די שאָלדערגעלט וואָס איז אַ טייל געגאַנגען מסתמא, ווי דער מנהג, פֿאַר דעם שטובמיידל, אָנגערופֿן טאַקע אין שפּעטערדיקן ייִדיש „מוידגעלט".

דאָ האָט די עלטסטע טאָכטער אַכטונג געגעבן אויפֿן קאָרטנגעלט „שרכי זאגט, איך ווער אויף דיא שאלדר פּאַסן" און דערנאָך צוגעכאַפּט אין גאַנצן.

דער צווייפֿלהאַפֿטער מאָראַלישער כאַראַקטער פֿון דער פֿאַמיליע איז אויך צו זען פֿון אַ זײַטיקער באַמערקונג, וואָס די מוטער מאַכט צו דער טאָכטער: „ברענג איין האללע פֿונד הוד צוקר,[13] אונ׳ 2 שפּיללע קאהרטע, ברויכע ניט געשטעמפּלט צו זיין", דאָס הייסט קאָרטן אָן באַנדעראָל, אָן רעגירונגס־אָפּצאָל. אָבער די גאַנצע פֿאַלשקייט אַנטפּלעקט זיך, ווען די בעל־הביתטע לערנט דאָס שטובמיידל ווי אַזוי זי זאָל זיך פֿירן בײַם טיילן און פֿאָרלייגן דעם כּיבוד צו די פֿרויענגעסט:

מאהמלע פּאס נוא וואול אוף. פּרעסים [פּונקט] אום האלבר זיבע גיב קאפֿי ארום. פּרעסים אום 7 איאר [אוהר] עז פּוטר געייג אדר סוחש.[14] אום 8 אויר גשילטע עפּיל אום 9 אויהר ווין אונ׳ וואשר אונ׳ פּרעסים אום האלבר צעהן פּוטר קיקס. דוא מוזט דיא שטיקר ניט צו גרום אונ׳ ניט גאַנץ דורך שניידע.[15] אונ׳ ווען א פֿרא [פֿרוי] זאגט איך דאנק איך

---

[13] היטל־צוקער.

[14] מיט אַ זײַט פֿריִער: סוחס. זאָל דאָס מיינען סוכאַרעס?

[15] ווײַטער אין דער הומאָרעסקע ווערט באַמערקט: „די מאהד [מויד] גיבט פּוטער קיקס אַרום. דיא שטיקר בלייבע האלב הענגן וייל זיא ניט גאנץ דארך גשניטן זינד".

[איַיך], מוסטו אנשטונס ווייטר גין [גיין]. אונ׳ ווען זיא רופּע, מוזט דיר ניקס הערי [הערן] מאכן. ענדליך איז אללעס אין אורדר.

ווי עס איז צו זען פֿון דעם מעניו, וואָלטן די שפּילערינס זיך גאַנץ פֿײַן אונטערגעלענט דאָס האַרץ, אויב די בעל־הביתטע וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי כיטרע אויסגערעכנט און קאַרג.

די פֿרויען קומען זיך צונויף, מען באַגריסט זיך און מען פֿאַרלירט נישט קיין צײַט, מען שטעלט באַלד די פֿראַגע וואָס צו שפּילן, דערבײַ פֿעלן נישט ווײַבערשע אָנצוהערענישן:

וואש וועלע מיר שפּילע? איך שפּיהל שארפּע.[16] איך שפּיהל לאנטרלי.[17]
זאגט מאדאם רימפּלכה איך שפּיהל חעהפּטס.[18] זאגט מאדאם שנאקלכה
דאש איז אללע וייל דיא גרעשטע מאדע. זיא בגינן אללע גאהר צו לאכן.
איין פֿרא זאל חעהפּטס שפּיהלע! איין פֿרא זאל חעהפּטס שפּיהלע!
מיר ווע‌לי דיא כלה פּימפּל פֿרעגה. וואס איר וועלט מאדאם פּימפּל.
קיהן.[19] יוא קיהן קיהן זאגן אללע, בהאלבע [חוץ] מאדאם שנאקלכה דיא
ציהט איר נאס, אונ׳ זאגט: איך האב א העקל אן קיהן. מאדאם ראקלכה
ווישפּרט [שושקעט] אן מאדאם רומפּלכה אין זיא קען קאהן [קיין] נומרש,
דארום האט זיא א העקל אן קיהן. זיא שפּיהלט ליבר חעהפּטס מיט דיא
מאנסלייט.

ווײַטער ווערן געשילדערט די הכנות צום שפּילן. „דיא קיהן טיש ווערט קלאהר גמאכט״. מען רעדט דערווײַל זיך אָ ביסל דורך וועגן קליידער „וואש קאשט דש נעטל טוך. וואו העט איר דיא שאהל געקאהפּט״. ס׳איז אָ טומל און אַ גערויש „דש מאן קיין רעכט ווארט הערן קען״. ענדלעך באַשליסט מען ווער ס׳זאָל ציִען די נומערן „יוא דיא כלה מוז ציהן, יוא דיא כלה זאל ציהן״.

עס הייבט זיך אָן דאָס שפּילן גופֿא און עס גייט אַוועק אַ גאַנג. נאָר אין צווישן קומט כּיבוד, פּונקט צו דער צײַט, ווי עס איז געווען פֿאָרויס באַשטימט. ווען מען דערלאַנגט, למשל, די קאַווע, פֿאַרפֿעלט נישט דויקלער צוצוגעבן אַפֿילו די פֿאַרלאַנגען: „מיר מיט מיליך, מיר וואַרמע מיליך, מיר קאהן [קיין] מיליך״.

---

[16] זען ז׳ 195, הערה 29.

[17] ווי מען שפּילט Lanterlui זען אין: *Nieuwe Beschrijving der Meest Gebruikelijke Kaartspeelen*, ... Amsterdam, 1821, 1, pp. 60-64.

[18] וואָס פֿאַראַ שפּיל חעהפּטס איז — ווייס איך נישט. פֿון דעם ווייבערשן געשפּרעך איז צו זען, אַז די שפּיל איז געווען „דיא גרעשטע מאדע״ און געשפּילט האָבן העהפּטס די מענער.

[19] kien האָלענדיש, keno ענגליש. האַרקאַווי ברענגט אין זײַן ווערטערבוך טשוקינע און לאָטערייקע. יעקבֿ קרעפּליאַק ע״ה האָט דערציילט, אַז אין ביאַליסטאָקער געגנט פֿלעגט מען זאָגן טשעקין. רפֿאל מאַהלער פֿאַרצייכנט אין זײַן סאַנדזוער יידיש אַמבע—טערנע און ברענגט דאָרט צווייַ ווערטלעך: הלוואַי זאָל איך אַזוי געווינען אַ טערנע, כ׳זאָל אַזוי מאַכן אַ טערנע! יידישע שפּראַך, ב׳ IV, ז׳ 67, 76. אין קאָנגרעס־פּוילן פֿלעגט מען, געדענק איך, די שפּיל רופֿן טאַרנישקע, מײַן פֿרוי (פֿון זאַקראָטשין) זאָגט טערנישקע און זי גיט נאָך צו, אַז מען פֿלעגט אין שפּילן אויסרופֿן אַמבע (צוויי), טערנע (דרײַ) און קוואַט (פֿיר). ווען עטלעכע פֿלעגן האָבן טערנע, פֿלעגט מען שפּילן אויף קוואַט.

נאָך צען בײַ נאַכט, הערט מען אויף צו שפּילן, מען געזעגנט זיך און מען הייבט אָן זיך פֿונאַנדערצוגײן. אַנדערע לאָזן ביני לביני פֿאַלן אַ וואָרט וועגן די פֿאַרשפּילטע סומעס, „איך האב 45 שטיבר[20] פּר לארן, איך האב 3 גילדע פּר לארע״.

ווען די ווײַבער גייען אַוועק, נאָך אַ קורצן איבעררייד מיט דעם האַלב שכורן מאַן, לאָזן זיך מאַמע און טאָכטער ווילגיין. מען באַרעדט די שפּילע־רינס אויף וואָס די וועלט שטייט און מען טראַכט אויף זיי אויס וואָס אין דער קאָרט.

צום סוף גיט נאָך דויקלר צו דעם מאָמענט פֿון מאַכן שקרות און פֿאַלש שפּילן „אז דיא מאממעזעל דיא גצאגן האט, האט נומרש אין דיא האנד גהאלטן פֿון איהר בלעטכי אונ׳ אוף גלייהנט, האט אויך צווישע באהדע א נומר ווידר אין דיא זאק אודר אוף דיא פּלור גלאזט״.

דאָס איז דער אינהאַלט פֿון דער ווערטפּולער קולטור־היסטאָרישער שפּיל־הומאָרעסקע וואָס אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ שטיק ייִדיש לעבן פֿון דער אַמסטער־דאַמער געטאָ פֿון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט און וואָס לייענט זיך ווי אַ צײַטזאַך.

צוזאַמען מיטן מחבר קענען מיר, מיט רעכט, זאָגן:

אונד דאמיט האט איין קיהן אודר שפּיהל בזוהך איין ענד.
צווייפּלע ניט ווער שפּיהל אודר קיהן בזוהך ווערט מאכן.
ווערט איבר שלמה דויקלר זיין ווינטר קראנט לאכן.

---

[20] Stuiver, בערך 5 סענט.

עז שפיהל בווהך

אדר קיהן

אונטר דיא זין שפרוך

האבע וויל איך

אדר דיא ווינטר קראנט פון

רבי שלמה דויקלר

תקסב

פערזונן דיא [illegible] פון דאס שפיעל בוך פאר קומן.

מאדאם פומפל דיא פֿרוי דיא שפיעל בוך מאכט

שרכי איהר עלטסטי טאכטר

בילכה איהר יונגסטי טאכטר

דער מאן

מאהמלע דיא אמאר

מאדאם רומפלכה פון דיא ניי גאס

מאדאם האמפלכה פון דיא סון גאס

כלה פימפל

איהר **מעמה**

איהר **ממלה**

מאדאם ריפלכה פון דיא שנאבר גאס

מאדאם פאפלכה פון דיא כייתה אורק

מאדאם שנוקלכה פון דיא פינקס ביהרט

מאדאם שניפלכה פון דיא קיורס גראכט

רבקה דיא סלאוי נעבן דיא טיר מיט איהר קינד **גומפלכה**

דיא פֿר ציהונג בגינט פֿאר מיטאג 11 אויהר און וועהרט ביז 11 אויהר
צו נאכטינס :

(פֿאר בריפֿט פֿון ר' **שלמה דויקלר**)

איך האב פֿו שאון אין אויך טייטש גשריבן · פֿו קומט איר אבר את גרין פֿ
שין תרוין · זא האב פֿו אמר אין פֿומט מיט **אמשטרדאמש** יודש
טייטש גשריבן

מאדאם פומפל ווען איז דער שפיגל פרעגט זיך · ווער גשטאלט
דאס איין הויפט און איין שמאר פון · זאגט גשטאלט :

די מאדאם מאכט אויף קומט הערין · און זאגט זיך : די כלה פימפל אונד
זיין · זאגט, איך הייט קליינש די כלה גבן איז ווער אונד און
אויך · מאדאם פומפל קריגט זיך איז כאדר הענד די קרן · און
אונד פר איין שוואך און דס שפיגל איר כלה און דס הובן אנדר פון איר
ווארט יושט הייט קליינס קומן איך הוב נאך ריקס אין הויז · מאהמלע ·
מאהמליין · טוט די איין ראטה שפרוך הו און זי זא גשאוד ווח רוח
קנוסט ביי מאדאם רומפלכה און דיא כיה גאס און ביי מאדאם
האמפלכה און די קרק גאס זאג דיא וואו איז יוהר שאכס · און הייט
קליינד די כלה גבן · און ביי מאדאם ריפלכה און דיא שנייר
גאס · און ביי מאדאם פאפלכה אויף דיא ערחא אחרת · און ביי
מאדאם רימפלכה אויף צוואנציג אנדר זאג זי און איר ריקס אונטער
איט כיתבן · און ביי מאדאם שנוקלכה און דיא זינקבים · און
ביי מאדאם שניפלכה אויף דיא קריג ברוגט · זי צוויי הייט קליינס
פרן קומן · און זי איז אח ביי ירידה, און בשטאנד אין דער קוקט ·
מער מאוולכער שאם און אויך דער אנדר טעור גלייך · און ברעג אין האוט
פונד קופ און איין האן טהון שיכן גרער איז · די גוטער נאלטער ישראל
אונט · אמאר זעך און צו זס גיינג ביי אברהם הוילז גיט פון אמאר און
צו גוטעט · די בעכה אונט בילכה די יונגעס טאלטער · און בילכה
זאג און דיא אבער גאס קרגער בנהר און און איין חובת סטיבר מאוור ·
ביי בתרעב און אך ביי שרה גים אווו חוליט היח הויז · גיאה אונט
די אמאר און יהודית ברוך איך ניט גליך זיו בלהוז און אברהם און זו
גבור נאך פון צו לערנ בוק האבן · און די שנייר גאס הוב איך קומן
קרייגט · מאמלה גיא דיח אור ביי יהודית · דיא מאהר אונט אנדר
דך דס אין ח זר שטיליג לצבי אין דס באחוך · און הוב נאך זה פון זו
טחהו · איך שטיט דס צו אן פר ביי שפאר און חולים אבר נאך ניקס האט
דאס קומענט דאלמס ניט פון דיא שלאר המכזנט · דיא אמאר אונט זיך דיא
איטס לו רעכט · ליהם איר רייט דאהר אין ביים · פלהוט נאך אחר ניים
אחרסט אהר קויזט און גיט · מאדאם פומפל איט שרכי איך דיא
פטון יתמרתו הב · און דיח גיא ביי רבקה דר גבן · דיא
ואן איר אין שטים · קאנדראלים און טווילט שטאט ובחנו · און ואן הייט
קליינס פרן קומן · זה בעבה אב · זה קאן אחר גומפלכה אבר דיט
מאוור :

שפיל בוך

מאדריגאלס ״מאדאם פומפל זאגט · איך דעק קומט אלך מיין קאמ׳ גיט
איט מאכט בייא · דאז דיא מאדאם אונזער ווערטע מיין האלט דאר דער לאק אונ 2 שפילט
קאמערט בילף כיט גשטאנדן די דין׳ אסאר זאב זאגט שרבי זיא איבן וואלט
קינו שפאנגן · אך פער מאכט הייאת אין דיא ווארער נאם · דיא קאמר עפרט אין
מרדר גמאכט · דער איך ברואט אונ פולט · אונ אוין בוכלים גין · און שידר
בעבלים פריידן · דאס האט אר דר פלונט ווען אר פן גמור כיט בפטר גבריבט
קאו · דיא פרווה לפנקס דא ווערט ״גשטנגט · גריבן · גמאכט גפולט גשפיאלט
רחהן · גמאכט דיא קעלם אין גשטאלט האנג ברפלט דיא אנדרש פאלט דיא אהה:
קולט צו ריך · ברפקט קאפי · ״פפיף״ אונ אייך איט · מאדאם פימפל
זאגט · מאהמלע פחס נאך איהו אין · פרפסים אוק האובר ויבג גיב קאפי
ארום · פרפסים אוק היתר פן פוסר גלין אדר סומס · אוק 8 אויר גשיטט
עפיו אוק 9 אויתר איין אונ אחטר פרפסים אוק האובר נצהו פוטר קיקס · דאס
אשט דיא סטיקר כיט לו גרוס אונ לט גאנז דורך סניידט · אונ ווען מ פרח זאגט
אך דאק אך ״ אוסטו, מסטונס עירטר גין · אונ ווען זיא רופג אויט דיר ניקס
העבי אמלין · סנרוך אין מאנס אין אורדר · מאדאם פומפל זאגט ·
בילכה זאב איך דיר יוסי בראטר מ טוך אין דיא קאם ספבורג אונ דיא
שרבי טוט דיין פרויקי אונ היחטבה אין · יום בעכה זאב זאגט בילכה ·
מאדאם פומפל טוט אחר גוטע סונג אן פון מ פטר האט סוגם
גמאכט · שרבי אונ בילכה הבבו דך אחך אן אין אורדר גמאכט · דער
איך גיט נאך דיא קאצטי נאך ווערט פן בווהך פר ווחלט · דא קאין זיא · גיט
ואבינט מאדאם רומפלכה · גוט נאבינט מאדאם היעכפלכה ·
גוט נאבינט מאדאם פומפל · ווא פאחרט איר · פין איות כלה
פימפל אנו אין דיא מהותנחם · גוט זיינט · בילכה פארט וואו
אין דק דיא בבוה · גוט נאבינט מאדאם פאפלכה · וואריט זא שבגט
מאמזעל שנאקלכה · גוט זייט · וואו אין דבן אייתר שאבסטר ווארט
ספרט מאמזעל סניפלכה הוטבסריג גרוס · אמבטר זייט קאהן
קאמפלימענטס · איט ווערט איר סטולס · אך ספיאו שרבג · אך סביהן
ואטרו · זאגט מאדאם רימפלכה אך ספיהו חבהבטג זאגט מאדאם
שנאקלכה דאס אין נאוג עין דיא גרפסטם אחרג · זיא בגינן אווג גאהר
נו לאבן · אין פרס ונו אנהבטג ספיאוג · אין פיא ונו אנהבטג ספיאוג ·
איר עבווין דיא כלה פימפל פרפגה · ווחס איר ווביט מאדאם פימפר ·
קיהן · יוה קיהן קיהן זאגט אווג · בהאובג מאדאם שנאקלכה
דיא לחט פחר יעחם · אונ זאגט אך האב מ הבקן אן קיהן מאדאם
ראקלכה

שפהל בוהך

ריאגלכה ורססרט או מאראם רוְמפלכה או ויה קסו קחהו נווירפ
דורונג חחט ויה ה הַסקו חו קיהן · וה סטחוס וסר חטנחסעם אים דיה ווחגם
ויטי · ריה קיהן טים ופרט קוחר גאחלט · גלב סטיאוס · נה חך דחאג חך ·
איר ה ביסי פייחר · חך נבריך קחהו פייחר · · בוהרט אירן ״ואחגטל״ גיבס אלף
מיחר אוו · מיחר און ונט חוין סו בנס · בילכה וחם באהבלה
פחסט חוין דאס קח עטרלס דרין קיאס · מאמזעל שניפלכה וה פיו בופטלכם
אנטו מיהר חחבי · איד דיה 6 חאד דיה 9 איר 2 בופטלכם איד דיה 4 יווגדם
ק איר חבופטלכה · איז חך פר וולו חאז גבים טחוונעיפס · מארהמלה
ניב דיה טחוונטיגס ויה ויגוחן דיה גברחלנג סבזוהו קיג · איר חחך גביו קנוח ·
שרבי ונט חך ווער חוין דיה סחודר סחסון · סו נבור ופרט חוונחוילט · סריס
פו ולכט · חיר ולט חון אירן ויירג רחק · וחס הגט חיר דיה סיו קחרטון חו ·
ווחג קחסט דס נבטו טיך · ווחי הגט חיר דיה סחחו נקחהלט · מאהמלה
דיה סביו בחקים · חך ווער נחק חחו · פחסט חון דס חיר קחהו גואר חבר ופחט ·
איר טוון ויט חמדר · דיס סנחטרט · טחטרט חול הרוט חוטר חאדר דס ואם
קיורבלס וורט חבריוקבו · פנרוך וורט נפראט מאמזעל האמפלכה
ווכט חיחר ניהו · נה חך וו ניהו ואט מאמזעל שניפלכה · מאראם
פימפל רוגט וחוט דיה כלה פימפל ניהו · יוה דיה כלה אוליהו יוה
דיה כלה וחו ניהו · וופרקו ניה חו · וה חאטרנט 15 וואדס גלחגו ווחו ·
פרחגט מאראם רומפלכה חו 55 חרוי · מאראג ריפלכה
פרחגט חו דיה 6 חרוי · מאראם העמפלכה סטיסט וויה ריטחו אירן
טחווגטיגם פרווחרחב מאמזעל שניפלכה יוסט כלה פימפל ריחוס
חבסי חרוג איר ניחט וויטר ופרס גפרחגט · וור טוהט איט חגדר חך 49
וחך דיה קורי פיהל רחוגרס פוו 3 סוחגו לו גויך גרוגו חוולגג חרוי · חוולגג
חרוי · פנרוך קיהן · דיה קיהן סוחגט הוובר ויבב · דיה איחר איט דיה
קחל ווביט חרוס גנסבו · גבט · גסטויטו · איר איט אילך איד ווראג אויך · איל
קוחו אויך · חקווגיג · חביס טקר · עביט ודר גנפר חוין גחוילט · וויד
גנחטריט ודרגרודוט או בניס ודר לו לחב · בי סוחגט ך גויר · דיה איחר
איט דיה סוהס ויה ניבט יריס · גיט מאראםהאמפלכה פרביה · דיה
חיהר דיה גאלג קיאר נחך קיקט · קפרו ניט חוואסו · פר גנסטוין לו לגו ·
טרלט דס חיר דיה טרגבולם ביה דיה ניחט הגנגו · ולבט חיוחיר ובקי · היגס
חיר נפסטוך פרגבגו · וויסט וך איט דיה האר אב · ודר חטריגזולה דס בוירבם
חבגו · ופרט וויטר גלחגו · דיה חבריב וו וודר חו 16 חרוי ריחוט חביסי
ורחג · חרולגג חרוי חו 55 קרוו ניבט איר כבים פחוופטרבס · ווגר טוהט
איט

שפיהל בוך

שפיל אנדר אך 35 אך סט קיהן · מעווכע מיבר גיון אזויא פיגון · חרא
אין דיא גאנץ · אויך דיא פוהן קורט אז רס גריס פרהט · גאם זפהט האלבם
ערען · דריקן נאך א אאהו טרפן אך הכ׳גה גוט ארה דיה קפגן · הוום הו אדר
אין הורדר · אאו פהגם אדר הג · 8 הויהר גסיהוטע עפין · אדר גאגן ·
גרהאוט גרורוט גפרהגט · גפיסם פרסג ביירע פגוכע סטיווג סוויבוכם · חהגע
סטיקס דיה אדרע סטיגקט ריט · גיבט איר חביקיסאין · סכילט דיה קפרן דה
טאווגרע עפים דה ברינגוט פתים · יעדע פרהה קוקס אך מר הוטר גליג ·
פגרויך אדר קיהן · 9 הויהר אין הול אהסר · אדר גספיהוט · דיה אאהר אים
דיה פוטר קיקס מאדאם רומפלכה פרהגט הוו פו סוו ווי ספהט · דיה
אאהר ואגט פו החט הוג אין החובר נפהן גסוהגט · דיה אאהר גיבט פוטר קיקם
פרוג · דיה סטיקר בלייבט החוב חבגן אין ויה ריט גהן דהרך גסניטן ויגר · פר
גספע הו מאדאם שניפלכה דיה פייהר רוינ אפרס מיבר הוגך ופהט הם
דיה מינר ואגט דוה החסט פו אדר פר גספו · פגרויך אידר קיהן · נאך הוגן
אאהו הרוס · גפור הוין גהרוט · גאגן גסטויסן · גרהאוט גפרהגט · קיהן
מיבר נפהגט · ואגט גספוט · דיה סויטע פר מאדאם רומפלכה ·
אדר גספוט · דפר סופפר פר מאדאם פאפלכה · אדר גספוט · דיה
סויטע פר כלה פימפל · דער סופפר נפגקט · קפן ריט אחכטע ספוט אדר
פגרויך נאך הואהו גפיבט נאך א אאהו גורסם · גוט נאכט מאדאם פימפל ·
גוט נאכט מדאם רומפלכה · גוט נאכט מאמזעל שניפלכה
גוט נאכט כלה פימפל · אוהו החגם ויט פר דכטנ · פהוט ריט · דיה סוטהם
מו גוהר · אך בין חהך גוהר ואגט מאדאם שנאקלכה · אך היב 45
פטיבר פר ואגט אך החב 3 גפרט פר ואגע · אך החב אין יאהוו בסיט · אך
החב אין גהוגז אאהו גרסן · גיב דיה האן פר מאדאם שנאקלכה
גיב דיה אאהו פון מאמזעל פאפלכה גוט נאכט גוט נאכט · דיה סויטעם
רייטן פהרם דיה טיר גיט גו · דפר אאהו קוהט האלב היבור הוין דיה קופסי ·
פהוט מיבר חפהר ספהוט · פינר האוזם הוכסר אנדר א גו סטיאט א גיקן יאל
א גרהן · אוי דיה טחוגו פס הוין דיה פור דיה טס בסיט · דיה סטיפט יוגטיסם
פברסט · דיה טעכטר גו הגו · פס הוו פייר הון דיה פוהר · דער אאהו פולכם
קאקוט · וורט · בפהטג · דיה פרה ואגט דיין אורס בפגה בפהטט · פגרויך
סטיוטע · מאדאם פומפל ואגט שרכי החסטו גזגהו מאדאם
פאפלכם איסטי דין החסטו גזגהו מאדאם האמפלכה דיה ואגט
פגינט א טרפהוכה הו דיה פהם תפגנו · שרכי ואגט · החסטו גזגהו מאמזעל
שניפלכה ואגט פרהם חסר · החסטו גזגהן פס א זו פון א הור מאדאם
רומפלכה

רומפלכה [illegible] · [illegible] כלהפ׳מפל דיא [illegible]
[illegible] · [illegible] מאראם
דיפלכה [illegible] · בעבה׳ [illegible] בילכה [illegible]
[illegible] · [illegible] · [illegible]
[illegible] קיהן [illegible] · [illegible] קירן
בוך [illegible] · [illegible] שלמה דריקלר [illegible] ·
— [illegible] :

נאך [illegible] מאראמם [illegible] מאממיזעלם · [illegible]
[illegible] ([illegible]) · [illegible]
[illegible] · [illegible] מאממיזעלם [illegible]
[illegible] כאראמם [illegible] · ביני ראיתי [illegible]
[illegible] · [illegible] מאראם [illegible]
[illegible] · [illegible] מאממיזעל [illegible]
[illegible] · [illegible] ·
[illegible] ·
[illegible] שלמה דריקלר [illegible] · [illegible]
[illegible] · [illegible] שפיהל בוך [illegible]
קראנט [illegible] · [illegible] לאנטרלי [illegible] שארפין [illegible]
[illegible] באהטשגע [illegible] חלק [illegible] :

[illegible] · האבע ויל ארי׳
[illegible] :
[illegible] דלפין [illegible] :

שפּיל־לשון

שפּילן און אַזאַרט זײַנען אינטערנאַציאָנאַל. דאָך זײַנען זיי אויך נאַציאָנאַל. ניט נאָר האָט יעטווידע אומה ולשון אירע באַליבטע שפּילן און פֿאַרווײַלונגען, נאָר אַפֿילו אינטערנאַציאָנאַלע שפּילן, ווי קאָרטן למשל, ווערן, אַזוי צו זאָגן, מיט דער צײַט באמת נאַציאָנאַליזירט דורך בילדער, נעמען פֿון קאָרטן און שפּילן, גלײַכווערטלעך, רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער, אויסדרוקן, אַנעקדאָטן און וויצן, מעשׂיות און אַבערגלויבנס.

דאָס זעלבע איז בײַ אונדז ייִדן. מיר האָבן גענומען פֿרעמדע שפּילן און מיר האָבן זיי פֿאַרייִדישט, אַזוי אַז מיט דער צײַט מיינט מען, אַז זיי זײַנען „ייִדישע שפּילן".[1] בײַ אונדז האָט מען אַראָפּגענומען געמעלעכצן פֿון קאָרטן, אָפּגעמעקט די צורות — איז דאָס געוואָרן ייִדישע קאָרטן („קוויטלעך"). לעצטנס זײַנען, דורך ייִדישע קינסטלער, געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו מאָלן קאָרטן אויף ייִדישע סוזשעטן. בפֿרט זאָל דערמאָנט ווערן די טאַליע קאָרטן פֿון זאבֿ ראַבאַן (רבן). אַ שיין פּעשל קינסטלערישע ייִדישע קאָרטן אין די הענט פֿון ייִדן־שפּילער וואָלט געהאַט אַ דערציִערישן ווערט און געווען אַ דערמאָנונג.

דאָס זעלבע איז, ווי פֿריִער דערמאָנט, מיטן דריידל. די ייִדישע אותיות, די ייִדישע כּוונות און שפּראַך־אַנווענדונגען האָבן פֿאַרייִדישט דאָס דריידל.[2]

אָבער מער פֿון אַלץ אַנטפּלעקט זיך דער ייִדישער גײַסט אין שפּיל־לשון.

גאָר אינטערעסאַנט איז, אַז שפּילן אין קאָרטן ווערט אין דער דײַטשער

---

[1] זען אויבן „נײַע שפּילן". שלום־עליכמס העלדן האַלטן, אַז „אָקע איז אַ ייִדישע שפּעגולאַציע, מיין איך אַ ייִדישע שפּיל" („שראַגע"); „איך האָב ליב אַ זעקס־און־זעכציק. זעקס־און־זעכציק איז אַ ייִדיש שפּיל" („זעקס און זעכציק"). דאָס פֿאַרשפּרייטע קאָרטנשפּיל „קלאַ־בריאַש", געשפּילט צווישן ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער, איז לויט פּ. אַנטאָן אין דצ״וו, ז׳ 305, "aus frühem Mittelalter stammende *jüdisch-deutsche Spiel*".

צבֿיון, אין זײַנע „ייִדישע אינטערעסן", שרײַבט וועגן די ייִדן אין מײַאַמי ביטש, וואָס זיצן און שפּילן דזשין ראָמי גאַנצע טעג: „נו, איך צווייפֿל זייער שטאַרק אויב דזשין ראָמי וואָס האָט אַזוי שטאַרק פֿאַרכאַפּט אונדזערע ייִדישע קאָרטנשפּילער, איז אַ שאַפֿונג פֿון דעם ייִדישן גײַסט. עס איז אַ צו אײַנפֿאַכער שפּיל, צו וועלכן מען דאַרף האָבן גאַנץ ווייניק קאָפּ... זעט איר, פּינאַקל, האָט אַ ייִד געמוזט אויסטראַכטן", פֿאָרווערטס, 5טן יאַנואַר, 1946.

[2] זען זז׳ 51, 53 און הערות 18, 21 דאָרט. זאָל דאָ פֿאַרצייכנט ווערן פֿרוגס אַ שפּראַכלעך דריידל: „קומט אַ חנוכּה — איז גאָרניט; אָפּגעבענטשט די ליכטלעך, לאַטקעס אָפּגעגעסן, מיטן דריידל אָפּגעדריידלט — און אַ סוף", אַלע שריפֿטן פֿון ש. פֿרוג, 1910, ב׳ ו, ז׳ 166.

קינסטלערישע קאָלירטע ארץ־ישׂראל־קאָרטן, געצייכנט פֿון זאב רבן, „בצלאל“, ירושלים.

אָריגינעלע גרייס $2^1/_4 \times 3^1/_4$ צאָל (אין מחברס זאַמלונג). אין אַלטנײַלאַנד, וואַרשע, תּרפּ״ה, 3טער יאָרג׳, נומ׳ 10, זז׳ 67—68, זײַנען רעפּראָדוצירט אַכט אַנדערע קאָרטן פֿון דעם זעלבן קינסטלער.

גנבֿים־שפּראַך אָנגערופֿן „יונען",[3] מען האָט געהאַלטן, ווײַזט אויס, אַז עס פּאַסט גיכער פֿאַר גויים ווי פֿאַר ייִדן.[4] פֿון מײַנע חדר־יאָרן געדענק איך, ווי מיר ייִנגלעך פֿלעגן טײַטשן דאָס לעצטע וואָרט פֿון דער סדרה וישבֿ, אַ סדרה וואָס פֿאַלט ס׳רובֿ אויס חנוכּה־צײַט, „וישכּחהו" ווי ראָשי־תּיבֿות: וועלכער ייִד שפּילט כּאָרטן חנוכּה הייסט וויטעק".[5] שלום־עליכם ברענגט: „קאָרטן בכלל איז אַ יצר־הרע" („אַ זעקס־און־זעכציק"), אָדער „אַז דאָרט ווו אַ קערטל, איז שוין אַלצ־דינג וואָס אין דער קאָרט! ווער קוקט דעמאָלט אויף אַ מנחה? ווער רעדט פֿון אַן אַ היטל? פֿון חלול־שבת? און כּדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען שייך צו ייִדישקייט!" („מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער!").

שוין די עכט ייִדישע נעמען פֿון אַ פּעשל קאָרטן באַווײַזן, אַז מען האָט בכלל נישט באַטראַכט פֿאַר אַ פּראָפֿאַנאַציע אָנצורופֿן זיי מיט די נעמען פֿון הייליקע ספֿרים ווי ש״ס קטן אָדער קליינער ש״ס,[6] ש״סל,[7] תּהלימל[8] אָדער גאָר תּיקון שבֿועות.[9]

אויפֿן לעצטן נאָמען איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַ הומאָריסטיש לידל, ווי די הײַנטוועלטיקע „פֿאַרגעשריטענע" יוגנט פֿאַרברענגט שבֿועות־נאַכט בײַם „קליי־נעם תּיקון":

ווי גרויס עס איז דעם „פּאָסטעמפּס" מאַכט
אָט זעט: — שבֿועות אויף דער נאַכט:
די טאַטעס שלאָפֿן גאָר אַצינדער,
און זיי, די „פּאָסטעמפּאָווע" קינדער,
זיי זײַנען אונדזערע „ותיקין"
און האַלטן וואָך בײַם... „קליינעם תּיקון"...[10]

---

[3] דער פּינקס (רעד׳ ש. ניגער), ווילנע, תּרע״ג, צום סוף פֿון ב. באָראָכאָווס „די ביבליאָטעק פֿון ייִדישן פֿילאָלאָג", שפּ׳ 65, נומ׳ 499. שטאַמט מסתּמא פֿון ייִדיש־טײַטש, פֿון אַ ייִדישן מקור. און אפֿשר איז דאָס וואָרט גאָר jonen, וואָס מיינט אויף גנבֿים־לשון באַשווינדלען, אָפּנאַרן בײַם קאָרטנשפּיל און שטאַמט פֿונעם העברעיִשן „ינה". זען:
Enno Littmann, *Morgenländische Wörter im Deutschen*, Tübingen, 1924, p. 55. ער ברענגט אויך דאָרט (אויף ז׳ 51), אַז פֿון דעם וואָרט מורא (לייען: Maure) שטאַמט mauern, וואָס באַטײַט „האָבן אַנגסט" בײַם קאָרטנשפּיל.

[4] אין מדרש תּנחומא (פּרשה נח, יד) ווערט געבראַכט: „בלעם התחיל בקוביא, בבלורית ובקסמים ובזנות" (בלעם האָט אָנגעהויבן מיט וערפֿל, אַ טשופּרינע, כּישוף און זנות).

[5] פֿאַרגלײַך אויך: ישעיה זלאָטניק, ימים־טובֿים־פֿאָלקלאָר, וואַרשע, 1930, ערשטער טייל, ז׳ 61, נומ׳ 7.

[6] ספּיוואַק־יהואָש, אידיש ווערטערבוך, ז׳ 262.

[7] דצ״ו; אַלכּסנדר האַרקאַווי, ייִדיש־ענגליש־העברעיִשער ווערטערבוך, ז׳ 512. ער ברענגט דאָרט פֿאַרגלײַכונגען מיט דײַטש און ענגליש. בײַ אַ. אַ. קבק געפֿינען מיר אויך דעם נאָמען משניות פֿאַר קאָרטן: „ואנו נסתלק ללמוד פּרק במשניות", בצל עץ התליה, תּל־אָבֿיבֿ, תּש״ד, ז׳ 302.

[8] שלום־עליכם: „שוין צײַט זיך צו נעמען צום תּהילימל" („יקנה״ז").

[9] „עס וועט זײַן אַ קערטל? מיין איך אַ תּיקון שבֿועות, אָדער אַ ש״ס קטן?" יעקבֿ דינעזאָהן, הנאהבים והנעימים, ווילנע, תּרל״ט, חלק שני, ז׳ 50.

[10] דער גרינער יום־טובֿ, אַ הומאָריסטיש שבֿועות־בלאַט, צוזאַמענגעשטעלט פֿון חגי [וואַרשע, 1912], ז׳ 8. מיט אַן אילוסטראַציע צום לידל.

ווי אויבן באַמערקט (ז׳ 27) פֿילט זיך שוין אַ שטאַרקע שפּראַך־טראַדיציע אין „קוריאָזן שפּיללידר״; אַן אויסדרוק ווי הלכות קאָרטין ציט זײַן טראַדיציע פֿון דעם ליד אַזש ביז שלום־עליכמען: „איז זיך עוסק אין ׳הלכות קאָרטן׳ ״ („געצל״). אַזוי אויך אין פֿאַריידישן די נעמען פֿון איינצלנע קאָרטן. „דער זכות פֿון טרומפֿף כלה״ אינעם ליד איז בײַגעשטאַנען דערנאָך אַזעלכע נעמען ווי לודמער מויד (מלכּה שערל), בנימין (וואַלעט פּיק), ר׳ מיכל (אונטער), אָדער אָנרופֿן טרומף, אַ טרומפֿקאָרט — יום־טובֿ,[11] דעם לעצטן אויסדרוק האָט שלום־עליכם געניצט גאָר שטאַרק, געשעפּט אויף געוויס פֿון פֿאָלקסמויל: „וואָס איז יום־טובֿ?״ („יקנה״ז״), „מלך יום־טובֿ״, „גייט אַרויס צו אים פֿריִער מיט איין מאָל יום־טובֿ, נאָך אַ מאָל יום־טובֿ״, „כאַפּט ער און דעקט צו און גייט ניט אָפּרופֿן יום־טובֿ״ („אַ זעקס־און־זעכציק״).

שאָול גינזבורג דערציילט וועגן דעם באַרימטן פּיאַניסט אַנטאָן רובינ־שטיין, אַז כאָטש מען האָט אים אָפּגעשמדט קינדווײַז, בלויז איין יאָר אַלט, האָט ער געקענט גוט רעדן יידיש און זייער גערן גערעדט יידיש. „רובינשטיין האָט ליב געהאַט, שרײַבט גינזבורג, צו שפּילן אין פּרעפֿעראַנס, שטעלנדיק אין קאָן אַ ווינציקע סומע. פֿון קיין שום אַנדערע קאָרטנשפּילן האָט ער ניט געהאַלטן. און ווען עס איז אים בײַם פּרעפֿעראַנס ניט געגאַנגען אין קאָרטן, פֿלעגט ער מיט אַ שמייכל זיפֿצן: אַ גזירה, ס׳אַראַ גזירה! ווען ער האָט געקראָגן גוטע קאָרטן, פֿלעגט ער אויסרופֿן: אָט דאָס איז אַ יום־טובֿ, אַן עכטער יום־טובֿ״.[12]

עס זײַנען אויך פֿאַראַן יידישע נעמען פֿאַר געוויסע קאָרטנשפּילן. פֿון אונגערן שטאַמט אַ שפּיל מיטן נאָמען לאַנג־והוא־רחום.[13] טערטל־מערטל האָט מען גערופֿן אין מערבֿ־פּוילן *Gottes Segen bei Cohn*; ס׳איז אויך באַקאַנט אַ צדקה־שפּיל.[14] אַן 31 פֿלעגט מען רופֿן למד־אַלף־שפּיל.[15]

---

[11] האַרקאַווי, דצ״װ, ז׳ 252. אלי זינגער ברענגט נאָך צונעמען, אַז קאָרטנשפּילער רופֿן די צענטל קאַראָ „דער גוטער שמש״ און „ציילן ספֿירה״, ווען זיי קריגן זיבעטלעך, ווען דרײַ מלכים — „די לאַנדסלײַט, וואָס האָבן מבֿקר חולה געווען אַבֿרהם אָבֿינו״. וועגן מלכים — מלאָכים פֿאַרגלײַך ווײַטער ז׳ 193, הערה 21 („קלוגע ווערטלעך וואָס ווערן באַנוצט בײַם שפּילן אין קאָרטן״, פֿאָרווערטס, 10טן אויגוסט, 1929).

[12] פֿאָרווערטס, 17טן נאָוועמבער, 1935, ז׳ 4; איבערגעדרוקט אין: היסטאָרישע ווערק (נײַע סעריע), ניו־יאָרק, 1946, באַנד II, ז׳ 306.

[13] *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde,* XII, Leipzig, 1909, pp. 126-127. דאָרט אויך אָנגעגעבן אין וואָס באַשטייט דאָס שפּיל, וואָס איז באַשטימט פֿאַר צוויי הענט. עס איז אַ לאַנגע פֿאַרשלעפּטע שפּיל און דער נאָמען נעמט זיך פֿון דעם, ווײַל עס שטעלט אויף נסיון דעם געדולד פֿון די שפּילער. זאָל דאָס אויך האָבן אַ שײַכות מיטן שפּריכוואָרט: „איינער האָט הנאה פֿון האַרטן קעז, אַ צווייטער — פֿון לאַנג „והוא רחום״ און אַ דריטער — פֿון „אַ טיר צום גאַס״. ש. באַסטאָמסקי, בײַם קוואַל, ז׳ 118.

[14] H. Loewe, *Der jüdische Spieler,* Berlin, 1930, p. 11. ווי מ. ווײַנרײַך האָט מיך אינפֿאָרמירט, האָט ער געהערט „גאָטעס זעגן בײַ כּהן״ אויך בײַ זײַנע קרובֿים אין לאָדזש. דאָס זעלבע האָב איך געהערט פֿון דײַטשע יידן.

[15] י. ד. בערקאָוויטש: „מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט שלום־עליכמס ווערק״, פֿאָרווערטס, 28סטן דעצעמבער, 1930. ער רעדט וועגן זײַנע חבֿרים וואָס האָבן געשפּילט אין קאָרטן „ניט

כאָטש שלום־עליכם רעדט אין „קנאָרטן" וועגן „קאָרטנשפּראַך" און ער האָט טאַקע אַליין אַ שיין ביסל באַרײַכערט, פֿונעם פֿאַלקסמויל, דעם אוצר פֿון שפּיל־לשון, איז דער ערשטער גאָר געווען אַ דײַטש, רודאָלף גירל, געכאַפּט אין שׂנאת ישׂראל, וואָס האָט אין זײַן ייִדישן לעקסיקאָן פֿאַרצייכנט קאָרטן־לשון פֿון זײַן צײַט.[16]

גירל מאַכט אַן אונטערשייד פֿון העברעיִש ביז לשון־קודש: דאָס לעצטע, „די לשון־קודשע שפּראַכע" — אייגנטלעך דער העברעיִשער עלעמענט אין ייִדיש — איז בײַ אים די „יודענשפּראַכע", מיט וועלכער ייִדן באַנוצן זיך ווי אַ געהיימשפּראַך פֿאַר די גוים.

דער מחבר שרײַבט אין זײַן הקדמה, אַז מיט צוויי יאָר צוריק איז דער העברעיִשער אַלף־בית געווען פֿאַר אים היעראָגליפֿן. דאָך האָבן מיר אַ דאַנק אים כּמעט די ערשטע ייִדישע טערמינאָלאָגיע פֿון קאָרטנשפּיל. אין זײַנע ווערטער: Die technischen Benennungen der verschiedenen Karten und Handlungen, וואָס ייִדן אין דרום־דײַטשלאַנד האָבן אויף געוויס גענוצט בײַם שפּילן.

מיר דרוקן דאָ איבער די אַלע טערמינען אין אָריגינאַל. די אַלע אונטערגעשטראָכענע ווערטער זײַנען אונטערגעשטראָכן פֿונעם מחבר גופֿא:

Keleph. *Karte, Spielkarte.* Die technischen Benennungen der verschiedenen Karten und Handlungen sind folgende: *Lef*: Herz; *Efen*: Schellen (eigentlich Stein); *Zelem*: Eichel (eigentlich Kreuz); *Schochor*: Laub (eigentlich schwarz); *Chasir*: Ess (eigentlich Schwein); *Melech*: König; *Kafri*: Ober (eigentlich Bauer); *Jusser*: Zehner; *Tesser*: Neuner; *Chesser*: Achter; *Sojener*: Siebener; *Wofer*: Sechser; *Godol Zeifa*: Trumph (eigentlich hohe Farbe); *Gaslen*: rauben; *Maflil*: mischen; *nosenen*: ausgeben; *Magbia* seyn: abheben; *Mako* seyn: oder *mekajene*: stechen; *dajenu*: haben, genug haben, draussen seyn.[17]

די דײַטשע גנבֿים־שפּראַך פֿאַרמאָגט אַ שפּאָר ביסל אויסדרוקן פֿאַר פֿאַלשעווען אין קאָרטן, ווי קלפים מאָלן (פֿון העברעיִשן מהל, מול), דאָס הייסט

אין אמתע קאָרטן, נאָר אין 'למד־אַלף־צעטעלעך'", און „זיי האָבן געזוגט געשפּילט אין די פֿינצטערע שאַפּקעלעך פֿון די שטענדערס דאָס 'למד־אַלף־שפּילי'"; הראשונים כבני אדם, תּל־אָבֿיבֿ, תּרצ"ח, ספֿר ראשון, עמ' יח, כ.

[16] Rudolph Giehrl, *Jüdisches Conversationslexikon für Christen aus allen Ständen,* Teil I, Nürnberg, 1829, pp. 179-180.

אויף דעם מקור האָט מיך מיט יאָרן צוריק אויפֿמערקזאַם געמאַכט אַלכּסנדר האַרקאַווי ע"ה.

[17] דאָ ברענגען מיר די קאָרטנשפּראַך כּסדר ווי אין טעקסט: קלף, לבֿ, אבֿן, צלם, שחור, חזיר (אפֿשר איז דאָס דער מקור פֿאַר קאָזיר?), מלך, כּפֿרי, עשׂר (פֿאַרגרײַזט יוסער־יודער), טיתער, חיתער, זינער, וואָווער, גדול צבֿע, גזלן, מבֿליל זײַן, נתנען, מגביה זײַן, מכּה זײַן (אָדער מכּהנע[ן], דיינו.

לויטן עדות זאָגן פֿון ליטמאַן, איז דאָס ציילן מיטן העברעיִשן אַלף־בית געווען באַליבט און אָנגענומען אויך צווישן קריסטן, איבער הויפּט בײַ בהמות־האַנדל, אין איינצלנע געגנטן אין דײַטשלאַנד (דצ"וו, ז' 58).

באַשנײַדן אָדער באַצייכענען קאָרטן, כּדי צו פֿאַלשעווען בײַם שפּילן. מוהל, אַ פֿאַלשער שפּילער אָדער דער וואָס שפּילט מיט געצייכנטע קאָרטן.[18]

האַרקאַווי האָט קלפים מלן אַרײַנגענומען אין זײַן ווערטערבוך (ז׳ 461); אויך האָט ער דאָרט פּאָר באַצייכענען קאָרטן קלפים צינקען. ווײַטער ברענגט ער טון שענקער ׳פֿאַלשעווען אין שפּיל׳, שענקערניק, ׳אַ פֿאַלשער שפּילער׳ (ז׳ 513). זאָל דאָס שטאַמען פֿון שקר, שקרניק?... שלום־עליכם רופֿט אַן פֿאַלשע קאָרטן געפּינטלטע קאָרטן („קנאָרטן”). בײַ ז. סעגאַלאָוויטשן אין זײַן פּאָעמע „טרעבלינקע” געפֿינען מיר: „אין גיהינום־שפּיל אַן אָנגעמערקטע קאָרט...”[19]

יהודה עלזעט ברענגט „אַ ביסל לשון פֿון גנבֿישע קאָרטנשפּילער”,[20] אָבער אַלץ גענומען פֿון איין שטעלע אין שלום־עליכמס „מאַריענבאַד” (בריוו 26).

די ייִדישע אונטערוועלט האָט זיך אויך איר שפּיל־לשון. ווי זינגט אַ ייִדישער „מאַרוויכער”, אַ קעשענע־גנבֿ:

כ׳בין געוואָרן אַ מאַרוויכער,
כ׳בין געגאַנגען סראָקן, —
כ׳האָב איבערגעלאָזט מײַן שותּף,
כ׳בין פּליטה געגאַנגען אין די זאָקן.[21]

פֿון דעם לשון האָט אַ ביסל פֿאַרצייכנט י. טריוואַקס אין „די ייִדישע זשאַרגאָנען”,[22] אָבער מסתּמא ווײַט נישט אויסגעשעפּט.

פֿאַראַן איינצלנע ווערטער און אויסדרוקן וואָס פֿאַרמאָגן אַ ספּעציעלן טײַטש. אַזאַ וואָרט איז למשל אָפּשפּילן. שלום־עליכם ברענגט, אַז אַ געניטער קאָרטנשפּילער האָט אָנגעזאָגט פֿאַרן טויט זײַן זון, וועלכער איז געגאַנגען אין פֿאָטערס דרכים: „שפּילן מעגסטו וויפֿל דו ווילסט, נאָר אָפּשפּילן זיך — זאָל דיך גאָט שומר ומציל זײַן!” ווײַל עס איז „נישטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אָפּשפּילן זיך. דאָס טוט אויס, זאָגן געניטע מענטשן, ביז צו דעם לעצטן העמדל!” („געצל”).[23]

---

[18] Erich Bischoff, *Jüdisch-deutscher und deutsch-jüdischer Dolmetscher*, 4. vollständig umgearbeitete Auflage, Leipzig, pp. 29, 45.

אַן אַנדער מקור פֿאַרצייכנט פֿון גנבֿים־לשון פֿאַר שפּילן, שפּילער און פֿאַלשע שפּילער: Zchokken, Zchokker, Linkszchokker.—A. F. Thiele, *Die jüdischen Gauner in Deutschland*, Berlin, 1841, I, p. 105, note 274, 324.

ער ברענגט אַן אויסדרוק: „זיי צכאָקען יום ויום”, שפּילן טאָג אײַן טאָג אויס.

[19] די צוקונפֿט, סעפּטעמבער, 1944, ז׳ 539, סטר׳ 27.

[20] יהודה עלזעט, מלאָכות און בעלי־מלאָכות, וואַרשע, תּר״פּ, ז׳ 42.

[21] גנבֿים־לידער, ז׳ 89.

[22] בײַ אונז יודען, וואַרשע, 1923, ז׳ 161, שפּ׳ 1, אײַנזאַלצן (אײַנשטעלן), ז׳ 165, שפּ׳ 1, סראָ׳קען (שפּילן אין קאָרטן), סראָ׳קער (אַ קאָרטנשפּילער), ז׳ 166, שפּ׳ 3, שטי׳כע (די סטאַווקע), ז׳ 169, שפּ׳ 1, שנײַדן (שפּילן אַזאַרטיק אין קאָרטן), ז׳ 169, שפּ׳ 3, לאַ׳בערן (שפּילן אין קאָרטן), ז׳ 170, שפּ׳ 1, סטאָר׳קעס (קאָרטן). זען דאָרט אויך טייל דערקלערונגען.

[23] זען אויך ז. שניאור, קיסר און רבי, ניו־יאָרק, 1944, ב׳ I, ז׳ 196, „ווען אַ „פֿאַר־שפּילטער” בעט, אין מיטן קאָן, מ׳זאָל אים „אויסבאָרגן ביז מאָרגן”, אָדער ביז ער וועט זיך צוריק „אָפּשפּילן”. ער מעג זײַן דער בעסטער פֿרײַנד, דער נאָענטסטער גוטער־ברודער,

צווישן די שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן וועגן קאָרטן זײַנען טייל ספּעציפיש ייִדישע און אין אַ טייל זעט מען דעם פרעמדן אײַנפלוס. שוין אין צוכט שפּיגל ווערט געבראַכט אַ ווערטל: „אך וויא דיא אשכנזים גימיינטליך אין שפּריך ווארט האבין: אליינט—אַרבן, זעלב אנדר—צו בעט, זעלב דריט — אויף דעם וועג, זעלב פירט — צום שפּיל, — זעלב פינף — צום טרינקן“.[24]

שטאַרק אײַנגעבירגערט האָט זיך בײַ ייִדן דער ווײַטערדיקער דײַטשער שפּריכוואָרט: Wer Glück im Spiel hat, hat kein Glück in der Liebe[25].

אָדער: Wer Unglück hat im Spiel, hat Glück in der Liebe[26].

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אָנגענומען דער צווייטער נוסח.[27]

אין אַן אַלטן בריוון־שטעלער פון תקפ״ה (1825) געפינען מיר אַ מאָדנעם רעדנסאַרט „גאָר די קאָרט פון דער גאַנצער וועלט איז אויף אים“.[28]

איך האָב טיילווײַז צונויפגעזאַמלט די מאַטעריאַלן וועגן שפּיל און קאָרטן אין ייִדישן שפּריכוואָרט, אויך געוויסע אײנצלנע אויסדרוקן, און מסדר געווען נאָכן אַלף־בית. איך גלייב אָבער, אַז די רשימה איז ווײַט ניט אויסגעשעפּט.[29]

ווערט מען אים קיין קאָפּיקע ניט אַנטלײַען. ס'איז אַן אָבערגלויבן, אַן אײַנרעדעניש אַזאַ, אין קאָרטן אַזוי ווי אין געשעפט: „אין מיטן קאָן אַנטלײַט מען ניט, און דעם וועמען עס גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ — אַוודאי ניט“. שלום־עליכם שרײַבט קורץ: „אין מיטן שפּילן לײַט מען נישט“ („קנאָרטן“).

אַ בקי בש״ס קטן טיילט מיט: אַז קאָרטנשפּילער אין פּוילן פלעגן זיך פירן, אַז ווען איינער האָט אַלץ פאַרשפּילט, פלעגן די מיטשפּילער אים דערלויבן איין מאָל קריגן אַ קאָרט אָן אײַנצושטעלן, און דאָס הייסט גיין אויפן דראָנג (ייִדישע שפּראַך, באַנד IV, ז' 61).

[24] מראה המוסר, אוביבאך, תע״ז, ז' ד/ב (שפּריכוואָרט: „או חברותא או מיתותא“).

[25] Karl Friedrich Wilhelm Wander, *Deutsches Sprichwörter-Lexikon*, Leipzig, 1867, I, p. 1767, Glück (856). דאָס זעלבע אויך אין ענגליש:

Lucky at cards, unlucky at love. *A Dictionary of Quotations and an Alphabet of Proverbs*, London [1936], Vol. II, p. 114.

[26] וואַנדער, דצ״וו, ב' IV, ז' 1456, Unglück, נומ' 437. נומ' 438 פאַרצייכנט:

Wer Unglück hat im Spiel, hat im Heirathen des Glückes viel.

זען אויך אין דעם זעלבן באַנד, ז' 698, Spiel, נומ' 92. צווישן מײַנע נאָטיצן איז אויך פאַרצייכנט אַזאַ וואַריאַנט: Glück in der Liebe, Pech in den Karten.

[27] שלום אַש, „די טויז פּיק“, אין בלעטער, ניו־יאָרק, 1918, ז' 216, „דעם וואָס עס גייט ניט אין קאָרטן — גייט אים אין ליבע“; פראַדל שטאָק, „קאָרטן“, אין געזאַמלטע ערצעהלונגען, ניו־יאָרק, 1919, ז' 113, „אַז מען האָט גליק אין ליבע, האָט מען נישט קיין גליק אין קאָרטן“; י. אָפּאַטאָשו, „אין סאַלון“, געזאַמלטע ווערק, ב' II, ז' 137, „אַז ס'גייט אין ליבע, גייט ניט אין קאָרטן“.

[28] יהודה עלזעט, מיט הונדערט יאָר צוריק, מאָנטרעאָל, 1927, שפּ' 73. דאָרט רעדט זיך וועגן אַ שדכן, אַ קאָכלעפל, געמיינט אפשר, אַז גאַנץ קהל איז אויף זײַן קאָפּ.

[29] פאַרקירצונגען:

באָס' = ש. באַסטאָמסקי, בײַם קוואַל, ווילנע, 1920.

בער' = איגנאַץ בערנשטיין, יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען, וואַרשע, תרס״ח (מיט דעם לויפיקן נומער פון שפּריכוואָרט).

טענדלוי = Abraham Tendlau, *Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit*, Frankfurt am Main, 1860.

1. אַ בלינדער שפּילט ניט אין קאָרטן.[30]
(ווי אין רוסיש: слепой в карты не играет).
2. אויף דער מלכּה גרין נעמט מען אויך אַ מאָל אויס אַ גרויסן קאָן. (בער׳ 2298).
3. אויף קאָרטן און אויף טאַנץ באַרגט מען ניט קיין געלט (בער׳ 329).
4. אַז מען שטעלט ניט אײַן, נעמט מען ניט אויס (בער׳ 138).[31]
5. אַ טויז פּאַסט (באַס׳ ז׳ 42).
6. אין ארץ־ישׂראל (וואַריאַנט: אַז משיח וועט קומען) וועט מען שפּילן אין גלעזערנע קאָרטן, ד״ה דעמאָלט וועט מען קענען זען, וואָס פֿאַר אַ קאָרטן דער צווייטער האָט.[32]
7. אין חכמה ואין תּבֿונה (וואַריאַנט: אין עצה ואין תּבֿונה) — כּנגד שלעכטע קאָרטן (בער׳ 1568).
8. אין רחם בקאָרטן! (בער׳ 3170).*[32]
9. איך האָב זיך מיט דיר אין צייכן ניט געשפּילט! (באַס׳ ז׳ 75).
10. אַ פּײַפּיקע קאָרט (באַס׳ ז׳ 65).
11. אַ קאָרט, אָדער אַ פּאַלקע! (בער׳ 3171).
12. אַ קאָרט האָט פּײַנט אַ ווײַב און אַ טישטעך (באַס׳ ז׳ 9).
13. אַ קאָרטנשפּילער איז אַ בריליאַנט (בער׳ 3174).
14. געפּוצט ווי שיפּע מלכּה! (טענדלוי נומ׳ 555).
15. געפּוצט ווי שיפּע מלך! (דאָרט).
16. דער גילט שיפּע זיבענכע! (טענדלוי נומ׳ 233).
*16. דער ערשטער געווינער איז דער לעצטער פֿאַרשפּילער (בער׳ 881).
17. וואָס אין קאָרט שטייט! (באַס׳ ז׳ 65).[33]

---

[30] כּהן, 500 יודישע פֿאָלקסטימלעכע שפּריכווערטער, לאָנדאָן [דרוקיאָר פֿעלט], ז׳ 4, נומ׳ 127.

[31] בײַ מענדעלען: ווער עס שטעלט ניט אײַן — נעמט ניט אויס, ב׳ XII, ז׳ 21 (מאָמענט־אויסגאַבע).

[32] אַרכיוו פֿאַר יידישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור־פֿאָרשונג און עטנאָלאָגיע, וואַרשע, 1926—1933, ב׳ I, ז׳ 276, נומ׳ 134.

[32*] לעווינסקי (ווײַטער הערה 54) שרײַבט: „דען ס׳איז שוין אין דער וועלט אַן אַלטער כּלל: אין רחמים בקאָרטן. כּל־זמן דו ביסט געווען אַ „קאָזיר״ האָט מען פֿאַר דיר אָפּשײַ געהאַט, מורא געהאַט, כּבֿוד אָפּגעגעבן; ביסטו געוואָרן אויס „קאָזיר״ — הייסט עס: אויס צימבלער, אַראָפּ פֿון דער מדרגה, גיי צוריק צווישן די „גישטעלעך״... וואָרעם „אין רחמים בקאָרטן״. אָט די צוויי גרונט־כּללים, עיקרי התּורה: „עלטער״ און „קאָזיר״, מיט דעם פּירוש פֿון: „אין רחמים בקאָרטן״ זײַנען געווען גאַנץ גענוג אום צו האַלטן אָרדענונג אין דעם קאָרטנוועלטל״.

[33] אַן אַנדער גירסא: וואָס אין דער קאָרט. זען אויבן ז׳ 138 דעם ציטאַט פֿון שלום־עליכם. עלזעט ברענגט פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים: „חנפֿהנען צבועטשען וואָס אין דער קאָרט״, „אַ גנבֿ, אַ ליגנער, אַלצדינג וואָס אין דער קאָרט״. אַהרן צייטלין: „מען שרײַט, אַז אַ ייִד איז וואָס אין דער קאָרט״ (דער מאָרגן־זשורנאַל, 8טן יוני, 1945, ז׳ 7); יעקבֿ גלאַטשטיין: „ער האָט זיי באַשולדיקט וואָס אין דער קאָרט״ (דאָרט, 1טן יולי, 1945, ז׳ 4). באַסטאָמסקי דערקלערט קורץ: מיט אַלע חסרונות. עלזעט וויל האָבן: „אַזוי ווי נאָך אַלעמען בלײַבט די רעדנסאַרט „וואָס אין דער קאָרט״ אַ טונקעלע און פֿון אומבאַשטימטער אָפּשטאַמונג, וויל איך גלייבן דאָס

18. ווען צוויי שפּילן (אין קאָרטן), מוז איינער געווינען און איינער פֿאַרלירן (בער׳ 3922).
19. זאַקראַטשינער קאָרטנשפּילער.[34]
20. מאַכן אַ שניצער (באַס׳ ז׳ 122).
21. מיט „שרגא״ רופֿט מען אויף, אָבער אַ קאָן קען מען ניט אויס־נעמען (בער׳ 3935).[35]
22. ס׳איז אַ קאָרט! (וואַריאַנט: אַ קאָרטנשפּיל), ד״ה אַ ריזיקע (באַס׳ ז׳ 65).
23. ס׳שפּילט אַ קאָרט, ד״ה עס גייט גוט (באַס׳ דאָרט).
24. ער האָט שׂכל, ווי דער אייבער אייכל (בער׳ 3798).[36]
25. ער לערנט קליין ש״ס (בער׳ 3894).
26. ער מעג שפּילן אויף אַלע חתונות (קאַטאָוועס אויף אַ שלעכטן קאָרטנ־שפּילער — בער׳ 3923).
27. ער שפּילט אַן אָפֿענעם איין־און־דרײַסיק (בער׳ 126).
27. פֿון קליין ש״ס ווייס ער נאָר — פּאַס.[36]
28. קאָרטן האָבן אין זיך אַ מאַגנעט (בער׳ 3172).
29. קאָרטן זײַנען אַ שׂטן (בער׳ 3173).[37]
30. קאָרטנגעלט גיט מען ניט אָפּ (באַס׳ ז׳ 9).[38]

די תּחילתדיקע פֿאָרעם איז געווען „אויסרעדן וואָס אין דער קאָרט״. ער ברענגט פֿון דינעזאָנען „ער צערעדט דאָרטן וואָס אין דער קאָרט שטייט״ (עלזעט האָט בטעות פֿאַרבונדן אויך אַ טייל פֿון צווייטן זאַץ „און מאַכט אָפּ חוזק״ און ציטירט: „ער צערעדט דאָרטן וואָס אין קאָרט שטייט און מאַכט חוזק״). ספּעקטאָר: „פֿלעגט מען אויף מיר אויסטראַכטן וואָס אין דער קאָרט שטייט״, אַ. מ. דיק: „ווײַל דער בעל שם האָט בײַ נאַכט אויסגערעדט אויף מיר וואָס אין קאָרט שטייט״, „זיי האָבן אויף אים אויסגערעדט וואָס אין קאָרט שטייט, אויף אים און אויף זײַן ווײַב״. בײַ שלום־עליכמען: „אָט דאָ מעגט איר אויף זיי זאָגן וואָס אין דער קאָרט״ („וואָס איז חנוכּה?״). דעריבער מיינט עלזעט, אַז „עס האָט זיך גענומען פֿון די קאָרטנוואַרפֿער וועלכע פֿלעגן אַרויסלעזן פֿון די קאָרטן וואָס ס׳האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט״. מיט הונדערט יאָר צוריק, שפּ׳ 74—76.

[34] נח פּרילוצקיס זאמלביכער פֿאַר יידישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע, וואַרשע, 1912, ב׳ I, ז׳ 32.

[35] וואָרטשפּיל: שרגא, נאָמען, דער שם הקודש פֿון פּיוט, ווערט אויפֿגערופֿן מיט דעם נאָמען צו דער תּורה, און שרגא, ראָשי־תּיבֿות פֿון די פֿיר פֿאַרבן: שעל, רויט, גרין, אייכל, ווערטלאָזע קאָרטן אין שפּיל.

[36] בערנשטיין דערקלערט: „אייבער אייכל הייסט אַ פֿיגור אין דערדע־קאָרטן; ווערט געברויכט פֿון אַ שוטה. דערדע = אַ קאָרטנשפּיל״. דערקעגן שרײַבט אַן אַלטער קאָרטנשפּילער: „אויף אַ קאָרטנשפּילער בן קאָרטנשפּילער האָט מען געזאָגט בײַ אונדז אין צויזמער — „ער איז דעם אייבער אייכלס אַן אייניקל״, דאָס איז אַ גוואַלדיקער יִחוס אין די אויגן פֿון דער קאָמ־פּאַניע אַרום דעם גרינעם טישל״, יידישע שפּראַך, ב׳ IV, נומ׳ 2, ז׳ 61.

*[36] יידישע שפּראַך, ב׳ V, נומ׳ 3, ז׳ 88, נומ׳ 575.

[37] „קרטן״ און „שׂטן״ באַטראַפֿן די זעלבע צאָל 359, זען אויבן ז׳ 94, הערה 20.

[38] אַזוי פּסקנט אַ יידיש ווערטל. לויטן געזעץ איז נאָך אַ שאלה. זען לעאָן שאַפּיראָ, „קען מען צוריקמאָנען געלטער וואָס מען פֿאַרשפּילט אין קאָרטן אָדער אין וועטן זיך?״ דער מאָרגן־זשורנאַל, 6טן נאָוועמבער, 1940.

31. שפּיל בײַ נאַכט (אָדער: אין ווינטער) אין קאָרטן! (בער׳ 3924).[39]
32. תּבֿואה־האַנדל איז אַ קאָרטנשפּיל (בער׳ 3956).[40]

זייער אָפֿט באַנוצט מען זיך מיט שפּיל־לשון אין דער כּלל־שפּראַך, לשם בילדלעכקייט. קאָרטנשפּראַך האָט זיך אַנטוויקלט אין אַלע לשונות. אין ענגליש האָב איך דאָס נאָך אָפֿטער באַמערקט ווי אין יידיש. ווען איך זאָל אָנהייבן מיט פֿאַרגלײַכונגען איז אין לדבֿר סוף.[41]

שוין אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור געפֿינט מען: „מיט דעם לעבן טואט מן גראד אודר אום גראד שפּילין".[42] אין זעלבן זינען בײַ מענדעלען: „געשטעלט אין קאָן זייער לעבן".[43] בײַ שלום אַשן געפֿינען מיר אַזאַ אויסדרוק: „צווישן אונדז איז דורכגעלאָפֿן אַ טויז פּיק".[44]

---

[39] בערנשטיין טײַטשט אויס: „זאָגט מען, ווען די קאָרט גייט ניט, און מען ווילל די שולד אַרויפֿוואַרפֿן אויף דער נאַכט, אָדער אויפֿן ווינטער". אַזאַ אויסטײַטש איז ווײַטלויפֿיק. עס מיינט פּשוט, די לאַנגע ווינטערנעכט זײַנען די בעסטע און פּאַסיקסטע צײַט צום שפּילן. טאַקע אָט ברענגט טאַקע, אַז דעם באַוווסטן מאמר פֿון ריש־לקיש „לא איברי ליליא אלא לגירסא" (די נאַכט איז באַשאַפֿן נאָר צום לערנען), טײַטשן חבֿרה־שפּילער אויס „לגירסא", לערנען „ש״ס קטן" (י. ח. טביוב, אוצר המשלים והפתגמים, ברלין, תּרפ״ב, ז׳ 154, נומ׳ 1944).

יהודה עלזעט שרײַבט: אין די גרויסע ווינטערנעכט שפּילט דער עולם אין קאָרטן, דעריבער באַציט זיך צום פּזמון פֿון עשׂרה בטבֿת אַ קאָרטנלידל:

אבותי כי בטחו —
ברידערשי, וואָס האָסטו?
האָסטו מלכּה, מלך, טויז,
טאָ נעם אויס;
האָסטו, אָבער, ניש,
טאָ לאָז ס׳געלט אויפֿן טיש.

(דער וואונדער־אוצר פֿון דער יודישער שפּראַך, 1טער טייל, דאָס דאַוונען, וואַרשע, תּרע״ח, ז׳ 59.

אַ יידישער דיכטער באַדויערט:

ווי אַ דאַר פֿאַרבליבן פֿישל,
וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט דאָרטן,
און — געזעצט זיך אַרום טישל
און — פֿאַרשפּילט די נאַכט אין קאָרטן.

(י. י. סיגאַל, מײַן ניגון, מאָנטרעאָל, 1934, ז׳ 330).

[40] שלום־עליכם האָט דאָס ווערטל שפּראַכלעך אויסגענוצט, שרײַבנדיק: „די בערזע איז נאָר אַ קאָרטנשפּיל", „די בערזע איז אַ קאָרט" („יקנה״ז").

[41] נאָר איין בײַשפּיל פֿון קאָרטנשפּראַך איז כּדאַי צו ברענגען פֿון דעם יאַפּאַנעזישן אַדמיראַל איסאָראָקו יאַמאַמאָטאָ, אַליין אַ פּאָקער־שפּילער, דער וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער וועט דיקטירן די שלום־באַדינגונגען אין ווײַסן הויז אין וואַשינגטאָן. נאָך פּוירל־האַרבאָר האָט ער זיך אויסגעדריקט: „אַמעריקע האָט געהאַט אַ פֿול הויז, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ ראָיאַל פֿלאָש". *The New York Times*, May 22, 1943, p. 5.

[42] שמחת הנפש, פֿיורדא, תּפ״ז, ז׳ יד/ב.

[43] ב׳ XV, ז׳ 44, מאָמענט־אויסגאַבע.

[44] בלעטער, ז׳ 220. מיט אַ ווײַס פֿרײַער: די טויז „פּיק"... איז די קאָרט פֿון טויט... זי איז אויך די קאָרט פֿון ליבע.

וואָס דער מקור איז פֿאַר דעם — ווייס איך נישט. גאַנץ מיגלעך, אַז אין געוויסע טאַליעס האָט די טויז פּיק געהאַט אַ בילד פֿון טויט, אַזוי ווי אַזאַ בילד האָט זיך געפֿונען, אין איטאַליענישע קאָרטן, אויף דער קאָרט 13, דעריבער, לויט אַ השערה, איז 13 אַ שלעכטע צאָל.

נחום שטיף, ווען ער שרײַבט וועגן ייִדישער קולטור אַקעגן דער העב־רעיִשער קולטור, דריקט ער זיך אויס: „זי דאַרף ניט זײַן דווקא גרויס, הוילע טײַז, זי קאָן זיך פֿאַרגינען נײַנטלעך אויך".[45]

א. טשעריקאָווער שרײַבט אין זײַנס אַן עסיי: [45*] „מיר האָבן געשטעלט אויף דער קאָרט פֿון עמאַנציפּאַציע און ברידערלעכקייט פֿון אַלע מענטשן — און די קאָרט איז געשלאָגן".

נאָך אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע בײַשפּילן פֿון שרײַבער און זשורנאַליסטן. יעקבֿ פֿישמאַן אין זײַן קאָלום „פֿון טאָג צו טאָג" באַנוצט אָפֿט קאָרטן־לשון. ער רעדט וועגן „אַרויפֿלייגן 'אָפֿענע קאָרטן' אויפֿן טיש. דאָס איז גיכער ווי צו 'באַהאַלטן אַ טויז אין אַרבל'".[46] אָדער אַן אַנדער פֿאַל: „אין פּראָסטע ווערטער האָט עס געמיינט, אַז די קאָרטן זײַנען אונטערגעטאַשט קעגן אים".[47] גדליה בובליק שרײַבט אין אַ לייט־אַרטיקל: „און דער ענגלישער מיניסטער האָט אויפֿגעדעקט די קאָרטן וואָס דער קאָלאָניאַל־אָפֿיס טראַכט וועגן דער צוקונפֿט".[48] ד"ר אַ. מוקדוני: „דאָס זײַנען ייִדן ניט קיין שיפֿע זיבעלעך, דאָס זײַנען ייִדן, וואָס זייער לעבן איז אַ מסוכּנדיקער, געוואַגטער שפּיל".[49] דאָס זעלבע אפֿרים אויער־

---

[45] בעל דמיון, ייִדיש און ייִדישע קולטור, קאָוונע, 1922, ז' 11; ייִוואָ־בלעטער, ב' V, ז' 221, הערה 18.

[45*] אין זײַן אַרטיקל „די טראַגעדיע פֿון אַ שוואַכן דור", אויפֿן שיידוועג, פּאַריז, 1939, I, ז' 26.

[46] דער מאָרגן־זשורנאַל, 31סטער מאַרץ, 1934. ער ברענגט „אָפֿענע קאָרטן", אין גענדזנ־פּיסלעך, ווי אַ קאָרטן־טערמין, פּונקט ווי מען זאָגט „ס'איז אַן אָפֿענער זעקס־און־זעכציק", „אָפֿענער איין־און־דרײַסיק" אָדער: איין־און־צוואַנציק. אויך אין העברעיִשן: „... מוטב שהקלפים יהיו גלויים, תחת לכסות את האמת המרה", ד"ר ניסן טורוב, הדואר, תש"ה, נומ' 29, ז' 616/ב.

[47] דאָרט, 1טן יאַנואַר, 1945. דעם זעלבן אויסדרוק „עס איז אָבער קענטיק, אַז די קאָרטן זײַנען דאָ אונטערגעטאַשט קעגן אונדז", איבערגעחזרט דאָרט, 12טן נאָוועמבער, 1945. פֿישמאַן שרײַבט וועגן דער אַמעריקאַניש־ענגלישער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע: „אָבער טראָץ דעם וואָס מיר ווייסן ווי די קאָרטן זײַנען שוין אונטערגעטאַשט אין דער קאָמיסיע", דאָרט, 30סטן דעצעמבער, 1945; „אַז לאָנדאָן האָט שוין אונטערגעטאַשט די קאָרטן פֿאַר ייִדן בײַ אירע קאָמיסיע־מיטגלידער", דאָרטן, 14טן יאַנואַר, 1946.

[48] דאָרט, 26סטן יאַנואַר, 1945. אַן אַנדערש מאָל: „ארץ־ישׂראל שטייט אין קאָן, מיר מוזן דעם קאַמף געווינען", דאָרט, 26סטן אָקטאָבער, 1945.

[49] דאָרט, 22סטן סעפּטעמבער, 1943, „ביכער און שרײַבער".

נאָך אַ בײַשפּיל פֿון דער גאָר לעצטער צײַט, ווי ווײַט שפּיל־לשון איז משפּיע אויף צײַטונגס־לשון: מוקדוני שרײַבט אין אַן אַרטיקל וועגן פֿאַשיסטן: „אָבער עס זײַנען דאָ פּאָליטישע געמבלער, פּאָליטישע אַזאַרטשפּילער און פּאָליטישע שווינדלער, וואָס ווילן נאָך אײַנשטעלן און אַ שפּיל טאָן אויף זײַן אַמאָליקער פּאָפּולאַריטעט. געמבלער זײַנען זייער און זייער אָבערגלויביק, זיי וועלן קיין מאָל ניט אויפֿגעבן אַ געטשקע זייערן... האָבן די פֿאַשיסטן אַ נײַעם, אַן אומדערוואַרטעטן טריומפֿקאָרט", דאָרט, 2טן יאַנואַר, 1946. אַנדערע מיטאַרבעטער פֿון דער זעלבער צײַטונג דריקן זיך אויס: „די אַטאָמישע באָמבע איז איצט די שטאַרקסטע קאָרט אין זייערע אינטריגעס", ש. ל. שנײַדערמאַן, דאָרט, 3טן דעצעמבער, 1945; „דאָס איז געווען גאָר אַ גרויסע קאָרט", שרײַבט א. קריטשמאַר־יזרעאלי וועגן אַ קריסטלעכן עדות בײַ דעם ארץ־ישׂראל־פֿאַרהער, דאָרט, 17טן יאַנואַר, 1946.

באַך: „אַזוי ווי ער איז קיין מאָל נישט קיין שיפּע זיבעלע און לאָזט זיך נישט אַרונטערפֿירן פֿון דעם דרך הישר".[50] לייבוש לעהרער: „ספּעציעל ווען ייִדן שטייען אין קאָן".[51] אַהרן צייטלין פֿאַרגינט זיך אַ פֿאַרגלײַך:

אַן אַלטער ייִד אָן אַ באָרד,
ווי אַ יאָלדישער מלך אויף אַ קאָרט.[52]

זאָל דאָ נאָך געבראַכט ווערן אָן פּירושים דער עלעגיש רירנדיקער פֿערז פֿון דער העלדישער ייִדישער פּאַראַשוטיסטקע חנה סענעש פֿון ארץ־ישׂראל, וואָס האָט אין איר לעצטן ליד „בכלא" (אין תּפֿיסה) פֿאַרגליכן איר יונג לעבן צו אַ ווערפֿלשפּיל: „איך האָב געשטעלט אויף אַ דרייסטער שפּיל. דער ווערפֿל האָט אַ טאַנץ געטאָן און אים פֿאַרלוירן".*[52]

אַזעלכע אילוסטראַציעס קען מען ברענגען אָן אַ שיעור. ס'איז ווערט אַ שטודיע פֿאַר זיך אַליין. דאָס וואָס איך האָב באַטירט פֿון דער פּרעסע, איז נאָר וואָס איך האָב געלייענט צופֿעליק אין אַ בערך קורצער צײַט און ווי מען קען זען, כּמעט פֿון איין צײַטונג. איך וויל נאָר אָנווײַזן דאָ אויף נאָך אַן אויסדרוק „קאָרטנשטיבל", וואָס ווערט זייער אָפֿט באַנוצט. גדליה בובליק רופֿט אָן אַ גאַנצן קאַפּיטל פֿון זײַן בוך מן המצר „אַ הויז פֿון קאָרטן" און אין דער אַרגו־מענטאַציע: „אַ קאָרטנשטיבל וואָס אַ קינד שטעלט אויף איז פֿעסטער געבויט ווי די געביידע פֿון אַ נאַציאָנאַליזמוס־אָן־יודענטום, מיט וועלכע מען וויל מזכּה זײַן דאָס פֿאָלק ישׂראל אויף דער עלטער".[53] אין אַ הומאָריסטיש בלאַט דער פּסחדיקער ראָסל, רעדאַקטירט פֿון טונקל־מונקל, וואַרשע [1914], באַצירט די פֿראָנטזײַט אַ קאַריקאַטור באַטיטלט: „דאָס פֿאָלק — די יובילאַרן". ווי אַ ייִד דערלאַנגט אַחד־העמען, פֿרישמאַנען און ד"ר נ. בירנבוימען קאָרטנשטיבלעך, אַנ־שטאָט גיטער און נחלאָות, ווי די אומות־העולם זײַנען זיך נוהג.

אַנדערע שרײַבער גייען נאָך ווײַטער ווי נוצן איינצלנע אויסדרוקן פֿון שפּיל־לשון. אַ. ל. לעווינסקי, למשל, האָט אין אַ פּאָליטישן פֿעליעטאָן „אַ ביסל קאָרטן־געשיכטע" געשריבן אַלעגאָריש וועגן דער מלחמה צווישן די „דאַמע טרעף" (רוסלאַנד) און „דאַמע בובנע" (יאַפּאַן) און האָט אַרײַנגעזאָגט פֿאַניען פֿאַרשטעלטערהייט, ניט געקוקט אויף דער שטרענגער צענזור, אַלץ וואָס נאָר אויפֿן ייִדישן האַרץ. צום סוף גיט ער צו: „עס הערט זיך אַ קול, אַז אייניקע 'וואַלעטן', באַזונדער דער 'טשערוואָני וואַלעט', האָבן שוין טאַקע אָנגעוויזן אויף

---

[50] דאַרט, 24סטן אַפּריל, 1945.

[51] אידישער קעמפּער, 16טן מאַרץ, 1945, נומ' 591, ז' 5. אַגבֿ רירט ער דאָרט אויך אָן די קאָרטנשוואַכקייט פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן: „ווער עס ווייס מיר וואַרפֿן אין פּנים אַרײַן די 'ייִדישע' קאָרטן וועל איך אים צוריקוואַרפֿן די 'גויִישע' פֿערדלעך". יעקבֿ קרעפּליאַק, אין זײַן לעגענדע פֿאַרבלאַנדזשעט, שרײַבט עטלעכע מאָל: „ייִדן שטייען דאָך אין קאָן", „ייִדן שטייען אין קאָן".

[52] אידישער קעמפּער, פּסח, תּש"ה, 30סטן מאַרץ, 1945, נומ' 593, ז' 39.

*[52] בן לוי, „ווי חנה סענעש איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין אונגאַרן", דער מאָרגן־זשורנאַל, 21סטן יאַנואַר, 1946.

[53] מן המצר, ניו־יאָרק, 1923, ז' 270.

ייִדן, דאָס זיי זײַנען אין גאַנצן שולדיק אין דער מחלוקה, ...און ייִדעלעך איז חנוכּה פֿאַרשטערט. מען שפּילט ניט אין קאָרטן, מען איז פֿאַרטיפֿט אין טרויעריקע געדאַנקען און מען טראַכט: וואָס וועט זײַן?״ [54]

אַן אַנדער פֿעליעטאָניסט, קאַליף, האָט געשריבן וועגן ייִדישע פּאַרטייען אונטערן נאָמען „אַ ייִדישע אָקע״:

> אַ מאָל האָבן ייִדן געשפּילט אַן אָקע איין וואָך אין יאָר, חנוכּה. מיט דער צײַט איז עס געוואָרן אַ נאַציאָנאַל שפּיל, און ייִדן שפּילן עס אַ גאַנץ יאָר. מען האָט ליידיקע קאָרטן, חושכדיקע שרגא, און מען מאַכט אָנשטעל, מען רודערט אַ וועלט.
>
> זיצט אַ טעריטאָריאַליסט, אַ ציוניסט, אַן אָרטאָדאָקס, אַן אַסימי־לאַטאָר, אַ ייִדישיסט און אַ העברעיִסט און שפּילן די שעלמישע און טריפֿה אָקע פֿאַר די אויגן פֿונעם כּלל ישׂראל.
>
> און ווײַל קיינער האָט אין האַנט גאָרניט, ווײַל אַלע האָבן שרגא, דעריבער איז דאָס שפּיל זייער היציק און ברענענדיק, דעריבער קאָכן זיך אַלע, דעריבער פּילדערן זיי און ליאַרעמען.[55]

מיט שפּראַך־בילדלעכקייט איז אויך פֿאַרבונדן וואָרטשפּיל. אַנדערע וואָרט־שפּילן זײַנען דירעקטע קאָרטנוויצן און אַנעקדאָטן. אָבער איין וואָרטשפּיל, זייער פֿאַרשפּרייט און פּאָפּולער, איז פֿאַרבונדן מיט צדקה און צדקות. דאָס וואָרטשפּיל איז צוגעשריבן צו איינעם פֿון די גרעסטע רבנישע פּערזענלעכקייטן אין לעצטן יאָרהונדערט, צום לעצטן גאון פֿון דײַטשלאַנד, דעם פּויזענער רבֿ ר׳ עקיבֿא אייגער (תּקכב—תּקצח), וועלכער איז צוליב מעשׂים־טובֿים געוואָרן פֿאַר אַ ווײַלע אַ קאָרטנשפּילער.

ס׳ווערט דערציילט, אַז איין מאָל, שפּעט בײַ נאַכט, ווען רבי עקיבֿא אייגער איז געזעסן, ווי דער שטייגער, פֿאַרטיפֿט אין לערנען, איז אַרײַנגעקומען אַ קליין מיידל און האָט אים איבערגעגעבן אַזאַ בריוול:

> ליבער הער ראַבינער! אין מײַן גרויס נויט מוז איך מיך ווענדן צו אײַך. מײַן פֿרוי איז געלעגן געוואָרן מיט דעם זעקסטן קינד. אין מײַן שטוב הערשט גרויס נויט, די קימפּעטאָרין ליגט פֿאַרשמאַכט, און איך האָב ניט מיט וואָס צו דערהאַלטן איר לעבן. איך בין אַפֿילו אַ גוטער אַרבעטער, אָבער איך קען אַ גאַנץ יאָר ניט פֿאַרדינען אַזוי פֿיל, וויפֿל איין קאָרטנשפּילער קען פֿאַרשפּילן אין איין נאַכט אין סוחרים־קלוב.
>
> ראַטעוועט און העלפֿט, הער ראַבינער, אַ שוואַכע פֿרוי!
>
> יאַקאָב הערץ

דער רבֿ, גערירט ביז טרערן, איז צוזאַמען מיטן מיידל, אַוועק אין סוחרים־קלוב. ווי רבי עקיבֿא אייגער איז איבערגעטראָטן דעם שוועל פֿון קלוב, איז דער גאַנצער עולם אויפֿגעשטאַנען מיט יראת־הכּבֿוד פֿון די ערטער און איבערראַשט האָבן זיי אים געפֿרעגט: „הער ראַבינער, וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?״ „שטערט אײַך ניט״ — האָט דער רבֿ געענטפֿערט — „שפּילט ווײַטער, איך וויל מיטשפּילן״.

---

[54] דער פֿרײַנד, חנוכּה־נומער (בײַלאַגע), 1904, ז׳ 21—22.

[55] ייִדישעס טאַגעבלאַט, ניו־יאָרק, 29סטן דעצעמבער, 1912, ז׳ 4.

דער עולם האָט געמיינט, אַז דער רבֿ טרײַבט קאַטאָוועס, אָבער ער האָט זיך אָװעקגעזעצט און אַ זאָג געטאָן: „איך שפּאַס ניט, גיט מיר קאָרטן".

דער עולם, הגם מיט חשד, האָט בדלית ברירה אים אויך געגעבן קאָרטן. ווען אַלע האָבן שוין געהאַט געוואָרפֿן די קאָרטן, האָט דער רבֿ אַרויסגענומען דעם בריוו, אַ וואָרף געטאָן אויפֿן קאָרטנטיש און אויסגערופֿן אויפֿן קול: „הערץ איז טרומף!"

ווען דער עולם שפּילער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם אינהאַלט פֿון דעם בריוו, האָבן אַלע מסכּים געווען: „דער ראַבינער האָט געוווּנען!" ניט נאָר האָט מען דעם רבֿ אַוועקגעגעבן די גאַנצע סטאַווקע, נאָר אַלע שפּילער האָבן נאָך צוגעלייגט פֿון זייערע קעשענעס, ביז ס'איז געוואָרן אַ היפּשע סומע געלט. נאָך דעם האָט דער רבֿ באַגלייט דאָס מיידעלע אַהיים צו אירע אָרעמע עלטערן.[56]

אַן ענלעכע מעשׂה דערציילן די ליטווישע ייִדן פֿון דעם באַוווּסטן צדיק ר' נחומקע האָראָדנער (תקעב—תרמ), דער פֿאָטער פֿון אָרעמע, יתומים און אַלמנות. ר' נחומקע איז אַ מאָל פֿאַרבײַ אַ הויז, האָט ער געזען ס'איז ליכטיק, וואַרעם, דער טיש געגרייט מיט כּל־טובֿ און אויפֿן טיש — אַ קופּע מיט געלט, אָבער קיינער איז נישטאָ. ערשט אויף ר' נחומקעס רופֿן, האָבן חבֿרה־שפּילער, וואָס האָבן זיך פֿאַר חרפּה געהאַט באַהאַלטן מיט די קאָרטן אונטערן טיש, אויס־געבראָכן אין אַ געלעכטער. האָט ר' נחומקע געפֿרעגט צי ער מעג נעמען דאָס געלט פֿון טיש, כּדי פֿונאַנדערטיילן צו נצרכים. די שפּילער האָבן פֿון אונטערן טיש אָפּער געענטפֿערט: „נעמט, רבי, דאָס געלט און גייט געזונטערהייט". און ווי ער איז אַוועק האָבן זיי ווײַטער געשפּילט.[57]

יהודה אפל [עפּל] ברענגט עטלעכע עפּיזאָדן וועגן קאָרטנשפּילער אין „ירו־שלים דליטא". ער ברענגט אַפֿילו אַ פֿאַל, אַז איינער אַן אָנגעזעענער בעל־הבית,

---

[56] די מעשׂה איז, ווײַזט אויס, אַרומגעגאַנגען אין פֿאָלק. איך האָב זי געבראַכט, מיט געוויסע שנויים, לויט דעם מקור, וואָס זעט אויס צו זײַן צום נאָענטסטן צום פֿאָלקס־נוסח: דער לוסטיגער הויז־פֿרײַנד, פֿון דעם וויצעקעניג ישׂראל איזביץ, ס"ט לויס, תרע"ט, ז' 92, נומ' 310. אין פֿאָרעם פֿון אַ דערציילונג, מיט מער פּרטים, איז דאָס געדרוקט אין:

Populär-wissenschaftliche Monatsblätter zur Belehrung über das Judentum für Gebildete aller Konfessionen, von Dr. Adolf Brüll, Frankfurt am Main, 1898, Vol. 18, pp. 6-9. "Der Rabbi und die Ressource."

דאָ ווערט נאָר דערמאָנט דער בריוו און אַז „הערץ איז טרומף" — אָבער פֿאַר וואָס דווקא ה ע ר ץ איז טרומף, בלײַבט אומבאַוווּסט. פֿון דעם מקור איז דאָס בקיצור איבערגעדרוקט אין:

Leopold Wreschner, *Rabbi Akiba Eger, der letzte Gaon in Deutschland.* Frankfurt am Main, 1906, p. 112.

גאָר פֿאַרקירצט ווערט דאָס געבראַכט פֿון שאָול בלום, גדולי ישׂראל, חיי הגאון רבנו רבי עקיבא איגר, וואַרשע, תרצ"ח, ז' 73 (זען אויך דאָרט הערה 202 וועגן דעם רבין ר' בונים פֿון פּשיסכע. זײַענדיק אין דאַנציק פֿלעגט ער שפּילן מיט די „טײַטשן", מיט דער כּוונה זיי מחזיר־למוטבֿ צו זײַן); א. עובדיה, רבי עקיבא איגר, ירושלים, תרצ"ח, ז' 38; הרב יהודה ליב הכהן פישמן, שרי המאה, ירושלים, תש"ג, חלק שני, ז' 213, צווייטע אויפֿלאַגע. ירושלים, תש"ד, ז' 250. פֿישמאַן איז דער איינציקער וואָס ברענגט אין גאַנצן אַן אַנדער סיפּור־המעשׂה.

[57] ישׂראל דוד מיללער, תולדות מנחם, פּיעטריקאָוו, תרע"ג, ז' 118.

אַ גרויסער יחסן און למדן, האָט פֿאַרשפּילט אַ „הויף", וואָס איז נאָך דעם פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר אַכציק טויזנט רובל. די רבנים האָבן גענומען בײַ אים אַ תּקיעת־כּף, ער זאָל אויפֿהערן שפּילן, נאָר עס האָט אויך נישט געהאָלפֿן, אין גיכן האָט ער ווײַטער אָנגעהויבן שפּילן און פֿאַרשפּילן.

די משׂכּילים וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום יוסף פּרידלענדער, אַ גע־ענדיקטער פֿון ראַבינער־שול און אַ גרויסער נכבד אין ווילנע, פֿלעגן אויך שפּילן, אָבער ס'רובֿ צוליב צײַטפֿאַרטרײַב, הגם זיי האָבן זיך אויך נישט אָפּ־געזאָגט פֿון די געווינסן.

איין מאָל קומט דער מלומד יונה גערשטיין צו פּרידלענדערן און ווײַזט אים די נײַע געקויפֿטע הויזן און רופֿט זיך אָפּ צו אים:

— יאָזעף, יאָזעף, דו זעסט מײַנע קאָרטענע הויזן?

פּרידלענדער טאַפּט די סחורה און וווּנדערט זיך:

— דאָס איז דאָך גאָר טוך!

— יאָ, טוך — אָבער קאָרטענע, וואָס איך האָב געוווּנען בײַ אַבא סירקין.[58]

דערפֿאַר ווייסן די חסידים צו דערציילן וועגן „קאָרטענע הענט".

צווישן די תּלמידים פֿון דעם באַוווּסטן גאָון און רבין ר' אַבֿרהם סאָכי־טשעווער (תּקצט—תּרע) זײַנען געווען עטלעכע געכאַפּט אין קאָרטנשפּיל. פֿאַר חנוכּה האָט זיי דער רבי שטרענג אָנגעזאָגט למען השם ניט צו שפּילן. איינער פֿון די תּלמידים האָט זיך ניט געקענט באַהערשן און געשפּילט. צו מאָרגנס, בײַם שיעור, האָט דער זעלבער תּלמיד אומבאַוווּסטזיניק אַ הייב געטאָן די האַנט און אַרויפֿגעלייגט פֿאַר אַ ווײַלינקע די שפּיץ פֿינגער אויפֿן טיש און גלײַך צוריקגעצויגן. אין דער זעלבער רגע האָט ר' אַבֿרהמל סאָכיטשעווער אויפֿגע־הויבן די אויגן פֿון דער גמרא, וואָס דאָס פֿלעגט פּאַסירן זייער זעלטן, און דערזען דעם תּלמידס האַנט־באַוועגונג, האָט ער אַ געשרײַ געטאָן: „אוי, וואָס זע איך, אַ קאָרטנהאַנט זע איך?!

ער האָט גלײַך פֿאַרמאַכט די גמרא, אַרויסגעטריבן דעם תּלמיד, דערנאָך צוריקגעגאַנגען צום שיעור.[59]

דער יידישער לעבנס־שטייגער אין אַמעריקע האָט זיך אַנטפּלעקט גאָר בולט דורך אַ קאָרטנוויץ געבויט אויף אַ וואָרטשפּיל. אַ רבֿ וואָס האָט געהאַלטן אין אָננעמען אַ שטעלע אין אַ ברוקלינער שול האָט געוווּסט, אַז זײַן אַקצענט איז ניט איבעריק גוט, דעריבער האָט ער געזען צו נוצן אין זײַן פּראָבע־דרשה הויכע פֿראַזעס. ער האָט פֿאַרענדיקט זײַן גוט אויסגעחזרטע דרשה: „אַ שטודיע אין יידישן לעבן אין דעם לאַנד וועט אונדז איבערצײַגן, אַז אויב דער ייד האַלט זיך לאָיאַל בײַ זײַן גלויבן, וועט ער נאָך אַ מאָל דערגרייכן דעם שפּיץ (פּי־

---

[58] יהודה אפל, בתוך ראשית התחיה, תל־אָבֿיבֿ, תּרצ"ו, ז' 65—66.

[59] צבֿי יהודה הלוי מאַמלאָק, אביר הרועים, פּיעטריקאָוו, תּרצ"ה, חלק ראשון, ז' צה, סימן קעד.

נאַקל) פֿון זײַן רום" (he will once again attain the pinnacle of his glory). נאָך דער דרשה האָבן זיך די טראַסטיס צונויפֿגעקליבן אין אַ ווינקל פֿון שול צו דיסקוטירן ניט אָפֿיציעל וועגן דעם רבֿ. „איך האַלט, אַז ער איז דער ריכטיקער מאַן, וועמען מיר זוכן" — האָט געזאָגט דער פּרעזידענט — „ער איז איינער פֿון אַנשי שלומנו, אַ נאַש בראַט, ער שפּילט פּינאַקל"[60] (אַ וואָרטשפּיל צווישן pinnacle — שפּיץ, הייך און pinochle — אַ קאָרטנשפּיל).

מיט דעם מאַטעריאַל וואָס איך האָב געבראַכט אין דעם קאַפּיטל בין איך אויסן עפּעס מער ווי אַ פּרווו, ווען אַפֿילו איך האָב ווײַט נאָך נישט אויסגעשעפּט דעם ייִדישן שפּראַכלעכן וווּנדער־אוצר.[61]

די אַלע וואָס האָבן ביז איצט געשריבן אויף דער טעמע, האָבן ניט מער ווי גאַנץ אויבן אויף אָנגערירט דעם ענין.

אַזוי ווי מיר פֿאַרמאָגן ליידער נאָך נישט קיין ייִדישן אַקאַדעמישן ווערטערבוך, וווּ מיר זאָלן קענען געפֿינען אַלע שפּיל־לשונות און טעכנישע אויסדרוקן — בין איך צום סוף בוך מוסיף אַ רשימה כּדי מעורר צו זײַן צו ווײַטערער פֿאָרשונג.

---

[60] S. Felix Mendelsohn, *Let Laughter Ring*, Philadelphia, 1941, pp. 226-27.

[61] אין רשמות (סדרה חדשה), תּל־אָבֿיבֿ, תש"ו, ב' ו, זז' 203—204, ברענגט ש. איינהאָרן אין זײַן סעריע „משלי־עם ביידיש" (נומ' 66—73) עטלעכע וואַריאַנטן צו די אויבן פֿאַרצייכנטע נומערן 11 און 12 און אַ פּאָר נײַע שפּריכווערטער, געבראַכט דאָ ווי אַ המשך מיטן לויפֿיקן נומער:

33. מען שמײַסט ניט דעם ווער עס שפּילט אין קאָרטן, נאָר דעם ווער עס קען ניט שפּילן און שפּילט.
34. אין מיטן שפּיל צאָלט מען קיין חובֿות ניט.
35. טאַטע, טאַטע, האָסטו די טויז, ליג איך אין דער ערד — אַז ניט, ליגסטו אין דער ערד.
36. זעקס אויגן איז אַ שלעכטע סטאַנציע.
37. הערצן מאַכט שמערצן (רשמות, ב' 6, ז' 406, נומ' 294). איינהאָרן גיט צו: „זאָגט מען אין קאָרטנשפּיל אָן אַ באַזונדער כּוונה". מסתּמא אַ רמז אויף דער קאָרט רויט (האַרץ).

דאָס שפּריכוואָרט 33 לאָזט זיך אילוסטרירן מיט דעם ווײַטערדיקן וויץ: אַ שווער האָט אַ מאָל גערופֿן זײַן איידעם צום רבֿ, ער זאָל גטן זײַן טאָכטער. דער רבֿ פֿרעגט דעם שווער די סיבה, פֿאַר וואָס ער וויל זיי זאָלן זיך גטן. „ווײַל ער קען ניט שפּילן אין קאָרטן און קאָן ניט טרינקען" — ענטפֿערט דער שווער. „איז דאָס בײַ אײַך אַ חסרון!" — פֿרעגט דער רבֿ פֿאַרוווּנדערט — „יאָ רבי, ער קען ניט שפּילן און שפּילט יאָ, און ער קען ניט טרינקען און טרינקט יאָ" (ד. י. פּטאַשקין, ייִדישע וויצן און אַנעקדאָטן, וואַרשע, 1930, 2טער טייל, ז' 45).

הוספות

הוספֿה 1

דער טעקסט פֿון הוגרלנס ליד

צום קאַפּיטל: דאָס העברעיִש־ייִדישע ליד פֿון שמואל הוגרלן

הוגרלן איז אַ צונאָמען פֿאַר אַ הויקערל, האָרבאַטש פֿון דעם מיטל־הויכ־דײַטשן וואָרט hogerlîn, דעריבער אפֿשר דער „הקטן״ בײַ זײַן נאָמען שמואל אין אַקראָסטיך.

הוגרלנס שפּילליד איז אויך אַ מערקווערדיקער שפּראַכלעכער דאָקומענט. ד״ר לעווענשטיין וועלכער האָט דער ערשטער פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס ליד שרײַבט וועגן דעם העברעיִשן טייל, אַז עס איז: voll Humor und Sarkasmus mit witziger Anwendung von Bibelstellen.[1] אָבער נישט נאָר האָט ער זיך נישט גענומען די מי אויפֿצוווײַזן די שטעלן, נאָר ווען איך האָב פֿאַרגליכן מיט דעם פֿאַטאָסטאַט, האָב איך באַמערקט, אַז לעווענשטיין האָט לחלוטין דורכגעלאָזן די שטריכעלעך. ווו הוגרלן האָט געוואָלט, ווײַזט אויס, באַטאָנען געוויסע אײַנפֿאַלן, קונצן, אָנווענדונגען, האָט ער די ערטער באַצייכנט מיט צוויי שטריכעלעך איבער דעם וואָרט אָדער די ווערטער, אין יענער צײַט אַ פֿאַרשפּרייטער אופֿן פֿון שרײַבן. אַ סך באַטאָנונגען זײַנען קלאָר, פֿון אַ פּאָר געציילטע באַדאַרף מען נאָר אויסגעפֿינען דעם ריכטיקן מײַן.

פֿאַרגלײַכנדיק דעם טעקסט מיט די תּנך־שטעלן, באַקומט מען אַזאַ רע־זולטאַט: מיר האָבן פֿאַר זיך אַ העברעיִש וועלטלעך ליד פֿון גאָלע פּסוקים! דאָס ליד איז נישט נאָר אַ וועלטלעכס, נאָר אויך אַ וואָכעדיק ליד, אויף אַזאַ פּראָפֿאַנישער טעמע ווי ווערפֿלשפּיל, אין גאַנצן צוזאַמענגעשטעלט פֿון הייליקע מקורים. אָט ווי ער באַשרײַבט חבֿרה שפּילער, סאַראַ פֿאַרקאָכטע אַזאַרטניקעס זיי זײַנען, שפּילן הונגעריקע און דאָרשטיקע טאָג און נאַכט:

יום ולילה לא ישבותו.
אך בזאת יאותו.
האנשים לשבת עת״ם.
רעבים גם צמאים בחומם ממקומם.

(סטר׳ [13])

אָדער ער מאַניפּולירט מיט די פֿאַרשיידענע ווערפֿלצאָלן:

מעושר שמנה לחמו.
תשעה ושתים עשרה אבד״ו.
ושלש עשרה מרדו.
על כן מעי המו.

(סטר׳ [9])

הוגרלן איז געווען אַ בעל־תּנך, ער ווײַזט באמת אַרויס גרויס חריפֿות, זײַנע אָנווענדונגען זײַנען פֿול מיט וואָרטשפּיל, קלאַנגשפּיל, פֿאָנעטישע קונצן,

[1] שי למורה, ז׳ 138, הערה 3.

שפיצלעך און רמזים. א מאל פארבײַט ער נאר אן אײנצלנעם אות, א מאל דרײט ער איבער דעם סדר פון פסוק אדער ווערטער, לאזט ארויס א ווארט, אדער שפאלט א ווארט אין צווײען. ער באווײַזט באזונדער שארפקײט בײַם אנווענדן פאנעטישע אײַנפאלן. ווי אן אילוסטראציע איז גענוג צו פארגלײַכן די ערשטע סטראפע.

נאר אין א פאר געצײלטע ערטער פאררופט זיך הוגרלן אויף גמרות און תפלות.

פון דעם ייִדישן טײל פון זײַן ליד זעט מען, אז אזוי ווי הוגרלן איז געווען גוט באהאוונט אין סווארבע, אזוי איז ער אויך געווען א גרויסער בקי אין שפילטעכניק און שפיל־לשון. כאטש אין סטראפע [26] רעדט ער ווי דאס וואלט אים פערזענלעך נישט געווען נוגע, איז ער אבער מיט א סטראפע פריִער מודה, אז ער איז פאראינטערעסירט אין שפיל ניט נאר טעארעטיש, נאר אויך פראקטיש: „דש בין איך אינן וואורדן, מיט מײנם שאד אישט עש גשעהן" אאז"וו.

זײַן שפראך באווײַזט קלאר, אז ער איז געווען אין דער הײם צווישן ווערפלשפילער און אזארטניקעס. ער האט געקענט אינטים די דײַטשע אזארט־וועלט און ס'איז קענטיק, ווי שוין באמערקט, א געוויסע השפעה פון דײַטשע ווערפללידער. זײַן ליד פארמאגט ספעציפישע אויסדרוקן, ווערטלעך און שפריכווערטער, און נאר אלטדײַטשע מקורים זײַנען ביכולת צו ווארפן ליכט אויף געוויסע שורות אין אונדזער טעקסט.

וואס שײך דעם ייִדישן טײל פון ליד, האט לעווענשטײן בײַם טראנסקריבירן אין לאטײַנישן כתב גלײַכצײַטיק פארדײַטשט און פארטײַטשט אזוי, אז נאר אין זעלטענע פאלן האט ער אנגעוויזן אויף דער אפשטאמונג פון געוויסע ווערטער און אויסדרוקן.

נאך מער, לעווענשטײן האט, אין געוויסע פאלן, נישט ריכטיק געלײענט דעם מאנוסקריפט, ממילא אויך נישט ריכטיק קאפירט. למשל, סטר' [4], הערה 5, האט ער געלײענט בינדן אנשטאט בונדן, [8], 5, קרײז — קרײד, [16], 1, זײטן — זיטן. געוויסע ווערטער האט ער פאלש אויסגעטײַטשט, ווי [22], 8, גוך Gauch במקום gâch אאז"וו. באסין האט „קאפירט לויט דער לאטײַנישער טראנסקריפציע",[2] וואס איז אין גאר א סך ערטער, פארשטײט זיך, גאנץ ווײַט פון דער אריגינעלער ארטאגראפיע און פאנעטיק. אגב־אורחא האט שוין באסין אויך קאפירט די אומפינקטלעכקײטן פון לעווענשטײנען און איבערגעדרוקט זײַנע ניט־ריכטיקע אויסטײַטשונגען.

דא איז צום ערשטן מאל אפגעדרוקט דאס ליד פון שמואל הוגרלן אין זײַן אריגינעלער ארטאגראפיע. בײַם קאפירן און איבערדרוקן איז צו באמערקן אט וואס:

1. די שטריכעלעך אין העברעיִש קומען אין כתב־יד א י ב ע ר די אותיות, דא קומען זײ, צוליב טעכנישע סיבות, צ ו ו י ש ן די לעצטע צווײ אותיות פון שײכדיקן ווארט.

2. ווו עס שטײען צווײ פונקטן אין סוף סטראפע, איז אין כתב־יד געענדזגפיסלעך.

3. צוליב דרוקטעכנישע סיבות קאנען מיר נישט געבן קײן נקודות אונטער טײל ווערטער פונעם ליד אזוי ווי זײ געפינען זיך אין כתב־יד. מיר גיבן דא

[2] די ערשטע און לעצטע סטראפעס זײַנען נאך פריִער רעטראנסקריבירט געווארן אין: ד"ר א. ברלינר, חיי היהודים באשכנז בימי הבינים, ווארשע, תר"ס, ז' 74.

wie der wurffel auff ist kommen



שער־בלאַט פֿון אַן אַלט דײַטשן ווערפֿלליד. די צייכענונג איז לויט דעם קאַטאַלאָג *Incunabeln-Sammlung, Kurt Wolff,* Versteigerung, Joseph Baer, Frankfurt a. M., 5-6. Oktober, 1926, p. 247, no. 823.

עס ווערט דאָרט אָנגעגעבן ווי אַן אוניקום. ערשטע אויסגאַבע געדרוקט בײַ קאַכעלאָפֿען אין לײַפּציג, בערך 1487.

דעריבער אַ רשימה פֿון די דאָזיקע ווערטער: סטראָפֿע [4], שורה 10 — בונדן (אַ שורוק אונטערן ב); סטראָפֿע [8], שורה 9 — קרייד (סגול אונטערן ר), דאָרט, שורה 10 — ווין (אַ צירה אונטערן וו); סטראָפֿע [10], שורה 13 — אי (אַ צירה אונטערן א); סטראָפֿע [12], שורה 1 — פֿלון (אַ שווא אונטערן פֿ), דאָרט, שורה 9 — ווין (ווי אויבן); סטראָפֿע [14], שורה 11 — זיין (אַ סגול אונטערן ז); סטראָפֿע [16], שורה 9 — בלייא (שווא אונטערן ב און אַ סגול אונטער די יי); סטראָפֿע [20], שורות 9 און 13 — וויא (אַ צירה אונטערן א); סטראָפֿע [22], שורה 5 — גיט (אַ צירה אונטערן ג), דאָרט, שורה 11 — בֿאך (אַ חולם איבערן א).

מען קען נישט אַלע מאָל זאָגן מיט זיכערקייט צי די נקודות אין יידישן טעקסט קומען אונטערן קאָנסאָנאַנט אָדער וואָקאַל. מיר האָבן שטרענג, ווו ס'איז געווען קלאָר און זיכער, נאָכגעפֿאָלגט דעם טעקסט, ווו ס'איז געווען אַ ספֿק, האָבן מיר געשטעלט אונטערן וואָקאַל.

4. דער קאָפּיסט האָט בטעות איבערגעשריבן ניט ווי דער אָריגינאַל איז, לויטן אינהאַלט, קענטיק געווען. אַ מאָל האָט זיך דאָס געטראָפֿן מיט אַ גאַנצער סטראָפֿע, ווי [12] באַדאַרף קומען פֿאַר [10]. דער טעות איז מסתמא אַרויסגעקומען, ווײַל די ערשטע שורה אין די סטראָפֿעס [10] און [12] הייבט זיך אָן מיט דעם זעלבן אות ב. און דאָס זעלבע איז אין [10] גופֿא (וואָס באַדאַרף אייגנטלעך זײַן [12]): די שורה 4 באַדאַרף זײַן 5, ווײַל אַכט און דרײַצן קומען פֿאַר נײַן און צוועלף אין ווערפֿלשפּיל.

דאָס ליד אין אָריגינאַל האָבן מיר איבערגעדרוקט ווי עס קומט אין כּתבֿ־יד, אין דער פּאַראַפֿראַזע — אין דעם לאָגישן סדר ווי עס באַדאַרף קומען.

כּדי נישט צו האָבן צו פֿיל שוועריקייטן בײַם לייענען הוגרלנס שפּילליד באַדאַרף מען געדענקען אייניקע הויפּט־כּללים, אַז אַ ו און אַ ב לייענט זיך אָפֿט ווי אַ פֿ, ש ווי אַ ס.

אַלע פֿילאָלאָגישע אויסטײַטשונגען און דערקלערונגען צום יידישן טעקסט פֿון הוגרלנס ליד זײַנען פֿון מײַן אַלטן גוטן פֿרײַנד יודאַ אַ. יאָפֿע. פֿון זײַן פֿעדער איז אויך די פּאַראַפֿראַזע פֿונעם ליד, דער אויסטײַטש מיט חיבור.[3] פֿאַר זײַן מיטאַרבעט דאַנק איך אים דאָ האַרציק.

*

כּדי זיך צו אָריענטירן אין די צאָלן־קאַלקולאַציעס פֿון ווערפֿלשפּיל, איז כּדאַי דאָ צו ברענגען אַן אַלגעמיינע באַמערקונג:

מען שפּילט ווערפֿל (אין אַלטיידיש הייסן זיי טאָפּלשטיינער) מיט קליינע קובן מיט פּינטעלעך אָדער אייגלעך פֿון 1 ביז 6 אויף די זעקס זײַטן. די אייגלעך זײַנען אַזוי אויס־געשטעלט, אַז אויב פֿון אויבן איז 1, איז פֿון אונטן 6; אויב פֿון אויבן איז 4, איז פֿון אונטן 3; אויב פֿון אונטן איז 2, איז פֿון אויבן 5, — מיט אַנדערע ווערטער, אין איינעם איז אויבן און אונטן אַלע מאָל אַ סך־הכּל פֿון 7.

דער שפּילער וואַרפֿט אַרויס דרײַ טאָפּלשטיינער פֿון אַ (לעדערנעם) בעכערל אויפֿן טיש אָדער אויפֿן דיל. דער שפּילער ציילט, וואָס ס'איז פֿון אויבן אויף די שטיינער, און וואָס ס'איז פֿון אונטן געהערט דעם אַנדערן שפּילער. אַזוי ווי 1 איז די קלענסטע צאָל אויף איין שטיין, איז דעריבער אין שפּיל אויף די דרײַ שטיינער צוזאַמען די מיגלעכסט קלענסטע צאָל 3, און די העכסטע צאָל 18. אויב דער סך־הכּל פֿון אויבן איז 11 אָדער מער, האָט דער שפּילער געוווּנען, ווײַל דער אַנדערער האָט אונטן 10 אָדער ווייניקער.

---

[3] פֿ"גל אויך די אויסרעדעניש צום ליד, וואָס ב. באָראָכאָוו האָט געגעבן אין באַסינס אַנטאָלאָגיע, סוף באַנד א, זז' II—III.

הוגרלנס ליד

כ"ט. הברו על השחוק שמואל הוגרלן

[1] שלשה אלה בני נוע.[1]
ביד חזקה ובזרוע.[2]
אמרו לכו וכסינו את דמו.[3]
הרביעי אפרעם הבן יקיר לי.[4]
כי נשאני כל עמלי.[5]
ממונ"י ע"ת ט"ם למו.[6]
בעצם היום הזה.
בא נו"ע אל התיבה.[7]
בקרש המסכ"ן אתבזה.[8]
ואני אנא אני בא.[9]
מאבני זוה"ם לאבוד.[10]
זאת אביד"ת גרשוני לעבוד.[11]
עצם ידי עשה לי[12] את ק"ל הכבוד:[13]

[2] מיך הבן איר דרייא[1] ברויבט.
אוב איר מיר עש ניט גלויבט.
זא זול מיר עש דער וירד[2] בקענן.
דער עש בון מיר הין וועקן טרוק.[3]
ווי וואל עש ניט ווש מיין צוק.[4]
דאך וויל אוך[5] אין אויך נענן.
צווישןביינהם[6] אונ' ברעטהיים.[7]
דא אישט מיר עש גר מישלונגן.
בון דעם היישן שטיין.[8]
ווארד איך גר באר דרונגן.

---

[1] [1] בראשית ט, 19. אַ וואָרטשפּיל אויף: שלשה אלה בני־נח. נוע — אַ סינאָנים פֿאַר ווערפֿל. [2] דבֿרים ד, 34. [3] בראשית לז, 26. אַ רמז אויף שפּילגעלט. [4] ירמיה לא, 19. אַ וואָרטשפּיל אויף: הבן יקיר לי אפֿרים. [5] בראשית מא, 51. אַ וואָרטשפּיל: כי נשני. ביז דעם וואָרט כל קאָפּירט לויט לעווענשטיינען, פֿון עמלי און ווײַטער פֿון פֿאַטאָסטאַט. [6] פּאַראָדיע אויפֿן פּסוק אין דברים לג, 2: מימינו אש דת למו. [7] בראשית ז, 13. תיבֿה, אַ רמז אויף דעם ווערפֿל־בעכער. [8] שמות כו, 15, 17. וואָרטשפּיל: מסכן —משכן. [9] בראשית לז, 30. [10] שמות כה, 7. קלאַנג און וואָרטשפּיל: זוהם—שהם, לאבוד—לאפד. [11] במדבר ד, 24. אַ וואָרטשפּיל: אבידת—עבֿדת. [12] דבֿרים ח, 17. [13] בראשית לא, 1. אַ וואָרטשפּיל: כל—קל.

[2] [1] איר דרייא — דרײַ אירע. [2] דער וירד — דער פֿערטער. [3] הין וועקן טרוק — האָט עס פֿון מיר אַוועקגעטראָגן. [4] ווש מיין צוק — עס איז געווען מײַן גאַנג, ריי. דאָס איז דאָס מיטל־הויכדײַטשע וואָרט ges — zuc. [5] אוך אַנשטאָט איך. [6] אין ריטערס *Geographisch-Statistisches Lexicon* (לײַפּציג, 1895), ב' 1, ז' 174, ביינהיים — אַ שטאָט אין נידער־עלזאַס. [7] ברעטהיים איז איצט ברעטען אין אייבער־עלזאַס (ריטער,

מיין געלט דש וורט מיר דא צו ריבן.
אין דען דינשט וורט איך גטריבן.
דש אישט מיר ווינציג ער גבלבין: [9]

[3] ושחקת ממונ"י הדק.[1]
גנזי נסתרות ב"ו אי"ן ובדק.[2]
ואתה דורש את מעשה כולם.[3]
משֵשת את כל כלי ביתי.[4]
אשר טיפחתי ורביתי.
אויבי כילם.[5]
ולא היה במצרי.
ביום אף פליט ושריד.[6]
ופרקת עולך מעל צוארי.
והיה כאשר תריד.[7]
שק"ר רב דופייך אביעה.
וצעקת"ך ארנן[8] להודיע.
יום ליום אביעה: [9]

[4] אך שפיל ווי קנשטו זא רעכטא קליין.[1]
דש געלט מיט דיינם הרטן שטיין.[2]
גר צו מאלן אונ' צו רייבן.
וואופן[3] אובר דיך גשריאן אונ' אך.

ז' 274). [8] הײשנשטײן — איז אין אונטער־עלזאַס (ריטער, ז' 802). [9] גבלבין — איז אַ שרײַב־טעות אַנשטאָט גבליבן.

[3] [1] שמות ל, 36. אַ וואָרטשפּיל: ממנה—ממוני. [2] פ"גל דעם פּערז „הבוחן ובודק גנזי נסתרות" אין דעם פּיוט „האוחז ביד מדת משפט". מסתּמא איז בו אין אַ רמז אויף בוחן. [3] פֿון רבּס תּפֿילה „אתה זוכר מעשה עולם". [4] בראשית לא, 37. [5] איכה ב, 22. [6] דאָרט. [7] בראשית כז, 40. [8] תּהלים נא, 16. תרנן צדקתך—וצעקתך ארנן. [9] תּהלים יט, 3.

[4] [1] דער פּאָעט רעדט דאָ צו אַזאָרטשפּילן: אַך שפּיל [ד"ה סטאָווקע וואָס מע שטעלט אײַן אין קאָן], כאָטש דו ביסט אַזוי קליין קענסטו פֿאָרט דאָס געלט צעמאָלן און צערײַבן מיט דײַן האַרטן שטיין. [2] האַרטנשטיין איז אין בײַערן (ריטער, ז' 786).

ד"ר לעווענשטיין וואָס האָט איבערגעדרוקט דאָס ליד איז דאָ געפֿאַלן אויפֿן שׂכל, אַז די ווערטער באַצייכענען פֿאַרשיידענע נעמען פֿון שטעט, אָבער ער האָט ניט געטראָפֿן ריכטיק, ווײַל ער האָט ניט געקענט קיין אַלטייִדיש: עס איז ניט ווײַנהיים ווי ער טענהט אויף ז' 140, הערה 3, נאָר ביינהיים, ווײַל אין אַלטייִדיש איז דאָ דער ב ניט קיין װ. ער האָט געטראָפֿן, אַז ברעטהיים איז דער איצטיקער ברעטען, אָבער ער איז אומגערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די שטעט זײַנען אין באַדן און אַז די נעמען זײַנען אַ רמז אויף ווײַן און ברעטשפּיל. הוגרלנס דראַמע אַנטוויקלט זיך אין דרום־מערבֿ פֿון אַלטדײַטשלאַנד: ביינהיים איז אין נידער־עלזאַס, הייסנשטיין איז אין נידער־עלזאַס, און ברעטען (אַ מאָל ברעטהיים) איז אַ דאָרף אין אייבער־עלזאַס. דאָ איז אַ וואָרטשפּיל: די היימען פֿאַר ביין(דלעך), ד"ה די ווערפֿלעך; ברעט(שפּיל); און (הייס)שטיין, דאָס זײַנען די שטיינדלעך פֿון שפּיל. [3] מה"ד wuof — געשריי, יאָמער־געשריי, קלאָג: וויי איבער

דש נירגאַן קיין באר בורגן ואך.[4]
בור דיר צו מאג בלייבן.
דו ווילשט עש אלש דוריך זוכן.
אונ׳ דוריך גרונדן.
דש מוש איך וואל הרט ולוכן.
מיט דיינן ואלשן בונדן.[5]
אך שפיל איך מוש מיך דיינר דר ווערן.[6]
ווען[7] איך הון[8] נומי[9] צו צערן.
בון טג צו טג וויל איך דיין לאשטר[10] מערן:[11]

[5] לכם אגיד[1] אשר שם שמות.[2]
העונשי״ם אשר נקבו בש״ם מו״ת.[3]
תם ורשע מכלה.[4]
בין טוב לרע לא יבקר.[5]
עיני העונשים ההם תנקר.[6]
ויאמרו לא נעלה.[7]
שמונה עשר טריפות הנה.[8]
ושלשה פשעי ישראל.
ועל ארבעה לא אשיבנה.[9]
ושבעה עשר אינני שואל.
מכל מקום מעצמן באו.
מרעה אל רעה יצאו.[10]
כל אשר בכים״י ראו:[11]

דיר געשרײַען און אַך, ווי אין איצטיקן ייִדיש „אַך און וויי״. [4] מה״ד vach — שטיק, טייל, אָפּטיילונג. נירגאן קיין באר בורגן ואך — ניטאָ אין ערגעץ ניט קיין שטיקל פֿאַר־באָרגענער פלאַץ וואָס קען בלײַבן פֿאַרשלאָסן פֿאַר דיר. [5] בונדן — פֿונדן, מה״ד des — vunt אײַנפֿאַלן, אויסטראַכטעניש, און ניט bünden, ווי לעווענשטיין האָט עס געלייענט. אין באַ־בוך 62, 7 געפֿינען מיר: אונ דא זי [בראנדאניא] נון דען בונד הט גיבונדן, „ווען זי איז געפֿאַלן אויף דער המצאה״. [6] דר ווערן — מה״ד erwern, פֿאַרטיידיקן, פֿאַרווערן. [7] ווען — אַזוי ווי, ווײַל, וואָרעם. [8] הון — איך האָב, מה״ד hân. [9] נומי — מה״ד nummê, בלויז, נאָר ניט מער. [10] לאשטר — מה״ד laster, שמאַך, שאַנד, פֿעלער. [11] מערן — מה״ד maeren, באַקאַנט מאַכן, דערציילן. (פֿ״גל וואס איז דער מער, אוב ער האט עפיס געפועלט, ספר שבחי הבעש״ט, ד׳ 13, אַן יאָר, אַרום 1840—1850.)

[5] [1] ירמיה מב, 4, 21. [2] תהלים מו, 9. [3] במדבר א, 17. אַ וואָרטשפּיל אויפֿן פסוק: האנשים... אשר נקבו בשמות. [4] איוב ט, 22. [5] ויקרא כז, 33. [6] במדבר טז, 14. אַ וואָרטשפּיל: האנשים—העונשים. [7] דאָרט, פסוק 12. [8] חולין מב, אלו שמונה עשׂרה טרפות שנאמרו למשה מסיני. [9] עמוס ב, 6. [10] ירמיה ט, 2. [11] ישעיה לט, 4. בכיסי אַנשטאָט בביתי.

[6] הורט איך וויל זי אויך טון קונט.
די מענכן אין טוט הבן גוואונט.[1]
ווען זי גר נימט[2] שונן.
ער זעיי[3] גויט אודר בוז גנענט.
אך דש זי מושן ווערדן גשענט.
ווען בושליך[4] זי לונן.
אכצעהן אונ׳ דרייא.
דש זיינט[5] די מינשטן אונ׳ די מיישטן.
ויר מכן מיך מיינש געלטש ורייא.
זיבן צעהן שטין[6] אויף מיך צו ליישטן.
ווי וואל איך איר ניט בגער.
זא קומן זי דאך זעלוורט[7] הער.
דש מכט מיר אופט דען בויטיל לער:

[7] קהלם עוד שש עשרה נפש.
הוציאוני לחירות וחופש.
חנם אין כסף.[1]
חמשת מלכי מדין[2] ירושש.
וקרקר כל בני ש״ש.[3]
חמש עשרה כלא״ם לכס״ף.[4]
את חטאי אני מזכיר.[5]
והנה אמת נכון.[6]
ונמצא דמי על קיר.[7]
לחו״ב עניו״ת אשכון.[8]
שבו פה אומר לזקנים.[9]
והנה לפניו נכונים.
מפני שיבה אלבין בלי שנים:[10]

[8] טורשט[1] איך זאגן איר ווערן מער דרביִיא.
די מיך מכן לעדיק אונ׳ ורייא.[2]
אן געלט אונ׳ אויך אן גוטא.

---

[6] [1] גוואונט — פֿאַרוווּנדט, מה״ד wunden. [2] נימט — קיינער ניט, מה״ד niemt, דײַטש niemand. [3] זעיי — איז די בײַערישע פֿאָרעם, אַנשטאָט זײַ. [4] בושליך — מה״ד boeslîche, בייזלעך, אויף אַ בייזן אופֿן. [5] זיינט — מה״ד sînt, זײַנען. [6] שטין — stên, שטייען. [7] זעלוורט — מה״ד selwrt, זעלבסט, פֿון זיך אַליין.

[7] [1] שמות כא, 11. [2] במדבר לא, 8. [3] במדבר כד, 17. בני־שת—בני שש. [4] שמות כז, 14. וואָרטשפּיל: קלעים לכתף. [5] בראשית מא, 9. [6] דברים יג, 15. [7] ויקרא א, 15. [8] אַ קלאַנג־ און וואָרט־שפּיל אויפֿן פּסוק אין בראשית מט, 13: לחוף ימים ישכון והוא לחוף אניות. חוף—חוב, אניות—עניות. [9] שמות כד, 14. [10] אַ רמז אויף בראשית מט, 12.

[8] [1] טורשט — מה״ד torste, איך האָב געטאָרט, פֿון turren, טאָרן. פֿ״גל בבא־בוך 26:

זעכש צעהן אונ' בונף[3] זיינט זי גננט.
זעכש די הבן מיך אן גראנט.[4]
בונף צעהן די הלטן מיין געלט אין הויטא.
מיין זונד די מוש איך מעלדן.
עש אישט מיר גשעהן.
די קרייד[5] מוש איך געלדן.
דש ווערדא איך אין ארמוט גזעהן.
ווען איך ווין[6] זי זיינט ווער אנדרש ווא.
זא זיינט זי בריים באר מיר דא.
באר גרייז[7] ווערדא איך און אלטר גרוא:

[9] נע ונד אהיה בארץ.[1]
כי פרצת עלי פרץ.[2]
מעושר שמנה לחמו.[3]
תשעה ושתים עשרה אבד״ו.[4]
ושלש עשרה מרדו.[5]
על כן מעי המו.[6]
ויכו את הזוזים בחם.[7]
בהגיע תור עשר.[8]
בעשתי עשרה גריעות נלחם.[9]
בעירום כל ובחוסר.[10]
בסתר יוסיף לחטוא[11] ויכבד האבידה[12]
והיו תוצאותיו צדדה.[13]
טרם אדע כי אבדה:[14]

[10] בון ארמוט מויש איך איין וונדילר[1] זיין.
אך וואורפֿיל דש גניש איך דיין.
זאלבא עכט הושטו מיך בשטריטן.
באר נוינאן אונ' צוואלבן[2] מאג איך ניט בשטון.[3]

אויב איך וואָלט געטאָרט אויך צו באַמיִען. [2] ורייא — מה״ד vrê פֿרײַ. [3] בונף — פֿינף.
[4] אן גראנט — איז ניטאָ אין מה״ד, דאָס איז פֿון וואָרט rennen, רענען—לויפֿן. אין מה״ד איז פֿאַראַנען an(e)loufen, צו לויפֿן, אָנגרייפֿן, איבערפֿאַלן. [5] קרייד — מה״ד grît, אַלעמאַניש gît(e), geiz, habgier, gierigkeit, לוסט צו געלט, זשעדנעקייט נאָך געלט.
[6] מה״ד waen(n)en, מיינען, ריכטן זיך. [7] גרייז — מה״ד grûse, grûs (grius), שרעק, מורא.

[9] [1] בראשית ד, 12, 14. [2] דאָרט לח, 29. [3] דאָרט מט, 20. אַ וואָרטשפּיל: מאשר—מעושר. [4] דאָרט יד, 4. אַ וואָרטשפּיל: עבדו—אבדו. [5] דאָרט. [6] ירמיה לא, 19. [7] בראשית יד, 5. בהם—בחם. [8] אסתר ב, 15. אַ וואָרטשפּיל: עשר—אסתר. [9] שמות לו, 14. אַ וואָרטשפּיל: יריעות—גריעות. [10] דברים כח, 48. [11] שמות ט, 34. [12] דאָרט ה, 9. וואָרטשפּיל: העבדה—האבידה. [13] במדבר לד, 8. [14] שמות י, 7.

[10] [1] וונדילר — מה״ד wandeler, וואַנדערער. [2] צוואלבן — מה״ד zwolf, צוועלף. [3] בשטון — מה״ד bestân, באַשטיין, בלײַבן. [4] דרעיי — איז די בײַערישע פֿאָרעם

דרעיי[4] צעהן ווען מיר ניט זיין אונטר טון.
אך דש איך עש אז לנג הב גליטן.
ווען זי צעהן אודר[5] אֵיילִיב[6] דר שמעקן.
זו בגינן זי הער בורר צו דרינגן.
מיט הויפּן אונ׳ מיט זעקן.
שלאגן זי דריין די פּפֿעניגן.
ער מערט דען הויפּן אלזו שווער.
היימליך בעיי[7] דער זייטן שלייכט ער דא הער.
אי[8] איך ווייש ווש דו אישט דר מער:

[11] רעה אלי תאונה.[1]
כי תחנה עלי מחנה.[2]
ארבעה עשר אדנים.
תחת שבעה כרשי״ם[3]
לכרות ברית לפגרים חדשים.[4]
גוי עז פנים.[5]
הן לא יאמינו לי.[6]
ואנכי לא איש דברים.[7]
ולא ישמעו בקולי.[8]
ויצברו אותם חמרים.[9]
וירא כי טוב ויבדל אותו.[10]
הייתה דיים והותר לעשותו.[11]
ואיננו כי לקח אותו:[12]

[12] בור שאנדן מוש איך רוימן[1] דען פלון.[2]
באר וירצעהן הערן די דא שטון.[3]
קיגן דען זיבן ארמן.
הב איך זיבן אודר[4] וירצעהן.
מיך הילפּט ניט מיין ביטן נאך מיין ולעהן.[5]
גר ווינציק זי זיך מיין דאר ברמן.

פֿאַר דרײַ. [5] אודר — איז אַ שרײַב־טעות אַנשטאָט אובר. מה״ד uber, איבער, אַנטקעגן. [6] איילִיב — איז די בײַערישע פֿאָרעם פֿון מה״ד einlif, eilif, עלף. [7] בעיי — איז די בײַערישע פֿאָרעם פֿאַר בײַ. [8] אי — מה״ד ê, איידער, פֿאַר, ווי אין הײַנטיקן ייִדיש איי(ער)געכטן.

[11] [1] תהלים צא, 10. [2] דאָרט כז, 3. [3] שמות כו. קרשים—כרשים. זאָל דאָס באַטײַטן כרשים, אַזוי ווי אָרעמע, אַ רמז אויף שלעכטע „אויגן" פֿון ווערפֿל. [4] בראשית טו, 11, 18. [5] דברים כח, 50. [6] שמות ד, 1. [7] דאָרט 10. [8] דאָרט 1. [9] דאָרט ח, 10. [10] בראשית א, 4. [11] שמות לו, 7. [12] בראשית ה, 24.

[12] [1] רוימן — מה״ד rûmen, מאַכן פּלאַץ פֿאַר עפּעס, פֿאַרלאָזן, זיך אָפּטראָגן. [2] פּלון — מה״ד plân, פֿרײַער אָדער פֿלאַכער פּלאַץ. [3] שטון — מה״ד stân, שטייען. [4] אודר — ווידער אַ טעות אַנשטאָט אובר, איבער, אַנטקעגן, ווי אויבן, [10], 5. [5] ולעהן — מה״ד

זי הופֿן זי ווען מערן.
ווען איך נו [6] איין גוטי שאנץ בטראבא.[7]
אונ׳ ווין [8] צו געווינן גויט אונ׳ הבא.
זא הוט ער עש בור [9] הלבר גטראגן אבא:

[13] יום ולילה לא ישבותו.[1]
אך בזאת יאותו.[2]
האנשים לשבת עת״ם.[3]
רעבים גם צמאים [4] בחומם ממקומם.[5]
לא נרעבו יומם.
וגם ער״ב ר״ב עלה אתם.[6]
איש באחיו יתקוטטו.
להטיב לא ידעו.[7]
פועל השם לא הביטו.
ומעשה ידיו לא ראו.[8]
עוברים לא תחמוד ולא תתאוה.
אין טוב לשלום קוה.[9]
כי כל לבב דוה.[10]

[14] מורגנט [1] אונ׳ אובנט און אבגלון.[2]
קיין אנדר קורץ ווייל זי ניט הון.[3]
ווען דש זי די צייט אובר זיצן.
הונגריק אונ׳ דורשטיק אונ׳ באר שמאכטן.
ביידא [4] טעג אונ׳ די נאכט.
שפילן זי ווען זי דרהיצן.[5]
זי שווערן גריינן [6] אונ׳ ביישן.
זי ווישן בון קיינם גוטן צו זאגן.
גוטש דינשט זי זיך לוציל [7] ולײשן.

---

[5] vlên, תּפֿילה טאָן, בעטן. [6] נו — איז אַנשטאָט נוּן, אָדער מה״ד nuon, nuo, nu.
[7] בטראבא — מה״ד bedraben, דערטאַפּן. [8] ווין — ווי אין [8], 6 — איך מיין, האָף.
[9] בור — מה״ד vor, פֿאָרויס, פֿריִער.

[13] [1] בראשית ח, 22. [2] דאָרט לד, 22. [3] דאָרט. אתנו—עתם. [4] תהלים קז, 5. [5] איוב ו, 17. [6] שמות יב, 38. [7] ירמיהו ד, 22. [8] ישעיה ה, 12. [9] ירמיה ח, 15. [10] ישעיה א, 5.

[14] [1] מורגנט — אַ טעות אַנשטאָט מאָרגנס. [2] און אבגלון — אָן („און" אין אַלטיִדיש האָט מען געשריבן אונ׳) אויפֿהער, פֿון מה״ד unabgelân, ווי אין יִדיש אומגעגעסן.
[3] הון — האָבן. [4] ביידא... אונ׳ מיינט אי... אי, ווי אין ענגליש both...and.
[5] שפּילן זי ווען זי דרהיצן, האָבן מיר ביַי וואַנדערן (זוכוואָרט: *Spiel Spielen*).
No. 40. Spielen hitzt wohl und kleidet übel.
No. 46. Das Spiel treibt unnatürlich hitz, gibt angst und macht den beutel spitz.
[6] גריינן — מה״ד grînen, פֿאַרציִען דאָס מויל, מאַכן גרימאַסן. [7] לוציל — מה״ד

ביּיד נכט אונ׳ די טאגן.
לוציל הלטן זי זיין גבוט אין הויט.[8]
איקליכר גלושט זיינש גזעלן גויט.
דרום ווערדן זי נומר[9] זאט נאך וואל גמויט:

[15] שוא עמלו בוניו בו.[1]
ולא יחיל טובו.[2]
ולא ידע איש גבורתו.[3]
נער וזקן לא ידעו הכלם.[4]
ארכן וקצרן[5] חילופהן בגולם.[6]
שוא יהיה תמורתו.[7]
להכות באגרוף רשע.[8]
בנטול דמי כל יותרת.[9]
אזניו הכבד ועיניו השע.[10]
אל כסף חי מאנם צללו כעופרת.[11]
לא יראו ועינים להם.[12]
כמוהם יהיו עושיהם.
וכל אשר בוטח בהם.[13]

[16] הוט ער זיך שפילש ניט גניט.
אונ׳ קענט ער דעש וואורפיל זיטן[1] ניט.
זא אישט ער גאר בור לורן.
באר וואר וויל איך אים דש זאגן.
יונג אונ׳ אלט ווערט אים צו גטראגן.
מיט לנגן אונ׳ מיט קורצן זי אין בטורן.[2]
אך דער גרושן ועלשרייא.
די דרויף זיין[3] דרדענקט.
מיט קוועק זילבר אונ׳ מיט בלייא.

---

lützel, ווייניק, ווינציק. [8] הויט — מה״ד huote, באַהיטונג. [9] נומר — מה״ד. און איצטיקער דײַטש nimmer, קיין מאָל ניט.

[15] [1] תהלים קכז, 1. [2] איוב כ, 21. [3] דברים לד, 6. אַ וואָרטשפּיל: קבורתו—גבורתו. [4] ירמיה ח, 12. [5] ברכות לד. [6] פרקי אבות ה, 10. [7] איוב טו, 31. [8] ישעיה נח, 4. [9] חולין נח, ע״ב. כל יתר כנטול דמי. [10] ישעיה ו, 10. [11] שמות טו, 10. [12] תהלים קטו, 5. אַ רמז אויף די „אויגן" פֿון די פֿאַלשע ווערפֿל. [13] דאָרט, פּסוק 8.

[16] [1] זיטן. ס'איז פּשוט אַ חידוש, ווי אַזוי ד״ר לעווענשטיין האָט דאָ געקענט לייענען „זײַטן" אַנשטאָט זיטן: נאָר אַ בלינדער וואָלט געקענט זיך נעמען שפּילן ווערפֿל און ניט זײַן באַקאַנט מיט די זעקס זײַטן פֿון אַ ווערפֿל. דער פּאָעט רעדט דאָ וועגן דעם גאַנג פֿון פֿעלשן די ווערפֿלעך מיט בלײַ אָדער קוועקזילבער, זיי זאָלן אַלע מאָל פֿאַלן נאָר אויף איין אופֿן. [2] בטורן — מה״ד betoeren, אָפּנאַרן, באַשווינדלען. [3] אין כּתבֿ־יד

זיינט זי בור קלייבט אונ׳ עיין גזענקט.[4]
זי הבן אויגן אונ׳ זיין דאך בלינט.[5]
איר מעכר[6] מושן ווערדן אז זי זינט.
אונ׳ אל דער זיך איר אונטר ווינט.[7]

[17] אל יתהלל המתהלל.[1]
כחצר יבש ימולל.[2]
חיל בלע ויקיאנו.[3]
ויך את הסלע פעמים.[4]
כנשר יעוף השמים.[5]
התעיף עיניך בו ואיננו.[6]
אם נסרך הכים אל הכבד.
יטרף ועתיד לינתק.[7]
ואחריתו עדי אובד.[8]
יוציא המה מנרתק.[9]
כן ילך כאשר בא[10] לגשת.
ערום יחף וחשופ״י שת[11]
נשאר בנזק צער ובשת:[12]

[18] וויש מג ער זיך ברומן[1] זיינש גווין.
ויל שיר[2] גיט[3] עש ווידר דאהין.
אז דש גראש דורט בור דער זונן.
מן שלגט אים דש אונ׳ דש מיין.
בהענדר[4] דען איין בוגילן[5] קליין.
אישט עש בון אים צו רונן.
אישט דער בויטיל באר בונדן שווער.

שטייט זיין צוויי מאָל נאָך אַנאַנד. [4] עיין גזענקט — מה״ד în און senken. [5] מיר געפֿינען בײַ לוטערן Spiel wil Augen haben (Wander, Spiel No. 138). [6] מעכר מה״ד mecher, macher, דער וואָס האָט זיי געמאַכט. [7] אונטר ווינט — מה״ד underwinden, (זיך) אונטערנעמען, נעמען אויף זיך, פֿאַר עפּעס זאָרגן אָדער דאגהן זיך, עפּעס טאָן אָדער לײַדן.

[17] [1] ירמיה ט, 22—23. [2] תהלים צ, 5—6. [3] איוב כ, 15. [4] במדבר כ, 15. [5] משלי כג, 5. סוף פּסוק. [6] דאָרט, אָנהייב פּסוק. [7] דעם גענויען מקור פֿאַר דעם ווייס איך נישט, נאָר מײַן פֿעטער ר׳ חיים העליר מאַכט מיך אויפֿמערקזאַם אויפֿן דין אין יורה דעה סימן מב, סעיף א, אַז דער רמאָ איז מכשיר, אָבער עס איז אַ מחלוקת צווישן די פּוסקים צי אַ סירכא פּסלט אויך בײַ אַנדערע אבֿרים. זען דאָרט אין פּתחי תשובה. [8] במדבר כד, 20. [9] געבויט אויפֿן מאמר אין בבא מציעא פּו, ע״ב, „הוציא הקב״ה חמה מנרתיקה״. דאָ געמיינט אַרויסצײַען די ביינדלעך פֿון בעכער אָדער בײַטל. [10] קהלת ה, 15. [11] ישעיה כ, 4. [12] משניות בבא קמא, פּרק ח, א.

[18] [1] ברומן — באַרימען זיך. [2] שיר — מה״ד schier(e), אין אַ קורצער צײַט, באַלד, אין גיכן. [3] גיט — גייט. [4] בהענדר — פֿון מה״ד behende, גיכער. [5] בוגילן — פֿייגעלע, מה״ד vogel(l)în.

ער ווערט ויל שיר גרינג אונ׳ מאגר.
מן שפריכט דש איין שפילער.
אישט דעש אנדרן בויטיל טראגר.
אז ער עש גווינט אזו עש ווידר הין גאט.
נקט אונ׳ בלוש ער בשטוט.
הין נוך בלייבט אים שאד שאנד אונ׳ שפוט:

[19] ריחק השם ורבה העזובה.[1]
כל האלה הכזוב״ה.[2]
פוש״ע ידך ומשביע.[3]
ונבלה שם שפתם.[4]
החטאים האלה בנפשותם.[5]
עצמות יוס״ף השבי״ע[6]
החזיק לעד אפו.
כי חפץ חסד הוא.[7]
והוא יצא בגפו.[8]
כי כספו הוא.[9]
מקטרת כאבקת רוכל.[10]
עם הלחם אשר הוא אוכל.[11]
וארור נוכל:[12]

[20] יא שפיל וויא וערשטו[1] די גוטש בורכט.
די בון דיינן וועגן ווערט באר ווארכט.[2]
מיט דיינן ואלשן איידן.
דרצו זונטליך אונ׳ שענטליך וואורט.
דער דא ויל בון דיר ווערדן גהורט.
די גוט זיין זו ליידן.
דער שאד בגינט אין זער צו רויאן.[3]
אים ווערט ויל וויא צו מוטא.
וויא גערן וועלט ער זיין שאנד ברויאן.
דש ער זיין גוטא אזו הוט באר דעמפפט.[4]
זו ער קליינש הוט גמוכט.

---

[19] [1] ישעיה ו, 12. [2] דברים כט, 19. אַ וואָרטשפּיל: הכתובה—הכזובה. [3] תהלים קמה, 16, פותח—פושע. [4] בראשית יא, 7. [5] במדבר יז, 3. [6] שמות יג, 19. [7] מיכה ז, 18. [8] שמות כא, 4. [9] דאָרט פסוק 21. [10] שיר השירים ג, 6. [11] בראשית לט, 6. [12] מלאכי א, 14.

[20] [1] וערשטו — דו ווערסט, פֿון מה״ד vërren —דערווײַטערן. [2] באר ווארכט — מה״ד verworkt, פֿון verwirken, פֿאַרדאַרבן. [3] רויאן — פֿון מה״ד riuwen, באַנג טאָן, פֿאַרדריסן, חרטה האָבן. [4] באר דעמפּפֿט — מה״ד verdempfen: דאָ, פֿאַרשטוענדן,

דש ברוט הוט ער ניט דרבון גברוכט.
וויא[5] אים דער עש אי[6] הוט דרדוכט:

[21] זעם ועברה צוקה וצרה.[1]
עמך שרי בדירה.[2]
קינים הגה ונהי.[3]
תוצא יוקר לזולל.[4]
קודש השם חילל.
ונכרתה הנפש ההיא.[5]
בחצי ימיו יעזבנו.
ובאחריתו יהיה נבל.[6]
שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו.[7]
והוא לקברות יובל.[8]
יושב כמלך.[9]
לפניו כל אדם ילך.
ואחריו אין מספר הולך: [10]

[22] לײדש ויל אונ' אונגמאך.[1]
וואונט אלש אונטר זיינם טאך.
וועם דש גלוק ניט וויל געבן.
דו באר קערשט דען בידרמאן[2] צו איינם שאלק.[3]
ויל שיר גיט עש אים אן זיינם בלק.[4]
דער וואל מוכט גלעבן.
ווי שיר הושט אין באר קורט[5]
צו רויבן אונ' צו שטעלן.
ווען די אלטן שפריך וואורט.
די פפליגן זעלטן צו ועלן.[6]
שפיל שטיל באך הוך.[7]

צו נישט מאַכן. [5] וויא — ווי. [6] אי — ווען עס איז, אַ מאָל; מה״ד ie.

[21] [1] ישעיה ח, 22; תהלים עח, 49. [2] דניאל ב, 22. [3] יחזקאל ב, 10. [4] ירמיה טו, 19. [5] ויקרא יט, 8. [6] ירמיה יז, 11. [7] דברים ז, 26. [8] איוב כא, 32. [9] דאָרט כט, 25. [10] דאָרט כא, 33.

[22] [1] אונגמאך — מה״ד ungemach, פֿאַרדראָס, אומרו, לייד, אומגליק. [2] בידרמאן — מה״ד biderman, איש טהור, אַ זינדפֿרײַער מענטש. [3] שאלק — מה״ד schalc, בייזער, פֿאַלשער, קנעכטישער מענטש, אָן דערציִונג. [4] בלק — מה״ד balc, קערפּער, הויט, און אין אַ פֿאַראַכטלעכן זינען לײַב אָדער לעבן. [5] באר קורט — פֿאַרוואַנדלט, איבער־געביטן, פֿון מה״ד verkêren. [6] ועלן — פֿאַרפֿעלן, ניט צוטרעפֿן. [7] באך הוך — די חולמס איבערן א און ו חײַזן דאָ קלאָר, אַז דאָס איז געווען געגראַמט: שפּיל — שטיל, פֿאָך — האָך! ׳שפּיל שטיל, הייב אָן הויך׳, אין לעקסערס מיטל־הויכדײַטשישן ווערטערבוך, ב׳ ווו, ז׳ 5, אונטערן זוכוואָרט vân, vâhen, "mit etwas beginnen, anfangen" געפֿינען מיר: *vâhâ, vâch!* si schrien alle. אין: Wander, *Deutsches Sprichwörter-Lexicon* (Leipzig, 1867), I, p. 83, No. 21,

צו זיינם טוט ווערט דען לויטן גוך.[8]
אז איינם הערן לויפֿן זי אים בור אונ' נוך.

[23] חן מצאו הטיבו אשר דברו.[1]
זרע גוד"ש [2] בנים לא ישקרו [3]
חקר כבודם כבוד.[4]
להבין משלים ומליצות.[5]
שכבו בראש כל חוצות.[6]
שש שנים יעבוד.[7]
אפס כי עז עברתם.[8]
להבאישיני עבדו אותי.
לולי חרשתי במעגלותם.
חידתם לא מצאתי.[9]
כי נפש הוא חובל.[10]
אף אמונה ואין עול.[11]
הבל הבלים הכל הבל: [12]

[24] זעכט [1] וועלכר איין שונר שפילר אישט.
אונ' שפילט און אלש ארגלישט.
אך ווי זער לובן אים די בובן.
דש לופא [2] ווערט אים ויל צו שווער.
מן שפריכט דש זיינט די גוטן שפילר.
לייגן אל אין דער באט שטובן.[3]
דש בין איך אינן וואורדן.
מיט מיינם שאד אישט עש גשעהן.
איך ווש [4] אווך [5] אין דעם אורדן.
דעם די בובן פרייז באר יעהן.[6]
וועלכר זיין לייפא צו שפיל באר פֿליכט.[7]

---

anfangen, Hoch angefangen, niedrig aufgehört (der schön anfängt und schlecht endigt). No. 43, Wer *hoch anfängt* muss eine gute Stimme haben, oder bald aufhören.

[8] גוך — מה"ד gâch, גיך: אײַלן זיך, שטרעבן מיט אומגעדולד.

[23] [1] דברים יח, 17. [2] ישעיה ו, 13. אַ וואָרטשפּיל: קודש—גודש. [3] דאָרט סג, 8. [4] משלי כה, 27. [5] דאָרט א, 6. [6] ישעיה נא, 20. [7] שמות כא, 2. [8] בראשית מט, 7. אַ וואָרט־שפּיל: אפם—אפס. [9] שופטים יד, 18. בעגלתי—במעגלותם. [10] דברים כד, 6. [11] דאָרט לב, 4. [12] קהלת א, 2.

[24] [1] זעכט — אַלטײַדיש: זעט. [2] לופּא — מה"ד lob, lop, לויב: דער א סוף וואָרט (ספּעציעל נאָך אַ פּ אָדער פֿ) איז אַ געוויינטלעכע זאַך אין אַלטײַדיש. [3] לייגן אל אין דער באט שטובן — ליגן אַלע אין באָד, ד"ה זיי זײַנען געבליבן נאַקעט און בלויז. [4] ווש, איך בין געווען. [5] אווך — בטעות אַנשטאָט אויך. [6] באר יעהן — מה"ד verjëhen—jên, זאָגן, צוזאָגן. [7] זען אויבן ז' 61 און הערות 9, 10. [8] איין וויכט — מה"ד ein-wiht, גאָרניט.

ער שפּיל ערליך אודר ניכט.
זו אישט עש דאך אלש גר איין וויכט.[8]

[25] קֿבר הוות פתוח גרונם.[1]
מרמה ותוך[2] יחליקו לשונם.[3]
עדותם פסולה ונדחה.
כעדים זוממים יוצגו.[4]
ששון ושמחה ישיגו.
ונשא"ו יגון ואנחה.[5]
ימצא חן ושכל.[6]
לשמוח בחלקת גורלו.
יגיע כפיו כי יאכל.
אשריו וטוב לו.[7]
קלוני לבל פשה יפשה.
איעצך אשר תעשה.[8]
אף על פי שאיני בר מעשה:

[26] וֿאלש אונ' לוגן אישט איר גטיכט.[1]
מיט בושהייט זיינט זי צוגריכט.
זי טורן ניט גצויקניש[2] זאגן.
זי שטין אן דעם גריכט אז די לוגנער.
אלר ורייד זיינט זי לער.
אונגליק אונ' לייט צו טראגן.
ער אישט איין זעליגר מאן.
דער דו אן דעם זיינן גנוגט.
אונ' זיינם גזעלן אווך וואל גאן.[3]
ווש אים גוט הוט צו גבוגט.[4]
הלט דש גטיכט[5] ניט בור איין שפּוט.
עש גיבט דיק[6] איינר איינן רוט.
דער זעלוורט קיינן ניטן[7] הוט.

[27] אודך כי עניתני.[1]

[25] [1] תהלים ה, 10. [2] דאָרט נה, 12. [3] דאָרט ה, 10. [4] פֿ"גל ז' 15 און הערה 3. [5] ישעיה לה, 10. אַ וואָרטשפּיל: ונסו—ונשאו. [6] משלי ג, 4. [7] תהלים קכח, 2. [8] במדבר כד, 14.

[26] [1] גטיכט — מה"ד getihte, שריפֿטווערק, אונטערשריפֿט. [2] גצויקניש — מה"ד geziugnisse, עדות, עדות־פֿאַרהער. [3] גאן — מה"ד gan, דער ערשטער און דריטער פֿאַרשוין אין דער איצטיקער צײַט; איך פֿאַרגין, ער פֿאַרגינט. פֿון ווערב gunnen, פֿאַרגינען. [4] צו גבוגט — מה"ד vüegen — zuo-vuogen, מער צוגעבן, באַשערן. [5] גטיכט —דאָ, מה"ד getihte, אַ געדיכט, אַ ליד. [6] דיק איז קענטיק אַ טעות אַנשטאָט דיר. [7] ניטן — נייטיקייטן.

[27] [1] תהלים קיח, 21. [2] דאָרט ל, 2. אַ וואָרטשפּיל: ארוממך—עירום ממך. [3] ישעיה יד, 15.


שטין אן דעם געריכט דא רי לוגנער · איר ורייד ווייניג זי
זער · אונגליק · אונ לייט אין שאנדן · ער וואושט
זיין זעליגר מאן · דער דא אן דעם זיין געוועסט ·
אונ זיינם געלן אויך וואל גיין · ווס איז געווסט
הוט אין געבעסט · האט דא געטרכט נט ויר איין
שפוט · עשר געבט דיך זוינר איינן ראט ·
דער געווארט קיינן נט, הוט ''

א ורך כי עניתני · עירום ממך כי דליתני ·
אל ירכתי בור הרחק ... ביתו יעבר
ביתו יצחיל אותו · פרעהו אלתעבור · ברכה
רחקה מעמו · ויאהב קללה ותבואהו · קללה
שמו וקללה עמו · כשמו כן הוא · יקוב יאות
לו תקבנו · גם ברך לא תברכנו · לך כי עצמ ת
ממנו ·

מן ערך שפיל ווי איך דיך הון געפייוט · זו
דו מיך הושט אונטר וויזט · אוב איך דיך
מוכט באור לירן · ויל מענכר גוטר קנעכט
דער אין ערן ווער געבעט · מוכט ער זיך בון
דיר שיירן · דש זול איין בידר מאן ברעכן ·
אונ זול זיך פון דיר קערן · אונ זול זיין ער

אַ זײַטל פֿונעם אָריגינאַל פֿון הוגרלנס שפּילליד

עירו״ם ממ״ך כי דליתני.[2]
אל ירכתי בור.[3]
הרחק מפתח ביתו.[4]
עוכר ביתו ינחיל אותו.[5]
פרעהו אל תעבור.[6]
ברכה רחקה מעמו.
ויאהב קללה ותבואהו.[7]
קללה שמו וקללה עמו.
כשמו כן הוא.[8]
קו״ב יאו״ת לו תקבנו.[9]
גם ברך לא תברכנו.[10]
לך כי עצמת ממנו: [11]

[28] מערק שפּיל ווי איך דיך הון גפּרייזט.
אז דו מיך הושט אונטר ווייזט.[1]
אוב איך דיך מוכט באר ליידן.
ויל מענכר גוטר קנעכט.[2]
דער צו ערן ווער גרעכט.
מוכט ער זיך בון דיר שיידן.
דש זול איין בידר מאן בדענקן.
אונ' זול זיך בון דיר וערן.[3]
אונ' זול זיין ער ניט קרענקן.
אונ' זול זיך מיט דיר ניט בווערן.[4]
צו ולוכן אישט דיין נאמן ברייט.[5]
דו שטיפּשט[6] לייט אובר לייט.
וואורפּיל בון מיר זעיי[7] דיר ווידר זייט: [8]

---

[4] משלי ה, 8. [5] דאָרט יא, 29. [6] דאָרט ד, 15. [7] תהלים קט, 17. אומגעביטן דעם פּסוק, אָנגעהויבן מיטן סוף. [8] שמואל א, כה, 25. אַ וואָרטשפּיל: קוביא (פֿון גריכיש), ווערפּל, קב, קבה—שילטן. [9] במדבר כג, 25. קב לא תקבנו, דאָ אַ שפּילאויסדרוק פֿון קוביאות (מערצאָל פֿאַר וערפּל) קוב יאות לו תקבנו, ד״ה: פֿאַר אים פּאַסט זיך שילטן זאָלסטו אים שילטן. [10] דאָרט. [11] בראשית כו, 16.

[28] [1] אונטר ווייזט — מה״ד under-wîsen, צו רעכט לערנען, אָנווײַזן אויף דעם ריכטיקן וועג. דאָס וואָרט טרעפֿן מיר אַ סך מאָל אין ספר תלמיד צחקן מוסרי. [2] קנעכט — יונגע־לײַט, קריגסלײַט. [3] וערן — מה״ד verren, דערווײַטערן, האַלטן אין דער ווײַטן. [4] בווערן — מה״ד bewern, פֿאַרווערן, באַשיצן. [5] ברייט — מה״ד bereit, גרייט, פֿאַרטיק. [6] דו שטיפּסט — מה״ד stiften, פֿאַרשאַפֿן, אויפֿטאָן, עפּעס פֿאַרפֿירן, גע־ווינטלעך אַ שלעכטע זאַך, שפּאַס, און פֿון די פֿאָרמען ווי ער שטיפּט, געשטיפּט, דו שטיפּס(ט), האָט מען אין ייִדיש באַקומען דעם אײַנדרוק, אַז דער שטאַם פֿון וואָרט איז שטיף — און ניט שטיפּט; אַזוי אַרום איז אין ייִדיש געוואָרן אַ נײַ וואָרט שטיפֿן. (וועגן דעם מער אויספֿירלעך אין יאָפּעס אַרטיקל „מעטאַנאַליז“, וואָס דאַרף אַרײַנגיין אין פֿי־לאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב׳ 6.) [7] זעיי — די בײַערישע פֿאָרעם, אַנשטאָט זײַ.

[29] צבי תפארת והאמת.
המטע"ה הפסילי"ם והחוס"י מ"ת.[1]
קרבו ימי למו"ש [2]
כי אחרי שובי ניחמתי.[3]
ודברי אשר שמתי.
בפי כל לא ימוש.[4]
מה לי ולכם.[5]
כי באתם להזכיר עוני.[6]
לא יתיצב איש בפניכם.[7]
אשליך יהב משעיני.[8]
על ידו הקדושה והרחבה.[9]
בשירה בשמחה רבה.
זוכרה לי אלקים לטובה: [10]

[30] וואורפיל דיין לופא איך פרייזן וויל.
אונ' דעש גלייכן קרטן שפיל.
אורלופא [1] וויל איך אויךביידן געבן.
איך הב מיך נו רעכט בדוכט.
די ריד די איך הון בולן ברוכט.[2]
דר ווידר וויל איך ניט שטרעבן.
איר זולצט [3] גנץ אור לופא הון.
מיין לאשטר זולט איר ניט מערן.
ווען נימט מג בור אויך בישטון.
איך וויל מיך באר בש [4] בקערן.[5]
געגצליך אין גוטש הויט.
זו מג איך בלייבן וואל בהויט.
דש געב מיר גוט צו גויט:
סליק

---

[8] ווידר זײַט — איז די בײַערישע פֿאָרעם פֿון widerseit, פֿון ווערב widersagen, אָפּזאָגן, דערקלערן מלחמה אַנטקעגן, ווערן פֿײַנטלעך.

[29] [1] אַ פּאַראָדיע אויפֿן פסוק אין בראשית לח, 25. „החתמת והפסילים והמטה". דאָ געווים געמיינט קאָרטן, די געמעלעכצן און בילדער. [2] דברים לא, 14. למות—למוש. [3] ירמיה לא, 18. [4] ישעיה נט, 21. [5] שמואל ב, טז, 10. [6] מלכים א, יז, 18. [7] דברים יא, 25. [8] תהלים נה, 23. [9] פֿון „רחם" אין ברכת המזון. [10] נחמיה ה, 19.

[30] [1] אורלופא — מה"ד urloup, urlop — lob, דערלויבעניש, אָפּשייד. [2] בולן ברוכט — מה"ד פֿון דער זעלטענערער פֿאָרעם vol (le) bringen = vollenbringen, פֿאַרענדיקן, אויספֿילן. [3] זולצט (ניט קלאָר אין טעקסט) = זולטש = זאָלסט עס. [4] באר בש — מה"ד vürbaz, ווײַטער, פֿאָרויס, פֿון הײַנט אָן. [5] בקערן — מה"ד bekêren, באַקערן, קערן צום רעכטן גלויבן. און אַזוי הייסט טאַקע דאָס מוסר־ספֿרל וועגן אַזאַרטשפּילן: דער גילערנטי אונ' ביקערטי שפּילר.

פֿאַראַפֿראַזע פֿון יִדישן טעקסט

[2]

מיך האָבן דרײַ באַרויבט; אויב איר גלייבט עס מיר ניט, זאָל מיר עס דער פֿערטער באַקענען, וואָס האָט עס פֿון מיר אַוועקגעטראָגן, כאָטש עס איז ניט געווען מײַן גאַנג. אָבער איך וועל אים אײַך פֿאָרט אָנרופֿן, צווישן ביינהיים און ברעטהיים, דאָ איז עס מיר שטאַרק ניט געלונגען, פֿון דעם הייסן שטיין בין איך געווען גאָר פֿאַרדרונגען, מײַן געלט איז מיר דאָ געוואָרן צעריבן, אין דינסט אַרײַן בין איך געווען געטריבן, דאָ איז מיר ווינציק כּבֿוד געבליבן.

[4]

אַך שפּיל, ווי קענסטו — אַזוי אמת קליין — מיט דײַן האַרטן שטיין דאָס געלט גאָר צעמאָלן און צערײַבן? ווי איבער דיר געשרײַען און אָך, וואָס אין ערגעץ קען ניט קיין שטיקל פֿאַרבאָרגענער פּלאַץ בלײַבן פֿאַר דיר פֿאַרמאַכט: דו ווילסט עס אַלץ דורכזוכן און דורכנישטערן ביזן גרונט. דאָס מוז איך גאָר האַרט פֿלוכן מיט דײַנע פֿאַלשע אויסטראַכ־טענישן. אַך שפּיל, איך מוז זיך פֿאַרוועגן פֿון דיר, וואָרעם איך האָב מער ניט מיט וואָס זיך אויסצוהאַלטן, פֿון טאָג צו טאָג וועל איך דײַן שאַנד דערציילן.

[6]

הערט, איך וויל אײַך מאַכן באַקאַנט די וואָס האָבן אַ צאָל מענטשן פֿאַרוווּנדט אויף טויט, ווײַל זיי שאַנעווען קיינעם ניט, צי ער הייסט אַ גוטער אָדער אַ רשע, ווײַל זיי באַלוי־נען אויף אַ בייזן אופֿן. 18 און 3 דאָס זײַנען דאָס ווינציקסטע און דאָס העכסטע; 4 באַ־פֿרײַען מיך פֿון מײַן געלט; 17 שטייען אויף מיך צו נייטן, [איך זאָל] טאָן וואָס איך מוז, כאָטש איך גלוסט זיי ניט, קומען זיי דאָך אַהער פֿון זיך אַליין, דאָס ליידיקט מיר אָפּט אויס דעם בײַטל.

[8]

וואָלט איך געוואַגט זאָגן, אַז עס זײַנען געווען מער דערבײַ, וואָס האָבן מיך געמאַכט ליידיק און פֿרײַ פֿון געלט און אויך פֿון מײַן פֿאַרמעגן: 16 און 5 הייסן זיי; 6 האָבן מיך באַפֿאַלן [=ווען איך האָב געמאַכט 6 אויגן], און די 15 האָבן אַרײַנגעלייגט מײַן געלט אין הויז. איך מוז מעלדן מײַן זינד. עס איז מיר געשען. איך מוז באַצאָלן פֿאַר זשעדנעקייט נאָך געלט, אַזוי אַז מען וועט מיך זען אין דלות. ווען איך מיין, אַז זיי זײַנען ווײַט ערגעץ ווו אַנדערש, זײַנען זיי פֿאַר מיר באַלד דאָ; פֿון שוידער ווער איך גרוי אָן עלטער [פֿאַר דער צײַט].

[12] *

פֿאַר שאַנד מוז איך פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ: פֿאַר די 14 הערן וואָס שטייען דאָ [לטובֿת מײַן קעגענער] אַקעגן די 7 נעבעכלעך. מיר העלפֿט ניט קיין בעטן און ניט קיין קליאַנטשען: האָב איך 7 אַנטקעגן 14, איז האָבן זיי ווינציק וואָס צו דערבאַרעמען זיך איבער מיר. זיי האָפֿן, זיי וועלן מערן [דאָ זײַנען אַרויסגעפֿאַלן דרײַ שורות, ווי מען קען זען פֿון העברעיִשן טעקסט]. ווען איך דערטאַפּ אַ גוטן שאַנס און ריכט זיך צו געווינען גוט און האָב, איז ער האָט פֿריִער אַ העלפֿט אַוועקגענומען.

[10]**

פֿון דלות מוז איך גיין וואַנדערן. אַך ווערפֿל, אָט דאָס געניס איך פֿון דיר. זאַלבע 8 האָסטו מיך באַקעמפֿט — 13 ווילן מיר זיך ניט אונטערגעבן. פֿאַר 9 און [אַנטקעגן] 12

---

* [12] און ניט [10], ווײַל דאָ קומט 7 און 14, נאָך די 6 און 15 אין [8]; און אין דער סטראָפֿע גופֿא וואָלט דער אינהאַלט געפֿאָדערט, אַז שורה 4 זאָל קומען נאָך 5.

** איצט איז [10], און מען מוז דאָ בײַטן דעם סדר פֿון די שורות: 4 איז 5 און 5 איז 4, ווײַל 13 און 8 קומען פֿאַר 9 און 12.

קען איך ניט באַשטײן; אַך, װאָס איך האָב עס אַזױ לאַנג געליטן: װען זײ דערשמעקן **10** אַנטקעגן [דאָ אין טעקסט דאַרף זײַן אובר, ׳איבער, אַנטקעגן׳ און ניט אודר ׳אָדער׳]. **11**, הײבן זײ אָן צו רוקן זיך פֿאָרױס מיט הױפֿנס און מיט זעק, קנאַקן אין זײ אַרײַן די ממתקים. ער פֿאַרמערט דעם הױפֿן אַזױ שװער, אַז ער גנבֿעט זיך אַרױס אין דער זײַט בשתיקה, אײדער איך װײס, װאָס דאָ קומט פֿאָר.

[14]

אין דער פֿרי און אין אָװנט אָן אױפֿהער האָבן זײ קײן אַנדער צײַטפֿאַרטרײַב סײַדן איבערצװזיצן די צײַט הונגעריקע, דאָרשטיקע און פֿאַרשמאַכטע. אי טעג אי נעכט שפּילן זײ, װײַל זײ דערהיצן זיך און פֿלוכן און אַרבעטן מיט די ליפּן, זײ בײַסן, זײ װײסן פֿון קײנעם ניט קײן גוטס צו זאָגן. זײ פֿאַרנעמען זיך קנאַפּ מיט דינען גאָט אי בײַ טאָג אי בײַ נאַכט: זײ היטן אָפּ קנאַפּ זײַן געבאָט. איטלעכן גלוסט זיך זײַן געזעלנס פֿאַרמעגן, דעריבער װערן זײ קײן מאָל ניט זאַט אָדער פֿרײלעך.

[16]

האָט אײנער זיך ניט געמאַכט געניט אין דער שפּיל און ער קען ניט די גענג פֿון װערפֿלשפּיל, איז ער גאָר אַ פֿאַרלאָרענער, דאָס װיל איך אים אין דער אמתן זאָגן: יונג און אַלט [דאָס הײסט: נײַע און אַלטע װערפֿלעך] װערט אים צוגעטראָגן, זײ באַשװינדלען אים מיט לאַנגע און מיט קורצע. אַך די גרױסע פֿעלשערײַען װאָס װערן דערצו אױסגעטראַכט — מיט קװעקזילבער און מיט בלײַ זײַנען זײ פֿאַרלײט און אײַנגעזענקט [מען זינקט אין זײ אַרײַן בלײַ אָדער קװעקזילבער און מען פֿאַרקלעפּט דערנאָך די לאָך], זײ האָבן אױגן און זײַנען דאָך בלינד, זײערע מאַכערס [די װאָס האָבן זײ געמאַכט] מוזן װערן [בלינד] װי זײ און איטלעכער װאָס גיט זיך זײ אונטער.

[18]

װאָס קען ער זיך באַרימען מיט זײַן געװינס? אָט באַלד גײט עס װידער אָפּ, װי גראָז דאַרט פֿאַר דער זון, מע שלאָגט אים דאָס און דאָס מײן [מער]: גיכער אײדער אַ קלײן פֿײגעלע װערט עס פֿון אים צערונען [פֿאַרשװוּנדן]. איז דער בײַטל שװער [אָנגעפֿילט] פֿאַרבונדן, װערט ער גאָר מיט אַ מאָל גרינג און מאָגער: מע זאָגט אַז אַ שפּילער איז דעם אַנדערנס בײַטל־טראָגער. װי ער געװינט עס, אַזױ װידער פֿאַרשװינדט עס, נאַקעט און בלױז באַשטײט [בלײַבט] ער, דערנאָך בלײַבט ער אין שאָד, שאַנד און שפּאָט.

[20]

יאָ, שפּיל, װי דו מאַכסט אַ תּל פֿון גאָטספֿאַרכט, װאָס װערט איבער דיר אָפּגעטאָן [פֿאַרלאָרן]! מיט דײַנע פֿאַלשע שבֿועות, דערצו נאָך זינדיקע און שענדלעכע װערטער, װאָס פֿון זײ[ערע מײַלער] װערן דאָ אַ פֿולע געהערט װעגן דיר, [און] װאָס זײַנען גאָט צו לײד. דער שאָד הײבט אים אָן זײער צו פֿאַרדריסן, אים װערט זײער װײ צום מוט [ביטער אױפֿן האַרצן]. װי גערן װאָלט ער אױף זײַן שאַנד חרטה האָבן, װאָס ער האָט אַזױ פֿאַרשװענדט זײַן פֿאַר־מעגן (אין טעקסט שטײט: זײַן גוטא אזו הוט באר דעמפּפּט. אָבער דער גראַם מוטא אין דער אַכטער שורה װײַזט אַז עס דאַרף זיך דאָ לײענען אַזױ: דש ער אזו הוט באר דעמפּפּט זײן גוטא). װי קלײן ער האָט עס פֿאַרמאָגט, האָט ער דערפֿון דאָס ברױט ניט געבראַכט, װײ אים װאָס האָט דאָס אַ מאָל דערטראַכט!

[22]

אַ פֿולע לײד און פֿאַרדראָס װױנט אַלץ אונטער יענעמס דאַך, װעמען דאָס גליק װיל ניט צושפּילן. דו פֿאַרװאַנדלסט דעם זינדרײַנעם מענטשן אין אַ שװינדלער, באַלד װעט דאָס אים גײן אין [לײַב און] לעבן. דער װאָס װאָלט גאָר לעבן, װי גיך האָסטו אים פֿאַרקערט צו גזלען און גנבֿענען, װײַל די אַלטע שפּריכװערטער פֿאַרפֿעלן זעלטן װען: שפּיל שטיל, הײב אָן

[שפּילן] הויך [מען זאָל הערן וואָס דו טוסט]. אויף זײַן טויט קענען זיך די לײַט ניט דער־וואַרטן, זיי לויפֿן אים [דאָס הייסט זײַן קערפּער] פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן ווי אַ האַר, [ד״ה זיי קענען זיך שוין ניט דערוואַרטן אויף זײַן טויט: זיי לויפֿן אים, דעם טויטן, פֿאָרויס און נאָך, עפּעס ווי אַ האַר, ווי אַ גרויסן מענטשן].

[24]

זעט נאַר, ווער איז יאָ אַ פֿײַנער שפּילער און שפּילט אָן שום שווינדלען! אַך, ווי שטאַרק די יונגאַטשעס ליבן אים! דער ליב ווערט אים פֿיל צו שווער, — מע זאָגט: „אָט דאָס זײַנען די גוטע שפּילערס, ליגן זיי אַלע אין באָד": דאָס האָב איך אויף זיך גופֿא אויס־געפּרוווט. מיט מײַן היזק איז דאָס געשען, איך בין אויך געווען אין דער כאַליאַסטרע וואָס די יונגאַטשעס ליבן אַזוי שטאַרק: ווער עס שטעלט זײַן לעבן אין קאָן, — שפּילט ער ערלעך צי ניט, איז עס אַלץ גאָרניט.

[26]

פֿאַלש און ליגן איז זייער אונטערשריפֿט, מיט בייז זײַנען זיי צוגעריכט, זיי טאָרן ניט עדות זאָגן, זיי שטייען אין בית־דין ווי ליגנער, זיי האָבן קיין שום נחת ניט, [פֿאַרמשפּט] צו לײַדן אומגליק און צרות. יענער איז אַ געבענטשטער מענטש, ווער עס באַנוגנט זיך מיט זײַנס און פֿאַרגינט אויכעט וויל דעם חבֿר זײַנעם, וואָס גאָט האָט יענעם צוגעשיקט. [אָבער דו שפּילער,] האַלט ניט מײַן ליד פֿאַר שפּאָט, עס גיט דיר איינער אַן עצה וואָס ער גופֿא האָט דערינען קיין גייטיקייט ניט.

[28]

באַמערק, שפּיל, ווי איך האָב דיך געלויבט, ווי דו האָסט מיך געלערנט. אויב איך האָב געקענט דיך דערלײַדן ביזן סוף, איז אַ פֿולע גוטע יונגע־לײַט, וואָס זיי פֿאַרדינען צו ווערן גע־ערט, וואָלטן געמעגט פֿון דיר זיך שיידן. אַ זינדרייינער מענטש דאַרף דאָס איבערטראַכטן און זאָל זיך פֿון דיר דערווײַטערן, און זאָל זײַן כּבֿוד ניט פֿאַרשוועכן און זאָל זיך מיט דיר ניט שיצן. דײַן נאָמען איז פֿאַרטיק פֿאַר קללות, דו פֿאַרשאַפֿסט לייד איבער לייד, — ווערפֿל! זאָל קריג דיר ווערן דערקלערט פֿון מיר.

[30]

ווערפֿל, איך וויל זינגען לויב דיר און צו גלײַך דער קאָרטנשפּיל. איך וויל אײַך ביידן הייסן גיין. איך האָב זיך איצטער גוט אַרומגעזען אויף די רייד וואָס איך האָב פֿאַרענדיקט, דערווידער וויל איך ניט שטערבן, איר זאָלט׳ס גאַנץ אורלויב האָבן = אין גאַנצן שיידן זיך [פֿון מיר]. מײַן שאַנדפֿלעק זאָלט איר ניט מערן, וואָרעם קיינער קען ניט באַשטיין קעגן אײַך. איך וויל פֿון הײַנט אָן תּשובֿה טאָן, אין גאַנצן אין גאָטס רשות, איך זאָל אַזוי אָרום קענען בלײַבן וויל אָפּגעהיט; גאָט, גיב מיר דאָס צום גוטן.

הוספה 2

די איבערזעצונגען פֿון „מצחק בקוביא"

צום קאַפּיטל: מוסר און פּאַראָדיע

דאָס באַרימטע אַנאָנימע העבּרעיִשע ליד „מצחק בקוביא", פֿון וועלכן עס רעדט זיך אין קאַפּיטל „מוסר און פּאַראָדיע", איז אויפֿגעהיט אין אַ כּתבֿ־יד דאַטירט 1532 און געדרוקט צום ערשטן מאָל צום סוף מהלך שבילי הדעת, מאַנטוע, 1563.[1] אָבער אין דער אמתן איז דאָס ליד פֿיל עלטער ווי די אָנגעגעבענע מקורים, ווײַל עס געפֿינט זיך שוין אין אַ כּתבֿ־יד פֿון דעם קאַראַיִמער כּלבֿ אַפֿונדופּולו וואָס האָט דאָס אַרײַנגענומען אין זײַן ספֿר אבי נר בן נר (אין האַנטשריפֿט), אָנגעשריבן און פֿאַרענדיקט אין יאָר 1524.[2]

דער מינכענער מאַנוסקריפּט גופֿא איז פֿון 15טן יאָרהונדערט, אָבער ווי עס קומט צום ליד באַמערקט שטיינשנײַדער אין זײַן קאַטאַלאָג (XVI. J. ?).[3] פֿאַר וואָס שטיינשנײַדער האָט געשטעלט אַ פֿרעגצייכן ווייס איך נישט. ער גיט דאָרט צו, אַז דער כּתבֿ־יד hat einige bessere Lesarten. איך וואָלט זאָגן, אַז דער עלטסטער אָריגינעלסטער מקור איז אַ סך פֿריִער ווי די אויבן דאַטירטע. מען וועט, דוכט מיר, נישט גרײַזן, אויב מען וועט אָננעמען פֿופֿצן הונדערט, ווי די דאַטע פֿאַר דעם כּתבֿ־יד פֿון ליד.

די צאָל סטראָפֿעס איז גלײַך בײַ I און IV, ביידע האָבן אַכט סטראָפֿעס. II האָט אַ נײַנטע סטראָפֿע (עזוב בני — פֿאַרלאָז מײַן זון), וואָס איז אויך אין דעם העבּרעיִשן מקור באמת אַ שפּעטער צוגעקומענע. דער סדר פֿון די סטראָפֿעס איז בײַ II און IV גלײַך, אין I איז דער סדר אַזאַ: ביז סטראָפֿע 4 ווי אין די איבעריקע צוויי, דערנאָך גייט 6, 7, 5, 8.

אַ סך טעקסט־אָפּווײַכונגען אין די איבערזעצונגען שטאַמען פֿון די פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן פֿון דעם העבּרעיִשן מקור.[4] צום בײַשפּיל: אין I, 4 איז דער

---

[1] M. Steinschneider, *Schach bei den Juden*, Berlin, 1873, p. 168 (16), A. 1, p. 180 (28).

[2] A. Neubauer, *Aus der Petersburger Bibliothek*, Leipzig, 1866, p. 62. אַז אַפֿונדופּולו איז נישט דער מחבר פֿונעם ליד באַווײַזט דער פֿאַרגרײַזטער טעקסט דאָרט (זען המגיד, XI, ז׳ 318), און דאָס וואָס עס געפֿינט זיך כּמעט גלײַכצײַטיק אין אַנדערע כּתבֿ־ידן. דאַווידזאָן וויל האָבן, אַז די נײַנטע סטראָפֿע וואָס געפֿינט זיך אין אבי נר בן נר איז דער שפּעטערדיקער נוסח, דעריבער אַ באַווײַז אויף נישט־אָריגינעלקייט (אוצר השירה והפיוט, ב׳ III, ז׳ 168). פֿאַרגלײַכן אויך די קליינע הערה פֿון מש״ש (מ. שטיינשנײַדער) אין: המגיד, XII, ז׳ 39 (פֿעלט בײַ דאַווידזאָנען).

[3] זען ז׳ 19, הערה 9.

[4] אויף אַ צאָל וואַריאַנטן ווײַזט אָן דאַווידזאָן לויט שפּעטערע מקורים אין *Parody in Jewish Literature*, נ״י, 1907, ז׳ 149. די עלטערע מקורים זײַנען פֿאַר אים נישט געווען צוגענגלעך, ווי דער מינכענער מאַנוסקריפּט, דער קליין ברנט שפּיגל אאַז״וו.

נוסח „ומשנתו יעיר״ (בון זיינם שלוף ער אנטוויכט), אין די איבעריקע: „מקומו לא יכיר״ (עש ווערט ניט דער קענט זיין אורט).[5] נאָך דער צווייטער איבערזעצונג געפֿינט זיך אין קליין ברנט שפיגל אַזאַ עפּילאָג:

> אך איין ליד אין עברי אונ׳ פֿר טייטשט פֿון דיא מיט ווירפֿיל
> שפילן גאר עבן.
> דער מיט דיא לייט ניט אל איר אכט אויף דש שפיל זאלן טון געבן.
> דער ניגון פֿון דער סליחה אני הוא השואל איז דער פֿון.
> איטליכר מאג זיך איינם קאפֿן טון:

די דײַטשע איבערזעצונג וואָס ווערט דאָ געבראַכט אונטער III צום פֿאַרגלײַך מיט דעם ייִדישן טעקסט (IV) וועט באַווײַזן, אַז די באַשולדיקונג פֿון טייל ביבליאָגראַפֿן, אַז אליהו קוטנים איז אַ פּשוטער פּלאַגיאַטאָר, ער האָט נאָר טראַנסקריבירט די דײַטשע איבערזעצונג פֿון פֿרידריך אַלבערט קריסטיאַן, לײַפּציג, תמ״ג, באַטיטלט. צחקן מלומד ומתחרט, און אין דײַטש: *Der belehrte und bekehrte Spieler* — איז אָן אַ יסוד.

ליבאָוויטש שרײַבט: „המתרגם הזה גנב את העתקה מהמשועמד, וגם ההקדמה מהמדפיס השני ונתח אותה לנתחים והשחית את התרגום, ושנה את שם הספר למען יקנה אותו, כדרך הגנבים בשנוי השם ובשנוי מעשה״.[6] אים איז נאָכגעגאַנגען חיים ד. פֿרידבערג וועלכער שרײַבט אויך: „תרגום גנוב מן הספר צחקן מלומד״.[7] אויספֿאָרשן האָבן זיי נישט גענומען זיך די מי. קוטנים שרײַבט אין זײַן הקדמה גאַנץ קלאָר, אַז ער האָט זיך „פֿאר גינומן דיזש קליין ביכליין אין דרוק צו ברענגין. וועלכיש שון פֿר דיזם גידרוקט איז גיווארדן אין (לשון הקודש) אונ׳ דר נעבין (גלחות. לשון אלמא״נייה ר״ל הוך טייטש) אונ׳ איך האב עש דארך ליב האבירייא איבר גיזעצט. אין אונזר שפראך (לשון אשכנז) דר ווארטן דש עש אך זאל קענין פֿר שטין דיא קיין (לשון הקודש) קענין״.

נאָך מער, ליבאָוויטש באַשולדיקט אים אויך אין גנבֿענען דעם דרוקערס הקדמה, אין דער צײַט, ווען קוטנים באַטאָנט דאָרט: „אויך האב איך דיא פֿאר ריד פֿון דעם ערשטן דרוקר אין זיין ווערזין לאזין בלייבן. דא מיט אים זיין (כבוד) ניט בינומין ווערט״. עס קאָן זײַן, אַז דאָס וואָס דער נאָמען פֿון דער ייִדישער איבערזעצונג איז כמעט דער זעלבער וואָס פֿון דער דײַטשער — דער גילערנטי אונ׳ ביקערטי שפּילר, האָט פֿאַרפֿירט. ווי אַזוי קוטנים האָט פֿאַרייִדישט מודינאַס ווערק, פֿון „הוך טייטש״ געשאַפֿן „אין אונזר שפראך לשון אשכנז״, זאָל טאַקע באַווײַזן זײַן איבערזעצונג פֿון דעם ליד וואָס ווערט ווײַטער איבערגעדרוקט אונטער IV.

אין די איבערדרוקן פֿון דעם ליד אין די פֿאַרשיידענע ייִדישע אויסגאַבעס, ווי אַמסטערדאַם, תנ״ח, פֿיורדא, תפ״ג, פֿראַנקפֿורט דאָדר, תקנ״ח, נאָווידוואָר, תקס״ו, זײַנען דאָ און דאָרט פֿאַראַן אומוויכטיקע אָרטאָגראַפֿישע, אָבער נישט עיקרדיקע שנויים. אַפֿילו דער נאָווידוואָרער דרוק איז ווי די איבעריקע מערבֿ־אייראָפּעישע אויסגאַבעס, אויפֿן מערבֿ־ייִדישן שניט.

מודינאַס פֿאַראָדיע פֿאַר שפּיל, איז פֿאַרבליבן נאָר אין איין ייִדישער איבערזעצונג, די פֿון אליהו קוטנים; זי ווערט דאָ איבערגעדרוקט אונטער V לויט דעם ערשטן דרוק פֿון אַמסטערדאַם 1698.

---

5 דאַווידזאָן ברענגט, דצ״ו, אַ וואַריאַנט: מקומו לא יעיר.

6 נחמיה שמואל ליבאָוויטש, רבי יהודה אריה מודינא, ניו־יאָרק, תרס״א, ז׳ 115.

7 בית עקד ספרים, ז׳ 675, נומ, 783.

דער פירוש המלות צו ו איז פון יודאַ אַ. יאַפע. אין וו האָב איך נאָר פאַר־טײַטשט אַ פּאָר ערטער, ווײַל בכלל דערקלערט איין איבערזעצונג די צווייטע. ס׳איז גוט צו דערמאָנען און צו געדענקען, אַז אַ ו און אַ ב לייענען זיך גאַנץ אָפט ווי אַ פֿ, אַ ש ווי אַ ס.

I

די איבערזעצונג אין מינכענער כּתבֿ־יד נומ׳ 358 פון 15טן יאָרהונדערט

1

ווען צו דעם שפּיל איז נאַך [8]
דא גין ויל שליג דער נאך
אונ׳ צום לעצט ווערט ער שרייאן אוך
אונ׳ ווערט גיבלוכט אין אלין טארין [9]

2

קיין גוט ווירט ער ווער צירן [10]
אונ׳ אויף זיין זונט ווערט ער מערין [11]
אונ׳ ווידר שפּעניקט אן זיים [הערן] [12]
מיט דעם ולשן אייד די ער הוט גישווארן

3

ער גידענקט [13] ער וויל גיווינן
זא וויל עז אים ניט גילינגן
אזו ווערט ער זיין טג הין ברענגן
מיט ביטרקייט אונ׳ מיט גראשן צארין

4

בון שטט צו שטט ווערט ער גאן [14]
ארמוט ווערט ער האן [15]
בון זיינם שלוף ער אנטוויכט דר בון
אובר די בערג ווערט ער שפּרינגן אונ׳ בארן [16]

---

[8] גאַך — פון מה״ד gâch, גיך: איך אײַל זיך, בין אומגעדולדיק.

[9] טארין — טויערן.

[10] ווער צירן (אין כּתבֿ־יד איז אונטערן צ פאַראַן אַ צירה) — פון מה״ד verzer(e)n, פאַרצערן, פאַרשווענדן.

[11] זונט — פון מה״ד sünde, די זינד. דער שורוק אונטערן ז אין כּתבֿ־יד באַצייכנט דעם איבערקלאַנג; אונטערן ע פון וואָרט מערין איז פאַראַן אַ צירה.

[12] זיים — זײַנעם, און עס פעלט דאָס וואָרט הערן (אויסגעלאָזן לויטן העברעיִשן מקור „ומוריד בקונו״), וואָס גראַמט זיך מיט די ערשטע צוויי שורות צערן און מערן.

[13] גידענקט איז מה״ד gedenkt, — טראַכט, און ווי אין איצטיקן ייִדיש פעלט דאָ דאָס בינדוואָרט אַז ער וועט געווינען.

[14] גאן — מה״ד gân, אַ וואַריאַנט פון גיין.

[15] האן — מה״ד hân, אַ וואַריאַנט פון האָבן.

[16] בארן — פאָרן.



דער כתב־יד פון דער מינכענער איבערזעצונג פון „מצחק בקוביא"

5

מיט בלאשם קופפא ער גיט
צו רישן גיוונט [17] ער אן טריגט [18]
בושהייט מן אים נאך זגט
צו אים זעלברט [19] אונ' צו אנדרן לויטן [20]

6

מיט איילונג אישט ער זיין עשן
אונזר הער גאט האט ער ווער געשן
אונ' דר צו ווערט ער זיך ורעשעאן [21]
גלייך אז אם יום כיפורים אוש [אורן] [22]

7

יעמרליך קומט ער היים ש [23] צו קלאגין
צו רישאן אונ' צו שלאגין
אונ' ביגערט קיין אנדרן ויירטאגן
ווען [24] פורים האט ער אויז דער קארן [25]

8

אונ' דר צו אל זיין גישלעכט
ווערן אין הבן ויינט צו רעכט
נאך זיינם טוט הבין זי איין גילעכט [26]
מיט ורידן אונ' גיזנגין דז ער אישט ווער לארן

סליק בניגון אני הוא השואל

II

די איבערזעצונג אין קליין ברנט שפיגל פון 1657

חרוז נגד הצחקנים בנגון הסליחה אני הוא השואל

1

וועלכר טוט מיט ווירפיל שפילין.
וויא איין שלק איינר טוט ערש [27] פילן.

---

[17] גיוונט — מה״ד gewant, קליידונג, קליידער.

[18] ער אן טריגט (אין כתב־יד — אַ צירה אונטערן י) — איז מה״ד tregit, טראָגט ער אויף זיך, טראָגט: ער גייט אין צעריסענע קליידער.

[19] זלברט — איז די עלטערע יידישע פאָרעם פאַר זעלבסט, אַליין, גופא.

[20] לויטן — לײַט, מה״ד liute, מיטלדײַטש lûte.

[21] אין טעקסט שטייט ורעשעאן — דאָס איז אַ שרײַב־טעות, ווײַל די גראַמען עשן און ווער געשן אין די ערשטע צוויי שורות דערווײַזן בפירוש, אַז דאָ מוז זײַן אָדער אן ורעשן אָדער פשוט ורעשן.

[22] די שורה דאַרף זיך לייענען גלײַך אַז אם יום כפורים אוש [אורן]. דער שלוסגראַם פון זיבן סטראָפעס מאַכט עס קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיטן געוויינטלעכן וואָרט אין אַלטייִדיש, אויסאָרן, אָפּדאַווענען.

[23] ש עש, עס.

[24] ווען מיינט אין אַלטייִדיש — ווײַל, דערפאַר ווײַל.

[25] אויז דער קארן — אויסדערוויילט, אויסגעקליבן.

[26] גילעכט — אַ געלעכטער.

[27] ערש — ער ער

הינטן נאך ווערט ער פר ווישט גר.
אז אין ולוכן דיא דא זיצן אונטר דעם טאר: [28]

2
דער ור שפרטיט [29] אל זיין גוט.
אונ׳ מערט אויף זיין זינד מיט זיינם מוט.
אונ׳ טוט ווידר שפעניגן אן זיין גאט.
מיט ולשן שבועות אונ׳ מיט אוניצי [30] ווארט:

3
ער גידענקט ער וויל גיווינן.
איביג ווערט ער קיין גליק ניט אינן.
זיין טאג ווערט ער ניט ביגלויקן.
זיין טאג מיט ביטרקייט טוט פאר צוקן:

4
ער גיט פון שטאט צו שטאט.
עש ווערט ניט דער קענט זיין אורט.
ער ווערט ארם אונ קליין.
ער שפרינגט אויבר דיא בערג מיט זיין גיביין:

5
ער ווידר קערט ביז ער ווערט פאר שטוסן.
מיט בריכניש אונ שאלק גרושן.
אן פסח אונ אן סוכות
טוט ער ביטן אום פורים [31] מעות:

6
זיין הייבט ווערט בלוס.[32]
זיין קלייד צו שלוש.[33]
ווען בויז [34] צו בריכט אונ׳ אך.[35]
דער זיך זעלבישט איבל טוט הולין:[36]

7
ער עשט מיט אייליקייט זיין שפייז.
אויף ברכת אונ׳ בענשן גיבט ער קיין פלייש.
אונ׳ ניט ווערט גיפונדן בייא אים הונגר קיין.
אם טאג אז גאט גבאטן צו ליידן פיין:

---

[28] טאר — טויער.
[29] ור שפרטיט — פֿאַרשווענדט.
[30] אוניצי — אומנוצלעכע.
[31] אין טעקסט שטייט בטעות פורים.
[32] הייבט — קאָפּ; בלוס — בלויז.
[33] צו שלוש, פון מה״ד sleizen, צערייסן. פֿאַרבליבן אויך אין הײַנטיקן יידיש, אָפּגע־ריסן־אָפּגעשליסן, אָדער צעריסן און צעשליסן.
[34] בויז — בייז, שלעכטס.
[35] אך, ווי אָך און וויי.
[36] הולין — מה״ד holn, שלעפּן, ברענגען אויף זיך שלעכטס (איבל).

8

אל זיין הויז גזינד.
גינטן אים ער ווער בלינד.
ווען ער צום טוט איז קרנק.
מכין זיא איין פֿרייד גיזנק:

9

פֿר לאז מיין זון דוא זולשט ניט גיין.
אין גיזעלשאפֿט דיא בטריבן אירן לייב מין.
שטערק דיין הערץ צו דיין בישעפֿר אונ דיין דער ליזר
אונ׳ ביהעפֿט דיך אן גאט אונ אן זיין היילגין נאמן
ער דיך בשיצן פֿאר אלין ביזן:

III

די דײַטשע איבערזעצונג פֿון 1683

1.

WEr sich dem Spiel ergiebt/
Lebt elend und betrübt/
Sein End ist auch verflucht/
Weil er sein Unglück sucht.

2.

Er wirfft sein Gut in Wind
Und häuffet Sünd mit Sünd
Indem er GOtt entehrt/
Und offt vergeblich schwert.

3.

Er hoffet auff Gewinn/
Und spielet immer hin/
Und hat doch wenig Glück/
Wenn er gleich brauchet Tück.

4.

Er reist von Stadt zu Stadt
Weil er kein bleibens hat/
Geht über Berg und Thal
Verächtlich arm und kahl.

5.

Er kömmt in grosse Noth/
Daß er verlangt den Todt/
Und wünscht wenn Ostern da/
Ach weren Faßnacht nah.

6.

Sein Haupt ist ohne Hut/
Die Kleider auch nicht gut/
Es weiß auch alle Welt/
Was ihn so sehr verstellt.

7.

Er frißt begierig drauf/
Und denckt nicht Himmel auf/
Er fastet auch nicht gern
Wenn man versühnt den HErrn.

8.

Im Haus ist er verhast/
Und eine grosse Last/
Drum ist auch Freud im Haus
Wenn man ihn trägt hinaus.

IV

די איבערזעצונג פֿון אליהו קוטנים, 1698

1

ווער זיך אין שפילין ביגיבט.
דער לעבט אילענדיג אונ׳ ביטריבט.
זיין ענד איז אך פֿר פֿלוכט.
זיין אונגליק האט ער זעלבשט גיזוכט:

2

ער ווערפֿט זיין גוט הין וועק אין ווינד.
אונ׳ הויפֿט אויף זיך פֿיל גרושי זינד.
ווידר שפּעניגט אן נאט דען הערין.
ווייל ער אופֿט אום זונשט טוט שווערין.

3

ער טוט אלי צייט הופֿין אויף גיווין.
אונ׳ שפּילט אימר צו פֿארט הין אונ׳ הין.
דאש גליק אבר. וויל אין ניט הער הייסן.
זיין טעג מוז ער אין ביטריבנים פֿרשלייסן:

4

ער רייזט פֿון שטאט צו שטאט.
ווייל ער קיין בלייבנדיג אורט האט.
גאר ארמטליך אונ׳ גאר קאל.
ניט ער איבר בערג אונ׳ איבר טאל:

5

ער קומט אין גרושר נוט.
זוא דש ער פֿר לאנגט זיין טוט.
ווינשט זיך (סוכות) אונ׳ (ליל שמורים).
אוך, ווען ווערט דאך קומין (פורים):

6

זיין קאפּף איז זונדר הויב.
זיין קליידר צו ריסן אונ׳ פֿול שטויב.
זיין אונגליק ווייש דיא גאנצי וועלט,
וועש האלבין ער איז ווארדן גיפֿעלט:

7

וואקר דרויף טוט ער פֿרעסין,
אבר נאט צו לובין טוט ער פֿרגעסין.
(יום כפור) וויל ער ניט פֿאשטין.
ווען זיך אנדרי ליט טון פיינינן אונ׳ פראשטין: [87]

8

זיין הויז גיזינד, אך קנעכט אונ׳ מידן,
טונין אין האסין אונ׳ פֿיינדן,
דרום איז איין גרושי פֿרייד אים הויז,
ווען מן אים טראגט דיא טיאר אנויז:

V

מודינאס פּאראַדיע

1

דער דיא קארט אונ׳ ווערפֿיל ליבט,
דער לעבט אלצייט זונדר ביטריבט,

---

[87] פֿ״בל אויך ווײַטער סטראָפֿע 16 אין קוריאָזן שפּילליד „דאריבר פֿלעגט ער פֿיל פראשט און צער צו האבין“, פֿון מה״ד brast, ד״ה 'hervorbrechender drückender kummer'.

ער האט זוא וואול אך פֿרייד,
עבין אלש אנדרי בידר לייט:

2

יוא, וועןְ עש דעם גליק גיפֿעלט,
דש ער פֿר שפילט זיין גוט אונ׳ געלט,
דאש ברענגט צו וועגין דיא מיסטאט,
דש ער זוא מעניך מול גילאגין האט:

3

פֿר שפילט ער היינט שון גלייך,
מורגין איז ער דאך ווידר רייך,
גלייך אלש איין האנדילש מאן,
דער שטין, אונ׳ פֿאלין קאן:

4

ער רייזט גלייך גרוש אונ׳ קליין,
דער גוטר שפיליר ניט אליין,
ער וואנדרט אינש גלייכן אך דער פֿרום,
איבר בערג אונ׳ טאל הין אונ׳ הער ארום:

5

שפילט ער אין זולכיר צייט,
דש מאן זיך יערליך פֿרייאט,
זוא ווערט ער אך נעמין היןְ,
מיט זעגין אונ׳ גליק דען גיווין:

6

פֿיל ערגיר טוט דער זעלביג לעבין,
דער זיין געלט אן דיא הורין טוט געבין,
אונ׳ זוכט מיט ביטרוג אונ׳ ליסט,
צו רויבן וואש זייניש נעכשטין איז:

7

ער עסט גישווינד היניין,
וויל אך גערן בייא דעם גיבעט זיין,
אן דעם גרושן פֿאשטין טאג,
ער גערן פֿאשט אונ׳ ניט עסין מאג:

8

דיזש איז קארץ אונ׳ שלעכט,
דאש אידילי שפילירש רעכט,
ווער זיך אין שפילין שטעץ איבט,
דער ווערט גילובט, אונ׳ גיליבט:

הוספה 3

דאָס קוריאָזע שפּילליד

צום קאַפּיטל: דאָס ליד פֿון די שפּיללידער

ס'איז נאָך געבליבן אויפֿצוקלערן עטלעכע ביבליאָגראַפֿישע פּרטים וועגן דעם קוריאָזן שפּילליד וואָס ווערט דאָ ווײַטער איבערגעדרוקט. דאָס שפּילליד האַלט 8 זײַטן (7+1 ליידיק) 8X15 צענטימעטער, קליין 8°. דאָס דרוקאָרט און יאָר פֿעלן. פֿאַרצייכנט אין קאַטאַלאָג אַחוה, אַמסטערדאַם, 1904, נומ׳ 1741, דאָרטן איז אָנגעגעבן: אָפֿנבאַך, תע״ט. דאָס ליד, וואָס איז אַ גרויס יקר־המציאות, האָט זיך געפֿונען אין דער ביבליאָטעק ראָזענטאַליאַנאַ אין אַמסטערדאַם.

אַז אָפֿנבאַך איז דאָס דרוקאָרט איז גאָר קיין ספֿק ניט. עס איז אָבער ניט קלאָר ווער עס איז דער מחבר און ווען ס'איז געדרוקט געוואָרן. אויפֿן שער שטייט בפֿירוש: „דיזי ליד איז צו פֿר קויפֿן בייא הר״ר משה זעקיל מיינעק אין ק״ק אויפֿין באך״ הייסט דאָס אַז מיר האָבן פֿאַר זיך נאָר אַ פֿאַרלעגער אָדער גאָר אַ פֿאַרקויפֿער.

דער נאָמען ר׳ משה זעקיל מיינעק איז ניט אין גאַנצן אומבאַקאַנט. ער פֿיגורירט ווי דער אַרויסגעבער פֿון טייטשי אפטייק, אָפֿנבאַך, 1715 (שטיינשנײַדער קאַט׳ באָד׳, ז׳ 28/2027, 4). פֿאַראַן נאָך אַ ספֿר סיומה הפרשיות מהתורה, אָפֿנבאַך, תפ״ב, ווו אויפֿן שער שטייט: „הובא בדפוס ע״י ה״ה הר״ר משה זעקיל מיינעק״.

ער האָט, ווײַזט אויס, אויך געשריבן די הקדמה צו דעם ספֿר אין העברעיִש און יידיש. דאָרטן באַטאָנט ער אויך „ובאשר נדב לבי לזכות את בני ישראל ולהביא לבית הדפוס את הספר״ און חתמעט זיך „הקטן משה יצחק בן לא״א הר״ר ברוך זצ״ל מרעדוויץ במדינת באַמבערג״. דאָך האַלט אים שטיינשנײַדער נאָר פֿאַר דעם אַרויסגעבער פֿון דעם ספֿר, אָבער ניט פֿאַר דעם מחבר, און אין זײַן אויבן דערמאָנטן קאַטאַלאָג איז דער ספֿר פֿאַרצייכנט צווישן די אַנאָנימע. אַנדערע ביבליאָגראַפֿן האַלטן מיינעקן פֿאַר דעם מחבר. נאָר אויב מיר זאָלן אַפֿילו אָננעמען, אַז ער איז טאַקע דער מחבר פֿון דעם ספֿר סיומה הפרשיות, איבער דינים פֿון קריאת התורה, איז פֿון דעם גופֿא טאַקע צו זען, אַז ניט פֿאַר אים פּאַסט צו זײַן דער מחבר פֿון דעם וועלטלעך געזעלשאַפֿטלעכן שפּילליד.[1] גיכער איז אָנצונעמען אַז ער איז געווען נאָר דער אַרויסגעבער פֿון דעם ליד און בײַ אים איז געווען „דיא ליד צו פֿר קויפֿן״.

---

[1] אין אַ יאָר אַרום טרעפֿן מיר מיינעקן ווי דעם פֿאַרלעגער פֿון אַ קליין ביכל מעשה בן מלך היה זולל, פיורדא תפ״ג. ביבליאָגראַפֿיש איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין אַלע אויסגאַבעס פֿון תלמיד צחקן מוסרי איז די מעשׂה געדרוקט צוזאַמען, אָבער אין דער פיורדער אויסגאַבע פֿון 1723 (אַן עקזעמפּלאַר בײַ י. אַ. יאָפֿען) איז זי געדרוקט, ווײַזט אויס, באַזונדער, מיט אַ ספּעציעלן שער און אַ נײַער פּאַגינאַציע (אַן עקזעמפּלאַר אין סעמינאַר־ביבליאָטעק) און צום סוף שטייט: „זה המעשה הביא לדפוס ע״י הר״ר משה זעקיל מיינעק בשנת תפ״ג לפ״ק״. נאָך אַ באַווײַז פֿאַר מיינעקס טעטיקייט ווי אַ פֿאַרלעגער.

דאָס גענויע דרוקיאָר לאָזט זיך פֿעסטשטעלן דורך שודטן װעלכער שרײַבט: vor wenig Wochen zu Offenbach am Mayn, bey Mosche Sekel Meinek ein Hebreisch Teutsches Lied vom Spielen in 8. gedruckt worden [2] און עס קומט אויס אַז ס'איז געדרוקט געוואָרן בערך 1717/1716.

אויפֿן סמך פֿון שודטן דערמאָנט שטיינשנײַדער דאָס ליד אין „שאַך ביי דען יודען", ז' 182, באַמ' 1. ער קאָריגירט דאָרטן זײַן טעות אין קאַט' באָד' און וויל באַטראַכטן מײַנעקן ווי דעם מחבר פֿון ליד. דאָס ליד איז אויך פֿאַרצייכנט בײַ אַ. שולמאַנען אין שפת יהודית אשכנזית, ז' 198. ער ברענגט דאָרט די סטראָפֿע 2 און די ערשטע 2 פֿערזן פֿון סטראָפֿע 20.

די פֿעדער־רעטעניש, וואָס קומט צום סוף ליד, געפֿינט זיך שוין בײַ שודטן דאָרטן אין ייִדישן אָריגינאַל און איז אויך טראַנסקריבירט. נאָר אַן דער הקדמה. פֿון אים האָט אויך איבערגעדרוקט אַווע־לאַלעמאַן אין זײַן: *Das Deutsche Gaunerthum*, III, 536—537. שטיינשנײַדער פֿאַרנאָטירט בטעות די רעטעניש ווי אַ סעפּאַראַטע אויסגאַבע אין קאַט' באָד', ז' 562 נומ' 3632, וואָס ער האָט נאָך דעם אויסגעבעסערט, ווי שוין אויבן דערמאָנט. נאָר ער מיינט אַז דער פּתרון איז „אַן צווייפֿל די קאָרט"! ס'איז אויך פֿאַרצייכנט בײַ שולמאַנען, דצ"וו, ז' 206, „החידה על העט" (דרוקפֿעלער: על מעט). ער ברענגט אויך די ערשטע פּאָר שורות מיט דרוקגרײַזן.

פֿון שודטן האָט מסתמא אויך באַראַבאַוו איבערגעדרוקט די פֿעדער־רעטעניש מיט וואָרט־פֿאַרטײַטשונגען און דערקלערונגען אין: ליטעראַטור און לעבן, ניו־יאָרק, 2טער יאָרגאַנג, אַפּריל 1915, זז' 112—113. ער האָט אָבער משמעות פֿאַרזען שולמאַנען, דעריבער — זײַן נאָכוואָרט און הערה דאָרט.

אַן ענלעכע רעטעניש אויף דער פֿעדער געפֿינט זיך נאָך פֿון פֿריִער בײַ ר' יהודה אַריה דמודינאַ אין זײַן סוד ישרים, וועראָנע, ת"ז („חידה ל' הקולמוס"). עס הייבט זיך אָן: „לבוש יצאתי מבטן אמי ואנכי ערום ועריה ולא נמצא בי עול ויכרתו לי ראש" אאַז"וו.

דעם ייִדישן לייענער איז כּדאַי אויפֿמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם בריוו־רעטעניש פֿון דער פֿעדער, וואָס לעווין אַבֿרהם ליאַן־דאָר האָט אָפּגעדרוקט אין זײַן איין נייער קינסטליכער בריפֿן שטעללער, ווילנע, תר"ד — 1844, זז' 26—29. ס'הייבט זיך אָן: „איך בין ניט גרויס פֿון געוויקס, איך בין גרינג אין געוויכט, איך בין דאַר, איך בין מאַגער, איך האַב ווייניג הויט, איך בין אַן ביינער, איך בין אַן גענומען אין דער וועלט"...

צום סוף נאָך אַ קליינע באַמערקונג וועגן דעם איבערדרוק וואָס ווערט דורך מיר איבערגעגעבן גענוי און פּינקטלעך. נאָר דאָ און דאָרט האָב איך צוגעגעבן עטלעכע לייען־צייכנס צו פֿאַרגרינגערן דאָס לייענען.

אַז מען וועט געדענקען דעם כּלל ווי אַ ש אָדער ז קומען אָנשטאָט אַ ס, אָדער אַ ב פֿאַר אַ פּ און פֿ, אַ ט פֿאַר אַ ד — וועט די אָרטאָגראַפֿיע פֿונעם ליד ניט אויסזען שווער און פֿרעמד פֿאַרן הײַנטיקן לייענער און מען וועט קענען לײַכט לייענען, פֿאַרשטיין און הנאה האָבן פֿון דעם ליד.

---

[2] *Jüdische Merckwürdigkeiten*, IV Theils III. Contin., p. 108.

איין שיינייא קוריעס שפיל ליד

האט אן אויך דען ספיל גימאכט :
אז אלזו וואל אויז גיטראכט ·
ווען זיך איין טייל זיין נוהג אין שפיל · אירה
בייטל טון וואלין אמאל פילן · עס מעלט זיך
אמגלר גערין אין ספיל ווידר ערגעלין
ווען ער-אנדרשט נור העט נאך צו פעלין ·
דער וייט זיין גאר פיל · אוני אמט מא' ניו·
אן זאגט אבר איין ספריך ווארט אחרום
ספילט ניט פייטל · יח פר ווער עס ניט
וואלין ניט דר בייטל· איך איז איך היה בייח
ניט מער אין קעסטן · ווען איר ליבר החבר
ווערט הירינן לעזן ווערט איר מער פינטך
אויך הוט מאן איין איפסי קונטוילי אוז
רעטנום טאן שרייבן־זום עס · איר ליב
החבר ווערט וויזן דח בייח החכין איחר
קונטנטשיאענט · דחרום קויפט איר ליב
החבר היח בייח צו לעסן · אונ' טוט דאס
קוריעס ליד קויפן · עס ווערט דיך אחנלר
דחרחן קערין · אונ' ווערט דין בייטל מיט
לערין אונ' ווערט דיין ספיל ניט נאך
טטרעבין · דח איט ווערט ער בייח דינים
וויב החבין איין גוט לעבין · לו דבי אלוה
ווערט ער זיין געלט בעסר אן ווענדן
בגבות וה ווערט הסי' אוז אמת
זמנטין · אמן
דיזז ליד איז צו פר קויפן בייח הר"ר משה
זעקיל איינעק אין ק"ק אוזין בייך :

שער־בלאַט פֿון דעם קוריאָזן שפּילליד

איין שין נייא קוריעס שפיל ליד

האט מן אויף דעז שפילן גימאַכֿט.
אונ זולכֿיז וואול אויז גיטראַכֿט.
וויא זיך איין טייל זיין נוהג אין שפילן.
אירה בייטל טון זולכֿיז וואול פֿילין.
עש מעכֿט זיך מאנכֿר גערין אין שפילן ווידר ערגעצין.[1]
ווען ער אנדרשט נור העט נאך צו זעצין.[2]
דער לייט זיין גאר פֿיל.
אוני[3] מאם אונ׳ ציל.
מן זאגט אובר איין שפריך ווארט: „ווארום שפילט ניט פֿייטל?
יא! פֿר ווארר, עש לייט זולכֿיז ניט דר בייטל״.[4]
איך וויל אייך היא בייא ניט מער אן קינטן.[5]
ווען איר ליבהאבר ווערט הירינין לעזין, ווערט איר מער פֿינטין.[6]
אויך הוט מאן איין היפשי קינצטליכֿי אויז רעטנוס[7] טאן שרייבן צום ענט.
איר ליב האבר ווערט וואול דא בייא האבין אייאר קונטענטימענט.[8]
דארום קומט איר ליב האבר היא בייא צו לויפֿן.
אונ׳ טוט דאש קוריעס ליד קויפֿן.
עש ווערט זיך מאנכֿר דאראן קערין.
אונ׳ ווערט זיין בייטל ניט לערין.
אונ׳ ווערט דען שפילן ניט נאך שטרעבין.
דא מיט ווערט ער בייא זיינים וייב האבין איין גוט לעבין.
צו דבר מצוה ווערט ער זיין געלט בעשר[9] אן ווענטין.
בזכות זה ווערט השי׳[10] אונז משיח זענטין. אמן.

דיזי ליד איז צו פֿר קויפֿן בייא הר״ר משה זעקיל מיינעק אין ק״ק אויפֿין באך.[11]

---

[1] פֿאַרגעניגן האָבן, זיך משׂמח זײַן, זיך אונטערהאַלטן — ergötzen.
[2] אײַנשטעלן.
[3] אָן.
[4] פֿ״גל אויבן אין אַרײַנפֿיר דעם קדושס קלאָגליד: „דיא שפיל לייט האבין מיר גיגעבין איין נאָמען ר׳ פֿייטל״ אאַז״וו. מסתּמא אַ פֿאַרשפּרייטער אופֿן רעדן אָדער שפּריכוואָרט צווישן אַזאַרטשפּילער אין יענער צײַט.
[5] צו וויסן טאָן, מפֿרסם זײַן.
[6] געפֿינען.
[7] רעטעניש. די פֿאָרעם „אויז רעטנוס״ געפֿינט זיך אין די תּנך־איבערזעצונגען. זען וויצענהויזן, שופֿטים יד, פֿון פּסוק יב ביז סוף קאַפּיטל: „איין אויש רעטניס געבן צו ראטן״. בײַ בליצן דאָרט געפֿינען מיר: „ראטציל״, „אויש רעטינס״, „רעטיניס״, „אויש ראטציל״.
[8] פֿראַנצייזיש contentment, צופֿרידנקייט, פֿאַרגעניגן.
[9] בעסער.
[10] השם יתברך.
[11] אָפֿנבאַך — Offenbach.

1. דיזיז ליד איז וואָרדין אויף הלכות קארטין אויז גיטראַכֿט.
וויא אופֿט האט דער פאמבּפֿיליוז [12] מאנכֿין בדלית גימאַכֿט.

---

[12] פּאַמבּפֿיליוז: Pamphili, Pampfili — דער אייבער־אייכל (אונדזער אונטער) אין שפּילקאָרטן. Schmeller, *Bayerisches Wörterbuch*, I, p. 392.

דאָרט ווערט געבראַכט אַ ציטאַט פֿון אַ דײַטשישן מחבר מיטן זעלבן מוסר־השׂכּל וואָס דאָ: „אַבֿשלום האָט דורך אַן אייכנבוים פֿאַרלאָרן דאָס לעבן. אָבער אַ סך אַנדערע פֿאַרלירן זייער לעבן, איבער הויפּט זייער לעבנס־מיטל, ניט צוליב דעם אייכנבוים, נאָר צוליב דעם אייבער־אייכל, וועמען מען רופֿט צוליב גרעסערן כּבֿוד פּאַמפֿיליוס".

אַזוי ווערט דער אונטער אויך אָנגערופֿן אין די סלאַווישע שפּראַכן. אין פּויליש פּאַמפֿיל אָדער פּאַנפֿיל. אין גרינטשענקאָס *Словарь украинского языка*, III, 91 איז פֿאַרצייכנט: **Памфиль**:

1) אַ קאָרטנשפּיל 2) אונטער־אייכל, די עלטסטע קאָרט אין שפּיל. זע אויך:

Вадимъ Бахиревъ, *Русскiи Карточный Игрокъ*, С.-Петербургъ, 1880, 6-7, Памфилъ.

אין דרך הישר לעולם הבא פֿון ר' יחיאל מיכל עפּשטיין ווערט אין דער אויסגאַבע פֿון פּפּד"מ 1720 (?), ז' פּ, געבראַכט וועגן שפּילן אַזאַ זאַך: „דרום איז דער פּאַן פֿיליאַש מער גילטיג (שולדיק) אונ' איז מיט איין אויג קיגן בלעם איז בלינד גוועזן". אין אַנדערע אויסגאַבעס פֿון דעם ספֿר איז דער זאַץ פֿאַרביטן מיט אַן אַנדערן.

אין אַקציאָהן דוד וגלית דערמאָנט דער לץ האַנס ווורסט די קאָרט מיטן יִחוס־נאָמען. עריק שרײַבט: „אין די ווײַטערדיקע דרײַ סטראָפֿעס זינגט האַנס ווורסט וועגן זײַן שלימזל בײַ קאָרטן" (געשיכטע..., ז' 149). אָבער ער האָט דאָרט די סטראָפֿעס נישט געבראַכט. ער ברענגט אַן אַנדער קורץ לידל וועגן קאָרטנשפּיל:

זא וואר גליות קומען אום זיין לעבן.
אלז איך דיא קארט אונטן ארויז גיגעבן.
אונ' האָב שיפּה זויא ארויז גינומען.
דאריבער בין איך אום צווייא אונ' דרייסיק פאצן גיקומען.

(שיפּה זויא — שיפּע חזיר, Sau — חזיר; פאצן — Batzen, אַ קליינע שווייצאַרישע מטבע בערך פֿיר קרײַצערס).

פֿאַר אונדזער שטודיע זײַנען גראָד זייער וויכטיק די אויסגעלאָזענע דרײַ סטראָפֿעס, וועלכע איך האָב איצט די מעגלעכקייט איבערצודרוקן, אַ דאַנק פֿרײַנד משה לוצקי, וואָס האָט זיי קאָפּירט פֿאַר מיר אין 1938 פֿון דעם עקזעמפּלאַר אין באָדלעיאַנע־ביבליאָטעק, אָקספֿאָרד.

נאָך דער לעצטער סטראָפֿע, וואָס עריק ברענגט דאָרט אויף ז' 148, „מיט דען הינטרן שיסן" (בײַ אים בטעות: שיטן) קומען די ווײַטערדיקע דרײַ סטראָפֿעס פֿון האַנס ווורסט וועגן קאָרטן:

1

דען דריטן שטיין דען שווארצן.
גיגן שיפּה פּומבּפֿיליוס דען איך ליב מיט הערצן.
ווי אופֿט האָט ער מיר פֿר דעם מויל גינומן דאש ברוט.
צו לוהן זאל ער קריגין די שווערי נוט.

2

דען פֿירטן שטיין דען קליינן.
פֿר אייחל בויאר דעם פֿיינן.
דען ווען איך ניט האב געהאט צו צעהרן.
הוט ער מיר ווידר טאן בישערן.

3

דען פֿינפֿטן שטיין זאל פֿיר הערץ בויאר זיין.
אונ' צו ברעכן זאל גליות האלז אונ'ביין.

צוויא אונ דרייסיג [13] בלעטר טוהין אין דיא קארטין שטין.
זונדר דיא שאב קארט [14] טוט אויך מיט ארבייא גין:

אונ׳ זאל מיר זיין דוימן אין ארש שטעקן.
היר נאך ווידרום אבלעקן.

פֿון ווערסטס פֿאַראַדיע קומט גאָר אויס, אַז די יִחוס־קאָרט איז „שיפּה פּומבפּיליוס״, ד״ה, אייבער־שיפּע, נישט „אייחל בויאר״, פֿון דער ערשטער קאָרט האָט ער געהאַט גויט, פֿון דער צווייטער — ברויט.

[13] די צאָל קאָרטן ווענדט זיך אין די מינים שפּילן. די אַלטע דײַטשישע קאָרטן האָבן געציילט 32 אָדער 36 בלעטער. דאָ, פֿאַרשטייט זיך, איז די רייד פֿון דײַטשע קאָרטן. פֿ״גל אויך וועגן דער צאָל קאָרטן בײַ:

A. v. d. Linde, *Geschichte und Litteratur des Schachspiels,* Berlin, 1874, II, p. 377.

געוויינטלעך זײַנען מער פֿאַרשפּרייט געווען די פֿראַנצייזישע קאָרטן, מיט 52 אין צאָל. יהודה אריה מודינאַ דערמאָנט אין זײַן באַרימט ספֿרל איבער קאָרטנשפּיל סור מרע 52 קאָרטן: „ידו בכ״ל, וי״ד כל בו, בכ״ל בגימטריא נ״ב והקלפים הכי הוו״. און דער אי־בערזעצער, אליהו קוטנים, פֿאַרטײַטשט: „דען דאש ווארט (בכל) האט צווייא אונ׳ פֿופֿציג אין דער צאל. נעמלעך, דיא (ב) איז צווייא, דיא (כ) איז צוואנציג, דיא (ל) איז דרייסיג וועלכיש אלזו צו זאמין מאכט צווייא אונ׳ פֿופֿציג, אונ׳ דיא פֿראנצי אונ׳ הולענדישי קארטין האבין עבין זוא פֿיל בלעטיר״, תלמיד צחקן מוסרי (דער גילערנטי אונ׳ ביקערטי שפּילר), אַמסטערדאַם, תנ״ת, ז׳ כה—כו.

אויך אין קבלה און חסידות ווערן געמאַכט פֿאַרשיידענע מיסטישע קאָמבינאַציעס מיט דער צאָל קאָרטן און ביינדלעך אין צוזאַמענהאַנג מיט די „קליפּות״ און „סיטרא־אַחרא״ וואָס שטעקט אין זיי. אַזוי האָבן זיי צום בײַשפּיל אויסגעפֿונען, אַז דאָס וואָרט „קרטן״ באַטרעפֿט אַזוי פֿיל פּונקט ווי „שׂטן״ — 359.

איבער דער פֿאַרבינדונג פֿון קאָרטן מיט קבלה און מאַגיק זע:

W. Hughes Willshire, *A. Descriptive Catalogue of Playing Cards in the British Museum,* London, 1876-77 (לויט דעם אינדעקס, איבער הויפּט פֿון ז׳ 148 א״וו).

אינטערעסאַנט איז אויך דיקס דערקלערונג איבער די צאָלן אין קאָרטן: „איין שפּיל קארטין האט אין זיך פֿיר מאשצען געגען די ארבע תקופֿות השנה. האָט אין זיך צוועלף פֿיגורן געגען דיא צוועלף מאנאטען דעס יאהרעס. צווייא אונ פֿופֿציג קארטין געגין דיא צווייא אונ פֿופֿציג וואכין דעס יאהרעס. דרייא הונדערט פֿינף און זעכציג אויגין געגין דיא שס״ה טעג פֿון יאר. אונ האבין אלזוי גימיינט צו שטיין מיט זייא אין בונד פֿון די כוחות הכוכבים און מזלות״ (וויטצען אונ שפּיטצען, ווילנע, תרל״ד, ז׳ 33), און נאָך אים האָט לינעצקי געגראַמט:

נעמט דיא קארטען אונ צעהלט נאר איין מאל
וועט איר דערזעהן גייעס גאר.
צווייא אונ פֿיפֿציג איז זייער צאָהל
אקעגען דיא וואָכען פֿין דעם יאָהר
12 פֿיגורען, האלב שווארץ, האלב רויט
וויפֿיעל חדשים אין יאהר געהט אויס.

(דער בייזער מאַרשעליק, וואַרשע, תרל״ט, 2טער טייל, ז׳ 33).

[14] דעם גענויעם באַטײַט פֿון „שאָבקאָרט״ האָב איך דערווײַל ניט אויסגעפֿונען. ווי עס ווײַזט אָבער אויס מוז דאָס זײַן אַ קאָרט גלײַך צו דעם וואָס מען רופֿט אין ענגליש joker אָדער „נישטל״ אין ייִדיש. זע ש. ווינטער, „קאָרטנשפּראַך״, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב׳ וו, 507. אפֿשר אין דעם זינען ווי שאָבמעסער, שאָבאײַזן. „שאָבקאָרט״ — אַ קאָרט צו שאָבן אָדער צונויפֿזאַמלען די קאָרטן בשעתן שפּילן, אַ מין שמשׂ פֿון קאָרטן.

2. איר ליבה ברידר מעכּט שפּילן וויא איר וועלט.
פֿר שפּילט איר דאָך אייאר גוט[15] אונ׳ געלט.
בלוט אונ׳ פֿלייש טוט מן אויך דא ביא פֿר לירן.[16]
וואז איך מיין לעב[17] טאג האב גיוואונין, טוט מיין בייטל וואל שפּירן:

3. שבועה שווא אונ׳ חילול השם טוט מן בייא דעם שפּילן גאר גערין.
וואול דעם דער זולכֿיז ניט טוט הערין.
דיא שפּילר שרייבן זיך קיינה חסידים אויך ניט די בעשט.[18]
זיא שפּילן מיט פֿיל לופֿצים[19] אונ׳ אויך מיט געשט:[20]

4. איר ליבה ברידר דז שפּילן זאלט איר דוך ניט גאר פֿר שווערין.
עש זיין גיווישי צייטן דז מן דוך שפּילט גאר גערין.
דז שפּילן פֿר גיט אונ׳ קומט אויך ווידר.
פֿיר מלאכֿים[21] אין טראשאקין[22] גיבט איין קראפֿט אין אלי גלידר:

---

[15] גוטס.

[16] דוו״ב, V, ז׳ 241 ווערט ציטירט אַ מקור פֿון אָנהייב 17טן יאָרהונדערט, וואָס דער אינהאַלט איז כּמעט אַזוי ווי דאָ:
"Was kan närrischer sein als dz einer sein hab und gut seinem schweisz und blut einem schlimmen liderlichen kartenblat vertrawet?"

[17] לעבנסטאָג.

[18] בעסט.

[10] לופּץ, לופּצים — אַ ליידיק־גייער, אַ גאָרנישט, אַ טויגעניכטס. „עש ווארדן זיך זמלין צו יפּתח גלייך אז ער וואר זעלברט גיוועזן איין לופּץ. פֿון הינן לערנן מיר דש זיך איין לופּץ גיזעלט אלי מאלט מיט איינם לופּץ" (צאנה וראנה, באסיליאה שפּב, ז׳ קיט. אין שפּע־טערדיקע אויסגאַבעס איז פֿון לופּץ געוואָרן לץ און אין אַנדערע האָט מען גאָר אויסגעלאָזן די גאַנצע שטעל); „מן זאל זיך קיין ראיה ברענגן פֿון די לופּצים אונ׳ רשעים דיא זעלכיש טונן" (דרך הישר לעולם הבא, פּפּד״מ, תס״ד, ז׳ פ״ו). זע אויך גרינבוימס דערקלערונג אין זײַן *Jüdischd. Chrestomathie*, ז׳ 418. ער האַלט, אַז דאָס וואָרט איז גיכער פֿון דײַטשן אָפּשטאַם איידער אַ פֿאַרקירצונג פֿון העברעיִשן „לא חפץ", אַן אויסטײַטש וואָס שטערק־לייטצמאַן ברענגען אויף ס׳נײַ פֿון גאָר אַ שפּעטערן מקור — ניט וויסנדיק, ווײַזט אויס, פֿון גרינבוימס באַמערקונג, *Die Jüdisch-Deutschen Bibelüberzetzungen*, פֿראַנקפֿורט־מײַן, 1923, ז׳ 336.
יודאַ אַ. יאָפֿע איז משער, אַז לופּץ איז סלאַוויש, פֿון פּוילישן Łowiec, -wca ;Łowca, -cy וואָס מיינט אַ כאַפּער, פֿאַנגער, יעגער. און אַזוי ווי ר׳ יעקבֿ יאַנאָווער, דער מחבר פֿון צאנה וראנה איז געווען אַ פּוילישער ייִד, איז גאַנץ מעגלעך אַזאַ שפּראַכלעכע השפּעה. יאָפֿעס השערה באַשטעטיקט זיך דורך אַ ציטאַט פֿון מעשה־בוך, ווו דאָס וואָרט לופּץ ווערט טאַקע אין דעם זינען אויסגעטײַטשט: „מעשה גישאך רבי יודא חסיד וואר וואול אכטצעהן יאר אלט. אי ער איין ווארט קאנט לערנן. דען ער וואר איין גרושר עם הארץ אונ׳ איין גרושר לופּץ. דער ער טעט ניקש אנדרש אלש מיט דעם ארים ברושט אונ׳ מיט פּפּיילבוגן שיסן" (איין שיין מעשה בוך, אַמסטערדאַם, תס״א, ז׳ סג, נומ׳ קסו).

[20] געסט.

[21] מלכים, דער בײַט פֿון מלכים אויף מלאָכים אין קאָרטנשפּראַך קומט פֿאָר אָפֿטער. ס׳איז ניט איבעריק צו ברענגען דאָ דעם ווײַטערדיקן קאָרטנוויץ: אַ מאָל האָט אַ גרויסער קאָרטנשפּילער געוואָלט ערבֿ יום־כּיפּור אָנקומען צום רבין, נאָר דער גבאי, וואָס איז גע־שטאַנען בײַם טיר, האָט אים ניט געוואָלט בשום אופֿן אַרײַנלאָזן.
— גייט, גייט, דער רבי איז איצט פֿאַרנומען מיט מלאָכים.
— זאָגט דעם רבין, אַז איך האָב טײַז, — האָט דער קאָרטנשפּילער געענטפֿערט.

5. **פאנקיטין**[23] שפיל קאן ניט יעטוועדר טרופף.[24]
פאנקיטן מוז האבין איין לויטרן קאפף.
רומל[25] אונ׳ קווענץ[26] צו פר שיבן, מוז מן זיך גאר וואול דארויף ביזינין.
זונשט קאן מן אין פאנקיטין ניט פיל גיווינין:

— אַוועק, רשע! איך וועל באַלד זאָגן דעם רבין וועט ער דיך פאַרשילטן.
— אַזוי? דער רבי סטראַשעט? האָט ער קיין מלכים אויך נישט...

[22] לויט אַ קורהעסישן ווערטערבוך אונטער דעם זוכוואָרט traschâken ווערט דערקלערט, אַז דאָס זייער באַנוצטע וואָרט קומט פון דעם אַזאַרטשפיל Tréjaques (ריכטיקער: tre sciacchi), וואָס איז געווען זייער אָנגענומען אָנהייב פריערדיקן יאָרהונדערט; ווי אויך אָפּנעמען ביי עמעצן געלט אין שפיל, אים אַרומצופּן, אַרומשערן ("gehörig schneiden"). דאָס אַזאַרטשפיל טראַשאַ־קין האָט מען דורך ספּעציעלע פאַראָרדענונגען שאַרף פאַרבאָטן אין העסן אין 1733 און 1774. Dr. A. F. E. Vilmar, *Idiotikon von Kurhessen,* Marburg und Leipzig, 1883, p. 415.
אין Muret - Sanders *Enzyklopädisches Wörterbuch* ווערט Trescha(c)k אָנגעגעבן ווי דאָס קאָרטנשפּיל Gleek און Tresch(c)ken ווי דער ווערב צו שפּילן „גליק". און Gleek איז לויט *The Century Dictionary and Cyclopedia* אַן אַלטע שפּיל אין קאָרטן, געשפּילט דורך דריי פּערזאָן מיט 44 קאָרטן, יעטווידער שפּילער האָלט 12 קאָרטן און 8 לאָזט מען אין דער טאַליע פאַר סטאַק. עס ווערט אויך געשריבן dreschaken, Trischack, Trichaque; שודט, דצ״ו, דערמאָנט אויך דאָרט, אַז די ייִדן שפּילן אַלערליי שפּילן מיט קאָרטן ווי: à lombre &c, Trischaken, Kaufflabethe. זע אויך ווייטער הערה 29 צום סוף.
[23] געמיינט אויף געוויס די באַרימטע און צום מערסטן פאַרשפּרייטע און באַליבטע קאָרטנשפּיל Piket אָדער Piquet, וואָס שטאַמט פון די פראַנצויזן בערך פונעם יאָר 1390. ס׳ווערט געשפּילט דאָס רוב אין צוויי הענט מיט צוויי און דרייסיק קאָרטן, וואָס ווערן טאַקע אָנגערופן פּיקעטקאָרטן, און מען שפּילט אויף הונדערט אויגן (פּיקס); דוו״ב, VII, 1847. דאָס שפּיל איז פאַרצייכנט אויך אין די ענגלישע ווערטערביכער. די כּללים ווי אַזוי צו שפּילן איז אָנגעגעבן ביי: Fr. Anton, *Encyklopädie der Spiele* (5. Auflage), Leipzig, 1889
[24] אַ תּם, אַ טפּש. זע גרינבוים, דצ״ו, ז׳ 216; שטיף, אין צייטשריפט, בוך 1, מינסק 1926, ז׳ 151. אַ וואָרט וואָס קומט אָפט פאָר אין דער אַלטייִדישער ליטעראַטור, איבער הויפּט געגראַמט, אַזוי ווי דאָ, מיט קאָפּ. צום ביישפּיל: „וואש זאל נוא טאן דער ארומיר טראפּ, ער מוז לויפן איבר שטיין איבר האלז איבר קאפּ", שירי יהודה, אמ״ד, תנ״ו, י; „מוז דער גוט טראפּף, גין מיט גיבוקטם קאפּף", מראה המוסר (צוכט שפּיגל), אָפנבאַך, תע״ו ז׳ מב.
[25] די צאָל קאָרטן פון דעם זעלבן קאָליר אין פּיקעטשפּיל, דוו״ב, VIII, 1481. רומל איז דאָס זעלבע וואָס אַ flush אין ענגליש ביי פּאָקער. דאָס איז אפשר דער מקור פאַר דעם ווערטל: „עס פעלט אים צום רומל".
[26] לויט די דייטשע מקורים איז קווענץ אַן אַרט קאָרטנשפּיל, דוו״ב, VII, 2355; אַנטאָן, דצ״ו, ז׳ 406—408. אָבער לויט דעם אינהאַלט נאָך דאָ איז דאָס גיכער אַ ייִחוס־קאָרט ווי אַ זעלבשטענדיקע שפּיל (פ״גל אויך סטראָפע 26) און ווי אַזאַ איז דאָס פאַרבליבן אין דער ייִדישער קאָרטנשפּראַך ביז היינט. לינעצקי אין דעם אויבן דערמאָנטן ליד:
ער פאַרשפּילט די גאָלדענע צייט און פאַרגעסט אַז ביי דער זייט
אויף אַ קווענץ, מלכּה, מלך, טויז שטייט אַ קווענץ: ווייב, קינד און הויז...
ביי שלום־עליכמען אין „קנאָרטן" ווערט דערמאָנט: „וואָרעם ווער איז דאָס מחויב צו פאַרשטיין, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, וואָס הייסט „פּאָס", „קווענץ", „שראַגע"... וכדומה אַזעלכע דבורים, וואָס זיינען שייך צו קאָרטנשפּראַך?"; „און טאָמער האָט איר זיך איבערגעשראָקן און האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט אַ קווענץ — האָט ער שראַגע!". אין דער קאָמעדיע „שראַגע" געפינען מיר ווידער: „ווי אַזוי שפּילן מיר? מיטן קווענץ? אָקע מיטן קווענץ". זע אויך ש. ווינטער: „קאָרטנשפּראַך", פילאָלאָגישע שריפטן, ייִוואָ, ב׳ 1 (לאַנדוי־בוך), זז׳ 2, 15, 322.

6. אונ׳ ווען איר מיינט איר פֿר שיבט אייארה קארטין גאר גלייך.
זיין לעב טאג שפּילט זיך דוך קיין שפּילר רייך.
אונ׳ ווען דיא מאנין פֿר שפּילן טונין זיא דאריבר פֿר צאגין.[27]
אונ׳ טונין דיא ארימה ווייבר דען רוקין פֿאל שלאגין:

7. דען דיא ווייבר זיינין פֿאשט צו גלייכֿן גיזונין.
דער מן מאג פֿר שפּילן אודר גיווינין.
צענקין[28] אונ׳ פֿלוכֿין דען מן ווען ער קומט נאך הויז.
דאמיט לאשט ער זיין רוגז איבר דז ווייב ארויז:

8. ווען איינר וויל שפּילן טראשאקין מוז ער גאר וואול דארויף טראכֿטין.
זיין געלט מוז ער גאר ניט אכֿטין.
געלט מוז ער זעצין אים טיש דז אים ניט טוט קלעקין.
דא מיט ער קאן זיין חבר פֿון שפּיל אוועק שרעקין:

9. אונ׳ ווען זיך איינר וויל זעצין שפּילן שאריפֿי לאוויטן.[29]
דער קאן אויך באלט קומן אין גרושי ניטן.[30]
דען עש איז קיין ערגיר שפּיל אין דער וועלט.
ווען איינר פֿר לייקנט פֿאריב, אונ׳ דער אנדר פֿר שפּילט דאריבר
זיין געלט:

10. דיא ווייבר שפּילן אויך קויף לאוויטן[31] גאר גערין.
דארום זאלין זיא אויך דיא ווארט אן הערין.
איר ווייבר מושט פֿריש[32] קויפֿן אונ׳ ניט לאנג ביזינין.
דען פֿריש גיוואגט אישט האלב גיוואונין:

---

[27] verzagen, אַרײַנפֿאַלן אין יאוש, אָפּהענטיק זײַן.

[28] זיך קריגן, אַרומרײַסן.

[29] לויט דוו״ב, VI, 8, Labet, פֿון פֿראַנצייזישן La bête, אַ געוויסע קאָרטנשפּיל איבערגענומען אין 17טן יאָרהונדערט, און אויך אַ בײַט, די סומע וואָס דער פֿאַרשפּילער באַדאַרף באַצאָלן. בײַ *Schmeller*, ב׳ ו, 1402, ווערט פֿאַרצייכנט די פֿאָרעם Lauwyten lawĕd גלײַך צו דעם אויסלייג דאָ.

„שאַריפֿי" איז איינע פֿון די שפּילן אין לאַוויטן. אַזוי ברענגט דער דוו״ב, דאָרט, אַ ציטאַט אַז אין קאָרטן זײַנען די שפּילן כּמעט אָן אַ צאָל: "das ist *Scharff* und klein trumpfen ...", לעוו דערמאָנט „שאַרפֿען" אַלס אַ שפּיל פֿון דער אינטעליגענץ:

"In Deutschland waren die Kartenspiele: Kauflabente, Trischaken, l'Hombre besonders beliebt. Doch wanderte manches Kartenspiel mit den Juden von Land zu Land. So das von der Intelligenz so sehr kultivirte, jetzt aber bereits vergessene "Scharfen" (*Die Lebensalter,* 330).

[30] נויטן.

[31] אין דוו״ב, דאָרט, רעכנט ער אויס אויך אַ שפּיל מיטן נאָמען: "kaufmannslabet". אין די מײַנצער תּקנות פֿון יאָר 1741 ווערט באַגרענעצט בײַ קימפּעטאָרינס דאָס שפּילן פֿון קויפֿלאַוויטן (kauflabetten) ביז אַ געוויסער סומע. זע אויך הערות 22 און 29 צום סוף.

[32] מונטער, לעבעדיק, שטאַרק, חוצפּהדיק.

11. **דארום** וויל אייך איין עצה טובה געבין.
ווען איר האבט טרומפ מלך אונ טרומפ זיבן דער נעבין.
זייט איר ניט גאותן ווארפט טרומפ מלך ניט ארויז.
זונשט פר שפילט איר אייאר געלט אויז אייארים הויז:

12. **איצונט** וויל איך אייך טיילז שפילר הערנענין.
אין טייטש לנט טוט מן זיא גאר וואול קענין.
דען יעטוועטר האט גרושי שעלים שטיק [33] אין זיך.
דארום זאלט איר דיא זעלבי וויכן אונ׳ פאלגיט מיך:

13. **איינר** היישט הירשל בחור איין זיטיגר שפילר אונ׳ טוט ניט אויף איין מויל.
שנייט אים די קארט נאך אונ׳ זייט ניט פויל.
לאשט אים דיא קארט וואול איבר דיא הנט אריבר מישין.
זונשט קענט איר אים אויף זיין שעלים שטיק ניט ערווישין:

14. **משה** ווינר איז אויך איין גרושר למדן אין שפיל.
אין אשכנז פינט מן זיין גלייכן ניט פיל.
מייאר לאמב האט אים דוך אין דער קלונשט [34] ביקומן.
איבר ג׳ מאות ר״ט [35] האט ער אים אב גיוואונין:

15. **איר** ליבה ברידר העט איר ניט גיהערט פון מרדכי גרינגה שוועצין.
וויא ער פלעגט דיא תפילן אין שפילן איין צו זעצין.
אין פאנקיטן האט ער זיין ארבע כנפות צו משכן גיגעבין.
איר ליבה ברידר נעמט אייך אין בייאשפיל דער נעבין:

16. **אובר** ניט לאנג דא נאך איז דער גימעלטי מרדכי גישטארבין.
דיא שפילר האבין אים אויף דען גרונט פר טורבין.[36]
דאריבר פלעגט ער פיל פראשט אונ׳ צער צו האבין.
דארום איז ער זא באלד וואדין ביגראבין:

17. **היא** בייא וויל אייך נוך וועלכי נענין.
יעקב פאריך אונ׳ הירשל באבלי טוט מן וואול קענין.

---

[33] פאַלשע שפּיצלעך, שטוקעס, בײַ דיקן: „האָט זיך דער נטקע אויסגעצייכנט גור דורך זײַנע שעלמען שטרייכע (שעלמאָווסקע שטוקעס)״, נטע גגבֿ, ווילנע, תּרמ״ז, ז׳ 27 און נאָך אין פֿיל ערטער דאָרט.

[34] צוואַנג.

[35] רײַכסטאָלער.

[36] פֿאַרדאָרבן.

זיטיגי שפילר זיין זיא אלי צווייא.
דיא קארט מוז מן אינון נאך מישין אוני[37] שייא:[38]

18. **איצונט** וויל איך דיא ווירפֿל שפילר אן שרייבן.
עש ווער בעשר זיא איר צייט מיט וואז בעשר פֿר טרייבן.
דען זיא שפילן זא לאנג אום דען בעשטין באש.[39]
ביז קיינר מער הוט געלט אין דער טאש:

19. **אונ'** ווען מן שאן צו צייטן עטליכֿי גילטין הוט גיוואונין.
לאשט מן ניט נאך, ביז עש ווידר פֿר רונין.
דען בייא דען שפיל געלט איז קיין קליק[40] צו הופֿין.
אישט בעשר דא פֿאר גיפֿרעסין אונ' גיזופֿין:

20. **איר** ליבה ברידר גידענקט דוך דאז אים אייארין זין.
וויא דאז שפיל געלט קומט, זא גיט עש ווידר הין.
דארום זאג איך אייך דז שפילן איז ניקש נוץ.
עש מאג זיין איין לופֿץ[41] אודר רבי חוליפֿוץ:

21. **איר** ליבה ברידר איך וויל אויך דיזיז זאגין.
דיא שפילר טון זיך פֿיל מאל אן אננדר שלאגין.
אוב שאן דיא בויארן[42] אונ' מלאכֿים דא בייא זיין, זא שווייגין זיא דוך שטיל.
דיא שלעגירייא מאג זיין זא גרוש זיא וויל:

22. **אוב** שאן דיא זעלבין פֿיל אורזאך דא בייא געבין.
דיא שפילר צו מאכֿין איין ביזיז[43] לעבין.
אונ' אב שאן דיא זעלבי ניט קענין רידן גאר פֿיל.
מוז מאן זיא דוך לייטן[44] בייא דען שפיל:

---

[37] זע הערה 3.
[38] מורא.
[39] Basch — גראָדע (אָדער גלײַכע) נומערן (numeri pares) בײַ ווערפֿלשפּיל, דוו״ב, ב' ו, 1147. געניִיער איבער די פֿאַלשקייטן אין ביינדלעכשפּיל, באַשען, זען דאָס אַנאָנימע ביכל: *Der verrathene und von allen seinen trüglichen Geheimnissen entblösste falsche Spieler*, 1776, p. 60.
[40] גליק.
[41] זע הערה 19.
[42] אונטערס.
[43] בייז.
[44] לײַדן, פֿאַרטראָגן.

23. **היא** בייא גיב איך צו פֿר שטין אונ׳ שרייב זולכֿיז ניט פֿר געבינז אן.
ווער דא וויל בלייבן איין רעסאנאבליר[45] מן.
וועלכֿי בייא איין שפיל זיצן מוזין שטיל שוויגין.
מאג זעהן וואז ער וויל, מוז ער ניט געבין צייגן:

24. **איך** שרייב היא בייא אינש גימיין.
פֿר יונג אונ׳ אלט גרוש אונ׳ קליין.
צום שפילן פֿינט איר קיין וועג אין דער וועלט.
איר מעכֿט האבין וויניג אודר פֿיל געלט:

25. **וועך** נון דז שפילן הוט ערטראכֿט.
דער האט לעולם הבא גאר שלעכֿט בידאכֿט.
דען דז וויל איך אייך דא בייא אן קינטין.[46]
עש טון זיך בייא דען שפילן פֿיל בייזה גיזעל שאפֿט פֿינטין:[47]

26. **דארום** האט מן זיך לוזין איין עסק זיין.
אונ׳ דז ליד גיבראכֿט אין דר טרוק[48] אריין.
מן פֿר האפֿט עש ווערטן דיא ליב האבר שפילר זיך ניט לוזין פֿר דריסן.
דער זכֿות פֿון טרומפֿף כלה[49] קווענץ ווערדין זיא גניסן:

27. **דארום** איר ליבה ברידר מיין.
לאשט אייך דיא ווארט אין אייארה גידאנקין זיין.
אונ׳ לאשט אייארי קינדר לערני איין מלאכה אודר תורה.
דען דאז שפילן איז גאר איין שלעכֿטי סחורה:[50]

28. **דען** דז שפילן טוט אייך ניט צו עולם הבא ברענגין.
טוט אייך אויך ניט אייארי טעג דער לענגין.
דיא צייט איז אום זונשט דאמיט פֿר טריבן.
זא לאנג מן זיך מיט דען שפילן טוט איבן:

---

[45] raisonnable — פֿאַרנונפֿטיקער.
[46] זע הערה 5.
[47] זע הערה 6.
[48] דרוק.
[49] מלכּה (אין קאָרטן).
[50] אינטערעסאַנט איז וואָס דער מחבר שטעלט אויף איין מדרגה „איין מלאכה אודר תורה״. ווי עס ווײַזט אויס איז די מלאָכה אין זײַן סבֿיבֿה ניט געווען אַזוי בשפֿל המצבֿ. אונדזערע עלטערן אָבער פֿלעגן „אונטער דעם קינדס וויגעלע״ זינגען:

וואָס איז די בעסטע סחורה?
דאָס קינד וועט לערנען תּורה.

29. **דעסינט** וועגין הוט מן אין פֿיל קהילות קדושת תיקנות ערטראכֿט.
דז דיא שפילר ניט זאלין האבין דז גאנץ יאר איר מאכֿט.
נור פורים אונ׳ חנוכה אודר איינש פֿון בייטן.[51]
אישט דיא שפילר ערלויבט מיט שפילן צו פֿר טרייבן איר צייטין:

30. **הירויף** זיין אין טייל קהילות חרמות גיגעבין.
השי׳ זאלי אינין צו לוהן דער לענגין איר לעבין.
דען פֿיל ביז[52] ווערט דא מיט פֿר היט, דז איז גיוויש אונ׳ ווער.
אלז וויא איך שאן האב גשריבן צו פֿאר:

31. **שאך** צאפֿיל ציהר איז טיילז אורטין גיגעבין דיא מאכֿט.
וייל זולכֿיז הוט שלמה המלך ערטראכֿט.[53]
שבת אונ׳ יום טוב אונ׳ תענית דערף מן זיך דוך ניט מיט איבן.
זולכֿיז שטיט אין אונזרי הייליגי תורה גשריבין:[54]

32. **איך** מוזי אויך זולכֿיז היא בייא אן שרייבן.
וויא טייל לייט אן תענית איר צייט מיט שפילן פֿר טרייבן.

---

[51]ביידן.

[52] זע הערה 43.

[53] די לעגענדע, אַז שלמה המלך איז דער אויסגעפֿינער פֿון שאָך, לעבט אין פֿאָלק נאָך הײַנט. מיר לייענען שוין אין מעשה־בוך, אַז „נאך איין חכמה האט שלמה המלך גיברויכט נאך דעם דאז אידר מאן וואול וייש וי שלמה המלך האט דאז שוך צאביל שפיל דער טראכט" (אמ״ד, תס״א נומ׳ 230, אין דער פֿראַנקפֿורטער אויסגאַבע פֿון תס״ג איז עס נומ׳ 243). וועגן דער לעגענדע פֿ״גל שטיינשנײַדערס *Schach bei den Juden*, זז׳ 161, 181, 186; לינדע דצ״וו, ז׳ 376.

[54] קעגן שפּילן שאָך אום שבת זײַנען פֿאַראַן מערערע שאלות ותשובֿות. אַ ביסל מקורים פֿאַרצייכנט דער פחד יצחק אין די ערכים „צחוק בשבת" און „צחוק של סקאקי בשבת". איבער הויפּט האָבן ספֿרדישע מחברים געאַסרט צו שפּילן שאָך אום שבת. ר׳ חיים בנבנשתי אין כנסת הגדולה, טייל חושן משפט, סימן ש״ע, וואָס האַלט פֿון שאָכשפּיל, שרײַבט: „וכן פשט המנהג עד שקצת מהמון העם שוחקים אותו אפי׳ בשבת וזהו איסור גמור". דער שבט מוסר טרעט שאַרף אַרויס קעגן שאָכשפּיל אַפֿילו אין דער וואָכן (אין קאַפּ׳ 42). אויך דער אַזולאי אין ברכי יוסף, טייל אורח חיים, סימן של״ח דריקט זיך אויס „ואף בחול שומר נפשו ירחק ממנו". דער רמ״אָ אָבער אין שלחן ערוך־או״ח, סימן של״ח דערקלערט אַז מען מעג שפּילן שאָך אום שבת ווי אַ צײַטפֿאַרטרײַב און ניט ווי אַן אַזאַרטשפּיל. אַזוי מאָטיווירט אויך ר׳ יהושע בעז ברוך פֿון איטאַליע (געשטאָרבן 1557) אין שלטי הגבורים, סוף עירובֿין: „ולדעתי כי יש ראיה להוכיח דכל מידי דתלוי בחכמה, אין בו משום הטלת חלשים ולא משום קוביא ומותר לשחוק בהן בשבת כל שאינו שחוק ממון" דער מגן אברהם איז נאָך מוסיף פֿון זײַן זײַט, אַז ס׳איז אַ מנהג צו מאַכן לכּבֿוד שבת אַ זילבערנעם שאָך. פֿ״גל שטיינשנײַדער דצ״וו, ז׳ 192. ער ברענגט אויך אַ פֿאַקט (ז׳ 194) ווי ער אַליין האָט געזען בײַ זיידן אַ זילבערנעם שאָך. ד״ר בצלאל (סעסיל) ראָט האָט מיר דערציילט, אַז דער בריטישער מוזיי האָט צוגעקראָגן אין זײַן קאָלעקציע אַ זילבערן פּעשל קאָרטן. אפֿשר האָט דאָס געהערט צו רײַכע ייִדן פֿאַר דעם זעלבן צוועק ווי די זילבערנע שאָכן — צו שפּילן לכּבֿוד שבת.

אלי שפּיל אן תענית זיין אסור גאנץ אונ׳ גאר.
אונזרי ספֿרי מוסר שרייבן זולכֿיז פֿאר גיוויש אונ׳ וואר:[55]

33. דאז מוז איך אויך ניט פֿר געסין צו שרייבן אן.
וויא פֿיל מאל שפּילט איין פֿרעמטי פֿרויא מיט איין פֿרעמטי מן.
אונ׳ ענטליך טוהן זיא איין גרושי קוניסאנז[56] דרויז מאכֿין.
אובר צו דיזן שפּיל האבט איר גאר ניקש צו לאכֿין:

34. עש שפּילט אויך צו צייטן איין פֿרומר מן.
ער שעמט זיך דוך ניט אין שפּילן שקר צו טון.
אלי התרים מיט גניבת אונ׳ גזילת טוט ער זיך זוכֿין.
אונ׳ אויך דא בייא פֿיל שווערין אונ׳ פֿלוכֿין:

35. דאז האב איך אויך אויף מארקין אונ׳ מעסין[57] טון אובסערפֿירן.
וואז בייא דיא רימה שטעכֿר[58] אונ׳ אנדרי שפּילר טוט באסירן.[59]

---

[55] זען מײַן אַרטיקל „המשחק בספרות המוסר, בימי־צומות“ אין הדואר, 5טער יאָרגאַנג, (נומ׳ 29). זינט דעמאָלט איז מיר צוגעקומען נאָך מאַטעריאַל אויף דער טעמע, אָבער ספּעציעל איז כּדאַי צו דערמאָנען דאָ די שטרענגע תקנה פֿון קאַנדיע (קריט), פֿון יאָר 1533, וואָס דער היסטאָריקער און תּלמודיסט ר׳ אליהו קאַפּסאַלי (1490—1555) האָט מתקן געווען אַנטקעגן טרײַבן אַזאַרט אום תּשעה־באָבֿ, ווען חבֿרה האָבן אין עפֿנטלעכע פּלעצער געשפּילט: „כי קצת מהעריצים והפריצים יושבים ומצחקים בקוביא ברחובות קריה — — — ויהתל בהם אליהו ואמרתי אליהם פושעי ישראל הייטב בעיני ה׳ כי ביום כזה שאסור אפי׳ בשאלת שלום תצחקו ברחובות ובשוקים ולא תבושו לא מה׳ ולא מאנשים. — — — ושברתי פספיסיהם לעיניהם“...

אַ קאָפּיע פֿון דער תּקנה האָט ר׳ דוד ששון ז״ל, לאָנדאָן, מיר צוגעשיקט אין יאָר 1933, פֿון זײַן מאַנוסקריפּט 407, געדרוקט איצט אין תקנות קנדיאה וזכרונותיה, ירושלים, תש״ג, כרך א׳, 112—113. די אַרויסגעבער האָבן אויסגעלאָזן עטלעכע שטעלן ווײַל מען האָט זיי ניט געקענט דורכלייענען. אָבער אין דער קאָפּיע וואָס ששון האָט מיר בשעתו צוגעשיקט איז אַלץ מעגלעך דורכצולייענען און ס׳פֿעלט ניט קיין וואָרט.

[56] פֿראַנצייזיש connaissance, באַקאַנטשאַפֿט.

[57] ירידים.

[58] פֿאַסעקשפּילער. דאָס רימענשטעכן איז איינע פֿון די גנבֿישע אַזאַרטשפּילן. מיר געפֿינען, אַז שוין אין 1564 האָט אַ ייִד יחיאל בר שלום שליט זיך שטרענג פֿאַרבאָטן דורך אַ נדר ניט צו שפּילן אויף געלט קיין שום שפּיל זײַן גאַנץ לעבן אָן רשות פֿון זײַן פֿאָטער. ער האָט אָבער געמאַכט אַן אויסנאַם פֿאַר ביינדלעך אָדער „רצועות שקורין רימן“, ניס און פֿרוכט (שטיינשנײַדער, קאַטאַלאָג, האַמבורג, ז׳ 146; מיטטיילונגען דער געזעלשאַפֿט פֿיר אידישע פֿאָלקסקונדע, 1898, העפֿט 3, ז׳ 40). דאָס פֿאַסעקשפּיל איז נאָך געווען זייער פֿאַרשפּרייט אין פּוילן די לעצטע יאָרן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ספּעציעל צווישן פּראָפֿעסיאָנעלע שפּילער אויפֿן באַן, זיי פֿלעגן אַרײַנגנאַרן אומשולדיקע פֿאָרער אין דער שפּיל. איבער דעם אופֿן פֿון דער שפּיל „רימענשטעכן“ און די פֿאַלשקייטן וואָס זײַנען מעגלעך בײַ דעם, זען דצ״וו, „פֿאַלשע שפּילער“, ז׳ 76—77 און די אילוסטראַציעס צום סוף; אויך שוסטערס אויבן דערמאָנט ווערק (ז׳ 15, הערה 3), זז׳ 79, 101.

[59] פֿאַסירן.

פֿיל היימליכֿי ליסטי[60] אונ׳ פֿרעפֿליגי[61] וועטונג טוט בייא אינין גישעהן.

זולכֿיז האבי איך מיט מייני אויגן גיזעהן:

36. **עש** טוט אויך פֿיל מאל גישעהן.
דז וואקרי[62] הנדלז לייט בייא זולכֿן שפּיל צו זעהן.
דיא בייטל זולין זיא זיך וואול צו בינטין.
דען עז טון זיך פֿיל בייטל שנייטר[63] דא בייא ערפֿינטין:

37. **אין** ווינטר זיין דיא נאכֿט גאר לאנג.
פֿאנגט איין גוטר גיזעל צו דען אנדרן אן.
צו נאכֿט קאן איך ניט שלופֿן, דז זיין מיר גרושי שמערצין.
מיר וועלין דיא צייט מיט שפּילן פֿר קערצין:

38. **יא,** דאז זאלטין זיא זיך אובר גאר ניט שעמין.
אונ׳ זאלטין ליבר איין ספֿר אין הנטין נעמין.
עש מאג זיין לשון הקודש אודר טייטש איז אליז גלייך.[64]
פֿר וואר זולכֿיז העלפֿט אים בעשר אין הימל רייך:

39. **דען** דער פּסוק: „כי היא חייך ואורך ימיך״[65] טוט ארבייא ברענגין.
דיא תורה איז דיין לעבן אונ׳ טוט דייני טעג דער לענגין.
אונ׳ בזכֿות התורה דז מיר ווערין לערני אין אלי ענדין.
ווערט אונש השם יתברך משיח זענטין:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

היא בייא טון איך אייך ליב האביר זולכֿי היפּשי קינצטליכֿי אויז רעטנוס[66]
צו דיזן ליד אופֿערירן.
איר מושט אובר זולכֿיז וואול אובסערפֿירן.

---

[60] כיטרעקייט, תחבולות.

[61] מה״ד vrevel, רשעותדיקע, אומגעזעצלעכע געוועטן. וועגן געוועטן ביי ייִדן זען מײַן אַרטיקל „המשחק וצוואות המוסר״, הדואר, 9טער יאָרגאַנג, נומ׳ 14, הערה 21.

[62] בראַווע, פֿלײַסיקע.

[63] גנבֿים, קעשענע־גנבֿים. אַ וואָרט וואָס איז פֿאַרבליבן אין הײַנטיקן ייִדיש.

[64] ווי אַ שיינע אילוסטראַציע פֿאַר דעם פֿערז זאָל דאָ געבראַכט ווערן די כאַראַקטעריסטישע שטעלע אין דער געגראַמטער הקדמה פֿונעם מחבר פֿון קהלת יעקב, ר׳ יעקבֿ בר׳ יצחק סגל פֿון ריטלזיא (17טן יאָרהונדערט) וואָס „אַנאָנסירט״ זײַן ווערק און פּרוּווט צוציִען דעם עולם לייענער מיט דעם דאָזיקן אַרגומענט:
דרום פֿר האף איך אז מענכר ווערט לאזן בלייבן דאס ווערפֿל אונ קארטן שפּילן
אונ׳ ווערט זיך דיא זעלביג וויל אין דיזם שינה (ספר) קהלת יעקב קילן.
(ציטירט לויט דער אויסגאַבע. פּראָג, תקכ״ג, ערשטע אויסגאַבע פֿיורדא, 1692.)

[65] דבֿרים, ל, 20.

[66] זע הערה 7.

עז ווערט וואול מאנכֿיר ליב האבר היריבר שפעקולירן.
אליין ער ווערט זולכֿיז דוך ניט קענין עקספלאצירן.[67]
איך וויל אייך דא בייא אסורירן.[68]
דז איר אייך מושט לוזין אינפֿארמירן:

מיין ליבר מענש וואול גימוט.
איך קום הער פֿון פֿלייש אונ׳ בלוט.
איך האב אן מיר ווערדר פֿלייש אודר ביין.
מיין אן זעהן איז גרינג אונ׳ קליין.
אי דוך בין איך אין אליר אורט.
מיין מוטר ווערט דער ערשט ארמארט.[69]
מן רייסט מיך אויז מיינר וואונונג רויז.
מן ציהט מיך בלוז אונ׳ נאקיט אויז.
מן שנייט מיר מיין קאָפּף אראב.
מיין הויט אונ׳ האר טוט מן מיר פֿון לייב אב שאב.[70]
היר נאך ווערט מיר איין טרונק גיבראכֿט.
פֿון ווייַן אודר עסיק אודר ביר אודר וואשר גימאכֿט.
דאנאך לאז איך עז הירונטר גין.
אונ׳ גיב עש הוך אונ׳ ניטר שטאנט[71] וואול צו פֿר שטין.
אויך האב איך מאנכֿין צו איינם הוכֿין הערין גימאכֿט.
אויך מאנכֿין אום לייב אונ׳ לעבין גיבראכֿט.
מיין ליבר מענש פֿאר שטענטיג הלט מיך ניט פֿאר גרינג.
אונ ראט דוא רעכֿט ווער איך בין.
קאנשטו וואול מיך ערווייזן.
וויל איך דיך פֿאר איין מיינשטר ברייזן:[72]

---

[67] explizieren, דערקלערן, געבן צו פֿאַרשטיין.
[68] פֿאַרזיכערן.
[69] דערמאָרדעט.
[70] אָפּשאָבן, אָפּשיילן.
[71] נידערשטאַנד.
[72] פּרײַזן, לויבן.

זוכצעטלען

רשימה טערמינען פֿון שפּיל־לשון[1]

אבֿן — 140
אויגן — 151, 167, 194
אונטער — 55, 65, 99, 191, 197
אונטערגעטאַשט[2] — 146
אונטערשטיך — 41
אַזאַרטיש — 83
אַזאַרטניק(עס) — 38, 59, 61, 70, 104, 155
אייבער — 55, 65
אייבער־אייכל — 144, 191
אייבער־שיפּע — 192
אייחל בויאר — 191
אייכל — 42, 43, 144
אייכל טויז (אַכל אַס) — 39
איין־און־דרײַסיק — 95, 139, 144
איין־און־צוואַנציק — 89
איין צייכנש — 57
אײַנזאַלצן — 141
אײַנשטעלן — 141
אייס — 90
איקס—מיקס—דריקס — 47, 56
אַמבע־טערנע — 127
אָנגעמערקטע קאָרט — 141
אָפּגעדריידלט — 136
אָפֿענע קאָרטן — 146; אָפֿענער איין־און־צוואַנציק, איין־און־דרײַסיק, זעקס־און־זעכציק — דאָרט
אַפּשפּילן[3] — 141
אָקע — 49, 71, 72, 77, 148; אָקעלע — 74; אָקע גדולה — 76; ייִדישע אָקע — 76, 78, 136; אָקע מיטן קווענץ — 194
אַראָפּשוידערן — 123
אָרדע—באָרדע—שאָרדע — 47

באַב און צור — 29
באַש, באַשען — 197
בובנע — 59; בובנע טויז — 45
בויארן — 197
בייט — 91
ביינדלעך — 200; ביינדלעכשפּיל, ־שפּילער — 16, 27, 61
ביליאַרד, ביליאַר, בעליאַרט — 70
בלעטר — 192
בנימין — 139
בעט שטעלן — 41
ברידזש — 84, 85, 89, 92
בתולה — 80

גאָר — 51
גדול־צבֿע — 140
גורל, גורל וואַרפֿן — 105

---

[1] צוליב אָפּטקייט וועלן נישט אַרײַנגענומען אין דער רשימה די נעמען: ווערפֿל, קאָרטן, קערטל, חוץ ווען עס ווערט באַטאָנט אַ ספּעציעלער באַגריף.
פֿרעמדשפּראַכיקע שפּילן און שפּילטערמינען וואָס ווערן געבראַכט אין טעקסט און אין די הערות צו פֿאַרגלײַך און באַלײַכטונג, זײַנען דאָ נישט פֿאַרצייכנט, מיטן אויסנאַם פֿון עטלעכע מיט אַ ייִדישן מיין.

[2] דעם שפּילטערמין האָב איך געפֿונען נאָר בײַ יעקבֿ פֿישמאַנען, וועלכער נוצט אים עפּטערס. ער האָט, ווײַזט אויס, פֿאַרייִדישט דעם ענגלישן shuffle. אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן וויצמאַנען שרײַבט פֿישמאַן דאָס זעלבע:
At that time the cards had been reshuffled for a play against the Jews—*Chaim Weizmann* (Edited by M. W. Weisgal), New York, 1944, p. 148.
אין העברעיִש איבערגעזעצט: „באותו זמן נטרפו הקלפים למשחק נגד היהודים" — חיים וויצמן, ירושלים, תש"ו, ז' 96.

[3] דער שפּראַכלעכער חילוק צווישן שפּילן און אַפּשפּילן בײַ שלום־עליכמען (ז' 141) איז, בלי ספק, באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון רוסישן. אַ רוסיש ווערטל זאָגט: играй да не отыгрывайся. דאָס ווערטל האָט לערמאָנטאָוו גענוצט פֿאַר אַ מאָטאָ צו זײַן אויבן דערמאָנטער (ז' 62) קאַזנאַטשייִשאַ.

גיווינעש — 108
גיים — 91; געימקע — 87
גיין אויפֿן דראַנג — 142
געווינס(ן)[4] — 46, 92, 100, 105, 106, 108, 110, 150
געוועטן, וועטונג — 200
געפּינטלטע קאָרטן — 141
געצייכנטע קאָרטן — 141
גרין — 42, 43, 144
גרינער טיש — 41, 58, 59, 74, 77, 78, 144
גרין פֿעלד — 73

דאָם[5] — 57
דאָמינאָ, דאָמיגע — 47, 54, 56, 85
דאַמען — 58; דאַמע בובנע, דאַמע טרעף — 147; דאַמע רייץ — 45
דאַמקע — 56, 57
דזשין ראָמי — 136
דזשעקס — 91
דער גוטער שמש — 139
דיינו — 140
דעק — 91
דערדע, דערדע־קאָרטן — 144
דרײַ — 86
דרייא ברעטר — 125
דריידל(עך)[6] — 48—57, 136

האַנט[7] — 91, 99, 100, 123
הויפּטטרעפֿער — 111, 115

הלכות קאָרטן — 27, 139
העַנגען — 47
הערץ בויאר — 191; הערץ טרומף — 149; הערצן — 151

וואָווער — 140
וואַלעטן — 147; וואַלעט פּיק — 139
ווזיאַטקע — 79
וויגרישנע בילעט — 114
ווינט — 74, 78
וויסט — 70, 86

זיבעטלעך — 139
זינער — 140
זעקס־און־זעכציק — 76, 78, 95, 136

חזיר[8] (טויז) — 140
חיתער — 140
חעהפּטס — 127, 132, 133

טאָג־ און׳ נאַכט־שפּיל — 20
טאַליע — 194; טאַליעס — 145
טאַלירט[9] — 81
טאָפּלשטיינער — 158
טאַרנישקע — 127
טויז, טײַז — 55, 57, 65, 80, 81, 86, 89, 92, 99, 143, 145, 146, 193, 194; טויז אייכל

---

[4] האַרקאַווי ברענגט פֿאַר אָפּגעווינען אַ שפּילטערמין: דאַצן, אָפּדאַצן.

[5] עס ווערט דערציילט, אַז דער צדיק ר׳ נחום פֿון שטופּענעשט איז איין מאָל אום חנוכּה פּלוצעם אַרײַנגעקומען אין בית־מדרש, האָט ער געטראָפֿן אַ פּאָר מענטשן זיצן און שפּילן אין דאָם. ווי זיי האָבן באַמערקט, אַז זייער רבי שטייט לעבן זיי, האָבן זיי זיך דערשראָקן. רופֿט זיך אָן דער רבי: איר ווייסט די כּללים פֿון שפּילן אין דאָם? איך וועל אײַך זאָגן: „מען גיט איינס, כּדי מען זאָל כאַפּן צוויי. קיין צוויי גענג מיט איין מאָל טאָר מען ניט גיין. און מען גייט נאָר למעלה, ניט למטה. און אַז מען קומט שוין אַרויף גייט מען שוין ווי מען וויל״, טעמי המנהגים, בילגאָרײַ, תּרע״ב — 1911, חלק רבֿיעי, ז׳ 216.

[6] ד״ר מ. גרונוואַלד, אין זײַן אַרטיקל „הסביבון בישראל ובין העמים״, עדות, ירושלים, תּש״ו, זז׳ 72—75, ברענגט צו אַלע נעמען און צונעמען פֿאַר דריידל אויך אַ יידישן נאָמען „פֿערגלע״. אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט ניט אָנגעגעבן, ווו מען פֿלעגט עס אַזוי רופֿן. ער מאַכט אַ טעות, אַז אין ליטע פֿלעגט מען דאָס רופֿן ווערפֿל. אין ווײַסרוסלאַנד האָט מען עס גערופֿן גאָר און אין אַנדערע געגנטן דריידל.

[7] פֿ״גל אויך: י. קוויטני, „רעדנסאַרטן מיט ׳האַנט׳ און אירע טיילן״, אין שריפֿטן, קיִעוו, 1928, זז׳ 305—320, נומערן: 3 — אייבערהאַנט, 42 — אַראָפּנעמען מיט דער רעכטער האַנט (אַ טאַליע קאָרטן נעמט מען אַראָפּ מיט דער רעכטער האַנט — אַ סגולה אויף אויסשפּילן), 117 — נעמען אַ האַנט, 123 — ערשטע האַנט, 126 — פֿאָדערהאַנט.
לויט דער רשימה לאָזן זיך עטלעכע רעדנסאַרטן דערגאַנצן.

[8] דײַטשע קאָרטן האָבן געהאַט אויסגעמאָלט אַ חזיר. האַנס וורסט דערמאָנט אויך שיפּה זויא, חזיר.

[9] האַרקאַווי האָט טאַסן, טאַסעווען.

— 68; טויז פּיק[10] — 145; טויז צלם — 39
טון שענקער — 141
טיק טאָק — 125
טיתער — 140
טערטל־מערטל — 49, 76, 95, 139
טערנא — 112
טערנישקע — 127
טערקישער דאָם — 57
טערקישער פֿערדל — 57
טעשל — 35, 42, 46, 88, 91, 96, 98
טראַנדל — 51
טראָק[11] (טאַראָק, קאָרטנשפּיל) — 70
טראַשאַקין — 193, 195
טרומף — 91, 139; טרומף זיבן — 196; טרומף כּלה — 27, 139, 198; טרומף מלך — 196; טרומפֿקאָרט — 139, 146
טרענדעלע, טרענדערל — 51
טרעף — 65; טרעפֿערס — 42
טשיפּס — 83
טשעקין — 127
טשערוואָני וואַלעט — 147

יאָפּקעס — 42
יוונען — 138
יום־טובֿ — 139
יוסער — 140
יינגל־לעקאָך — 59; יינגל־צלם — דאָרט

כּפֿרי — 140
כּשרע קאָרטן — 42

לאַבערן — 141
לאָט — 106
לאָטאָ — 108
לאָטעריי — 49; לאָטרייא צעטילש — 106;
לאָטעריע — 105—121; לאָטעריע־צעטל — 106—110
לאָמבער־טישל — 70
לאַנג־והוא־רחום — 139
לאַנדסלייט — 139
לאַנטרלי — 127, 132, 135
לאָס, לאָסן — 109, 111
לאַפּעצקעס — 29
לבֿ — 140
ל׳האָמבער — 70
לודמער מויד — 139
לויזן — 110
לומברע — 70
למד־אַלף־צעטעלעך — 139, 140; למד־אַלף־שפּיל — דאָרט
למדן אין שפּיל — 27, 139
לעקאָך, לעקאָך טויז — 59

מאַט — 74
מאַטש — 41
מבֿליל זײַן — 140
מגביה זײַן — 140
מוהל — 140
מויד — 80, 81; מוידגעלט — 58, 126
מכּה זײַן — 140
מלאָכים — 139, 193, 197
מלך, מלכּה, מלכים — 55, 57, 65, 79, 80, 89, 139, 140, 145, 147, 193, 194, 198; מלך־אייכל — 45; מלך־יום־טובֿ — 139; מלך־פּיק[12] — 59, 73; מלכּה־גרין — 143; מלכּה־שערל — 139
משניות — 138

נאַרוסן — 71
נגה״ש — 51, 52
נײַנטל — 99; נײַנטל פּיק — 45; נײַנטלעך — 146; נײַנטער וואַל — 45, 95
נישטל — 192; נישטלעך — 45; נישטעלעך — 143
נתנען — 140

סובקאָלעקטאָרס — 106, 110

---

[10] פֿ׳ יעקבֿ גרינבערג (סאָקאָלאָווע) האָט מיר דערקלערט, אַז די „טויז פּיק" פֿלעגט מען אין פּוילן רופֿן שלימזיז און אויף דעם נאָמען האָט מען אויך אָנגערופֿן אַ געוויסע קאָרטנשפּיל. דאָס איז אפֿשר דער מקור פֿאַר שלום אַשס ווערטל.

[11] אַהרון איזאַק דערציילט וועגן זיך אין זײַנע זכרונות: „זאָגט מײַן ברודער, ער האָט זיך געוויס בײַ אַבֿרהם פּ״ח [פּתוח־חותם—גראַווירער], זײַן ברודער, ניט געקאָנט שיידן מיט די טאַראָק־קאָרטן" — אַהרון איזאַקס אַווטאָביאָגראַפֿיע, ייִדיש — נ. שטיף, בערלין, תּרפּ״ב, ז׳ 28.

[12] יודל מאַרק ברענגט אַ פֿאַרגלײַך: „רײַך ווי מלך פּיק" — ייִדישע שפּראַך, V, 4—6, ז׳ 111.

סטאַווקע — 79, 99, 141, 149
סטאָס, שטאָס — 49, 59, 60, 61
סטאָרקעס — 141
סטאַרשי קאָזיר — 95
סטוקאַליסטן — 80
סטוקלקיסטן — 78
סטוקלקע, שטוקלקע — 49, 72, 76—81
סטרייט — 91
סראָקן, סראָקער — 141

פּאַמפּיל, פּאַמבפּיליוז, פּאַמפּיליוס, פּאַנפּיל, פּאַן פּיליאַש — 191
פּאַנקיטין, פּאַנקיטן — 26, 194, 196
פּאַס — 41, 78, 80, 81, 144, 194; פּאַסט — 143; פּאַסן — 80
פּאַסעקשפּילער — 200
פּאָקער — 83—89, 92, 123, 194; פּויקער — 88, 95
פּויערים, פּויערטעס — 87
פּיאַטניקס ש״ס קטן — 42
פּיטשע פּעטשע — 95
פּינאַקל — 67, 87, 88, 95, 123, 136, 151
פּיק — 65; פּיקס — 194
פּיקעטקאָרטן, פּיקעטשפּיל — 194
פּישע־פּיישע — 95
פּלאָט — 111, 112
פּלעטן — 105
פּעשל — 35, 43, 59, 72, 89, 136, 138, 199
פּרימעסע — 109
פּרעפֿעראַנס, פּרעפֿערענץ — 41, 65, 72, 77, 78, 139

פֿאלשי ביגיל — 57
פֿאָס — 81
פֿאַרקילן — 79, 81
פֿוטערפֿאַס — 80
פֿול הויז — 145
פֿיר הונדערט — 91
פֿלאָש — 91
פֿערדלעך — 147
פֿריילין קאָזיר — 80
פֿרקעהר — 125

צאַנדזער קוויטלעך — 42
צדקה־שפּיל — 139
צװנג — 109—111
ציג־און־וואָלף — 56; ציגנוואָלף — 59
צייכן — 143
ציכצאוויל — 57
ציילן ספֿירה — 139
צכאָקען — 141
צלם — 140
צעטל, זען: לאָטעריע־צעטל
צען — 90; צענטל קאַראָ — 139; צענטלעך — 81

קאָזיר — 140, 143
קאָלעקטאָר — 106—111
קאָן — 79, 81, 90, 99, 139, 144, 146, 147
קאָפּ צי אָדלער, קאָפּ צי שלאַק — 56
קאַרטאָווניצע — 82
קאַרטאָווניק(עס) — 29, 34—36, 39, 48, 58, 65, 67, 102, 104
קאַרטיאָזשניק(עס) — 35, 42, 57, 59, 60, 61, 63, 65, 75
קאָרטנגעלט — 58, 126
קאָרטנהײַזלעך — 93
קאָרטן־וואַרפֿערײַ — 58; קאָרטן־וואַרפֿער, ־וואַרפֿערקעס — 59, 144
קאָרטן־טאַשערײַ — 96
קאָרטנטיש — 43, 45, 67, 98—100
קאָרטן־לייגערקעס — 59
קאָרטנשטיבל — 147
קאָרטן של מצווה — 82
קאָרטנשלאַנג — 48
קאָרטן־ש״ס — 98
קאַרטעבאַסטע — 77
קאַרטעווניק — 34
קאָרטעווען — 102
קאַרטעזשניק — 60
קאַרטעטשניק — 35
קובן — 158
קוואַט — 127
קוויטיל (לאָטעריע־צעטל) — 108
קוויטלעך — 42, 43, 54, 136
קווין — 90, 92
קווענץ — 194, 198
קויף לאוויטן — 195
קיביצער[13] — 27

[13] פֿון דײַטשן אָפּשטאַם. זען: Kiebitz (lästiger Zuschauer beim Kartenspiel), kiebitzen אין: Muret-Sanders *Enzyklopädisches Wörterbuch*.

קיהן — 127—129, 132—135
קיהן טיש — 127, 133
קייגל (קיגל) — 70
קלאַבריאַש — 136
קליינער תּיקון — 138
קליינער, קליין ש״ס — 138, 144
קלף (שפּילקאָרט) — 140
קלפּים מאָלן — 140, 141
קלפּים צינקען — 141
קעניג — 71, 99; קעניגין — 99; קינג — 92
קערסינע — 95

ר׳ מיכל — 81, 139
ראָיאַל פֿלאָש — 145
ראַפּלס — 105
רויט — 42, 43, 144, 151
רומל — 194
רימה שטעכר, רימן, רימענשטעכן — 200
רעמיז, רעמיזניק — 79, 80

שאָב קאָרט — 192
שאָדן — 46
שאַך — 47; שאָך — 57; שאַכמאַט — 56; שאך צאפּיל ציהר — 199; שוך צאביל שפּיל — 199

שאָלדר — 123, 126, 131, 133; שאָלדערגעלט — 82, 126; שוידערגעלט — 58, 123; שלידערגעלט — 123
שאַנץ — 19
שאַריפּי לאַוויטן — 195
שאַרפּע — 127, 132, 135
שור־בור־קילע — 47
שורע־די־בורע־די־לאַפּע — 47
שחור — 140
שטאָס, זען: סטאָס
שטוקלקע, זען: סטוקלקע
שטיכע — 41, 141
שיפּה זויא, חזיר, שיפּה פּומבפּיליוס — 191, 192
שיפּע־זיבעלע — 85, 146, 147; שיפּע־זיבענכע — 143; שיפּע־מלך, ־מלכּה — 143; שיפּע־פֿלאָש — 91
שנײַדן — 141
ש״ס קטן — 42, 88, 102, 138, 145
שס״ל — 138
שעל — 42, 43, 59, 65, 144
שענקערניק — 141
שפּילן (גורל וואַרפֿן) — 105
שראַגע — 194; שרגא — 144, 148

תּהלימל — 42, 138
תּיקון שבֿועות — 78, 138

Gespenst—76
Gottes Segen bei Cohn—139
jonen—138
Linkzchokker—141
mauern—138
Stellein—51
Zchokken, Zchokker—141

האַרקאַווי פֿאַרטײַטשט טאַקע „אַ דאַקוטשליווער צוקוקער בײַ אַ קאָרטנשפּיל״. נישט אין גאַנצן קלאָר איז מיר זײַן דערקלערונג: „די ייִדישע באַדײַטונג, זעט אויס, קומט דערפֿון, וואָס צוקוקער בײַ אַ שפּיל מאַכן זיך אָפּט לוסטיק אויף דעם חשבון פֿון די שפּילער״ — ווען די זעלבע באַדײַטונג איז אין דײַטש. אַזוי שרײַבט אויך:

W. E. Farbstein, "A Curse on Kibitzing," *The New York Times Magazine*, April 7, 1946, p. 59: "From this ornithological root evolved the Yiddish colloquialism "kibitzer," meaning a meddlesome onlooker at a card game. It is a useful word with no English equivalent—and a perilous form of indoor amusement."

דער שרײַבער ברענגט דאָרט עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע פֿאַקטן פֿון לעבן, וואָס קיביצן האָט אַלץ גורם געווען — ווי מאָרד, האַרצאַטאַקן, גטן אאַז״וו.

רשימה פֿון ענינים

אָבערגלייבענישן: קאָרטן־וואָרפֿערײַ — 58, 59; משנה מקום — 91; טײַוולס שפּיל — 94; ניט אַנטלײַען אין מיטן קאָן — 142; צאָל 13 — 145; אַ סגולה — 206

אונטערוועלט: אַדעס — 60; ניו־יאָרק — 63; פּוילן, דאָס שפּילן אין גנבים־לידער — 68, 69; אַזאַרט גורם צו גנבֿה — 18, 67

אַנוסים שפּילן יום־כּיפּור — 48

אַרבעטער בײַם גרינעם טיש — 75, 87

ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן: יוסף הערצס אסתּר — 101; ליאָן דאָרס בריוון־שטעלערס — 115—117

ברכה מאַכן אויף לאָטעריע־געווינס — 108

גטן צוליב שפּילן — 38, 39, 49

דאַטשע־לעבן: אַמעריקע — 43, 44, 91, 92, 96, 97; פּוילן — 44, 45

דין־תּורות צוליב לאָטעריע — 109—112

השׂכּלה־גײַסט — 69—74

וויצן: רבנים און קאַזיאָנע ראַבינערס — 74; זשיטלאָווסקי — דערפֿינדער פֿון פּינאַקל — 89; קאָרטענע הויזן — 150; pinochle—pinnacle — 151; אַ חסרון — 151; מלאָכים—מלכים — 193—194

ווערפֿל־אָפּצאָל — 16, 17, 27

חורבן און אַזאַרטיזדנטום — 97, 98

חלול־השם — 84

חלומות און לאָטעריע־שפּיל — 112

חנוכּה, שפּילן אום — 28, 29, 48—54, 89, 101, 199; פֿאָלקסטימלעכע דערקלערונגען פֿאַרן שפּיל־מנהג — 48; תּחינה און מוסר פֿאַר חנוכּה — דאָרט

טלית און תּפֿילין, אײַנשטעלן אין שפּיל — 26, 196

יום־טובֿ, שפּילן אום — 70, 74, 92, 98, 199

יידישע פּרעסע, קאַמף קעגן שפּילן — 87

כּלי־קודש — 85

לאָטעריע־געזעלשאַפֿטן, ייִדישע — 106, 110, 111

לאָטעריע פֿאַר אַ קירך, אַרויפֿגעצוווּנגען אויף ייִדן — 113

ניטל, שפּילן אום — 54

סוחרים בײַם גרינעם טיש — 41, 70, 89, 148, 201

סימבאָלן און אַלעגאָריעס — 51, 56, 86, 145, 147, 148

ספֿר־תּורה, פֿאַרקויפֿט צו שפּילן — 26; געשריבן פֿאַר קאָרטנגעלט — 82

ספֿרים און קאָרטן — 72, 89, 201

עדות זאָגן, פּסול — 15, 18

פֿאַראָדיע — 20—22, 88, 185, 186

פֿאַלש שפּילן — 18, 25, 27, 141, 200

פּרויען שפּילן — 25, 82, 83, 91, 92, 122—135, 195, 200

צאָלן: קאָמבינאַציעס אין ווערפֿלשפּיל — 17, 158; מיסטישער און סימבאָלישער באַטײַט פֿון קאָרטנצאָלן — 94, 144, 192

קינדער, אַזאַרט שעדלעך פֿאַר דערציִונג פֿון — 90

ראָש־חודש, שפּילן אום — 122

שאָך אום שבת — 199; לעגענדע אַז שלמה המלך איז דערפֿינדער פֿון שאָך — דאָרט
שבת, שפּילן אום — 73, 74, 98
שווערן פֿאַלש, אָדער אומזיסט — 16, 20
שוחד דורך קאָרטנשפּיל — 73
שול, טעמפּל, שפּילן אין און פֿאַר — 82—84
שלום־בית — 25, 26, 35, 37, 66, 67, 77, 92

שפּאַצירן גיין, קאַמף קעגן — 32, 33; תּקנות קעגן שפּאַצירן — 32
שפּריכווערטער און ווערטלעך — 18, 19, 45, 54, 90, 114, 127, 139, 142—145, 151, 190, 194

תּעניתים און תּשעה־באָבֿ, שפּילן אום — 24, 199, 200
תּקנות קעגן שפּילן: אַלגעמיין — 199; אַדריאַנאָפּאָל — 30; אייזנשטאַט — 102; אַמסטערדאַם — 124, 125; קאַנדיע — 200

רשימה פֿון נעמען

אַבראַמאָוויטש, לעאָן — 66—68
אָגוז, א. ד. — 52
אַדלער, סײַרוס — 86
אַהרן הלוי, באַרצעלאָנער — 32
אַווע־לאַלעמאַן — 188
אויערבאַך, אפֿרים — 146
אויערבוין, אפֿרים — 110
אַזולאי, חיים יוסף דוד (חיד״א) — 69, 108, 199
איזאַק, אַהרון — 207
איזביץ, ישׂראל — 149
אייגער, עקיבֿא — 148, 149
אײַזנשטיין, יהודה דוד — 86
איינהאָרן, ש. — 151
אָלדענדאָרף, מנחם — 13
אַלפֿונזאָ — 87
אַלתּר, מאיר — 42
אָסף, ש. — 17, 107
אָפּאַטאָשו, י. — 63, 83, 123, 142
אַפּאָלאָניוס — 87
אַפּונדופּולו, כּלבֿ — 177
אפּל, יהודה — 149
אָפּענהיימער, יוסף זיס — 106
א״ש, מאיר — 102
אַש, שלום — 62, 142, 145, 207

באַדער, גרשום — 112
באַסטאָמסקי, ש. — 33, 116, 139, 142—144
באַסין, מ. — 13, 156
באָראָכאָוו, בער — 13—15, 138, 158, 188
באָראַס, מאָריס — 87
בובליק, גדליה — 146
בולקין, אַ. — 52
בוסע, קאַרל — 56
ביאַליק, ח. נ. — 46
ביגעלאײַזן, יוסף חיים — 42
בימקאָ, פּ. — 89
בלום, שאָול — 149
בלינקין, מאיר — 124
בן־יעקבֿ — 117
בן־עמי — 53, 71
בנבנשתּי, חיים — 199
בנדטמאַן, יעקבֿ — 109
בערלינער, אַריה לייבוש — 108
בערנפֿעלד, ש. — 69, 70
בערנשטיין, איגנאַץ — 51, 52, 119, 142—145
בערקאָוויטש, י. ד. — 139
בעש״ט — 82
ברודא, לייב — 111
ברלינר, א. — 156

גאָלדפֿאַדען, אַבֿרהם — 50, 55—57, 73—75
גאָסטינינער רבי ר׳ יחיאל מאיר — 33
גאָרדאָן, י. ל. — 41, 42, 73
גאָרדין, יעקבֿ — 106, 114
גודמאַן, פּ. — 56, 93
גוטמאַן, ח. (דער לעבעדיקער) — 123
גידעמאַן, מ. — 107
גינזבורג, שאָול — 29, 34, 35, 73, 139
גינצבורג, שמעון — 83, 97
גירל, רודאָלף — 140
גלאַזער, משה — 53
גלאַטשטיין, יעקבֿ 89, 143
גערשטיין, יונה — 150
גראָס, נפֿתּלי — 47, 54, 63
גרונוואַלד, מ. — 70, 206
גרינבוים, מ. 193, 194
גרינבערג, יעקבֿ — 207
גרינוואַלד, יקותיאל יהודה — 103

דאַווידזאָן, ישׂראל — 19, 21, 177
דאָנאַט, יאָאַכים — 70
דובנאָוו, ש. — 41
דויקלר, שלמה — 124—135
דוקער, אַבֿרהם — 31

דײַנאַרד, אפֿרים — 86
דינעזאָהן, יעקבֿ — 78, 138, 144
דיק, אײַזיק מאיר — 29, 77, 90, 144, 192, 196
דרויאַנאָוו, א. — 48

האַלבערשטאַם, חיים — 110
האַרנשטיין, צבֿי הירש (ישׂראל חסר־כּוח) — 76, 79—81
האַרקאַווי, אַלכּסנדר — 47, 50, 51, 62, 70, 95, 127, 138—141, 206, 209
הדאיה, עבֿדיה — 64
הוגרלן, שמואל — 13, 14, 16—18, 20, 25, 155—174
הורוויץ, שאָול הלוי איש — 109
הירשאָוויץ, אַבֿרהם אליעזר — 48, 122
הירשהאָרין, משלם זוסיא — 110
העליר, חיים — 167
הערמאַלין, ד. מ. — 123
הערמעלין, ברוך דוד — 111
הערץ, יוסף — 101

װאַכשטיין, ב. — 102
װאָלעך, פּרץ — 59—61
װהײַט, יצחק — 88
װורסט, האַנס — 191, 192, 206
װײַז, אײַזיק מ. — 85
װײַנרײַך, מ. (מ. װ.) — 23, 51, 62, 115, 117, 120, 139
װינטער, ש. — 123, 192, 194
װינטשעװסקי, מאָריס — 75, 76
װינער, ש. — 116
װינקלער, מרדכי ליב — 111
װענדראָף, ז. — 76, 79, 87

זאַבלאָצקי, משה — 38
זאַגאַט — 98
זאַלצמאַן, שלמה — 50
זינגער, אלי — 139
זלאַטניק, יהודה ליב — 62 (זען: עלזעט, יהודה)
זלאַטניק, ישעיה — 138
זעליקאָוויץ, געצל — 85
זשיטלאָווסקי, ח. — 89

חאַגיז, משה — 41
חיים יהודה ליב, רבֿ פֿון מאָסניץ — 111

טאַגליכט, ישׂראל חיים — 36
טאָוויאָוו, י. ח. — 145
טאַציטוס — 61, 62
טורוב, ניסן — 146
טענדלוי, אַ. — 114, 142, 143
טריוואַקס, י. — 141
טשעריקאָווער, א. — 146
טשערניכאָווסקי, שאָול — 52

יאושזאָהן, ב. — 114
יאַמאַמאָטאָ, איסאָראָקו — 145
יאָפֿע, יודאַ אַ. — 115, 158, 180, 187, 193
יהואָש — 101, 103, 104
יהושע בעז ברוך — 199
יוסף מרדכי הלוי, רבֿ פֿון אולאַשקעוויץ — 109
יחיאל בר שלום שליט — 200
יעקבֿ ב"ר יצחק סגל — 201
יצחק (איצק) שואלס פֿון ליסע — 18

כּהן, חיים אַריה — 105
כּהן, י. ל. — 34, 35, 39
כּהן, מרדכי בן הלל (גוט מאָרגן) — 41, 42, 73, 78
כּהנובֿסקי, שמואל ן' — 104
כּספּי, יוסף — 26

לאַנג, ה. — 48
לאַנדוי, אַלפֿרעד — 47, 51, 52
לאַצאַרוס, מאָריץ — 104
לוין, י. צ. — 104
לוצקי, משה — 191
ליאַן דאַר, לעווין אַבֿראַם — 114, 115, 121, 188
ליבאָוויטש, נ. ש. — 179
ליבערמאַן, חיים (ביבליאָגראַף) — 66
ליבערמאַן, חיים (קריטיקער) — 98
ליובאַוויטשער רבי — 115, 116, 120
ליטוואַק, אַ. — 82, 88—90
לייוויק, ה. — 45, 46
לינעצקי, יצחק יואל — 55—57, 59, 60, 63, 65, 66, 70, 76, 192, 194
ליסיצקי, אפֿרים א. — 83
ליעסין, אַ. — 43, 44, 53, 87
ליפֿצין, סעם (קוועקזילבער) — 82
ליפשיץ, צבֿי הירש קאַלפּ — 119
ליפֿשיץ, י. מ. — 59

לעהמאַן, שמואל — 52, 61, 69, 95
לעהרער, לייבוש — 147
לעוו, לעאָפּאָלד — 15, 32, 49, 51, 105
לעוויט, יחזקאל — 85
לעווין, בנימין דוד — 108
לעווין, שמואל חיים — 56
לעווינסקי, א. ל. — 72, 77, 143, 147
לעווענשטיין, ל. — 13, 24, 107, 155, 156, 160, 161, 166
לעסינג, ג. א. — 62
לערמאָנטאָוו, מ. — 62, 205

מאָהליווער, שמואל — 115
מאַהלער, רפֿאל — 127
מאַמלאָק, צבֿי יהודה הלוי — 150
מאַנגער, איציק — 59
מאַני לייב — 98—100
מאַרגאָשעס, יוסף — 58
מאַרק, יודל — 207
מאַרקס, אַ. — 26
מודינאַ, יהודה אַריה — 20, 21, 179, 185, 186, 188, 192
מוקדוני, אַ. — 96, 146
מייזל, אליהו חיים — 111, 112
מיינעק, משה זעקיל — 187, 188, 190
מיכלזאָהן, צבֿי יחזקאל — 108
מילער, שלום — 89
מיללער, ישׂראל דוד — 187, 188, 190
מינץ, בנימין — 50
מלמד, א. ש. — 73
מלצר, שמשון — 52
מנחם מנדיל, ניקלסבורגער רבֿ — 27
מעדעם, וו. — 87
מענדעלע מו״ס — 143, 145
מרגליות, זעליג — 57
משה הענוכש — 122, 123

נחומקע האַראַדנער — 149
ניגער, ש. — 88
ניסנבוים, יצחק — 115
ניסענזאָן, א. — 67

סאָכיטשעווער רבי, ר׳ אַבֿרהם — 150
סטאַלעק, ר. — 39
סיגאַל, י. י. — 145
סירקין, אַבא — 150
סמאָלענסקין, פּרץ — 71

סעגאַלאָוויטש, ז. — 44, 45, 100, 141
סענעש, חנה — 147
ספּיוואַק, ח. — 138
ספּעקטאָר, מ. — 144

עובֿדיה, א. — 149
עטינגער, בער — 74, 75
עלזעט, יהודה — 52, 91, 116—118, 141—145
עמדן, יעקבֿ (יעבֿץ) — 106
עמנואל הרומי — 44
ענסהיים, משה — 70
עפּשטיין, יחיאל מיכל — 191
עריק, מ. — 16, 23, 191

פּאָהל, שמואל צבֿי — 115
פּאַלאַגי, אַבֿרהם — 38
פּאַפּו, אליעזר — 30
פּטאַשקין, ד. י. — 151
פּינסקי, דוד — 82, 97, 98
פּערלמוטער, משה — 110
פּרילוצקי, נח — 30, 34, 41, 79
פּרץ ב״ר אליהו פֿון קארבייל — 62
פּשיסכער רבי, ר׳ בונים — 149

פֿייגין, שמואל י. — 84
פֿייט, דוד — 69, 70
פֿישמן, יהודה לייב — 149
פֿישמאַן, יעקבֿ — 146, 205
פֿרוג, ש. — 74, 136
פֿרידבערג, חיים ד. — 179
פֿרידלענדער, יוסף — 150
פֿרידמאַן, אליעזר אליהו — 74
פֿרישמאַן, דוד — 77
פֿרענק, ע. נ. — 32
פֿרענקל, דוד — 42

צבֿיון, 136
צונזער, אליקום — 40, 71, 72, 75
צונצין, יהושע — 30
צייטלין, אַהרן — 96, 143, 147

קאַטיק, יחזקאל — 62, 108, 119
קאַליף — 148
קאַמינער, יצחק — 72
קאַסאָווער, מ. — 69
קאַפּסאַלי, אליהו — 200

קאָרנבליטה, ז. — 87
קבק, א. א. — 138
קוויטני, י. — 206
קוטנים, אליהו — 179, 184, 185, 192
קורנבליטה, ירחמיאל — 87, 123
קיסעלגאָף, ז, — 53
קירכהן, אלחנן — 24
קעלנער, יאָהאַן — 105
קריוויצקי, ד. — 90—92
קריטשמאַר־יזרעאלי, א. — 146
קריסטיאַן, פֿרידריך אַלבערט — 179
קרעפּליאַק, יעקבֿ — 127, 147

ר׳ מרדכילע (טשעמערינסקי) — 79
ראָזענבאַום, מ. מ. — 89
ראָט, סעסיל — 199
ראָזענפֿעלד, מאָריס — 87
ראָלניק, יוסף — 51
ראַסקין, שאָול — 86
רבן, זאבֿ — 136, 137
רובינשטיין, אַנטאָן — 139
ריוועסמאַן, מרדכי — 51
רייזען, אַבֿרהם — 98—100
רמ״אָ — 167, 199
רמב״ם — 32
רש״י — 122

שאַגאַל, בעלאַ — 51
שאַליט, מ. — 53

שאַפּיר, בירך — 42
שאַפּיראָ, לעאָן — 144
שאַצקי, יעקבֿ — 35, 124, 125
שודט, יאָהאַן, י. — 27, 105, 113, 188
שוואַדראָן, שלום מרדכי הכּהן — 110
שווייד, מאַרק — 56
שולמאַן, אליעזר — 19, 101, 188
שטאָק, פֿראַדל — 142
שטופּענעשטער רבי, ר׳ נחום — 206
שטיינשנײַדער, משה — 19, 20, 51, 177, 187, 188, 199, 200
שטיף, נחום (בעל דמיון) — 146, 194, 207
שטראַוס, דוד — 115
שטרײַכער, יעקבֿ — 59
שלום־עליכם — 29, 49, 52, 58, 72, 76, 78, 79, 89, 95, 106, 114, 136, 138—143, 145, 194, 205
שלמה המלך — 199
שלמה, רבֿ פֿון סקאַלע — 109
שמולעוויטש, שלמה — 94, 95
שניאור, ז. — 141
שניאורסאָן, שמריה נח — 74
שנײַדערמאַן, ש. ל. — 146
שפּיראָ, רפֿאל — 74
שפּרינגער, משה — 108

שׂשון, דוד — 200

תּשר״ק — 87

Anton, Friedrich—95, 136, 194
Beer, Isaac Low—107
Bischoff, Erich—141
Cassel, Paulus, D.—61
Davidson, Wolf—70
Dietz, Alexander—107
Farbstein, W. E.—208
Ginzberg, Louis—50
Hargrave, C. P.—89
Kaegi, Adolf—61
Linde, A. v. d.—192, 199
Littmann, Enno—95, 140
Loewe, Heinrich—103, 139
Mendelsohn, S. Felix—151
Nacht, Jacob—119
Schuster, Heinrich M.—15, 106, 200
Semrau, Franz—62
Sluys, D. M.—124
Stern, Selma—106
Thiele, A. F.—141
Voorzanger, J. L.—125
Wander, K. F. W.—142, 165, 170
Wengeroff, Pauline—51
Willshire, W. Hughes—192
Wreschner, Leopold—149

ILLUSTRATIONS

A Jewish Card Player of the Eighteenth Century 2
Kvitlekh (Home-made Cards) 43
Reproduction of *Dreydlekh* (Hanukkah Teetotums) 50
A Page from the Responsa "Yaskil Abdi" 64
"The Seat of the Scornful" by Saul Raskin .... *facing* 86
A Bridge Game in a New York Home for the Aged .... *facing* 96
Lottery Tickets of a Jewish Agent in Frankfort 107
Es Shpil Bazukh 130
Raban's Playing Cards Made in Palestine 137
Title Page of an Old German Poem about Dice 157
A Page of the Original of Hugerlin's Poem about Gambling.............. 172
Manuscript of the Munich Translation of *Mezahek be-Kubya*............ 181
German Translation of *Mezahek be-Kubya* of 1683 184
Title Page of the *Sheyn Nay Kuries Shpillid* 189

TABLE OF CONTENTS

Preface 7

Old-Yiddish Gambling Songs 13
- A. The Hebrew-Yiddish Poem of Samuel Hugerlin
- B. Moralizing and Parody
- C. Fragmentary References to Gambling in Songs
- D. The Gambler's Song of Songs

Games of Chance in the Folksong 28
- A. Cards and Yards
- B. Cards and Love
- C. Ruined Lives

Modern Gambling Songs 40
- A. Jews at Play
- B. Gambled His Wife Away
- C. New Times
- D. New Games
- E. American Style
- F. Gamblers and Losers
- G. A Yom Kippur Legend

A Letter and a Lampoon on the Lottery 105

Solomon Deukler's Humoresque 122

Gambling Terminology 136

Supplement I 155
Text of Samuel Hugerlin's Hebrew-Yiddish Poem

Supplement II 178
The Yiddish Translation of *Mezahek be-Kubya* ("The Dice Player")

Supplement III 187
The Text of the *Sheyn Nay Kuries Shpillid* ("Nice Curious New Gambling Song")

Index of Gambling Terms 205

Index of Subjects 210

Index of Names 212

YIDISHER VISNSHAFTLEKHER INSTITUT — YIVO

Filologishe Sektsye

Itzchock Rivkind. Der kamf kegn azartshpiln bay yidn.
A shtudye in finf hundert yor yidishe poezye un kultur-geshikhte.

THE FIGHT AGAINST GAMBLING AMONG JEWS

A Study of Five Centuries of Jewish Poetry and Cultural History

BY

ISAAC RIVKIND

New York, 1946

Yiddish Scientific Institute — Yivo

535 West 123rd Street, New York 27, N. Y.